STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05988

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שלום אַש

# געזאַמעלטע שריפטען

## קדוש השם

צוועלפטער באנד

צווייטע אויסגאַבע.

ארויסגעגעבען פון
שלום אַש קאָמיטע.
1923

Copyright by
Sholom Asch
1923

I

# די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען

II

# קדוש השם

געווידמעט

## ד"ר י. ל. מאַגנעס

אין צייכען פון אנערקענונג און אכטונג

דער מחבר

# פאָרעדע.

צוויי עלעמענטען אין דער אידישער געשיכטע האבען מיר פון תמיד אַן פאַראינטערעסירט: דער קדוש השם און די מעסיאַנישע שטרע־בונגען וואס פלעגען נאכפאָלגען נאָך יעדען קדוש השם. די צוויי עלע־מענטען פון דער אידישער געשיכטע האבען לענגס געררייצט מיין פאַנ־טאַזיע און מיין שרייבערישען חשק. לעצטענס הייב איך אַן צו פרוב־בירען צו פערווירקליכען מיין שריפטשטעלערישען חלום. און דאס בוך איז אַ רעזולטאַט פון אַט דעם חלום.

„קדוש השם" איז געוואָרען געשריבען פריהער, לויט דעם סדר אבער פון די געשעהענישען שטעל איך עס נאָך דעם רוימישען קדוש השם.

דער קדוש השם פון גזרת ת"ח ות"ט איז מעהר אדער ווינציגער אויסגעהאלטען היסטאָריש. איך האָב זיך גערעכענט מיט היסטאָרישע פאקטען און היסטאָרישע דאַטען. כאָטש יחידים האָב איך מיר געמוזט שאַפען — (אונזערע כראָניקערס האבען זיך נישט אָבגעג־שטעלט אויף יחידים און אויך אויף איינצעלהייטען — האבען אין זינען דאָס גאַנצע און דעם הויפט ציעל). דאָס קען איך נישט זאָגען אויף דעם קדוש השם פון די רוימישע צייטען. די הויפט־טיפען זענען ווי די טיפען פון „קדוש השם". פאַנטאַזיעס פון מחבר. ווי אויך די מעהרסטע געשעהענישען וואָס קומען פאָר אין די בעשריי־בונג. כאָטש אין די אטמאָספערע אין וועלכע אידען האבען געלעבט אונטער די הערשאַפט פון פאָול דעם פערטען — האבען די אַלע גע־שעהנישען געקענט פאָרקומען און זענען פאָרגעקומען.

שרפות פון פיער און צוואַנציג מאראַנען זענען פאָרגעקומען דורך די אינקוויזיציע אויף'ן בעפעהל פון פּאַבסט אין אנקאַנאַ (אין מאי 1556) און די איבריגע זענען געראַטעוועט געוואָרען דורך די בעמיהונג

פון די אײדלע דאַנע גראַציע. דער דראָהונג בריעף פון סולטאַן סאָלעמאַן צום פּאַבסט וועגן די מאַראַנען טערקישע אונטערטאַנען איז געשען (אין 9 מאַרץ 1556) און כאָטש די שׂרפה פון אידישע ספרים אין רוים איז פאָרגעקומען בעפאָר פּאָול דעם פערטען (1553), אָבער איז זײנע צײטען האָט זיך אין זײן גאַנץ הערשאַפט קײן אידישער ספר נישט געטאָרט געפינען — און דורך זײן אײנפלוס זענען אויך אין זײן צײט אין קרעמאָנע (אין דעם אײנציגען אָרט וואו אידען האָבען בעהאַלטען זײערע ספרים) אידישע ספרים צוגענומען געוואָרען פון די דאָמיניקאַנען און פערברענט געוואָרען מעהר פון צוועלף טויזענד ביכער (אין 1559).

די פערפלײצונג פון די אידישע גהעטאָ איז געווען אַ צופעליגע, ווי עס פלעגט געשעהען יעדעס יאָהר בײם אויסגוס פון טײך טיבער. אָבער אַזוי ווי עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דער פּאַבסט האָט געהײסען פערברענען די גהעטאָ פון רוים און נור דורך דעם קאַרדינאַל אַלעקסאַנדער פירנאַסע איז דער בעפעהל אָבגעהאַלטען געוואָרען, איז אויך צו גלויבען, אַז דער זעלבער פּאַבסט וואָס האָט אײנגעשלאָסען די אידען אין דער גהעטאָ — האָט מיט אַ כּיון זײ דאָרט געהאַלטען כּדי זײ זאָלען דערטרונקען ווערען אין די פערפלײצונג וואָס פלעגט יעדעס יאָהר געשעהען, און דער זעלבער פּאַבסט איז פעראַנטוואָרטליך פאַר די לעבענס וואָס זענען אונטערגעגאַנגען בײ די פערפלײצונג.

דאָך איז די אינקוויזיציע נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר רוים און פאַר'ן פּאַבסט. דוקא אין רוים אונטער די ממשלה פון די פּאַבסטען האָבען אידען אין מיטעל־אַלטער געלעבט פיעל מעהר זיכערער און רוהיגער ווי אין אַנדערע קריסטליכע לענדער. אידען זענען געווען פערטראַטען אין אַלע צווײגען פון האַנדעל — און מיטגעלעבט דאָס לעבען פון די גאָלדענע צײט פון רענעסאַנס. בעריהמטע אידישע דאָקטוירים האָבען זיך געפונען אין די הײפען פון די פּאַבסטען און אידישע מוזיקער זענען בעשענקט געוואָרען פון די פּאַבסטען מיט טיטולען פון פירשטען און געהערשט איבער שטעדט (בורכהאַרדט); אידען זענען געווען ליעבהאָבער פון די קונסט, וואָס האָט געבליט אין רוים, און פלעגען בעזוכען אין די שבתים די קירכע אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער „משה" פון מיכעל אַנזשעלע, אויף וועלכען זײ

זענען שטאַלץ געווען און געהאַלטען פאַר אַ טייל פון זייער אייגענם (קלאַטשקאַ). דאַד האָב איך מיט אַ כיון איבערגעטראָגען די אַלע גרויזאַמקייטען פון דער אינקוויזיציע, די פרוכט פון דער קריסטליכער קולטור נאָך רוים, ווייל דער שטעל־פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס איז ווען נעמען די גרויזאַמקייט זענען בעגאַנגען געוואָרען איז דער פעראַנטוואָרטליכער פאַר דער קריסטליכע קולטור און מאָראַל.

ש ל ו ם  אַ ש.

סטעטען איילאַנד, 16 אפריל 1921.

# די בשוף-מאַכערין פון קאַסטיליע

(אַ היסטאָרישע בילד)

# א פ א ר װ א ר ט.

„פרשתי את ידי כל היום אל עם סורר“.
(ישעיה)

ביי דער ענד פון וויא אפיא, ביים ברעג פון טייך טיבער, אין שכנ׳שאפט מיט די אלטע שטאדט, וואו עס זיינען געווען די טעמפּלען פון ווענוס און אפאלא און די טריאומף־בויגענס פון צעזאר און טיטוס, איז געווען די אידישע געטא, ארומגערינגעלט מיט א דיקען, הויכען מויער. און איבער דעם טויער פון דער געהטא, וואס איז געווען געבויט אויס דעם טריאומף־בויגען פון אוגוסטוס, האט דער פּאפּסט געלאזט אויפהויבען א הויכען שטעכענדיגען אייזערנעם צלם, און הינטער איהם — אויפגעשריבען אין העברעאישער שריפט די ווערטער פון ישעיה הנביא: „פרשתי את ידי כל היום אל עם סורר“ — איך האב אויסגעשפּרייט מיינע הענד א גאנצען טאג צו א ווידערשפּענסטיגע פאלק. אבער דאס „ווידערשפּענסטיגע“ פאלק האט זיך ווייניג וואס געמאכט אויס דעם מוסר, וועלכען די הייליגע קירכע האט אנגעשריבען איבער זיין טויער. יעדען פריה־מארגען און יעדען אבענד, ווען די אידען זיינען אריין און ארויסגעגאנגען דורך דעם טויער פון דער געהטא, האבען זיי געבויגען זייערע קעפּ צו דר׳ערד ניט צו זעהן די הייליגע ווערטער פון ישעיה הנביא, וואס פלאמען אראפּ פון דעם צלם מיט א בלוטיגער שאנד פון זייער גאלדענעם שיין...

אין יענער שכנ׳שאפט, ביים ברעג פון טייך טיבער, אויף דעם פּלאץ וואו עס איז געשטאנען די אידישע געהטא — האבען אידען געוואהנט פון קדמונים אן. זיי האבען זיך באזעצט דארט פון נאך די צייטען פון צווייטען בית המקדש. און ס׳איז געווען ווי די אידען וואלטען ניט געוואלט פערלאזען זייערע אמאליגע פיינד, די טעמפּלען

פון אפאלא און ווענוס, וואס האבען קאנקורירט מיט זייער גאט און די טריאומף בויגענס פון זייערע בעזיעגער — האבען זיי זיך גע־קלעפט ארום דער אלטער האלב איינגעזונקענער פערגעסענער שטאדט, ווי זי איז געלעגען איינגעזונקען אין רואינען און פערשעהמט פאר די הויכע טורעמס, וואס האבען זיך געהויבען איבער די בערגער פון רוים — פאר דעם נייעם גאט קריסטוס. דורך דער גאנצער צייט — דורך לאנגע פעריאדען און דורות פון אלטען קלאסישען רוים ביז טיעף צו דער רענעסאנס צייט האבען אידען זיך געקלעבט ארום די ברעגען פון טייך טיבער — אויף דעם פייכטען, שמוציגען פלאץ. נור דורך די פעריאדען פון די פאפסטען אלעקסאנדער און יוליוס, קלעמענס און פאול דער דריטער, (וואס זיינען מעהר געווען די אפאסטאלען פון די אלטע היידנישע געטער פון אלטען רוים איידער פון דעם קריסטוס־גאט). האבען אידען אנגעהויבען ארייינצודרינגען אין גרויסע צאהלען קיין רוים פון אלע טיילען פון דער קריסטליכער וועלט — וואו זיי האבען געקרעכצט אונטער די פייערדיגע ריטער פון דער קירכע און אינקוויזי־ציע. דוקא אין רוים, אונטער די הערשאפט פון פאבסטען, האבען די אידען געפונען מעהר שוץ ווי אין אלע אנדערע קריסטליכע לענדער. עס האבען זיך געבילדעט קהלות און עס זיינען געבויט געווארען שוה־לען. — די אידען פון שפאניען האבען זיך בעזעצט אין רוים, טראץ דער פערדעטערישער האנדלונג פון זייערע ברידער, וואס האבען גע־וואלט אפקויפען דעם פאבסט אז ער זאל זיי ניט ארייינלאזען. די אידען פון קאסטיליען האבען געהאט זייער בעזונדערע קהלה אין רוים. אידען פון פראנקרייך האבען פערנומען הויכע אנגעזעהענע שטעלען אין די פאבסטליכע און קארדינאלישע הויפען אלס דאקטוירים און באנקירען, און אפילו פון דייטשלאנד זיינען אידען געקומען קיין רוים. בעזעצט האבען זיך די אידען איבער אלע טיילען פון שטאדט און גע־האט דארטען זייערע שוהלען. ווען עס איז אבער געווארען פאפסט פאול דער פערטער, האט ער צוריקגעטריבען די אידען אין די מויערען פון דער גהעטא און נאך העכער און ענגער האט ער ארומגעצוימט ארום זיי די צאמען. אפגעטיילט האט ער פאר זיי, פאר די טויזענדער און טויזענדער אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, א סקווער מייל — אין וועלכען זיי האבען נור געמעגט וואהנען, לעבען און בע־וועגען זיך... און בענייט אלע אלטע גזרות פון די פאבסטען איבער זיי — און צוגעגעבען נאך נייע.

עס האבען געקרעכצט די אידען אונטער דעם יאָך פון קריסטוס פערטרעטער אין רוים...

אבער אין דעם סקווער מייל, אויף דעם פייכטען, שמוציגען גרונד פון דער גהעטא — האבען זיך אידען געפּרוכפּערט און געמעהרט — און האבען זיי זיך נישט געקענט אויסשפּרייטען אין דער ברייט זיינען זיי געשפּרונגען אין דער הויך. האבען ארויפגעוואָרפען איין שטאָק איבער'ן אנדערען, אריבערגעוואָרפען בריקען איבער די שמאָלע געסלעך פון דער גהעטא, און איבער די בריקען האבען זיי אנגעוואָרפען הייזער איבער הייזער, טורמען, טויערען און ווינקעל עקען — איין הויז האט איבערגעשטיגען דאָס צווייטע, איין טהורעם האט זיך געהויבען איבער דעם אנדערען — אזוי אז מען האט ארויסגעזעהן די שפּיצען פון דער גהעטא — איבער איהרע מויערען. האט דער פּאפּסט בעפוילען ארונטערצורייסען די טורמען פון דער גהעטא — האבען זיך אידען איינגעגראבען אין דער ערד, אויסגעמויערט טיפענישען אין היילען. קארידארען לאנגע האבען געפיהרט צו אונטערערדישע גרוימע און ברייטע וואהנונגען, אין וועלכע עס האבען געלעבט צעהנדליגער און הונדערטער משפחות, חתונות געמאכט און ברית'ן געמאכט, און שוהלען געבויט און קהלות אויפגעשטעלט...

נאָר צום וואהנען האבען זיך אידען איינגעקארטשעט אין די מויערען פון דער גהעטא. קוים אבער האט זיך געהערט דער טראָמפּייטער רוף אויפ'ן מויער פון דער גהעטא, האבען זיך אידען ארויסגעלאָזט הינטער די טויערען, אויף די חורבות פון דער אלטער שטאָדט האנדלען. כאָטש שטרענג איז פערווערט געוואָרען די אידען צו האנדלען מיט די קריסטען, און אונטער די קללה פון חרם האט דער פּאבסט פערוועהרט די קריסטען צו האבען עפּעס צו טאָן מיט אידען — דאָך האט ער גאָר ניט געקענט העלפען. אונטערגעקויפט זיינען געוואָרען די פּאבסטליכע אויפזעהערס און מוסרים. און פון גאנץ רוים האבען זיך ארויסגעלאָזט די איינוואהנער צו די טויערען פון דער אידישער גהעטא, איינצוקויפען זייערע סחורות ביי די אידען. די שעהנסטע זון־בלישטשענדיגע און גאָלד־גלאנצענדיגע דאמאסק האט מען געקראגען ביי די אידען, און פערשידענע אריענטאלישע שטאָפען, און אינדישע געווירצען, און פּעפּער און בשמים וואָס די אידען האבען בעצויגען דורך געהיימע וועגען פון דער פרייער רעפּובליק ווענעדיג,

וואו עס זיינען אנגעקומען שיפען פון קאנסטאנטינאפאל און פון סמירנע, און פון אנדערע האפענס אין קליין אזיען.

הינטער די מויערען פון דער אידישער גהעטא האבען געזונקען אין שמוץ און שטויב די פראכט און הערליכקייט, דער רוהם און גרויס־קייט פון זייערע אמאליגע פיינד. די טעמפלען פון ווענוס און אפאלא זיינען געלעגען האלב צושטערט. און די טריאומף־בויגענס, וואס די רוימער האבען אויפגעשטעלט פאר די אידישע בעזיעגער, פאר טיטוס און צעזאר, פאר אוגוסט און קאנסטאנטין, זיינען פערלארען געגאנגען אין פערגעסענהייט. די געטער, וועלכע האבען געפוילט אין מיסט און פייכטקייט האט מיכעל אנזשעלא אויסגעזוכט, אויפגעהויבען און איז די מוזעאומס פון וואטיקאן געזאמעלט. און געריסען האט ער די מאר־מאר־שטיינער פון זייערע טעמפלען און געמויערט פון זיי א קירכע פאר דעם קריסטוס גאט. פון אוגוסטס׳ טריאומף־בויגען האט מען גע־מאכט א מויער צו דער אידישע גהעטא און פון טיטוס׳עס בויגען הא־בען אינגלער מיט שטיינער אפגעהאקט די רעליפען. און אויף די חורבות פון די טעמפלען פון אפראדיטא האבען אידען אויסגעשפרייט זייערע סחורות צו פערקויפען. אוועקגעשלעפט האבען זיי די מארמארנע פלאטען פון די איינגעפאלענע טעמפלען און האבען איבער זיי פער־שפרייט זייער אינדישען פעפער, זייערע אריענטאלישע געווירצען. זייערע קאלירטע שטאפען און איבער די מארמארנע שטיינער פון דעם טריאומף־בויגען פון טיטוס׳ן האבען זיי פיש פון טייך טיבער פער־קויפט, און עס האט זיך געטראגען פון דור־דורות א לאכען איבער די אידישע סחורות אויף די חורבות פון די אלטע געטער. עס איז געווען ווי די אידען וואלטען נקמה גענומען אן זייערע בעזיעגער, און ניט איינער פון זיי האט זיך געטראכט, אזוי ווי מיר פערקויפען פיש און געווירצען אויף די חורבות פון די טעמפלען פון ווענוס און אפאלא, אזוי וועלען אמאל אונזערע קינדער נאך אויסשפרייטען זייערע סחורות איבער די חורבות פון די קריסטליכע טעמפלען, וואס קוקען אראפ איבער די וועלט פון רוים׳ס בערג מיט שטאלץ און הערשאפט... ווי אמאל די טעמפלען פון ווענוס און אפאלא...

## קאפיטעל 1.

# בעהאלטענע אוצרות.

איבער „פלאזא די יהודעא“ אין דער אידישער געטא אין רוים, וואס פאבסט יוליוס דער צווייטער האט געלאזט אויספלאסטערן מיט שטיינער און פערשעהנערן מיט א רענעסאנס ברונען—האט זיך ארומגעדרעהט דער ווענעציאנער מאלער סעניאר צעזאר פאסטילא. פאסטילא איז געווען א מאן פון איינינגע און צוואנציג, האט געהאט א לענגליך געזיכט מיט זעהר טרויעריגע אויגען. זיינע האר זיינען ניט געווען גלייך געשניטען. זיי האבען זיך אראפגעלאזט איבער זיינע אקסלען אין אויסגעוואקסענע לאקען, אז וועלכע עס האט זיך אנגעזעהן, אז זייער מייסטער קלעהרט נישט וועגען זיי, און זיי זיינען געוואקסען און געפאלען ווי עס האט זיך זיי געוואלט. זיינע באקען־בערד זיינען געווען אויסגעוואקסען און האבען אויסגעזעהן ווי אידישע פאות און דאס האט נאך געגעבען א מעהר מעלאנכאלישען אויסזעהן צו זיין געזיכט. ער האט נישט געהאט קיין בעשטימטען ציעל וואו צו געהן. פערקראכען איז ער דא, אין דער געטא, דורך א צופאל. ארומדרעהענדיג זיך צווישען די שמוציגע געסלעך וואס האבען געפיהרט צום טיבער, וואו עס האבען געוואהנט פון קדמונים אן די גנבים און פראסטיטוטקעס פון רוים — איז ער פערבלאנדזשעט געווארען אין דער אידישע געטא. עס האט איהם פערכאפט די ענגע, שמאלע געסלעך — און די בעמויערטע הייזער, מיט די טורעמס און קאמער ווינקעלעך וועלכע האבען געהאנגען ווי אין דער לופטען איבער די געסלעך. עס איז איהם אינטערעסאנט געווען דאס פרעמד־ארטיגע און ניט־באקאנטע, די אידען מיט די געלע טוניקעס, און די געלע אידישע צייכענס אין געשטאלט פון א „ס“ איבער די ברוסטען — מיט די שלאף־מיציגע, אין לאפעס אראפפאלענדע גרינע אידען־העט, די פרויען מיט די פערהילטע געזיכטער, מיט די צוויי בלויע שטרייפען אין זייערע וואולען, וואס האבען

עדות געזאגט, אז זיי זיינען אידען; די העמדער, וואס זיי האבען געטראגען איבער די טוניקעס — און פיעלע בריליאנטען און טייערע שטיינער, וואס האבען ארויסגעשיינט פון זייערע האר; די לאנגע בכבוד'ע בלויע סאמעטענע רעק, וואס א טייל פון די אידען האבען געטראגען, וואס עס האט געצייגט, אז זיי זיינען רייכע, אנגעזעהענע לייט, וואס טראגען אזעלכע מאנטלען, ווי ווענעציאנער דאדזשען; די קינדער, וואס האבען איבער זייערע געלע טוניקעס געטראגען גרויסע ארבע כנפות'ער, מיט בלויע און גאלדענע אויסגעהאפטע עקען, און ציצית האבען זיך נאך זיי נאכגעשלעפט, און געשמיסען זיי אין די פנים'לעך; און דער גאנצער האנדעל און וואנדעל, דאס דינגען זיך איינער מיט'ן אנדערען, דאס געלד איבערטוישען, דאס שלעפען סחורות פון איין הויז אין אנדערען — געפארבטע קליידער, שטיקער קארט און סאמעט און זיידענס — דאס אלעס האט איהם צוגעצויגען. ער איז פערכאפט געווארען פון דעם פרעמד־ארטיגען און רייכען, וואס האט זיך ענטפלעקט פאר זיינע אויגען. עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ער איז פערבלאנדזשעט געווארען אין א אריענטאלישער שטאדט, אויף א באזאר פון דער וויימער אראביען, פון סולטאן'ס מלוכה, פון וועלכער ער האט זיך אנגעהערט אזוי פיעל דערצעהלען פון סוחרים און מאטראזען וואס האבען געדייזט אין אריענט, און אריבערגע־בראכט סחורות פון דער טערקאי קיין ווענעציא.

זיין אויג איז געווארען צוגעצויגען צו א געשטאלט וואס איז גע־זעסען אויף א שוועל פון א הויז. עס איז געווען א הויכער, דינער איד, מיט א לענגליך אויסגעצויגען פנים און א לאנגע שפיציגע בארד, וועלכע האט זיך אנגעהויבען ברייט און געענדיגט זיך שפיציג, מיט אן אויסערגעוועהנליך הויכען שטערען. דאס פנים, וואס האט ארויס־געקוקט פון דעם הויכען אראפפאלענדען שפיציגען אידען הוט, האט אויסגעזעהן ווי א געזיכט פון א הייליגען, וואס מען געפינט אויף די פרימיטיווע ביזאנטישע רעליגיעזע בילדער, וועלכע פלעגען זיך אזוי אפט געפינען אין די אלטע קירכעס אין איטאליען. פאסטילא איז ווי איבערראשט געווארען פון דעם געשטאלט, און איז צוגעגאנגען צום אידען, און וואס נעהענטער ער איז צוגעקומען, האט דאס געשטאלט פון דעם אידען ארויסגעוויזען איהם אלץ מעהר בולט'ער עהנליך אויף א ביזאנטישען הייליגען. דעם אידען'ס אויגען זיינען געווען בלויע און

רונדיגע און זיינען געזעסען ווי פערגליווערט אונבעוועגליך אין זיין אויגען אויסשניט אונטער די רונדיגע, בויגענדיגע ברעמען. די שוועל, אויף וועלכער ער איז געזעסען איז ניט געווען קיין שוועל, נור ווי א מין שוב־טיר פון א געוועלב, וועלכעס איז געווען האלב־אפען, און אויסגעלייגט ווי א טיש. און דער איד איז געזעסען אויף'ן טיש און ארום איהם זיינען געווען פערשפרייט פערשיעדענע שטאפען, אלטע און נייע. קאלירטע רעק, און פארביגע טוניקס און בלוט־בעשפריצטע זיידען־שטאפען, וואס האבען געלויכטען ווי זון־שטראהלען, און פעריל שימרירענדיגע שטאפען, וואס ווען זיי האבען זיך נעפאלדעוועט, האבען זיי געווארפען פון זיך גלאנצען ווי גלאנציגע שופען פון א פיש אדער ווי פליגלען פון זומער־פויגעלער. די שטאפען זיינען געלעגען צוזאמענגעווארפען איינס איבער דאס אנדערע, נור אז דער איד האט געזעהן ווי דער איידעלער הערר נעהענטערט זיך צו איהם, האט ער צוזאמענגעווארפען זיינע סחורות און בעהאלטען זיי אונטער די לאנגע ברייטע פאלעס פון זיין מאנטעל.

— זיי געגריסט, איידעלער הערר, — האט זיך דער איד געבויגען פאר דעם יונגען־מאן, איידער יענער האט זיך נאך גענעהענטערט צו איהם.

— זיי געגריסט, איד, — האט פאסטילע איהם אפגעענטפערט. און איידער דער איד האט נאך צייט געהאט עפעס צו ענטפערען, האט ער ווייטער געזאגט — בעהאלט ניט, איד, דיינע זיידענע שטאפען. איך בין נישט קיין מס מאהנער פון פאבסטליכען מלוכה־אוצר: איך בין נישט קיין געזעץ־אויפזעהער פון דער הייליגער קירכע, און בין נישט געקומען נאכצוקוקען דיין אויפפיהרען. איך בין א מאלער פון דער שטאדט ווענעדיג, און א אונטערטהאן פון די ווענעציאנער רעפובליק. איך בין אן אנגעשטעלטער פון זיין הייליגקייט פון קאר־דינאל פון ווענעדיג. און געקומען בין איך אין דער אידישע געטא זיידען־שטאפען איינצוקויפען, אויסצופוצען מיט זיי מיינע מאדעלן פאר די פרעסקעס וואס איך מאל פאר דעם קלויסטער דאס „הייליג הארץ". ווייז מיר דיינע שטאפען, איד, און איך וועל בעצאהלען פאר זיי מיט גוטע גאלדענע דוקאטען—האט דער יונגער מאלער געקלומפערט מיט זיין לעדערנעם בייטעל וואס ער האט געטראגען אנגעבונדען ביי זיין גארטעל, און וואס איז געווען אנגעפילט מיט געלד.

אז דער איד האט געהערט דאס ווארט „ווענעדיג״, וועלכעס איז געווען דער רעטונגס־פונקט פון אלע מאראנען און אידען, וואס האבען געקרעכצט אונטער דעם יאך פון פאבסט, האט ער געפיהלט א סימ־פאטישעס געפיהל צום „גוי״. דאך האט ער מורא געהאט פאר׳ן פרעמדען, ווארים דאס געזעץ, וואס האט פערווערט אידען צו האנדלען מיט קריסטען, איז געווען זעהר שטרענג.

— א, איידעלער הערר! זיי מוחל מיינע רייד. דער איידע־לער הערר ווייסט גאנץ גוט, אז דער הייליגער פאטער, פאול דער פערטער, גאט זאל איהם בענשען מיט לאנגע יאהרען און מיט נצחון איבער אלע זיינע פיינד, האט אונז פערוועהרט צו האנדלען מיט קריסטען. פארוואס זאלסטו בריינגען א ארימען אידען צו א נסיון — געלד האט א רייץ, און נאך דערצו אודאי עכטע גאלדענע ווענעציאנער דוקאטען, וואס געהען איין אלע לענדער פון סולטאן, האט דער איד געוואלט טרעפען וואס דער איידעלער הערר האט אין זיין בייטעל.

— האסט געטראפען. עכטע ווענעציאנישע דוקאטען — קלומ־פערט דער מאהלער מיט׳ן געלד — וואס געהען איין אלע לענדער פון סולטאן. נישט האלב־בלייענע מטבעות, וואס דער הייליגער פאטער צווינגט זיינע אונטערטהאנען צו נעמען פאר עכט געלד — לאכט דער מאהלער — האב ניט קיין מורא, איד. פערקויף מיר דיינע סחורות, עס איז פאר׳ן קארדינאל פון ווענעדיג, און די ווענעציאנער ווייסען צו האלטען א סוד, — ווינקט צו איהם דער מאהלער, און ווידער, אזוי ווי דו ווייסט, האט נור דער הייליגער פאטער פערוועהרט דעם גע־וועהנליכען פאלק צו האנדלען מיט די אידען, אבער ניט זיך אליין און די קארדינאלען, פאר וועלכע געזעצע ווערען נים געשאפען.

— א, פאר׳ן קארדינאל פון ווענעדיג, ווער ווייס דאס וואגען פון זיין הערליכע הייליגקייט צו בעהאלטען זיינע אוצרות? זאל דער איי־דעלער הערר אריינטרעטען אינוועניג. איך האב רייכטימער וואס זיי־נען ווערטה צו בעציערען דעם פאלאץ פון סולטאן פון אלע טערקען — האט דער איד זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט אין דעם פענסטער געוועלב, פערשוואונדען און האט ווידער ארויסגעשטעקט זיין קאפ אונ־טער א קליין טירעל וואס איז געווען ערגעץ וואו פערשטעקט אונטער דעם האלב־אפענעם פענסטער, האט אריינגעלאזט דעם מאהלער אין געוועלב אריין,

פאסטילא איז פערוואונדערט געווארען. ווען ער איז אריינגעקראכען נאך דעם אידען דורך די קליינע עפענונג אין אידענ׳ס געוועלב אריין. אינוועניג איז געווען טונקעל. א נידריגער, זעקסקאנטיגער דורכגעשניטענער באלקען האט זיך אראפגעלאזט איבער זיין קאפ, קיין ווענט האט ער ניט געזעהן. זיי זיינען צושוואומען געווארען אין א טונקעלן נעבעל. נור דא און דארט האט זיך ענטפלעקט א ווינקעל, וואס איז בעלויכטען געווען בייטאג מיט א קליינעם פלאם וואס האט געברענט אין א אייל־געשיר. ביי דעם ליכט פון דעם אייל־געשיר האט ער געזעהן ווי עס בלישטשען און פינקלען פערשיעדענע שטאפען. דא האט אויפגעפלאמט מיט דעם פלאמענדען ליכט פון פייער א שטיק רויטער ברענענדער סאמעט, וואס האט זיך געקנייטשט אין פאלדען און בעהאלטען צווישען די פאלדען דאס ליכט פון זיינע קאלירען. פון אן אנדער עק האט ארויסגעשיינט אנאנדער שטיק שטאף. ס׳האט עפעס געפינקעלט, אבער וואס, האט ער נישט געזעהן. נור ער האט בעמערקט, אז די עקען און ווינקלען זיינען אנגעפילט מיט פערשיעדענע סחורות. דער איד האט אפירגעשלעפט א קאסטען, און ווען ער האט אויפגעעפענט דעם קאסטען, איז דער מאהלער פערשטוינט געבליבען פאר די אוצרות, וואס האבען זיך אויפגעעפענט פאר איהם.

דער קאסטען איז פול געווען מיט פערשיעדענע זיידען־שטיקער, פערשיעדענע וועלוועטס און בראקאדס, געהעפטע און געוועבטע, איטאליענישע און אריענטאלישע, וואס האבען געגאסען פון זיך א ליכט פול פון פערשיעדענע פארבען. דער איד האט ארויסגעשלעפט פון קאסטען איין שטיק זיידענס נאכ׳ן אנדערען, און צוגעטראגען עס צו דעם קליינעם פענסטערעל, וואס איז געווען פערוועבט מיט אייזערנע דיקע שטאבעטען, דורך וועלכע עס האבען זיך אריינגעגאסען אין קעלער־געוועלב קארגע ליכט־שטראהלען. דער איד האט אויפגעהויבען די זיידענע שטיקער און האט געלאזט פאלען איבער זיי דאס טאגליכט, אז פאסטילא זאל בעסער זעהן דעם ריינעם גלאנץ פון זייערע פארבען.

דער ווענעציאנישער מאהלער, וועלכער איז געוועהנט געווען צו די פארבען פון זיידענס, פון זיין היים ווענעדיג, האט זיך נישט געקאנט אברייסען פון די שטיקער געוועבען. זייער גלאנץ און גאלדשיין האט אנגעטרונקען זיין אויג מיט אזא רייכקייט פון פארבען, אז

ער איז שכור געווארען פון זיי, ווי פון פולע גוטע אלטע וויין. עס זיינען געווען פערסישע זיידענע שטיקער, וועלכע האבען געגלאנצט מיט די פארבען פון גלאנצענדיגע שלאנגען. אנדערע האבען געבלישטשעט, ווי זיי וואלטען געווען בעזעצט מיט די אויסטערלישסטע טייערע שטיינער. אנדערע ווידער האבען געהאט אין זיך דעם איידעלען פרויענדיגען צניעות'דיגען רייץ פון פערל. און עס זיינען געווען סאמעטס, וועלכע זיינען אזוי שווארץ געווען ווי די שווארצע נאכט און טיעף, ווי דער ים. און אנדערע ווידער, וועלכע האבען געהאט די פארב פון בורשטין. און ווען דער איד האט זיי געהאלטען ביים ליכט, האט זיך איהם געדאכט, ווי די זונען־שטראהלען וואלטען פערגליווערט געווארען אין דעם זיידענעם געוועב און זיי גיסען זיך אראפ פון דעם זיידענס, ווי דער איד וואלט א זונען־פאל געהאלטען אין זיינע הענד.

דאס קארגע טאג־ליכט האט אויך נישט פערפעהלט צו פאלען אויף די ווייסע בארד און אויסגעבלייכטען געזיכט פון דעם אידען. וואס איז געשטאנען מיט זיינע זיידענע שטאפען ביים פענסטערל. און פאסטילא איז געווען בעגייסטערט פונקט אזוי פון דעם אידענס געזיכט, וועלכעס האט אויסגעקוקט אין דעם שיין ווי א הייליגער, ווי פון די זיידענע שטאפען. דעם אידענס געזיכט האט אויף איהם אזוי געווירקט און אזוי געררייצט זיין קינסטלערישען אינסטינקט, אז ער האט פערגעסען צו וואס ער איז געקומען און מיט א כיון אנגעצויגען דעם אידען, אז ער זאל איהם ווייזען זיינע זיידענע שטאפען און סחורות, כדי ער זאל צייט האבען צו שטודירען זיין געזיכט. ער האט געטראכט, ווי יעדער קינסטלער, צו בענוצען דאס געזיכט פון דעם אידען צו איינע פון זיינע הייליגע בילדער, נור דערמאנענדיג זיך, אז דאס געזיכט טראגט א ניט גלויבענדיגער, האט ער, אלס גוטער פרומער קריסט, גלייך זיך אבגעזאגט פון דעם געדאנק...

דורך דער גאנצער צייט, וואס ער האט זיך געפונען אין דעם געוועלב־קעלער, האט דער מאהלער געהערט א שטימע, וועלכע האט אבגעקלונגען אין דעם געוועלב אריין — אזוי ווי זי וואלט געווען געקומען אהער צו דרינגען פון גאנץ ווייט דורך דיקע ווענד און מויערען. די שטימע איז געווען פון א פרוי. זי איז געווען האלב זינגענדיג און האלב אזוי ווי בעטענדיג צו גאט. כאטש ווייט און אונקלאהר, דאך

האט ער געהערט, אז די שטימע קלינגט מיט פרעמדע, אונפערשטענד־ליכע ווער׳טער, וואס ער פערשטעהט ניט. פאסטילען האט געגרייצט די ציטערדיגע ווייכקייט פון דער שטימע, און אויך די אונפערשטענד־ליכקייט פון די ווערטער. ער האט שוין געהאט לענגסט בעמערקט, ווי אוים א פענסטערעל, וועלכעס קוקט ארוים פון א ווינקעל וואנד, לויכט זיך ארוים ליכט. ער האט פערשטאנען, אז דארט, הינטער דעם פענסטערעל, געפינען זיך די אינערליכע צימערען פון דעם איד׳ס וואהנונג און פון דארט דרינגט דאס אהער די זינגענדיגע פרויען־שטימע. ער איז זעהר נייגעריג געווען אריינצוקוקען דורכ׳ן פענס־טערעל, און צו זעהן וואס דארטען טוט זיך. ער האט אבער ניט גע־האט קיין געלעגענהייט צו דערנעהענטערען זיך צו יענעם ווינקעל. דער איד האט איהם געהאלטען אין דער נאהענט צו דעם גאס־פענסטערעל, וואו ער האט געהאלטען אין איין ווייזען די זיידענע שטאפען. אבער פאסטילען איז שוין זייט א לאנגע צייט ניט אנגעגאנגען די זיידענע ליכט־שטאפען. ער איז געווען פערנומען מיט דער שטימע, וואס הערט זיך פון דעם פענסטערעל. אין אנפאנג האט ער ניט געשאנקען קיין אויפמערקזאמקייט אויף דער שטימע. נור וואס אמאל האט ער זיך אלץ מעהר איינגעהערט צו דער שטימע, וואס האט געדרונגען טיעפער אריין אין איהם, כאטש אונפערשטענדליך און פרעמד די ווערטער און דער טאן. אבער דאס ציטערניש, די שטילע טיעפקייט פון דער שטי־מע, האט א צניעות׳דיגע ערדלקייט ארויסגעשטראמט פון זיך, און די שטימע האט אין איהם עפעס אויפגעציטערט. ענדליך האט ער גע־פונען א געלעגענהייט צו דערנעהענטערען זיך צום פענסטער. דער איד האט אנגעהויבען אויסצופאקען אן אנדער קאסטען מיט זיידען־שטאפען און איז געווען פערנומען מיט דעם אויפקלאפען די פיעלע אייזערנע קלאמערס און שלעסער, מיט וועלכע דער קאסטען איז געווען פערמאכט. פאסטילא האט זיך דערנעהענטערט צום פענסטערעל און אריינגעקוקט אינעווענינ.

ער איז געבליבען הענגען ביים פענסטערעל. ביים שיין פון א ברענענדיגען זילבערנעם אויל־לאמפ האט ער געזעהן אז אלטער גרייז זיצט איינגעוויקעלט אין טיכער, און א מיידעל איז געזעסען ביי זיינע פים אויף א קליין בענקעל און האט פון א בוך עפעס ארויסגעזונגען. דער גרייז האט געמוזט זיין בלינד — ער האט געהאלטען די אויגען

פערמאכט און זיין געזיכט איז געוועזן צוזאמענגעוועבט אין איין וועי־בעכטס פון קנייטשען. איינצעלנע גראהע האר פון זיין בארד האבען זיך בעוואויגען אויף זיין ברוסט. דער מיידעל׳ס געזיכט האט ער צור־מעהרשט ניט געזעהן. זי איז געזעסען איינגעבויגען איבער דעם בוד, וואס איז געלעגען איבער איהרע קניע, און ער האט נור געזעהן די פאל־דען פון בלויען סאמעט, וואס האט זיך אראבגעגאסען איבער איהרע רונדע אקסלען. דער שיין פון דעם אויל־לאמפ, וואס איז געהאנגען אויף א דיקען באלקען איבער איהר קאפ, איז אראבגעפאלען ווי א שירם איבער איהר קאפ און אקסלען און האט זי בעלויכטען. דער גלאנץ פון איהרע האר האט געשימערט מיט דעם זעלבען פערל־שיין, ווי דער סאמעט פון איבער איהרע אקסלען, ווי פערלדיגער מארגען־טוי וואלט יעהויכט איבער איהר גאנצען וועזען. נור באלד האט זי אויסגעדרעהט איהר קאפ, אזוי ווי זי וואלט געוועזן געפיהלט, אז עס קוקט ווער אויף איהר, און אומגעקוקט זיך דערשראקען, ווי זי וואלט וועמען געזוכט. זי האט נאך ניט געהאט געזעהן זיין געזיכט אין פענסטערעל, און פאסטילא האט געהאט א בליץ־שיין צייט צו זעהן זי.

א ציטערדיגע איידעלקייט האט אנגעפילט זיין הארץ, אין די אוי־גען האט זיך איהם געשטעלט טרעהרען, און ער איז געווארען פול מיט רעליגיעזע פרומקייט.

עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט אן אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, א וואונדער פון גאט.

צו איהם האבען געקוקט א פאר אויגען, טרויעריגע, שטילע אוי־גען. נאך קיינמאל האט ער ניט געזעהן אזעלכע טרויעריגע אויגען. די אויגען־ראהמען זיינען געוועזן געשניטען לענגליך, ווי די אויגען פון אן עגיפטישען אינגעל, און די הייטלעך האבען זיך אראבגעלאזט איבער איהרע בולט׳ע אויסגעהויבענע אויג־אפלען. די הייטלעך האבען געצי־טערט און די הערלעך אויף די אויגען־ראהמען האבען געציטערט, ווי די אויגען ייי א טויב, וואס ערוועקט רחמנות ביז צו וועהטאג, נור ביי איהר האבען די אויגען ניט ערוועקט קיין רחמנות, נור א טיעפע טרוי־ערקייט, א טרויערקייט פון ניט די וועלט, און פון נישט מענשליכען צער. דער שטערען איז געוועזן א בולט׳ער, א רונדער, אן אויפגע־הויבענער און האט דערגרייכט ווייט אויף איהר קאפ ארויף ווי דער שטערן פון לעאנארדי דע ווינטשי׳ס „הייליגע אננא“. דער ראנד

פון איהר שטערנ איז געווען א ברייטער, ווי ביי איהר פאטער, נור וואס אמאל האבען זיך די ליניען פון איהרע קיז־באקען אראבגעלאזט זיך לענגליך און שמאל ארונטער, ווי דאס געזיכט פון אן איידעלען דורות־יחוס׳דיגען יונגען הירש. נור אם ליעבליכסטען האט זיך אויס־געדריקט דער טיעפער אונערגרינדעטער צער און אונפערשטענדליכע טרויעריגקייט, וואס איהר פנים האט אויסגעדריקט, ארום איהר מויל. עס איז ניט געווען א מויל, ס׳איז געווען ווי א לעבעדיגער שניט אין פנים. איהר מויל איז געווען אויסערגעוועהנליך קליין און קורץ, אזוי ווי ס׳וואלט פערוואקסען געווען און ס׳האט ווער אויפגעשניטען די פערוואקסענע ליפען, נור מיט אזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט, ווי א מייסטער׳ס האנד וואלט אויסגעצערטעלט דעם שניט, אויפשניי־דענדיג איהרע ליפען, ווי די בלעטלעך פון א יונגען, קוים ענטוויי־קעלטען רויטען קנאספ. און דאס מויל האט זיך צוריק פערמאכט, ווי עס פערמאכט זיך א בלום אויף ביינאכט און האט איבערגעלאזט אויף זיינע ראהמען דעם טוי פון דער נאכט, אזוי פריש איז געווען דער קליינער שניט פון איהר מויל; אז זי האט געקוקט, האט זיך דעם מאהלער געדאכט, אז זי זעהט מעהר מיט איהר מויל, ווי מיט איהרע אויגען...

פאסטילא האט געפיהלט, ווי עס גליטשט זיך אין זיין הארץ אריין דער איידעלער טרויער און די ציטערדיגע פרייד, וואס גיסען זיך פון איהרע אפענע אויגען און אפענעם מויל. ער האט געמיינט, אז ער זעהט עפעס ניט אויף׳ן וואהר, נור א וויזיע האט זיך בעוויזען פאר זיינע אויגען. און די בעלייכטונג פון דער מנורה, מיט די ציטערענדע שיינען פון זיידענס און מעטאלען, וואס האבען געפינקעלט פון די אין שאטען פערהילטע ווינקלען פון שטוב, האט איהם ארומגענומען ווי אין א וואלקען אריין און פער׳שיכור׳ט איהם.

זי האט זיך ניט דערשראקען, ווען זי האט ענדליך בעמערקט א פרעמד געזיכט, קוקענדיג אין שטוב אריין דורך דעם פענסטער. איהרע אויגען האבען זיך ניט פערוואונדערט. זי האט זיך נור אויפגעהויבען פון איהר ארט. און פאסטילא האט געזעהן, ווי דער שווערער סאמעט פאלט אראב איבער איהרע אקסלען און רונדען קארק, און עס הערט זיך אן אנגענעהם קלינגען פון די ארנאמענטען, מיט וועלכע זי איז געווען בעהאנגען. די לאקען פון איהרע האר זיינען געפאלען אויף

איהר קלייד און זיינען דאָרט פערלאָרען געגאַנגען אין דער טונקעל־הייט פון דעם סאַמעט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו דעם גרייז און אַרויפגעלעגט אויף איהם איהרע לאַנגע, אויסגעטאָקטע הענד. נור פלוצלונג איז דאָס אַלעס פערשוואונדען געוואָרען, ווי אַן אילוזיע. פאַר די אויגען האָט איהם אָנגעהויבען צו בליצען מיט גאָלד און בלוי־קייט. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזעהן, ווי דער איד, ביי וועלכען ער האָט געהאַנדעלט די סחורות, האָט אריבערגעוואָרפען אַ שטיק זייד־דענצייג איבער דעם פענסטערעל און פערשטעלט אלצדינג, וואָס אינע־וועניג טוט זיך.

— עכטער פלאָרענטישער דאַמאַסק — ווייזט דער איד אויף דעם זיידענצייג — מיט גאָלד און פורפור געשטיקט...

קאפיטעל 2.

## הייליגעם שווייגען.

פאסטילא האט געזוכט צו בעגעגען זיך נאך אמאל מיט דער אידישער מיידעל, דעם סוחר'ס טאכטער. וועלכע ער האט געזעהן דורכ'ן פענסטערעל. ער האט אבער ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך מיט איהר צו טרעפען. יעדעס מאל, וואס ער איז געקומען אין דער געהעטא, האט ער געפונען דאס הויז אויף „פלאזא די יודעא" פער־שלאסען. דאס געוועלב, וואו ער האט צום ערשטען מאל געטראפען דעם אידען, איז דארט מעהר ניט געווען. עס איז ניט געווען צו דער־קענען, אז דא איז אמאל געווען א רוק־טיר. דאס הויז איז געשטא־נען א טויט־שטומע. די קליינע פענסטערלעך, וועלכע האבען זיך ארויסגעזעהן פון דער הויף, זיינען געווען פערמאכט מיט די געוועבטע אייזערנע שטאכעטען און פערהאנגען פון אינעווייניג אזוי, אז ער האט ניט געקאנט וויסען, אויב אינעווייניג אין הויז איז יא דא לעבען אדער ניט.

פון דעם אייזערנעם פענדעלע, וואס דער ווינד האט בעוואויגען אויף אן אייזערנעם געהאמערטען שטאנג, האט ער בעמערקט דעם צייי־כען פון אלטען קאסטיליען, וועלכער איז געווען אבגעריבען; און פון די ארומיגע שכנים, וואס האבען זיך אמאל בעוויזען דורכלויפענדיג דורך דער פלאזא, האט ער גאר ניט געקאנט אויסגעפינען. די אידען האבען זיך געשראקען פאר איהם און איהם אויסגעמידען. ענדליך האט ער אויף אזוי פיעל אויסגעפונען, אז דעם איד, וואס וואהנט אין דער הויז, רופט מען „דער סוחר פון קאסטיליען". ער איז א רייכער מאן און ער איז א פערטרעטער פונ'ם גרויסען געשעפט פון דער רייכער מאראניז „דאנא גראציא מענדעסא", די מוטער פון די יאא־

ראנען, וועלכע האָט זיך ענדליך בעזעצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט איהרע געשעפטען איבער אַלע לענדער פערשפּרייט.

איינמאָל האָט ער זיך געפונען אויף די פּלאַזאַ אין דער אידישער געטאָ. עס האָט געמוזט זיין אַ שבת, ווארים פּאַסטילאַ האָט זיך פערוואונדערט פון דער שטילקייט, וואָס עס האָט געהערשט ארום. אַלע הייזער זיינען געווען פערמאַכט. זעלטען האָט מען געזעהן אי־מיצען זיך בעוועגען איבער דער פּלאַזאַ אָדער ארויסקוקען פון פענסטער. פּלוצלינג האָט פּאַסטילאַ געהערט אַ געוואלד. ער האָט זיך אומגעקוקט און ער האָט געזעהן, ווי פון פערשיעדענע הייזער שלעפּען פּאַפּסטליכע אויפזעהער און קירכען-סאָלדאַטען ארויס יונגע מיידלער און יונגע בחורים און פיהרען זיי ערגעץ־וואו אוועק, בעגלייט פון דעם געוויין און געשריי פון זייערע עלטערן, אַנזאַגענדיג זיי עפּעס אין אַ אונפערשטענדליכער שפּראַך. פּאַסטילאַ איז ערשטוינט געוואָרען. ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט: פון דעם קאַסטילישען הויז, אין וועלכען דער אידישער סוחר האָט געוואוהנט, און וועלכען ער האָט שטענדיג געטראָפען פערמאַכט און טויט, האָט זיך פּלוצלונג אויפגע־עפענט דאָס אַלטע בעקאַנטע טיר-געוועלב, און איבער איהם האָט זיך אראָבגעלאָזט אַ טרעפּ אויף דער גאַס, און פּלוצלונג האָט זיך איבער דער טיר געהערט אַ שאַרך פון סאַמעט. און ער האָט דערזעהן דאָס מיידעל, וואָס ער האָט בעמערקט דורכ'ן פענסטערעל, געפיהרט פון צוויי קירכען-סאָלדאַטען. ער האָט איהר פּנים ניט געקאָנט זעהן, וויל איבער איהר קאָפּ און פּנים האָט געהאַנגען אַ גרינער שלייער, דער צייכען פון אידישע קינדער. ער האָט אָבער געקאָנט זעהן, אַז זי בויגט אַראָב איהר קאָפּ אונטער דעם שלייער צו דער ערד, און איהר קליינער געטאַקטער קאָפּ הויבט זיך ארויס פון שלייער, ווי אַ פּריי־שער, שעהנער עפּעל. הינטער איהר איז נאָכגעגאַנגען דער סוחר וועלכער, אויך בויגענדיג זיין קאָפּ צו דער ערד, ווי זיין טאָכטער, האָט ניט געשאָנקען קיין איין בליק דעם בעקאַנטען מאַהלער, כאָטש עס האָט אויסגעוויזען, אַז ער האָט איהם בעמערקט.

פּאַסטילאַ איז נאָכגעגאַנגען איהרע טריט.

ביים אריינגאַנג צו דער געטאָ איז געשטאַנען די קירך סאַנט אַנגעליקאַ. די קירך, ווי דער טויער אויף דער אידישער געטאָ, האָט

געהאט אונטער'ן צלם דעם אויפשריפט פון ישעיה: „פרשתי את ידי כל היום אל עם קשי עורף". די קירך איז בכיון געבויט געוואָרען פאַר אידען, און אַן אַלטע גזרה פון פערצייטיגע פּאַפּסטען האָט בעפוילען די אידען אַנצופילען די קירך יעדען שבת נאָכמיטאָג און אויסהערען די דרשות פון די קריסטליכע גלחים. אָבער די אידען האָבען קיינמאָל ניט אָבגעהיט די גזרה. זיי האָבען זיך אויסגעקויפט מיט געלד און זיי האָבען שוין געהאַט אין דער גהעטאָ זייערע „עשרה בטלנים". וואָס האָבען יוצא געווען פאַר אַלע אידען און פלעגען וואָד־איין, וואָד־אויס געהן אין דער קירך און יעדען שבת אויסהערען די דרשות פון די גלחים, כדי יוצא צו זיין די גזרה. דעם גלח'ס דרשה האָט זיי סיי ווי סיי ניט געקאָנט שאַדען, ווייל די מעהרסטע פון די עשרה בטלנים, וואָס די קהלות האָבען אויסגעקליבען, אַז זיי זאָלען זיי פערטרעטען אין דער קירך, זיינען געווען טויבע, און אַ חוץ דעם האָבען זיי זיך פערשטאָפּט די אויערען, אַז דעם גלח'ס רייד זאָל איבער זיי קיין שליטה ניט האָבען. אין די צייטען פון קלאָנימוס דעם פיערטען, ווען שלמה מלכו איז געווען אין רוים און האָט אויסגעאיבט זיין מיסטישע ווירקונג אויף'ן פּאַפּסט לטובת די מאַראַנען, איז די גזרה אין גאַנצען בטל געוואָרען, און די קירך אין דער אידישער גהעטאָ איז געשטאַנען פערמאַכט. נור אין די צייטען פון „פּאַפּסט המן", ווי די אידען האָבען גערופען פאָול דעם פיערטען, איז די גזרה בעניית געוואָרען מיט מעהר ביטערקייט. דער פּאַפּסט האָט אַנגעשטעלט אַלס גלח אין דער קירכע דעם גע'שמד'טען אידען יוזעף מאַרא. און דער גע'שמד'טער גלח האָט אַכטונג געגעבען, אַז אַלע אידען פון דער גהעטאָ זאָלען רעגעלמעסיג בעזוכען די קירך יעדען שבת. די אידען האָבען מורא געהאַט פאַר די יונגע קינדער, וואָרים דער יוזעף מאַרא האָט געהאַט אַ גרויסען כח אין זיין מויל און איז געווען פערוערבענט אין גאַנץ איטאַליען אַלס איינער פון די שטאַרקסטע פּרעדיגער — פלעגען די אידען בעהאַלטען די קינדער אין דער היים און געגאַנגען אַליין אין דער קירכע, זייענדיג זיכער אין זיך. אָבער יוזעף מאַרא האָט דוקא געוואָלט האָבען יונגע אונשולדיגע הערצער און ריינע, אונבעלעמ־טיגטע אויערען אַלס זיינע צוהערער—האָט ער יעדען שבת געשיקט זיינע קירכען־סאָלדאַטען אין די הייזער פון דער אידישער גהעטאָ און זיי האָבען ארויסגעשלעפּט די יוגענד און געפיהרט אין קירך אַריין...

ווען פאסטילא איז אריינגעקומען אין קירך נאך דעם סוחר פון קאסטיליען מיט זיין טאכטער, איז די קירך שוין געווען פול מיט פרויען און מענער, מיט יונגע מיידלעך און בחורים און קליינע קינדער, אינגעלעך מיט ארבע כנפות'ען און קליינע מיידלעך. די קירך האט אויסגעזעהן ווי א שוהל, אלעס ארום איז געווען בעמאהלען מיט העברעאישע פסוקים פון די נביאים, וועלכע האבען געגעבען אנצוהערעניש אויף דער קריסטליכער אמונה. אין מזרח־וואנט איז געשטאנען א רייך־געשניצטער ארון, און איבער'ן ארון איז געהאנגען א גרויסער זילבערנער צלם... ליכט האבען געברענט, גרויסע וועקסענע ליכט, אין א אידישער זילבערנער מנורה, פאר'ן הייליגען בילד... און יוזעף מארא, איינגעוויקעלט אין א טלית, איז געשטאנען אויפ'ן בעלעמער פאר'ן ארון. אין איין האנד האט ער געהאלטען א ספר תורה, אין דער צווייטער האנד — א צלם, און גערעדט צו די אידען.

גערעדט האט ער צו די אידען אין זייער שפראך, אויף קאסטיליש, און ער האט געבראכט פסוקים פון דער תורה, פון די נביאים, און אנגעוויזען אויף שטעלען אין תלמוד און מדרש, געבראכט ראיות פון די קבלה'איסטישע ספרים. ער האט געשראקען מיט'ן גיהנום און צוגעזאגט דעם גן עדן, און דערביי האט ער געשילדערט מיט לעבעדיגע פארבען די יסורים און פיין אין גיהנום, און געמאהלען דעם גן עדן. דערמאנט די אידען זייער נידריגען מצב, ווי זיי ווערען פערשעהמט און זייער אמונה ווערט אויסגעלאכט.

— און וואו איז ער, אייער גאט? — האט ער געפרעגט — און וואו איז ער, אייער משיח? פאר וואס רופט ער זיך ניט אפ? פאר וואס גיט ער אייך קיין צייכען ניט? מיט וואס זיינט איהר ערגער פון די גוים? פאר וואס האט ער אייך געמאכט פאר'ן ציעל פון מענשליכען שפאט און פעראכטונג?

און ער האט אויסגעשטרעקט צו זיי די ספר תורה מיט'ן צלם און זיך געבעטען: — קומט ארונטער, קומט ארונטער אונטער זייער שוץ!

און זיין שטימע איז געווען א טיעפע, א מעטאל־שווערע און האט אנגעווארפען א שרעק און אן אימה אויף זיינע צוהערער.

און זיינע אויגען זיינען געווען ברענענדיגע און זיין פּנים איז געווען אַ בלייכער און אַ טרויעריגער.

און לעבען איהם איז געזעסען דער נאָטאַריוס פון פּאַפּסט, מיט אַ גרויסע פעדערנע פעדער און מיט לאַנגע פּאַרמעטס. און ווען ער איד עס איז צוגעקומען צום בעלעמער און געבויגען זיין קאָפּ אונטער דעם רעגען פון דעם הייליגען וואַסער, האָט גלייך אַרויסגעקראָגען פון נאָטאַריוס אַ צייגניס, וואָס גיט איהם בירגער־רעכט פון רוים און מאַכט איהם פאַר'ן איינציגען יורש פון זיין פאָטער'ס אַלע פערמע־גענס און גיט איהם צוריק דאָס פערמעגען און די הייזער, וואָס דער פּאַפּסט האָט צוגענומען פון אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אויסער די מויערען פון דער געטאָ.

אויף דער ערשטער באַנק געגען איבער דעם גלח'ס בעלעמער זיינען געזעצען די עשרה־בטלנים, צוויי פון זיי חיים אדוני און מרדכי אלפי, וועלכע זיינען געווען די „נאַראָנים" פון דער געטאָ. געשפּיעלט אויף חתונות און שמחות „טויטען־טענץ", און געוואָרען אויפגערופען צו דער תוכחה. זיי האָבען געהאָט אויך די אויפגאַבע צו פערטרעטען די קהלה פון רוים אין דער קירכע. חיים אדוני, וועל־כער איז נאָך געווען אַ יונגער יונג, האָט זיך געמאַכט, אַז אַ באַק איז איהם געשוואָלען פון צאָהן־וועהטאָג, און האָט זיך איבער'ן פּנים אַרומגעבונדען אַ גאַנץ שטיק וואָלען געצייג, וואָס וואָלט גענוג געווען פאַר אַ מלבוש אויפצוניהען; זעלבסטפערשטענדליך איז ווייניג אָרט געבליבען, אַז מען זאָל זיינע אויערען אַרויסזעהען — און נישט נור דעם גלח'ס שטימע — ווי מעטאַל קלינגענדיג זי איז נישט געווען. האָט נישט אריינגעדרונגען דורך דעם וואָלען־געצייג — נאָר אַ שאָס פון אַ האַרמאַט וואָלט אויך נישט דערגאַנגען, — דער צווייטער האָט אַרומגעבינדען דעם קאָפּ, פאַר קאָפּ־וועהטאָג מיט ציטראָנען און ווייסע האַנדטיכער, זיינע אויערען האָבען אויך געהאַט ווייניג געלע־גענהייט צו פערנעהמען עפּעס פון גלח'ס שטיק. דער גלח איז אַזוי צוקאָכט געוואָרען, אַז ער איז אַראָב פון בעלעמער מיט'ן צלם אין דער האַנד, צו צו דער באַנק, צוגעפיהרט דעם צלם צו די „נאַראָנימס" פּנימ'ער, און געהייסען זיי מיט די פויסט, אַז זיי זאָלען קוקען אויפ'ן צלם. אַראָבגעריסען די טיכער פון די באַק, די האַנדטיכער פון קאָפּ, און געצוואונגען זיי צו קושען דעם צלם, אָבער די „נאַראָנים" האָבען

אזעלכע געוואלדען געמאכט אויף זייער ציין-וועהטאג און אויף זייער קאפ-וועהטאג, אז מען האט זיי געמוזט ענדליך ארויסוואַרפען פון דער קירך.

יוזעף מארא האט זיך געווענדט צו די יונגע קינדער, צו זיי האט ער גערופען מיט זיין מעטאלענע שטימע און אנגעוואָרפען א שרעק אויף זיי.

— האט רחמנות, האט רחמנות אויף אייערע יונגע קינדער, וועל־כע איהר ציהט אויף אין שאנדע און שפּאָט, פערראכטעט פון אלע, און געיאגט פון אלעמען! גיט זיי שוץ אונטער דעם קרייץ! — האט דער משומד געבעטען.

אבער די יונגע קינדער האבען זיך געשפּארט צו זייערע עלטערן און עס איז געגאנגען א מורמעל פון אויער צו אויער, פון טאטע צו זוהן, פון מאמע צו טאכטער, איין ווארט, איין פליסטער: „שמע ישראל!"

און עס איז געווען ווי דאס ווארט וואלט א צויבער־קראפט בע־זעסען. עס האבען געציטערט הערצער. עס האט זיך געהערט א שטי־מע פון דור דורות, און פלאקערדיגע פייערען זיינען אויפגעשטאנען פאר די אויגען — ברענענדיגע מענשען-לייבער, גרויסע שרעקענדע אויגען, ציטערענדע לעצטע שטימען: „שמע ישראל!"

און זיי זיינען געשטאנען, יונג און אלט, קינד און מאן, און גע־בויגען די קעפּ צו דער ערד, און געברומט מיט אונמענשליכע שטימען: „שמע ישראל!"

פערשטומט און דערשראקען איז געווארען פאר דער שטימע יאָ־זעף מארא, און זיין האר האט אויפגעציטערט און זיין בלוט האט דערהערט איהר אייגענע שטימע, און ער האט מיטגעמורמעלט: „שמע ישראל!"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין א ווינקעל פון דער קירך איז געשטאנען פאסטילא.

ער איז דערשראקען געווארען פאר דעם פרעמדען און גרויסען, וואס ער זעהט. ער האט בעוואונדערט די קינדער, וואס שטעהען הארטנעקיג די קעפּ געבויגען צו דער ערד, און קיין האנד בעוועגט זיך ניט; קיין ריהר, קיין בליק צו דעם אויסגעשטרעקטען צלם, וואס דער

גלח האלט אין זיין האנד, אויסגעשטרעקט צו זיי — און וואס טראגט אין זיך רעטונג פאר זיי — פאר דער וועלט און יענער וועלט...

ער האט ניט פערשטאנען פאר וואס זיי ווילען ניט אננעהמען דעם גלויבען. וואס מאכט א סוף צו אלע זייערע צרות און וואס איז דער איינציגער און דער ריכטיגער. פאר וואס? פאר וואס?

ער האט געקוקט אויף דעם סוחר פון קאסטיליען און אויף זיין מיידעל. זיין הארץ האט געציטערט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז זי וועט אויסשטרעקען איהר האנד צום צלם. אבער ניין, זי בויגט אויך איהר קאפ צו דער ערד, ווי די אנדערע, און שטעהט הארטנעקיג און ברומט עפעס דורך איהרע ליפען.

און זי איז דאך אזוי קריסטליך, אזוי געטליך עדעל און פרום. און זעהט זי דען ניט אויס ווי די הייליגע מאדאנא? זעהט זי דען ניט אויס, ווי יענע פערשלאסענע הייליגע מיידעל, צו וועלכער גאט קומט און בעהעפט זיך מיט איהר?...

ערשט יעצט האט ער דערזעהן איהר קאפ, ווי זי האט איהם גע־בויגען צו דער ערד, און דעם צער, דעם אונענדליכען, ניט־מענשליכען צער, וואס ליגט ארום איהר קינדישען מויל. דער צער פון דער וועלט לייכט אראפ פון איהר פנים. אין איהרע אויגען ליגט דער טרויער; איבער איהר היכען בולט'ען שטערען ליגט דאך אויסגעגאסען די פרומקייט אליין. און ער האט געהאט דאס געפיהל זיך אראפצולאזען אויף די קניע פאר איהר, אויפצוהויבען די הענד צו איהר, און צו בע־טען צו איהר:

— הייליגע מאריע, אונשולדיגע ריינקייט, דו, לויטערקייט פון נשמות, דו, וואס דו טראגסט דעם צער פון דער וועלט, האב רחמנות, האב רחמנות!

פון דעם ערשטען אויגענבליק וואס ער האט זי געזעהן, האט ער געטראכט צו מאהלען פון איהר א הייליגע מאריע, גאט'ס מוטער. אזוי האט זי אויסגעזעהן ווי גאט'ס מוטער — די, צו וועלכע גאט האט זיך בעוויזען, האט געמוזט האבען די טרויעריגע אויגען און דעם אונמענש־ליכען צער ארום איהר מויל. אויף איהר פנים האט געמוזט זיין אויסגעגאסען דער געשריי, דער שטילער געשריי פון אונזערע לײדען, און דער אונענדליכער רחמנות.

פאר דיזען פנים וועלען מענשען פאלען אויף די קניע; צו דיזען

פנים וועלען מענשען אויפהויבען זייערע הענד און בעטען, און די אויגען וועלען אריינגיסען אין מענשליכע הערצער אויסגעוועהטאגטע איידעלקייט און הערצליכען צער. און שטילע, ריינע ליעבע צו אלעמען, צו אלעמען, און אונענדליכען מוחל זיין און א טיעפע דערבארמונג, אזוי ווי זי האט אריינגעגאסען אין זיין הארץ אריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז געווען א ווענעציאנער דורך און דורך. ער האט געהאסט רוים, רוים מיט איהר טריאומפירענדען, זאטען, הערשענדען פנים. ער האט געהאסט איהר קונסט, און מעהר פון אלעם דעם יונגען גאט ראפאעל, וואס האט בעהערשט די קריסטליכע וועלט מיט די שעהנקייט פון זיינע פרויען־קערפערם, מיט די זאטקייט פון בלויזע אריטע מוטערליעבע.

א, ווענעדיג, די שטאדט, וואס איז בעפליגעלט מיט די זעגעלשיפען פון אלע טייכען און ימים! א, ווענעדיג, וואס זעהט אוים ווי א וויזיע פון גאט, וואס איז פערקערפערט געווארען אין ווייסען מארמאר; א, ווענעדיג, וואס דיינע קירכען און דיינע פאלאצען, דאכט זיך, האבען פליגלען און שוועבען אין דער לופטען.

נור מעהר פון אלעם האט ער פערגעטערט די ווענעציאנער מאהלער. זיינע לעהרער זיינען געווען טינטארעטא, זשארשאנא, בעליני און מעהר פון אלע דער אלטער סט. אנזשעליקא, וועמענס הייליגע מוטערס ער האט געזעהען אין פלארענץ. דער וואס ברענגט אראב די הימלישע געשטאלטען און קליידט זיי אן אין קינדישע אונבעהאלפענקייט.

אבער רוים איז געווארען בעהערשט פון דעם יונגען גאט ראפאעל, וואס איז דורכגעגאנגען דורך די ערד, ווי א בליץ. גאנץ רוים, די גאנצע קריסטליכע וועלט האט געקניעט און געבעטען צו זיינע מאדאנאס, וואס ער האט געמאהלען פון זיין געליעבטע, דעם בעקער'ס טאכטער. ער האט פערשקלאפט און צוגעשמידט צו זיין פענזעל און פאלעטא אלע קינסטלער, וואס זיינען געקומען נאך איהם. יעדע מאדאנא האט געמוזט זיין עהנליך צו ראפאעל'ס געליעבטע, דעם בעקער'ס טאכטער פון רוים; אז ניט, האט זי ניט געהאט קיין אויסזיכטען אויפגענומען צו ווערען אין א קירך, און איהר מייסטער איז געשטארבען פון הונגער.

אבער פאסטילא, ווי אלע אנדערע יונגע קינסטלער, האט שוין

דאמאלס געטראגען דעם פראטעסט געגען די הערשאפט פון ראפאעל. נײן — האט ער געטראכט — די פרוי, וועלכע גאט האט אויסער־וועהלט, אז זי זאל געבוירען דעם צער פון דער וועלט, האט ניט בלויז בעזעסען א פאלקאמע מענשליכע שעהנקייט און אן אונענדליכע מוטער־ליעבע. נײן, זי האט געמוזט טיעפער זיין, זי האט געמוזט אפּ־פערען איהר מוטער־ליעבע פאר א העכערען פרייז, פאר אן אונענדליכע ליעבע פון דער גאנצער וועלט. איהר פנים האט געמוזט בעזיצען יענע מיסטישע שעהנקייט, וואס ווען מיר קוקען זי אן, ווערען מיר אויסגע־טאן פון דער שעהנקייט און פון דער ליעבע פון דער וועלט, און מיר ווערען אריינגענומען אין א העכערער, אין א ניט־מענשליכער, אין א ניט־פערשטענדליכער אונבעגרענעצטער ליעבע...

און דאס האט אויסגעדריקט דאס געזיכט פון דער אידישער מייד־על, די טאכטער פון דעם סוחר פון קאסטיליען. אין איהר געזיכט האט ער געזעהן יענע אונפערשטענדליכע שעהנקייט, וועלכע דעקט אויף פאר אונז די געהיימניסען פון אן אנדער וועלט, וואס ער האט אזוי לאנג געזוכט. צו דעם געזיכט וועלען מענשען בעטען, בעטען מיט גאנץ אנדערע כונות, מיט ריינע הערצער, ניט מיט קליינליכע פער־לאנגען, ניט נאך א ביסעל ארימען מענשליכען גליק, ווי מען בעט צו ראפאעל׳ס מאדאנאס, נור אנדערש, גאנץ אנדערש, אויסגעטאן פון יעדען פערזענליכען וואונש, פון יעדען קליינעם גליק, וועלען מענשען בעטען נאך א העכערען גליק, נאך א העכערע אויסלייזונג.

אבער ווי אזוי? ווי אזוי וועט ער, א גוטער קריסט, נעהמען א טאכטער פון אן אונגלויביגען און מאכען פון איהר די עהנליכקייט צו די מוטער פון גאט? ווי אזוי וועלען גוטע קריסטען קניען פאר א גע־זיכט, וואס איז געמאהלען פון אן אונגלויביגער טאכטער?

נור באלד איז אין איהם אויפגעשטאנען די לעגענדע פון קריסטוס און ער האט זיך געפרעגט: האט דען גאט אליין ניט אויסגעקליבען פאר זיין אויסערוועהלטע א טאכטער פון דעם פאלק? האט זי אליין, די אייביגע ריינקייט, די מוטער פון גאט, ניט בעלאנגט צו דעם פאלק? דאס איז דאס אונפערשטענדליכע, דאס הויכע און דאס מיסטישע, וואס ליגט אין דעם פאלק, וואס גאט האט דוקא איהם אויסגעקליבען, אז פון איהם זאל ארויסקומען די ערלייזונג פון דער וועלט, און דוקא צווישען

זיינע טעכטער האָט ער געפונען די, וואָס טראָגט די שעהנקייט, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט.

ער האָט פאַטער און טאָכטער אָבגעוואָרט פאַר דער טיר פון דער קירך. און ווען דער סוחר פון קאַסטיליען איז אַרויסגעקומען מיט זיין טאָכטער, האָט דער מאָהלער געקניעט פאַר איהר:

— אָ, מאַדאָנאַ, דו, וואָס דו טראָגסט אַ געזיכט, וואָס פלאַנצט איין פרומקייט און איידעלקייט אין מענשליכע הערצער, דו האָסט ניט קיין רעכט צו בעהאַלטען דיין געזיכט פאַר דיר אַליין. גאָט האָט עס דיר געגעבען, כדי דו זאָלסט מענשען שעהנער מאַכען און איידעלער. איך וויל מאָהלען פון דיר אַ בילד פון דער הייליגער מאַדאָנאַ פאַר דעם קלויסטער דאָס „הייליגע האַרץ". מענשען וועלען זעהן דיין געזיכט, זיי וועלען קניען דערפאַר און בעטען דערצו מיט אַ ריין האַרץ. אָ, מאַדאָנאַ, לאָז מיך בעשאַפען גאָט'ס ווערק פאַר דער גלאָ־ריע און הערליכקייט פון זיין נאָמען.

דאָס מיידעל האָט געשוויגען און געבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן אין דער קירך ביי דער פּרעדיגט פון גלח. זי האָט איהם אויסגעהערט אוים מורא און רעספּעקט. און דערנאָך איז זי מיט קליינע טריט אַוועק נאָך איהר פאַטער — געגאַנגען מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ איהר וועג.

דער מאָהלער איז איבערגעבליעבען קניענדיג אויף איין פוס אויף זיין אָרט.

## קאפיטעל 3.

# דער חרם.

אין מאי פון יאהר 1556 האט די אינקוויזיציע פערברענט אין אויפ'ן בעפעהל פון יעזוס קריסטוס פערטרעטער, אויפ'ן בעפעהל פון פאפסט, זעקס און צוואנציג מאראנען; און די איבעריגע, וואס האבען איינגעווילינט אבצוהיטען דעם קריסטענטום, האט מען געשמידט אין קייטען און פערשיקט אויף דעם איינזאמען אינזעל מאלטא. דאס פייער פון דער אינקוויזיציע אין אנקאנא האט אויפגערודערט די אידען פון דער גאנצער וועלט, און אם מעהרסטען די אידען פון איטאליען.

זייט יאהרען און יאהרען זיינען די מאראנען פון פארטוגאל און שפאניען אנטרונען געווארען פון זייערע בלוטיגע און פייערדיגע היימען נאך די פרייהייט־ליעבענדע מדינות פון איטאליען, וואו עס האט צו יענער צייט געהערשט דער גייסט פון אויפקלעהרונג, בילדונג און מענשליכקייט. די פאבסטען קלעמענס דער פיערטער, פאול דער דריטער און יוליוס דער דריטער האבען ערלויבט די מאראנען, וואס זיינען אנטלאפען פון דער בלוטיגער אינקוויזיציע, עפענטליך צוריקצוקעהרען צום יודענטום. אנצונעהמען צוריק זייערע אידישע נעמען און צו פיהרען זייער אידיש לעבען. אין דער פרייער רעפובליק פון ווענעדיג האט מען זיי אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. זיי האבען דארטען פערבונדען האנדעלס־בעציהונגען מיט זייערע ברידער, וועלכע האבען זיך געפונען אין דעם סולטאנ'ס לענדער און געהאלפען ענטוויקלען און רייך מאכען די רעפובליק. עס האבען מקנא געווען דער רעפובליק די פירשטענטימער פון פעררארא און אראבאנע, און וועלכע... אבציהען די מאראנען פון ווענעדיג נאך זייערע מדינות, צו ענטוויקלען זייערע האפען־שטעדט מיט דעם האנדעל פון אריענט

דורך די מאראנען. האבען זיי די מאראנען פערזיכערט נאך מעהר רעכט, און געלאזט זיי בויען שוהלען, עפענען אידישע דרוקערייען — וואס איז געווען צו יענער צייט דער העכסטער בעוויז פון רעליגיעזער טאלעראנץ — און ערציהען זייערע קינדער אין אידישקייט.

אין פערארא, אין דעם קליינעם גן־עדן אויף דער ערד, וואס איהרע פירשטען האבען געזאמעלט ארום זיך די פאעטען און די מאהלער, און אין הויף האט מען מעהר דיסקוטירט איבער ווירגיל און דאנטע, איידער איבער מלוכה־ענינים, האבען די מאראנען געשפיעלט די וויכטיגסטע ראלע. זיי זיינען געווען מיניסטארען פון האנדעל און פינאנס און האבען פערנומען די וויכטיגסטע שטעלען אין געזעלשאפטליכען און אין מלוכה־לעבען. אין יאהר 1553, ווען פאול דער דריטער האט אויף דער מסירה פון דעם נע׳שמד׳טען גלח יוזעף מארא פערברענט עפענטליך אין רוים אויף דער גאס אלע אידישע ספרים, א חוץ דעם זוהר, האבען אידען פון רוים און פון אנדערע איטאליעניש שטעדט אריבערגעשיקט אין געהיים זייערע ספרים נאך פערארא און אראבאנא צו בעהאלטען זיי ביי די מאראנען, כדי דאס אידישע ספר זאל ניט אונטערגעהן פון איטאליענס ערד...

אבער מיט דער ערשאפט פון פאול דעם פיערטען האט זיך דאס אלעס געענדערט. אויף א געהיימען בעפעהל זיינען די מאראנען פון זיין האפען־שטאדט אנקאנא געבאפט געווארען און זיינען אריינגעווארפען געווארען אין די פייניגונגס־קעלערען פון דער אינקוויזיציע. פיעלע פון זיי זיינען געווען טערקישע אונטערטאנען, וועלכע זיינען געקומען נור אויף א קורצער צייט צו האנדלען מיט אנקאנא. א טייל האט זיך אין דער לעצטער מינוט געראטעוועט אין די אנדערע קליינע פירשטענטימער פון איטאליען, איבער וועלכע דער פאבסט האט שוין קיין שליטה ניט געהאט. אבער די מעהרסטע האט מען פערמאטערט צום טויט אין די קעלערס פון דער אינקוויזיציע; א סך האט מען פערשיקט אויף אינזלען און זעקס און צוואנציג האט מען עפענטליך פערברענט.

דאס איז געווען כמעט דער ערשטער פייער, וואס די אינקוויזיציע האט אנגעצונדען אויף איטאליען׳ס באדען און ער האט געווארפען א טויט־שרעק סיי אויף די אידען, סיי אויף די מאראנען.

אין דעם הויז פון ר׳ יוסף פינסי, אדער „דער סוחר פון קאס־

טיליען". ווי מען האט איהם גערופען אין דער אידישער געטא, זיינען זיך צונויפגעקומען די מאראנען דאוונען אין געהיים און צו זוכען עצות. די אידען אויך. ווארים הגם זיי איז נאך ניט פערבאטען גע־ וועז דאס אידישקייט, דאך האט מען פערמאכט אלע שולען און אי־ בערגעלאזט נור איינע. האבען זיך אידען און מאראנען גענומען צום אלטען מיטעל, ווי זיי פלעגען טאן אין שפאניען און פארטוגאל, און האבען זיך פערזאמעלט אין געהיימע קעלערען אבצורעכטען זייער גע־ בעט און אבצוהאלטען אסיפות.

יוסף פינסי איז געווען דער שטעלפערטרעטער אין רוים פון „דאנא גראציא מענדעסא". וועלכע איז שוין דאמאלס מיט איהר איי־ דעם, יוסף נאסי, און מיט נאך פינף הונדערט מאראנען און אידען אנטלאפען פון פעררארא נאך קאנסטאנטינאפאל צום סולטאן. וואו זי האט זיך געראטעוועט מיט איהר פערמעגען פון די נעגעל פון דער אינק־ וויזיציע. א גרויסער טייל פון איהר פערמעגען איז צוגענומען געווא־ רען פון דעם קעניג פון פראנקרייך, פון פאבסט און פון אנדערע קליינע מלוכות, צו וועמען זי האט אויסגעבארגט געלד. אבער זי האט נאך אנגעהאלטען איהרע געשעפטען אין געהיים מיט די האפען־שטעדט פון איטאליען, וואו זי האט געשיקט איהרע שיפען מיט סחורות פון קאנסטאנטינאפאל צו איהרע אגענטען, וואס זי האט געהאט איבע־ ראל. איהרע אגענטען זיינען אין דער זעלבער צייט געווען די אמ־ באסאדארען פון די מאראנען. זי פלעגט דורך זיי בעקומען ידיעות פון איבעראל וועגען די מאראנען, און איהרע אגענטען האבען געהאל־ פען די מאראנען אנטלויפען פון די ערטער, וואו מען האט זיי פער־ פאלגט, נאך די לענדער פון סולטאן.

---

אין טיעפען אויסגעבאלקטען קעלער, וואו מיר האבען צום ערש־ טען מאל געטראפען דעם מאהלער, זיינען איצט געווען פערזאמעלט די אידען פון רוים. עס איז געווען אן אבענד נאך א הייסען זו־ מער־טאג. רוים איז געשלאפען ביי די ברעגען פון טיבער, נאך דעם שווערען, טרוקענעם טאג. פינסטער זיינען געווען די שווארצע, קרומע געסלעך פון דער געטא און איהרע הויכע, שטומע הייזער זיינען גע־

שטאנען ווי גיגאנטישע שאטענס. עס האט זיך געדאכט, אז זיי בעוועגען זיך, און איבער די געסלעך פון דער געטא האבען זיך גע־גליטשט אויף די ווענד פון די הייזלעך איינזאמע שאטענס. און אלע זיינען זיי פערזונקען געווארען דורך א געהיימען אריינגאנג צו יוסף פינסי אין קעלער.

דער קעלער איז איצט בעלויכטען געווען — דער איינציגער בע־לויכטענער קאמער אין גאנץ רוים. אין גרויסע זילבערנע מנורות הא־בען געברענט אויל־קנייטען. ביי די טונקעלע ווענט האבען זיך גרו־פירט קופקעס שאטענס פון יונגע און אלטע מענשען און זיך גע־סוד'עט. זייערע שווארצע רעק און קאפ־בעדעקענס האבען געוואר־פען מורא'דיגע שאטענס איבער די ווענד פון קעלער. נור באלד איז אלץ שטיל געווארען. די אידען האבען זיך צונויפגרופירט אין איין גרופע און זיינען שטיל געווארען.

א טיר האט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען דער אלטער בלינדער איד. און כאטש זיינע אויגען זיינען געווען טויט, האבען זיי דאך ארויסגעשיינט פון זייערע ברייטע אויגען־לעכער מיט אזא לע־בעדיגקייט, ווי זיי וואלטען געווען געזעהן ניט די נארישקייטען פון דער וועלט, נור אז אמת'ע ליכט און א יושר'דיגע וועלט... ער איז גע־ווען געפיהרט פון דער מיידעל, די טאכטער פון דעם סוחר פון קאס־טיליען. איהר נאמען איז געווען יפת'ה. זי איז אבער ניט געווען דעם סוחר'ס טאכטער. זי איז געווען דעם בלינדען אלטענס אן איי־ניקעל. זיין נאמען איז געווען ר' יעקב מעדיגא, נאך דעם פאמיליען־נאמען פון די אבארבאנעלס. ער האט זיך געהאלטען אלס איינער פון דער משפחה אבארבאנעל, און אזוי האבען איהם אויך געהאלטען די מאראנען און די אידען אין רוים, און ער איז געווען אנגענומען ביי די שפאנישע אידען אין רוים פאר זייער פיהרער. זיין משפחה איז פערלארען געווארען פון פיעל ארומוואלגערען זיך איבער דער וועלט. פיעלע פון זיי זיינען געכאפט געווארען אויפ'ן ים פון די ים־רויבער און זיינען פערקויפט געווארען אלס שקלאפען. פיעלע קליינע קינדער זיינען מיט געוואלד אויסגע'שמד'ט געווארען, און פון דער גאנצער משפחה איז נור איבערגעבליעבען דער אלטער מיט זיין אייניקעל, וועלכע האבען זיך אויפגעהאלטען ביי יוסף פינסי, דעם אגענט פון דער רייכער מענדעסא. מיט דעם אלטען זיינען אריינגעקומען צוויי

שלוחים. וואס זיינען געקומען צו די אידען אין רוים: איינער, וואס איז געווען אַנטרונען פון די אידען פון אנקאנא, און דער צווייטער שליח איז געווען פון קאנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז אייגענטליך געווען אַ שליח פון סולטאַן סולימאַן צום פּאַבסט זוגען די טערקישע אונ־טערטאַנען; נור ער איז אויך געשיקט געווען מיט אַ געהיימע שליחות פון דער נגידות'טע דאָנאַ מאַנדעסאַ צו די אידען אין רוים.

אין קעלער איז שטיל געוואָרען. מען האָט געהערט דאָס קנאַקען פון די קנייטלעך אין די אויל־רעהרען. פּערגאַמענטען זיינען אויך גע־וואָרען די שאָטענס איבער די ווענט, אומבאַוועגליך ווי די אידען אין קעלער. דער אַלטער ר' יעקב האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם טיע־פען שטוהל, און אַזוי ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די שפּאַנישע אידען און די מאראַנען, זיינען זיי איינציגווייז צוגעגאַנגען צו זייער נשיא און האָבען געקושט זיין האַנד. און דער אַלטער האָט אַרויפ־געלעגט זיין האַנד אויף זייערע קעפּ און זיי געבענשט, מורמלענדיג עפּעס מיט די ליפּען. דערנאָך האָט יוסף פּינסי, דער בעל־הבית פון קעלער, עפּעס אויף אַ געהיימען אָרט אָנגעקלאַפּט אַז דער וואַנד, וואָס געהט אין דער גאַס אַרויס. אין דרויסען, פאַר'ן הויז, ביי די ווינק־לען פון די גאַסען, זיינען געווען אויסגעשטעלט שומרים, יונגע מאראַ־נען, וועלכע האָבען געהיט, אויב עס ווייזען זיך ניט די אויפזעהער פון דער אינקוויזיציע. זיי האָבען איהם געענטפערט מיט אָבגעמאַכטע צייכענס, אַז אַלעס איז רוהיג. ער האָט אַרויסגערוקט אַ פערשטעלטען פאָרהאַנג און עס האָט זיך בעוויזען אַן ארון קודש. און דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב.

אַלע זיינען געווען שטיל, נור עס האָט געדאַווענט פאַר זיי אַ חזן. ווען זיי האָבען נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. נאָך שמונה עשרה האָט דער אַלטער אויסגעשטרעקט די האַנד, אַלס אַ צייכען, אַז דער עולם זאָל שטיל זיין. אין קעלער איז שטיל געוואָרען, און דער שליח פון אנקאַנאַ האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען פאַר'ן ארון קודש און אָנגעהויבען דערצעהלען, אין קאַסטיליש, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין אנקאַנאַ.

ער האָט זיי דערצעהלט, ווי מען איז פּלוצלונג אין אַ שבת אָבענד בעפאַלען אַלע שוהלען אין דער שטאָדט און געשלעפּט אַלע מאראַנען, פרויען און קינדער, אין די קעלערס פון דער אינקוויזיציע, וואו מען

האָט זיי געפּייניגט מיט אַלע מינים יסורים: צוגעבונדען זיי צו רעדער און צו ברעד־מאַשינען. פיעלע זיינען צום טויט פערפּייניגט געוואָרען. פיעלע האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די יסורים און האָבען אַנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען. זיי זיינען געשמידט געוואָרען אין קייטען און פערשיקט געוואָרען נאָך דעם אינזעל מאַלטאַ; נור זעקס און צוואַנציג מיט דער אַלטער פרוי דאָנאַ מאַיאַראַ האָבען האַרט־נעקיג זיך געהאַלטען אַן דעם גלויבען פון זייערע עלטערן. זיי זיינען געפיהרט געוואָרען אונטער קירכען־געזאַנג און אונטער קירכען־פאָה־נען צו די שטויסען פייערען, וואָס זיינען אַנגעלעגט געוואָרען פאַר זיי אויף דעם מאַרק פון דער שטאָדט. די אַלטע פרוי דאָנאַ מאַיאַראַ האָט ערמוטיגט און געקרעפטיגט די מאַראַנען אין זייער גלויבען מיט איהר „שמע ישראל“. און זיי זיינען אַלע פערברענט געוואָרען.

א הייליגע שטילקייט האָט געהערשט אין קעלער. יעדער איינער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און געקלעהרט צו זיין גרייט, ווען די צייט וועט קומען פאַר איהם....

פּלוצלונג האָט זיך דער אַלטער ר׳ יעקב אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און אויסגעשטרעקט זיינע דאַרע הענט, ווי ער וואָלט וועמען געזעהן און אויסגערופען מיט א ציטערענדען קול:

— קדושים לה׳! קדושים לה׳! — קדושים!

און דער עולם האָט איהם אָבגעענטפערט: — קדושים!

און פון צעהנדליגער מיילער האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסען:

— יתגדל ויתקדש!

און דער גאַנצער עולם האָט זיי אָבגעענטפערט:

— יתגדל ויתקדש!

אַז דער עולם האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שליח פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיך אָבגערופען:

— ווענען די געפאַנגענע מאַראַנען, וואָס מען האָט פערשיקט קיין מאַלטאַ, קען איך אייך מיטטיילען, אַז זיי געפינען זיך אַלע אונטער דעם שוץ פון דעם גרויסען חסד׳יגען סולטאַן סולימאַן ירום הודו, און זיי דיענען עפענטליך דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט, און קיינער שטערט זיי ניט.

— ווי אַזוי? ווי אַזוי? — האָבען געפרעגט שטימען.

— די עדעלע פרוי, דאָנאַ גראַציאַ מענדאַסע, וואָס איז א ציערונג

פאר אונזער פאלק מיט איהר איידעם דער איידעלער פירשט דן יוסף נסי זיינען געקומען פאר'ן סולטאן און געווארפען זיך צו זיינע פיס און געבעטען חסד פאר זייערע ברידער. און דער סולטאן האט זיך צוגעהערט צו זייער געבעט און פערנומען זייערע טרעהרען. זיי האט ארויסגעשיקט איהרע שיפען נאך דעם אינזעל מאלטא, און זיי האבען אבגעוואָרט די מאראנען. פערנומען זיי און געבראכט זיי אין דער הויפט־שטאדט פון זיין גרויסען קעניגרייך.

— גאט'ס נאמען זאל זיין אויף אימער און אויף אייביג געלויבט! — האט דער אלטער אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל.

דער עולם האט איהם אבגעענטפערט אמן!

— און איך בין געשיקט צו אייך פון די איידעלע פירשטין דאנא גראציא און פירשט דן יוסף נסי, אייך אנצוזאגען, אז קיינער זאל ניט אנקערען קיין שיף אין אנקאנא. קיינער זאל דארטען קיין סחורות ניט פערקויפען. צווישען דעם פירשט פון ארבאנא — וועלכער איז א פיינד פון פאבסט און א פריינד פון די מאראנען — און די אידען פון סולטאן'ס לענדער איז אן אייביגער בונד געשלאסען געווארען, אז פון היינט אן זאלען אלע שיפען, וואס געהען פון אריענט, אויסמיידען די פארטען פון אנקאנא און לאנדען אין ארבאנא. פעזארא, דער האפען פון ארבאנא, זאל ווערען דער הויפט־פונקט פון אידישען האנדעל. דארטען זאלען זיך שאטענען די זעגלען פון די שיפען פון אריענט, און אין זייער שאטען זאלען רוהען אין פרידען די מאראנען.

און נאך איהם האט זיך אויפגעשטעלט דער אלטער ר' יעקב און אויסגעשטרעקט די הענד צום עולם.

— בני ישראל, געפייניגטע און אויסגעלייטערטע! הערט גאט, אייער גאט! אין נאמען פון די קדושים, אין נאמען פון פערגאסענע אידישע בלוט און פון פערברענטע אידישע ביינער לייג איך ארויף א פייערדיגען חרם אויף אנקאנא, דאס בלוטיגע לאנד פון אונזערע פיינד. פערשאלטען זאל זיין דער, וואס וועט אנקערען זיין שיף אין פאפסט האפען. פערשאלטען זאל זיין דער, וואס וועט אויסציהען זיין ברויט צו אונזער פיינד, וואס וועט העלפען זיין האנדעל, וואס וועט רייכער מאכען זיין לאנד. וויסט און אפגעמעקט פון דער ערד זאל ווערען אנקאנא — א חרם! א חרם!

און א געמורמעל איז דורכגעגאנגען צווישען עולם:

— א חרם! א חרם!

— עס שלאפט ניט און דרעמעלט ניט דער היטער פון ישראל — האט דער אלטער אויפגעהויבען זיינע הענד — גאט איז זיך מרחם אויף זיין שארית ישראל, און האט אונז צוגעשיקט א רעטער און א בעשיצער אין דעם סולטאן סולימאן. גאט זאל איהם שטארקען איבער זיינע פיינד. א. מעהר וועט זיך שוין ניט גיסען אומזיסט אידישע בלוט אין איטאליען. מעהר וועלען שוין ניט פלאקערען אויף די שייטער־הויפענס אידישע ביינער. גאט טוט ניט אפ זיין חסד פון אונז בייטאג און ביינאכט. אין יעדען דור און דור שיקט ער אונז זיין רעטער. לאמיר אבגעבען א לויב צו גאט פאר דעם חסד, וואס ער טוט מיט אונז.

קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דער אלטער ר' יעקב מיינט. נור זיי האבען פערשטאנען, אז עס איז עפעס וויכטיגעס געשעהן. און זיי האבען געהויבען די הענד נאך איהם צום הימעל און געדאנקט גאט.

אויף מארגען אין דער פריה זיינען די אידען אין רוים ערשטוינט און פערוואונדערט געווארען, מיט אלע רוימער צוגלייך, איבער די נייעס, וואס האט זיך אין דער שטאדט פערשפרייט:

דער סולטאן האט א שליח צום פאפסט צוגעשיקט, וועלכער האט ערקלעהרט אין נאמען פון זיין מאיעסטעט דעם סולטאן, די מאראנען פון איטאליען פאר טערקישע אונטערטהאנען. פאר יעדען מאראן, וואס מען וועט פייניגען אין די קעלערס פון דער אינקוויזיציע, וועט דער סולטאן לאזען מאטערען א קריסט. און פאר יעדען מאראן, וואס וועט פערברענט ווערען אויף די שייטער־הויפענס אין איטאליען, וועט דער סולטאן לאזען פערברענען א קריסט אין זיין קעניגרייך.

און די קעלערס פון דער אינקוויזיציע האבען זיך אויפגעעפענט. און אלע מאראנען טערקישע אונטערטאנען זיינען בעפרייט געווארען אויף דעם פעררדרום פון פאפסט.

קאפיטעל 4.

## אין פייער און וואַסער.

אויף קריסטוס'עס טראָן איז געזעסען אין רוים דער אַלטער, אכציג־יעהריגער טיראָן ניאָן פּיעטראָ קאראפּאַ, אונטער דעם נאָמען פּאול דער פערטער. אלס קארדינאַל נאָך האָט ער אונטער די הער־שאַפט פון פּאול דעם דריטען געלאָזט פערברענען אידישע ספרים אין רוים. נור פּאול דער פערטער איז ארויפגעזעצט געוואָרען אויף קריס־טוסעס טראָן, כדי ער זאָל מיט דער גיפט פון זיין פאַנאַטיזם און מיט דעם כח פון טאָרטור־רעדער פון דער אינקוויזיציע אנהאַלטען די הער־שאַפט פון פּאַפּסט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען שאָקלען אונטער דעם אזוי שטארק וואַקסענדען איינפלוס פון די קערצער, לוטער אין דייטש־לאַנד, אין קאַלווין און גענף. פּאול דער פערטער, זייענדיג צו שוואַך און זיין האַנד שוין צו קורץ צו ערדרייכען די פּראָטעסטאַנטישע בע־וועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען אין דייטשלאַנד, האָט ער אויסגעלאָזט די פיילען פון זיין כעס אויף די אונגלויביגע אין זיין אייגענער מלוכה — אויף די אידען, מורען און מאַראַנען.

אין זיין קלויסטער קאַמער, וואָס איז געווען איינגעאָרדענט ווי א קאַמער פון א יעזואיטישען פּרוש, אויבען איבער די אויבערשטע קאַמערן פון וואַטיקאַן איז געזעסען אויף זיין האַרטע באַנק דער הויך־כער, שווער פער'מרה־שחורה'טער פּאַפּסט. זיין פּנים איז געווען ווי א שטורמדיגער ים, פערכאַפּט אין גאַנצען פון ברויזענדע שטורמדיגע קנייטשען. די לאַנגע שטייפע האָר פון די געדיכטע ווייסע באָרד האָבען זיך בעוואויגען שטייף ווי זיי וואָלטען געווען דראָטען — נור צווישען די בוואָליעם קנייטשען האָבען ארויסגעקוקט פון הינטער גע־דיכטע ברעמען צוויי בלויע קינדישע אויגען, אויסגעלאָשענע, אונבע־וועגליכע ווי צוויי אויסגעלאָשענע פייער־שטיינער.

— פון ווען אַן ווערט פעטער'ס שטול רעגירט פון דעם סולטאַן פון די אונגלויביגע? — האָט דער פּאַפּסט געפרעגט דעם קליינעם, רוהיגען קאַרדינאַל, אַלעקסאַנדער פאַרנעסע, וועלכער האָט אָנגעפיהרט די אויסערליכע פּאָליטיק פון וואַטיקאַן.

— דער איד יוסף נאַסי האָט געוואונען גרויס איינפלוס אין הויף פון סולטאַן. ער איז דעם סולטאַן'ס עצה-געבער, און מיר מוזען געווינען זיין פריינדשאַפט. דאָס פייער פון אַנקאָנאַ האָט אונז געקאָסט דעם האַנדעל מיט'ן אָריענט — האָט דער קאַרדינאַל איהם רוהיג אָבגעענטפערט.

— וועט דער סולטאַן דיקטירען דעם פערטרעטער פון קריסטוס, ווי אַזוי ער זאָל זיך בענעהמען מיט קעצער און קריסטוסעס פיינד? האָט דער פּאַפּסט געפרעגט.

— רוים איז ניט בלויז די הויפּט-זיץ פון קירכע, זי איז אויך די הויפּט זיץ פון די רוימישע מלוכה. די אַנדערע מלוכות פון איטאַליען זיינען רייך געוואָרען פון האַנדעל מיט'ן אָריענט דורך די אידען. ווענעדיג, פעראַרא, ארבאַנאַ האָבען געוואונען די פריינדשאַפט פון די אידישע ראַטגעבער ביים סולטאַן. און אפילו שפּאַניען, דער ערץ־פיינד פון די אידען, זוכט די פריינדשאַפט פון דעם אידישען מיניסטער יוסף נאַסי, זי האָט בעפוילען איהר אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז ער זאָל אריינגעהן אין אַ געהיימע אונטערהאַנדלונג מיט יוסף נאַסי. אַזוי טיילט מען אונז מיט פון דער פּאַרמאַ.

אַז דער פּאַפּסט האָט דערהערט דאָס וואָרט „שפּאַניען", איז ער געוואָרען אויפגערודערט. זיין פּנים איז רויט געוואָרען און זיינע אויגען האָבען פערלאָרען זייער רוהיגקייט, וואָרים ווי פיינט ער האָט ניט געהאַט די אידען און די מאַראַנען, האָט ער נאָך מעהר געהאַסט די שפּאַניער, וועלכע האָבען געפיהרט מלחמה מיט איהם.

— איך וועל ווייזען דעם סולטאַן פון אַלע מוסולמאַנער, אידען, שפּאַניען און אַלע אַנדערע קעצער, אַז אין רוים זיצט נאָך דער פערטרעטער פון קריסטוס — האָט דער פּאַפּסט געזאָגט, זיך אויפשטעלענדיג — געה רוף מיר אריין מיין קאַזין, דעם גובערנאַטאָר פון רוים.

אין אָבענד, ווען דער קאַרדינאַל פאַרנעסע איז געווען ביים מאָהלצייט פון די בעריהמטע שפּאַנישע קורטיזאַנקע אימפּעריאַ, צו דעם פעסט וואָס זי האָט געגעבען, ווען איהר אַפריקאַנישער פּאַפּוגאַי האָט

זיך אויסגעלערענט דעקלאמירען א פערז פון א געדיכט פון ווירגיל, איז אריינגעקומען אין דער ווילא, וואס איז געשטאנען אויפ'ן טייך טיבער, ביים טאנץ, וואס עס האבען אויסגעפיהרט יונגע נאקעטע אינגע־לעך און מיידלעך, א מאן מיט א מאסקע אויפ'ן פנים, און האט פער־לאנגט צו זעהן דעם קארדינאל פארנעסע. אז דער קארדינאל האט איהם געפרעגט, וואס ער וויל, האט ער געזאגט אין דעם קארדינאל'ס אויער:

— דער פאפסט האט ארויסגעגעבען א געהיימען בעפעהל צום גובערנאטאר פון רוים אונטערצוצינדען די אידישע געהטא אין אלע פיער עקען און צו זעהן, אז קיין איד זאל זיך ניט ראטעווען פון פייער.

דער קארדינאל איז בלייך געווארען — ער האט איהם געפרעגט:

— פון וואנען ווייסטו עס?

— איך בין פון הויף פון קארדינאל פון ווענעדיג — האט דער מאן אפגעענטפערט.

דער קארדינאל האט שוין מעהר ניט איבערגעפרעגט. ער האט געוואוסט, אז דער קארדינאל פון ווענעדיג איז דער בעסטער אינפאר־מירטער מאן אין רוים. דער קארדינאל פון ווענעדיג איז ניט בלויז געווען א פערטרעטער פון דער קירכע, נור פריהער פון אלץ דער פער־טרעטער פון דער ווענעציאנער רעפובליק. און ער האט געוואוסט, אז די ווענעציאנער שפיאנען, וואס האבען געדיענט ביים קארדינאל, ווייסען פריהער וואס עס טוט זיך אין הויף פון פאפסט מעהר פון די קארדינאלען. און ער האט געוואוסט, אז ער קען זיך פערלאזען אויף איהם.

— יונגערמאן, איך וויים ניט, ווער דו ביזט, נור דו האסט זיך זעהר פערדיענט געמאכט פאר דער קירכע מיט דיין שליחות — האט ער געזאגט — איך שפרעך דיר אוים מיין דאנק.

דער יונגערמאן האט זיך אפגערופען:

— א טובה פאר א טובה. איך וויל, אז דו זאלסט מיר דערפאר מיטטיילען פון אלע שלעכטס, וואס שטעהט פאר די גהעטא פון רוים פון וואטיקאן.

— וואס, א פריינד פון די אידען?

— ניין, א פריינד פון דער קירכע.

דער יונגערמאַן האָט אַראָפּגענומען די מאַסקע פון פּנים און דער קאַרדינאַל האָט דערזעהן דעם מאָהלער פּאַסטילאַ.

— פּאַסטילאַ, דער מאָהלער פון װענעדיג! — האָט זיך דער קאַר־דינאַל געװאונדערט — װאָס האָסטו אין דער גהעטאָ צו זוכען?

— איך האָב דאָרט מיין הארץ פערלאָרען — האָט דער מאָהלער געענטפערט.

— און דאָס אויג װאַכט שטענדיג דאָרט, װאו דאָס הארץ רוהט — האָט דער קאַרדינאַל געשמייכעלט.

עס האָט ניט געהאָלפען, װאָס די שעהנע אימפּעריאַ האָט צו זיין היילינקייט קאָקעטירט מיט איהרע סאַפּיר אויגען צו װעלכע, מען זאָגט, עס איז קיין גלייכען ניט געװען אין גאַנצען איטאַליענישען קעניגרייך, אַז ער זאָל איבערבלייבען צו דעם גרויסען מאָמענט, װען מען װעט אַריינפיהרען איהר פּאַפּוגאַי אין אַ גאָלדענער שטייג, און ער זאָל אַנטאָן דעם פּאַפּוגאַי דעם כבוד אויסצוהערען די דעקלאַמאַציאָנען פון דעם פּערז פון װירגיל׳ס געדיכט. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס לעבען פון צעהנדליגער טויזענדער נפשות איז מעהר װיכטיג װי דער פּאַפּוגאַי. נור דאַד האָט ער עס ניט געטאָן צוליעב די צעהן טויזענד נפשות, אויך ניט פאַר׳ן כבוד פון קריסטליכען גלויבען, נור צוליעב די אינטערעסען פון דער קירכע.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום איז ער געלעגען פאַר די פיס פון פּאַפּסט, אין דעם פּאַפּסט׳ס שלאָפצימער, און זיך געבעטען ביי איהם:

— הייליגער פאָטער, די קירכע איז אין געפאַהר. פון דייטש־לאַנד קריגען מיר ידיעות, אַז דעם קעצער לוטהער׳ס אפיקורסישע טהעאָריען פערשפּרייטען זיך איבער׳ן לאַנד, װי אַ מגפה. אויך ענג־לאַנד פאַלט אָפּ פון אונז. אין פראַנקרייך פערשפּרייטען זיך די אפיקורסישע געדאַנקען. מען פערברענט אין די שטעדט עפענטליך די בוללאַס פון פּאַפּסט. פּעטער׳ס שטוהל װאַקעלט זיך. די רעפאָרמאַ־טאָרען געװינען װאָס מעהר אַנהענגער. הײנט, אַז מען װעט נאָך הע־רען איבער דער װעלט, אַז דו האָסט געלאָזט פערברענען צעהנדליגער טויזענדער מענשען — מען װעט װיסען, אַז דער װאַטיקאַן האָט עס געטאָן — און די אידען האָבען איבעראַל זייערע שליחים זיצען — אין אַלע הויפען זיינען דאָ אידישע דאָקטוירים און פינאַנסיסטען — װעט מען עס אויסניצען געגען דער קירכע. און דאָס װעט געבען מעהר

שטאף די קערצער און די רעפארמאטארען צו טרייבען זייערע ביטערע אטאקעס געגען דער קירכע און זיי וועלען אפרייסען פון קריסטוסעס טראן פעלקער און לענדער.

דער פאפסט האט געכמורעט מיט זיינע אויגען. האט זיי פער־מאכט, ווי ער וואלט איינגעדרימעלט און האט געשוויגען.

ביי דער טיר אין א ווינקעל איז געשטאנען דער גובערנאטאר פון רוים מיט'ן בעפעהל אין דער האנד און האט געווארט אויפ'ן היי־ליגען פאטער'ס בעשטימונג.

— וויפיעל האבען דיר אידען בעצאהלט דערפאר? — האט ענד־ליד דער הייליגער פאטער געפרעגט דעם קארדינאל.

דער קארדינאל האט א מינוט געשוויגען. ער האט זיך אויפגע־הויבען פון זיין ארט, זיך איבערגע'צלם'ט און געזאגט:

— גאט איז מיין עדות, אז איך טו עס נור פאר די אינטערעסען פון דער קירכע. קלעהר אוים פאר די אידען וואסערע יסורים און מאטערנישען דו ווילסט. נור טו עס אזוי, אז קיינער זאל ניט וויסען, אז עס קומט פון דער הייליגער קירכע. די אידען זיינען אויסגעוואק־סען צו א מאכט אין הויף פון דעם סולטאן. קעניגען און פירשטען זוכען זייער פריינדשאפט. און זיי זיינען פערשפרייט איבער דער גאנ־צער וועלט און קענען ווערען א גרויסע הילף פאר אונזערע שונאים.

— מעגען קעניגען און פירשטען זוכען די פריינדשאפט פון דעם איד אין דעם סולטאן'ס הויף, אבער ניט דער פאפסט פון דעם קא־טולישען גלויבען, מיט קריסטוסעס פיינד וויל איך ניט האבען צו טאן — האט דער פאפסט פעסט געזאגט.

ענדליך האט זיך אפגערופען דער גובערנאטאר פון רוים:

— הייליגער פאטער, ווען דו קענסט זיי ניט משפט'ען מיט פייער, משפט זיי מיט וואסער.

— וואס מיינסטו? — האט דער פאפסט געפרעגט.

דער גובערנאטאר האט געקוקט אויפ'ן קארדינאל.

דער פאפסט האט צו איהם א וואונק געטאן מיט דער האנד, און דער קארדינאל האט פערלאזען דעם פאפסטליכען שלאפצימער, אי־בערלאזענדיג דעם הייליגען פאטער מיט'ן גובערנאטאר אליין.

— דאס וואסער פון טיבער געהט יעדען יאהר ארויס פון זיינע ברעגען און פערפלייצט די גהעטא — האט זיך אבגערופען דער גו־

בערנאַטאָר — און ווען דו האָסט געצוואונגען די אידען, אַז זיי זאָלען מויערען העכער די ווענד פון זייער גהעטאָ, האָבען זיי דאָס אַזוי כיטרע אויסגענוצט, אַז זיי האָבען פערפעסטיגט די ברעגעס פון טיבער און אויפגעבויט הויכע דאַמבעס. אַז דאָס וואַסער פון טיבער זאָל ניט אריינשטראָמען אין דעם גהעטאָ אריין. אין סעפּטעמבער ערוואַרטען מיר ווידער אַ פערפלייצונג פון טיבער; בעפעהל, און מיר ווילען אין געהיים אוועקנעמען די דאַמבעס פון טיבער, און ווען דאָס וואַסער וועט איבערפלייצען, וועט עס אריין אין דער גהעטאָ און דערטרינקען אַלעס, וואָס געפינט זיך אין די דאָרטיגע קעלערען — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט אין דער שטיל.

— און דו שטעל אוים אויף דער וואַך מיינע געטרייע שווייצער און דייטשע סאָלדאַטען, אַז פיער און צוואַנציג שעה נאָך דער פערפלייצונג פון דער גהעטאָ זאָל קיין איין נשמה ניט פערלאָזען די טויערען פון דער גהעטאָ — האָט דער פּאַפּסט בעפוילען.

— געהערט — האָט דער גובערנאַטאָר זיך געבויגען פאַר זיין הייליגקייט.

— און איצט רוף אריין דעם יודאַס, דעם קאַרדינאַל.

ווען דער קאַרדינאַל פאַרנעססאַ איז אריינגעקומען, האָט זיך דער הייליגער פאַטער אָפּגערופען אין אַ פרומען טאָן, פערדרייענדיג די אויגען צום הימעל.

— ניט אוים ליעבע צו די ניט-גלויביגע האָבען מיר דאָס געטאָן. ניט אוים די מאַטעריעלע נוצען פון אונזער ערדישען לעבען האָבען מיר דאָס געטאָן. נור פאַר דער הייליגער קירכע, וואָס לערנט אונז ליעב צו האָבען אונזערע שונאים.

און דער הייליגער פאַטער האָט גענומען דעם בעפעהל פון דעם גובערנאַטאָר'ס האַנד און אריינגעוואָרפען איהם אין דעם ברענענדיגען קאַמין.

נור דער קאַרדינאַל האָט בעמערקט ווי אין די בלויע אויגען פון פּאַפּסט האָט זיך אָנגעצונדען אַ געהיים פייערל.

## קאפיטעל 5.

# די פערפלייצונג.

דעם 15טען סעפטעמבער, 1557, איז רוים אויפגעוואכט געווארען מיט דער נייעס, אז ביינאכט האט דאס וואסער פון טיבער איבער־פלייצט די גהעטא. און דער רוימישער פעבעל, געטריי צו זיין טרא־דיציאנאלער לוסט נאך פערוויילונג און אויפרעגונג, האט געווארפען זיין טאג־טעגליכע בעשעפטיגונג און האט זיך אין מאסען אראבגע־איילט צו די מויערען פון דער גהעטא מיט אהן־געהעמפערטען חשק, מיט אויפרעגענדע ערווארטונג פאר דעם גרויסען שפיעל, וואס שטעהט זיי פאר, צוצוזעהן ווי מענשען וועלען זיך ראנגלען מיט'ן טוידט.

די קליינע, ענגע פערדרעהטע געסלעך ארום דער גהעטא זיינען שווין פון בעגינען אן געווען איבערגעפאקט מיט מענשען, פרויען און קינדער — די געהענדיג צו דער גהעטא, אנדערע קומענדיג פון דארט; אלע זיינען געווען מיט צוהיצטע פנים'ער, בעגאסען מיט שוויים, לייכטענדע אויגען און לאכענדע, ברייט־אויפגעפראלטע מיילער, אנ־זאגענדיג איינער דעם אנדערען די בשורה; דער פאבסט האט פער־ווערט די טויערען פון דער גהעטא צו עפענען.

— ביז דאס וואסער וועט קומען פון דער הויך איבער דער פלאזא די אדעא.

— א חוץ די, וואס וועלען די הענד אויסשטרעקען צום צלם און זיינען ווילינ ארונטערצוקומען אונטער די שיצענדע פליגלען פון דער קירכע.

— פאר דער גלאריע פון דער קירכע און צו פערוויילונג פאר קריסטליכע מענשען.

עס זיינען געגאנגען בכבוד'ע רוימישע פאטריציער, אנגעטאן אין

קאַליר־רייכע טוניקעס, פערוואָרפען מיט סאַמעטענע בלויע טיכער־מאַנטלען, בעגלייט פון צאָהלרייכע דיענער און קנעכט. וואָס האָבען געטראָגען קישענס, אויסצושפּרייטען פאַר זיי אויף די מויערען פון דער גהעטאָ. זיי האָבען נאָך זיי נאָכגעטראָגען טייערע טעפּיכער, קאָלירטע טאַפּעסטירען אַז עס זאָל זיי בעקוועם זיין צו זיצען, און קאָלירטע באַלדאַכינס צו פערשטעלען זיי פון זונען־שטראַהלען. קערב מיט פרוכטען, מיט וויינען און צוקערוואַרג האָט מען נאָך זיי נאָכגעטראָגען צו ערפרישען זיי, ווען זיי וועלען זיך צוקוקען צום שפּיעל. עס זיינען געגאַנגען האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע לוין־ארבייטער, וואָס האָבען געטראָגען זייערע קינדער אויף זייערע קעפּ, מיט אויסגעהונגערטע פּנים׳ער און ברענענדיגע, דאָרשטיגע אויגען, וואָס האָבען געלעכצט נאָך שפּיעל, נאָך פערוויילונג, נאָך אויפרעגונג... עס זיינען געגאַנגען לאַנדעס־קנעכט, שווייצאַרישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געדיענט אין פּאַבסט׳ס ארמעע— אין זייערע פּאַנטאַסטישע קליידונג—געפּארבטע הויזען און יעדער פוס איז געווען בעהויזט מיט אַן אנדער סאָרט קאָלירטע טוך. עס זיינען געגאַנגען מאָנאַכען פון פערשיעדענע אָרדענס, פראַנציסקאַנער, דאָמיניקאַנער אין זייערע גרויע מאַנטלען און קאַפּאָס איבער זייערע קעפּ, באָרוועסע, שוואַרץ־בעהאַנגענע נאָנעס־גרופּען אין קירכליכע פּראָצעסיען, פיהרענדיג קירכען־פעהנער און אונטער קירכען געזאַנגען. עס זיינען געגאַנגען פּראָסטיטוטקעס, די שעהנע וועלט־קורטיזאַנען פון רוים, די לוסט־ווייבער פון רוים׳ס אריסטאָקראַטיע. דיענער האָבען פאַראויסגעטראָגען פאַר זיי פּאַפּאַגייען אין גאָלדענע שטייגען, וואָס דאָס איז געווען דער צייכען פון זייער פּראָפעסיאָן. און עס איז געווען ביי זיי אַ שטאָלץ צו ווייזען זיך מיט זייערע צייכענס אויף דער גאַס... בעגלייט איז יעדע פון די קורטיזאַנען געווען מיט אַ צוג פון רייך־געקליידעטע יונגעלייט און יונגע דאַמען — דער שטאָלץ פון רוים. דאָס זיינען געווען קרבנות פון איהר שעהנקייט, די געפאַנגענע פון איהר רייץ. דער שניט פון איהר זיעג — וואָס גרעסער עס איז געווען דער צוג פון איהרע פערליעבטע בעגלייטער, אַלץ שטאָלצער און פּאַזאַנטער האָט זיך געוויעגט די קורטיזאַנקע אין איהר טראָג־שטוהל אויף די אַקסלען פון איהרע קנעכט... און ווי אַ טייך פון פערשידענע פאַרבען וואָס ברענט זיך אין אַ פאַנטאַסטישען זונען־אונטערגאַנג, האָט דאָס אַלעס געשטראָמט צו די מויערען פון דער אידישער גהעטאָ.

די מויערען פון דער גהעטא זיינען שוין געווען בעליגט און בעהאנגען מיט מענשען פון פערשיעדענעם שטאנד, געשלעכט און עלטער. קנעכט האבען זיך געקריעגט און געריסען זיך איינער מיט'ן אנדערען צו פערכאפען וואס א בעסערען פלאץ אויף די טויערען פאר זייערע הערען. שווארצע מארען האבען אויפגעקלאפט אויף שנעל געשטאננען פאר זייערע בעפעהלער. אנדערע האבען אויסגעשפרייט טייערע טעפיכער, ליכטיג קאלירטע טאפעסטריען — פערשיעדענע פארביגע קישענס איבער די ברייטע מויערען. אז עס זאל זיין בעקוועם צו זיצען פאר די סענארען און סענאריגעס. די הערען פון זייער לעבען און טוידט. די מויערען פון דער גהעטא האבען זיך געטונקט אין די קאלירען פון די פערשיעדענע שטאפען, זיידענס, סאמעט און בראקאד. מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעציערט די אריסטאקראטיע פון רוים. וואס האט בעהערט אזוי צאהלרייך די מויערען פון דער גהעטא... עס האבען געפלאקערט אין די זון די פיגורען און די לאנדשאפטען פון די רייכע טאפעסטריען — די פארבען פון די פרוכטען און חיות, וואס האבען זיך קאלירט איבער די אריענטאלישע טעפיכער, מיט וועלכע די מויערען זיינען געווען אויסגעליגט — עס האט געשטורעמט ווי דאס פליסטערן פון אן אהנגעצוימטען טייך דער ברום פון פעבעל, וואס האט בעליגט די מויערען און פון צייט צו צייט האט אויפגעקנאלט, ווי דער גאנג פון א דונער, דאס פראלענדע לאכען, די פריידיגע אויסגעשרייען, און די שאלענדע ענטציקונג איבער דעם גרויסען שפיעל, איבער דעם טויטען־טאנץ פון ראנגלענדע מענשען — וואס שפיעלט זיך אב פאר זייערע אויגען אויף יענער זייט מויער'ן פון דער גהעטא...

דער טויטען־טאנץ אויף יענער זייט מויערען פון גהעטא האט זיך אנגעהויבען אזוי: ביינאכט האבען נאך די איינוואוינער פון דער גהעטא, וואס האבען געוואוינט אין די אויסגעבאלקענטע קעלערס צוליעב די ענגקייט פון דער גהעטא, געהערט א שונא'דיג אונהיימליך קלאפען אין די ווענד פון זייערע קעלערס. — ווי א פיינד וואלט זיך געוואלט דערשלאגען צו זיי. די איינוואהנער פון דער גהעטא, וועלכע האבען שוין, ווי געזאגט, זיך געמוזט געפינען צוליעב די גזרות פון פאפסט — נישט צו פערגרעסערען דעם רוים פון דער גהעטא — א ארט, וואו אויפצוהאלטען זיך, האבען זיך איינגעגראבען, ווי ערד־ווערים, אין דער ערד, בויענדיג אונטער דער ערד גאנצע קארידארען מיט וואהנונגען

— די איינוואוינער פון די קעלערס האבען געוואוסט וואס דאס אונ־היימישע קלאפען אין די מויערן פון זייערע וואוינונגען בעדייטעט — און ווער עס איז דער פיינד וואס דערנעהענטערט זיך צו זיי. האבען זיי זיך אויפגעכאפט פון זייערע געלעגערס ווי אויפגעריסען פון א שרפה, געכאפט זייערע קינדער, זייערע קראנקע און אלטע לייט, ווער עס האט געקענט. ווער עס האט נאך צייט געהאט, האט געכאפט וואס האט זיך געלאזט אין האנד און זיינע אנטרונען אין די אויבערשטע גע־מעכער צו די שכנים — איינער האט דעם אנדערען צו וויסען געגעבען דורך קלאפען אין דער וואנד, אז עס דערנעהענטערט זיך א איילענדער און א מעכטיגער פיינד: „דאס וואסער קומט“. דער אויסרוף „דאס וואסער קומט“, איז ווי א שרעק איבערגעגאנגען פון איין הויז צום אנדערן. און אויפגעריסען די איינוואוינער פון דער געטא פון זייער טיפען שלאף — צו ראטעווען זיך דאס לעבען. נור דאס וואסער איז פיעל שנעלער געקומען ווי די שרעק. עס האט זיך פלינקער אנ־געכאפט ווי א שרפה, פלוצים אומגעריכטערהייט האט זיך עס אנ־געהויבען צו בעווייזען איבער די פאדלאגעס פון די שטובען, מענשען זיינען אומגעריכטערהייט איינגעזונקען געווארען מיט זייערע בעטען און מעבעל און הויז־זאכען — אין זומפען, מען האט אנגעהויבען צו טרעטען אין טיעפע פייכטע גרונדען, וואס זיינען איינגעזונקען אונ־טער די פיס. עס איז געווען ווי די ערד וואלט פערשוואונדען פון אונ־טער דעם מענשענס טריט. אט זעהט מען זי נאך, נור קוים שטעלט מען דעם טריט אויף איהר, ווערט זי איינגעזונקען... דאס וואסער שטייגערט מיט דעם בליק פון אויג, און עס וואקסט נישט ווי א פייער אין דער הויך, נור עס דאכט זיך, אז עס וואקסט אין דער טיעף... וואס אמאל ווערט עס טיעפער, און וואס אמאל ווערט עס מעהר אונ־היימליכער און שרעקליכער...

אז די אידען האבען געזעהען ווי דאס וואסער וואקסט אונבע־צוימט און אונאיינגעהאלטען, האבען זיי זיך געלאזט אין מאסען מיט א געשריי נאך הילף — שלעפענדיג אויף זייערע פלייצעס קינדער און אלטע לייט — און באנדלעך מיט האב און גוטס — צו דעם טויער פון דער געטא — אבער בחנם האבען זיי געקלאפט אין טויער פון געטא. עס האט זיך נאך יעהערט פון דרויסען די איינזאמע קלינ־

גענדיגע טריט פון די טויערן וועכטער, וועלכע בעוואפענט מיט שפּיציגע האַק־מעסערס האבען זיך ארויף און אראב געדרעהט.

— אין נאמען פון גאט, עפענט אויף די טויערן, מיר טרינקען זיך אין וואסער, — האבען די אידען געקלאַפּט אין טויער.

— קיין בעפעהל נישט — האבען פון דרויסען אבגעענטפערט שטארקע רויהע שטימען — און עס האבען זיך ווידער געהערט די איינזאמע טריט.

די אַלטע לייט האבען עס אנגענומען פאר ליעב — און געווארט אויף א נס. זיי זיינען געווען די ערשטע צו בעהאַלטען זיך אין די אויבערשטע געמעכער פון די הייזער; די יונגע, וואס דאס יונגע לעבען און דאס לעבעדיגע בלוט האט געפאדערט פון זיי רעטונג, האבען געזוכט א פּלאַץ וואו צו אנטרינען. פיעל פון זיי האבען זיך ארויפגעכאַפּט אויף די דיקע מויערן, און פיעלע האבען זיך טאקע אזוי ארום געראטעוועט דאס לעבען. אבער באַלד האבען זיי בעמערקט די טויערן וועכטער, און מיט די שפּיציגע האַק־מעסער האבען די וועכטער געהאקט איבער די קלאמערדיגע הענד, וואס האבען זיך געריסען איבער די מויערן און צוריק געיאגט זיי אין דער גהעטא אריין — און זיי זיינען אנטרונען מיט די אַלטע אין די אויבערשטע געמעכער פון די הייזער — ווארטענדיג אויף א נס.

ווען די רוימישע בעפעלקערונג האט בעלאגערט די מויערן פון דער גהעטא — האבען זיי שוין אנגעטראפען, אז דאס וואסער האט מאיעסטעטיש בעהערשט די גאנצע איינגענומענע אויבערפלאך פון דער גהעטא. איבער פּלאַצע די יודעא האט מען שוין קיין זאך נישט ארויסגעזעהען, נור דעם ראנד פון וואסער ברונען, וואס איז געשטאנען אין מיטען דער פּלאַזאַ. און איבער פּלאַזאַ די טעמפּלאַ האט מען שוין קיין זאך ניט ארויסגעזעהען — נור דאס וואסער האט געוואשען די ווענד פון די דיקע מויערן פון די הייזער, וועלכע זיינען געשטאנען פערהאקט טיר און טויער — און עס האט געזוכט בייזוויליג א שפּאַלט. א לאַך, א עפענונג דורך וועלכע אריינצוקומען אין די שטובען אריין. פון די אויבערשטע פענסטערלעך פון די הייזער, פון די נישעס און ווינקעל עקען, און בריקען, וואס זיינען געלעגען פון איין הויז איבער'ן אנדערען, — מיט איין ווארט, פון יעדע עפענונג, האבען זיך מענשען ארויסגעוויזען מיט שרעקעדיגע פּנים'ער און דארע אויסגעשטרעקטע

הענד. איינער האָט אָוועקגעשטופּט דעם אַנדערן, איין קאָפּ האָט זיך געהויבן איבער׳ן אַנדערן, איין פּנים האָט אַרויסגעקוקט איבער דעם צווייטן — און הענד האָבן געשטיגן איינער איבער די אַנדערע — וואָס האָבן גערופן צו די מענשן אויף די מויערן פון דער גהעטאָ נאָך הילף — מוטערס האָבן איבער די קעפּ געהויבן זייערע קליינע קינדער, און געוויזן פון די פענסטערלעך אַרויס צו די איינוואוינער פון רוים אויף די מויערן, אַז זיי זאָלן ראַטעווען זייערע קינדער. יונגע־לייט האָבן אַבגעטראָגן פון די פענסטער, צוגעלאָזט די אַלטע, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט נאָך הילף צו די מענשן אויף די מויער׳ן — אָבער דאָס געבעט פון די אַלטע, דאָס וויינען פון די מוטערס, און די שרעקענדע שרייענדע אויגן פון די קינדער — האָט נאָר אַרויסגערופן אַלץ מעהר פערוויילונג, אַלץ מעהר אויפרע־גונג און אַלץ מעהר שפּיעל, און עס האָט גערייצט דעם שפּאָט און דאָס לאַכן.

— וויין זיי דעם צלם, זאָלן זיי זיך וואַרפן צו דער ערד, — לאָזן זיי דעם צלם קושען!

פון דאָ און דאָרט איבער דער מויער האָבן פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער מאַנאַכן אויפגעהויבן צלמים — געוויזן צו די אַרויס־שטאַרענדע פון די פענסטערלעך אידישע קעפּ. פון ערגעץ־וואו האָבן אַ גרופּע נאָנען אויסגעשטעלט אַ הייליג בילד — אויסגעצויגן עס צו די אַרויסשטאַרענדע קעפּ, און געוויזן מיט די פינגער אויף׳ן גאָט יעזוס — אַז ער נור אַליין קען זיי העלפן.

אָבער ווי די אידן האָבן דערזעהען די צלמים, די הייליגע ביל־דער, די קירכען פעהנער, וואָס האָבן זיך געצויגן צו זיי, האָבן זיי אַוועקגעבויגן די קעפּ, די אַלטע האָבן פערמאַכט די אויגן, פער־שטעלט זיך די פּנים׳ער מיט די הענד, אַז זיי זאָלן ניט זעהען, די מוטערס האָבן צוריק אַריינגענומען זייערע קינדער, פערשטעלט זיי די פּנים׳ער מיט זייערע טוניקעס און טיכער, אַז זיי זאָלן ניט זעהען די פרעמדע געטער.

— האַרטנעקיג פאָלק, ווי דאָס קעהרט אָב די פּנים׳ער פון גאָט׳ס צייכען, געשלאָגן מיט בלינדענעס איז עס — ווי די הייליגע שריפט זאָגט — האָט זיך אָנגערופן איין מאַנאַך צום אַנדערן.

— דאָס טוט אַלעס דער שטן, און ער לאָזט זיי ניט זעהען גאָט׳ס

געזיכט. פון דער שעה אן וואס זיי האבען אונזער גאט געפייניגט— האט זיך דער שטן בעזעצט אין זיי — און ווען זיי דערזעהען גאט'ס געזיכט — וויינט דער שטן אין זיי — ער לאזט זיי ניט זעהען גאט'ס געזיכט.

— דאס האט זיי די הייליגע מאריע פערשאלטען. ווען מען האט איהר ליעבען זוהן פון קרייץ אראבגענומען, — און זי האט געזעהען די לעבער וואס זיי האבען אין זיינע הענד געשלאגען — האט זי זיי פערשאלטען, אז זיי זאלען זיין ליעב בעזיכט ניט קענען אנקוקען. — די זון דריקט זיי, די זון פייניגט זיי, און זיי קענען ניט אין זיין הייליג געזיכט אריינקוקען אהן שאנד.

— אין וואסער בעדארף מען זיי ווארפען. פערטרינקען זיי ווי די ראטען!

— ווי די ראטען, די ראטען! — האט דער פעבעל געשריען. און דער פעבעל איז דורשטיג געווארען צו מעהר אויפרעגונג, צו מעהר פערוויילונג. עס איז זיי וויניג געווען די שרעק און די פורכט פון די אידישע פנים'ער אויף די דעכער פון די טורמען, אין די פענסטער־לעד פון די קאמער־שטובען. זיי האבען זיי געוואלט זעהען ריכטיג זיך ראנגלען מיט'ן טויט. עס איז זיי לאנגווייליג געווארען דאס אייג־טאניגע שטראמען פון וואסער. זיי האבען נאך קיין מענשען ניט גע־זעהען טרינקען זיך.

— פון די דעכער ווארפען! — פון די דעכער. ווי די ראטען. ווי די ראטען! — האט דער פעבעל געשריען.

באלד האט זיך זייער בלוט־דורשט אנגעהויבען צו זעטיגען. פון די אפענע קעלערען און די אונטערשטע געמעכער האט דאס וואסער אנגעהויבען יעצט ארויסצושווענקען די הויז זאכען — עס האבען אנ־געהויבען צו שווימען איבערן וואסער הויז־מעבעל — טישען, בענק, קאסטענס מיט סחורות, שטיקער קליידער, ספרים, שטיקער פארמעט, און אנדערע שטוב זאכען, דערטרונקענע שטוב־עופות און שטוב־חיות — דאס פאלק איז געווארען אויפגערעגט פאר ערווארטונג, יעדע שטי־קעל מעבעל, יעדע כלי, יעדע שטוב קלייד, וואס האט זיך בעוויזען איבערן וואסער, האט ארויסגערופען נייע געוואלדען — פרייד אויס־געשרייען, און א וויזען מיט די הענד. באלד האט דאס וואסער אנ־געהויבען ארויסצושווענקען אויך מענשליכע גופים, — קליינע קינדער

לייבען, לייבען פון אלטע לייט, — די מענשליכע לייבען האבען אויפ־געפלאמט דאס דארשטיגע בלוט פון דעם רוימישען פעבעל — איבער דער מויער האט זיך געהערט אזעלכע אויסגעשרייען. אזעלכע אויסרו־פען, ווי דאס פעבעל וואלט געווען דערזעהן זייער אויסלייזער, זייער גבור, זייער בעפרייער.

— פרעה'ס ים, גאט האט געבראכט אויף די אידען פרעה'ס ים!

— דער טאג פון גאט'ס נקמה איבער זיינע פיינד!

— לעבען זאל דער הייליגער פאטער פאול דער פערטער. דער געטרייער דינער פון גאט, וואס האט זיך אנגענומען די עולה פון גאט!

— גאט'ס בלוט איז גערעכט געווארען!

דא און דארט האבען מאנאכען געקניעט אויף דער מויער, פער־גלאנצט די אויגען און אבגעריכט א געבעט פאר די אויסגעגאנגענע נשמות, אז גאט זאל זיך מרחם זיין אויף זיי און אריינגעהמען זיי אין זיין הימליש קעניגרייך, און אויסגעשטרעקט די צלמים איבער'ן וואַ־סער, אויף די טויטע שווימענדיגע לייבער...

פונדערווייטענס האט זיך געהערט דאס איינזאמע קלינגען פון א קירכען גלאק, און באלד האט דער עולם געבויגען די קעפ צו דער ערד. די מאנאכען האבען געקניעט און האבען אנגעהויבען צו זינגען קירכען לידער.

אויף דעם מויער פון דער גהעטא האט זיך בעוויזען אין א טראג שטול דער הייליגער פאטער, אנגעטאן אין שארלאך רויטען. בעגלייט מיט א סוויטע פון קארדינאלען און אנדערע הויכגעשטעלטע לייט פון דער קירכע. אויף דעם מויער איז פאר זיי אויפגעשטעלט געווארען פון בעגינען אן א געשטאנד, וואס איז בעפוצט געווארען מיט בראַ־קאדען און אנדערע טייערע שטאפען, אז דער הייליגער פאטער זאל קענען זעהען אלצדינג, בעאבאכטען וואס עס טוט זיך אין דער גהעטא. דער פעבעל האט זיך איינגעשטילט ביים אנבליק פון הייליגען פאטער, און אלע האבען אבגעווארט מיט הארץ־קלאפונג און דורשטיג פון נײַ־געריגקייט וואס דא וועט זיך טאן.

די אידען אין די טורמעס, אין די פענסטער, אויף די בריקען, דערזעהענדיג דעם „הייליגען פאטער", זיינען פלוצים ארויס מיט א גרויס געוויין און א געשריי, — האבען ארויסגעשטעקט דורך די פענס־טערלעך די ספרי־תורות, מוטערס האבען ארויסגעצויגען זייערע קינדער

און אנגעהויבען צו בעטען, שרייענדיג פון די פענסטער און קאמערס מיט א גרויס געוואלד:

— איז נאמען פון גאט, ראטעווע אונז, ראטעווע אונז!

— עפענט אויף די טויערען! מיר טרינקען זיך מיט ווייב און קינד!

אלע האבען געקוקט אויפ'ן „הייליגען פאטער", נור דאס געזיכט פון פאבסט איז שווארץ געווען און שווייגענדיג און די קנייטשען אין איהם האבען זיך געכמורעט, ווי אין א שטורמדיגען ים, זיינע אויגען האבען געשיינט צו דרימעלן. אזוי זענען זיי איינגעזונקען און פערטרונקען געווען אין די שטורמדיגע קנייטשען פון זיין שווארץ שווייגענדיגעם געזיכט.

## קאפיטעל 6.

# דער נס.

באלד האט דער פעבעל פון רוים געקראגען דאס וואס ער האט געוואלט.

די אידען, צי זיי זיינען געווארען ארויסגעטריבען פון וואסער, צי צוליעב די האפנונג, וואס זיי האבען זיך איינגערעדט, אז אין דער אנוועזענהייט פון היילינען פאטער וועלען זיי גיכער געראטעוועט ווערען, האבען זיך פלוצלונג ארויסגעלאזט פון זייערע הייזער, געשפרונגען פון די פענסטער אין וואסער, און אויפהויבענדיג זייערע קינדער און אלטע לייט איבער די קעפ, האבען זיי זיך געלאזט געהן אין וואסער. דאס וואסער איז געווען הויך, ביי א טייל האט עס דערגרייכט ביז'ן האלבען לייב, ביי אנדערע ביז צו די העלזער. אבער זיי זיינען געגאנגען. עס זיינען געגאנגען מוטערס מיט די קינדער אויף די קעפ; פאטערס, וואס האבען געטראגען זייערע קינדער אין דער הויך. אנדערע האבען געטראגען אין דער הויך ספרי תורות, אנדערע — אלטע לייט. אנקומענדיג צו דער זייט פון מויער, אויף וועלכער ס'איז געזעסען דער „היילינער פאטער". האבען זיי אויסגעשטרעקט צו איהם די ספרי תורות מיט די קינדער, און אנגעהויבען זיך בעטען ביי איהם:

— עפען אויף די טויערען פון דער גהעטא, מיר ווערען דערטרונקען.

— אין נאמען פון גאט, ראטעוועט אונז!

— מיר זיינען אלע בירגער פון רוים. די פאבסטען האבען אונז שטענדיג גענומען אונטער זייער שוץ.

דער פאבסט האט אויסגעהערט זייער געבעט, און זיצענדיג אין זיין שטוהל, האט ער אויפגעהויבען זיין פינגער מיט'ן רינג צום גובער־

נאטאר פון רוים, וואס איז געוועזן מיט איהם אין דער סוויטע, אז ער זאל די אידען בעהיטען.

דער גובערנאטאר האט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ און זיך אנ־גערופען צו די אידען:

— דער הייליגער פאטער האט ניט געקענט רוהיג איינזיצען אויף זיין פלאץ. הערענדיג פון דעם גרויסען אונגליק, וואס האט געטראפען די אידישע געטא, און איז געקומען אייך העלפען. ניט דערפאר, ווייל איהר האט עס פערדיענט, נור דערפאר, ווייל גאט האט געהייסען ליעב האבען אונזערע פיינד — האט דער גובערנאטאר געזאגט.

— מיר האבען געוואוסט, אז דער הייליגער פאטער וועט רחמנות האבען אויף אונז — האבען די אידען ארויסגעשאלט מיט א שטורם פון פרייד פון וואסער ארוים.

— די טויערען פון דער געטא קען מען ניט עפענען — האט דער גובערנאטאר ווייטער געזאגט — דאס וואסער וועט ארוים פון דער געטא און פערטרינקען די שכנישע געסלעך, און קען נאך שאדען ברענגען צו דער הייליגער קירכע פון סט. אנגעליקא.

— וואס דען? האב רחמנות, הייליגער פאטער, אויף אונזערע קינדער! מיר טרינקען זיך דאך אין וואסער.

— איהר טרינקט זיך ניט, איהר טרינקט זיך ניט — האט זיך דער גובערנאטאר פון רוים נאכגעקרימט, צום פרייד און צום לאכען פון גאנצען רוימישען פעבעל אויף דעם מויער, וואס האט אבגעקלונ־גען פון דער מויער אין א ווילדען ווידער־קול — דער הייליגער פא־טער האט שוין בעפוילען, און פינף הונדערט קריסטליכע סאלדאטען ארבייטען פאר אייך, פערשאלטענע אידען. פערפעסטיגען צוריק די דאמבעס, וואס דאס וואסער האט צושטערט. אין א פאר שטונדען ארום ערווארטען מיר, אז דאס וואסער זאל אנהויבען אבצופאלען.

— מיר וועלען דאך אלע ביז דאן דערטרונקען ווערען — האבען די אידען געוויינט.

— איהר וועט ניט דערטרונקען ווערען — האט ווידער דער גובערנאטאר נאכגעקרימט די נאקעטע מאסע אידען. און דער פעבעל אויף דער מויער האט ווידער אפגעשאלט מיט א ווידער־קול.

און באלד האבען שווייצארישע סאלדאטען מיט די לאנגע האק־פיקעס אוועקגעיאגט די אידען פון דער מויער. די אידען האבען גע־

ווענדעט זייערע אויגען צום הימעל, און ניט געוואוסט וואס צו טאן. עס זיינען דארטען געווען פערשיעדען־יעהריגע אידען, מענער און פרויען. זיינען זיי געשטאנען האלב נאקעט מיט נאסע קליידער. ביי פיעלע האט זיך געזעהן די בעהארטע ברוסטען, קרומע פלייצעס, איינגעבויגענע קעפ מיט שרעקעדיגע אויגען פאר'ן פחד פון טויט. די בעוואקסענע פנים'ער, ארויסקוקענדיג פון וואסער, האבען געברייצט צום לאכען. און דער פעבעל האט געזעטיגט זיין פערוויילונגס־הונגער און לאד־רייץ אין די קאמיש־פערקרימטע, וויינענדיגע מענער און פרויען. א טייל פון זיי האבען זיך שוין ניט געקענט האלטען אויף די פיס. דאס וואסער האט זיי געצויגען אין זיין שטראם ווי שפענדלעך האלץ און געשלעפט זיי נאך זיך. איבערהויפט זיינען די ווייבער געשלעפט געווארען מיט'ן שטראם. דאס וואסער האט אראפגעשלעפט פון זיי דאס לעצטע שטיקעל העמד אדער קלייד און ענטפלעקט די נאקעטע לייבער. די טארבענדיגע ברוסטען ביי די אלטע פרויען, די איבערגעיורטע אלטע איינגעשרומפענע קערפערם פון די אלטע אידען, וואס האבען אויסגעהאלטען די הארטע צייט פון פערשיעדענע יסורים און צרות, האבען ערוועקט שפאט און חוזק ביים פעבעל. אנשטאט רחמנות, האט די שוואכקייט און די אונבעהאלפענקייט פון די האלב נאקעטע מענשען נור ערוועקט א געפיהל פון קאמיזם און פעראכטונג, און דער פעבעל איז אנגעשטעקט געווארען מיט א לאד־רייץ און א טרייב־שפיל. זיי האבען פערלארען יעדען מענשליכען אינסטינקט, יעדען געפיהל פאר לעבעדיגע וועזענס. זיי האבען נור געזעהען אין די קאמישע פיגורען, וואס שפרייזען ארום אין וואסער מיט שרעקענדיגע אויגען און זוכען אן אויסוועג צו ראטעווען זייערע לעבענס, שטאף פאר זייער לאד־רייץ, ווי הינט, קעץ אדער ראטען וואלטען אין וואסער זיך געטרונקען. און דער לאד־רייץ האט אנגעשטעקט אלעמען, ארעם און רייך, פעבעל און אריסטאקראטיע. עס האט געלאכט קארדינאל און ארטיזאן, מאנאך און סאלדאט, נאנע און פראסטיטוטקע — אלע, אלע זיינען זיי פערכאפט געווארען פון'ם שפיעל, וואס איז פאר זייערע אויגען. אלע, אלע, פון „היילינגען פאטער", ביז צום לעצטען לאנדס־קנעכט, האבען זיך אמוזירט, געוויילט, געלאכט פון טויטען־טאנץ, וואס דער מלאך המות טאנצט פאר זיי. אלע פנים'ער זיינען אויפגערייצט, אויפגע־

קאכט געווארען. אויגען האבען געשיינט, מיילער האבען געלאכט, הענד האבען געפּוכערט. די סינארען מיט זייערע וועלען שאלען, די סינארינען מיט זייערע טיכער, די מאנאכען מיט זייערע קירכען־פּעה־נער, די לאנדס־קנעכט מיט זייערע שפּיזען — אלעס האט געלאכט, געלאכט, געלאכט...

— זעהט דעם רויטען אַט דארט, מיט די רויטע בארד, זעהט זיין רויט בעהארטע ברוסט — זעהט, זעהט — ער וואקעלט זיך ווי א שכור.

— שיכור פון וואסער: ער האט גענוג געטרונקען היינט.

— ווענערא, דו שעהנע געטין! בעדארפסט בעטען דעם פּאבסט, ער זאל דיר איהם שענקען. דו וועסט איהם אויסשטעלען אלס פּאן אין דיין לוסט־גארטען, דו וועסט זיין די איינציגע ווענערא, וואס וועט האבען א רויטען פּאן. די געטער וועלען דיר מקנא זיין — האט גע־זאגט דער קארדינאל פּערנעסע צו די שעהנע קורטיזאנקע אימ־פּעריא, וואס האט בעהערשט מיט איהר סוויטע און צוג פון ליעב־האבער און ליעבהאבערינען איינעם פון די אנגעזעהענסטע ערטער אויף דער מויער פון דער גהעטא.

— אזא גליק וואלט איך דעם אידען גארניט פערגונען, צו שטעהן אין ווענערעס גארטען און צוזעהן ווי ווענערא באדט זיך יעדען פריה־מארגען צווישען די צווייגען אין דעם קוואל פון די „ליעבעס־וואסע־רען“. אה, איך וואלט זיך באלד געביטען מיט איהם פלעצער — האט זיך אבגערופען דער יונגער פלארענטישער געזאנדטער צו די שעהנע אימפּעריא, אויף וואס די שעהנע קורטיזאנקע האט איהם געשאנקען דעם קלענסטען נעגעלע פון איהר קלענסטען פינגערל צו קושען, פאר דעם קאמפּלימענט וואס ער האט איהר געמאכט...

— זעהט, זעהט דארט יענעם מיט דעם דיקען בויך. ער וואקעלט זיך שוין אויף די פיס. בעאבאכטעט נאר א מינוט און זיין פּליכע־וואטער קאפּ וועט באלד פערשוואונדען ווערען אונטער׳ן וואסער, ווי א פולע לבנה — האט געלאכט און געוויזען מיט די הענד איינער צום אנדערען אין אן אנדער גרופּע.

— א שאד, אזא פעט לייב וועט פערלארען געהן — האט געלאכט א צווייטער.

— וואס קענסטו טאן דערמיט?

— עס וואלט געווען א גוטער ווערים־שטאף פיש צו פאנגען.
און א לאכען האט אבגעשאלט פון דער מויער איז וואסער אריין.
— קוקט, קוקט נור, זעהט, זעהט, ווער שווימט עס דארט?
— וואס איז דאס?
— ווער איז דאס?

איינציגוויים האט דאס לאכען אנגעהויבען איסצושטארבען — און א שרעק און א אונפערשטענדליכקייט האט פערנומען זיין פלאץ.
— די מענשען אויף דער מויער זיינען פערכאפט געווארען פון דעם בילד פאר זייערע אויגען. זיי זיינען פערשטילט און פערציטערט געווארען פון דער שעהנהייט, וואס האט זיך פאר זייערע אויגען בעוויזען.

פון א געסעל איז ארויסגעשוואומען אויף א ברעט, צי אויף א שטיק מעבעל, א יונגע פרוי. ביי איהר צופוסען אויף עפעס א שטיק שטאף איז געלעגען אן אלטער גרייז־גרויער מאן. די פרוי איז געווען כמעט ווי נאקעט. דער בלויזער געלער טוניק, וואס איז געווען איבער איהר לייב, איז נאס געווען און האט זיך אראבגעגליטשט פון איהרע הענט און רוקען, און עס איז ענטפלעקט געווארען א רייצענדע, אבגע־רונדעטע פלייצע, וואס האט זיך געפארעמט איידעל און רונדיג און איז אראפגעפאלען ווי א קאלטער וואסער־פאל מיט א לייכטער שווע־בענדער ליניע. איהר אויסגעקנעטער מוסקולירטער רוקען האט זיך געשיינט אין דער זון ווי א ברענענדיג פייער און געשפיעלט מיט זיינע מוסקולען, ווי ער וואלט געשמייכעלט. איהרע פולע, געטאקטע שווארץ־לויכטענדע האר זיינען ווי וואסער־פאלען געפאלען איבער איהר לייב און פערשטעלט איהרע געטורעמטע, קערענדיגע, שפראצענדיגע יונגע ברוסטען, פון וועלכע מען האט נור ארויסגעזעהן ווייסע פלעקען צווי־שען די האר, ווי זונען־שטראהלען, וואס ברעכען זיך דורך, דורך א געוועב פון געדיכטע פערבלעטערטע צווייגען... זי האט ניט געבעטען. זי האט ניט אויפגעהויבען די הענד צום פעבעל נאך הילף, נור אזוי ווי שעמענדיג זיך פאר איהר נאקעטקייט, האט זי געהאלטען איהר קאפ אראפגעבויגען איבער איהר ברוסט, און קניענדיג געקוקט מיט רחמנות אויף דעם אלטען מאן וואס איז געלעגען ווי א קרבן, ווי א געפייניגטער צו איהרע פיס. און איהר פנים, איהר גאנצע פיגור האט אויסגעדריקט אזוי פיעל מיטלייד, אזוי פיעל צער און טיעפען וועהטאג. אז דער פעבעל איז עפעס פערשעהמט געווארען ביי זיך, פאר דעם

גאנצע שפיעל, פאר אלצדינג וואס עס טוט זיך דא. איינציגווייז זיינען אויסגעלאשען געווארען די געשרייען, דאס לאכען, דאס רוישען, און שטיל איז געווארען איבער דער מויער.

דער רוימישער פעבעל וואס איז פון שטענדיג אן געוואוינט גע־ווארען צו זעהן אין די שעהנהייט די געטליכקייט, האט אין דעם בילד פון דער פרוי דערזעהן עפעס א הימלישעס וועזען. ס'האט זיך זיי געדוכט, אז זיי האבען שוין ערגעץ וואו דאס בילד געזעהן, און אויף פיעלע פון זיי האט דאס בילד געווירקט ווי א מיראזש, ווי עפעס ניט נאטירליכעס. עס האט זיך זיי געדאכט, אז עפעס א װאונדער־זעהונג שיינט פאר זייערע אויגען.

די נאקעטקייט פון דער פרוי, איהר בליק מיט צער, און איהר בויגזאמער קערפער, וואס האט איין זיך געהאט דעם צניעות'דיגען שמיי־כעל פון איהר פנים, האט עפעס אנגעשטעקט מיט פרומקייט, מיט חרטה. מען האט שוין ניט געזעהן די שווער־פאליגע אידען. מען האט שוין ניט געלאכט פון די נאקעטע ווייבער אין וואסער. פערקעהרט, דאס בילד פון די אידען מיט זייערע ספרי תורות אויף די הענד, די אלטע פערקרימטע ווייבער מיט די קינדער אויף די הענד, זייער גע־וויין, זייער בעטען זיך האט גאר געקראגען דורך די שווימענדע נא־קעטע פרוי א גאנץ אנדער רייץ. עס איז געווארען ווי אן ערשיינונג פון א ביבלישער סצענע, ווי עפעס א גרופע פון הייליגע געהען דורך א ים און פאראויס געהט די הייליגע מוטער. „די מוטער אין רחמנות“.

דא און דארט האט מען שוין געהערט א מורמלען פון פעבעל, וואס איז דורכגעגאנגען דורך דער מויער, ווי א שטילער ווינד:

— ראטעוועט!

— מענשען טרינקען זיך!

— א שאנד פאר גאט!

— זינד! זינד!

פלוצלונג האט זיך אימיצער בעוויזען אין וואסער. טיעף ביז צום האלז איז ער געגאנגען אין וואסער. א הויכער איז ער געווען. פון א גאס איז ער אנגעקומען און איז צוגעגאנגען צום שווימענדיגען ברעג. אויף וועלכען ס'איז געווען די נאקעטע פרוי מיט'ן אלטען מאן. און אנקומענדיג נאהענט צו זיי, האט ער פון אונטער דעם וואסער ארויס־געשטעקט א הויכען אייזערנעם צלם מיט א קריסטוס אנגעקלאפט אויף

איהם און ער האָט דעם צלם אויפגעהויבען אין דער הויך איבער די קעפּ פון די נאַקעטע אידען, און געוויזען צום פּעבעל אַרום דער מויער מיט'ן האַנד אויפ'ן צלם.

אַ שרעק איז בעפאַלען דעם פעבעל אַרום דער מויער. דאַ און דאָרט האָבען זיך שוין גרופּען מאַנאַכען אַראָבגעלאָזט אויף די קניע איבער דער מויער, און עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ הויך קירכען-געזאַנג, וואָס האָט אָבגעשאָלט ווייט און ברייט איבער דער מויער, איבער'ן וואַסער, איבער דער געטאָ, איבער גאַנץ רוים:

— די הייליגע מוטער שווימט, „די מוטער אין רחמנות“.

— קריסטען-פאָלק, זעהט! זעהט! גאָט'ס מוטער שווימט!

פון אַלע זייטען האָט מען געקוקט אויפ'ן שטאַנד, אויף וועלכען עס איז געזעסען דער „הייליגער פאָטער“ מיט זיין סוויטע. פּאָול דער פיערטער האָט זיין פּנים פערשטעלט מיט זיין רויטען מאַנטעל און ניט געוואָלט זעהן.

און מיט אַמאָל האָט עס אויסגעבראָכען ווי אַ שטורעם. פון דאַ און דאָרט האָבען זיך הענד אויפגעהויבען און געוויזען צום „פּאַבסט“. און אַ מורמעל איז געגאַנגען:

— ראַטעווען!

— די טירען פון דער געטאָ עפענען!

— ראַטעווען! ראַטעווען!

— זינדיגער — האָט אַ מאַנאַך געוויזען מיט'ן צלם אויפ'ן פּאַבסט.

— אַנטי-קריסט!

— דער טייפעל זיצט אויף קריסטוס'עס טראָן!

— אַנטי-קריסט!

מיט די העק-שפּיזען און שטאַבערס האָבען די שווייצאַרישע זעלנער געמאַכט פּלאַץ פאַר'ן פּאַבסט, צוריקגעטריבען די צורייצטע מאַסע, און פּאָול דער פיערטער איז פערשוואונדען מיט זיין סוויטע פון דער מויער פון דער געטאָ. אַזוי זיינען איינער נאָכ'ן אַנדערען פערשוואונדען די קאַרדינאַלען, די קורטיזאַנען, די סענאַרען, די הויכע קירכען-דיענער און געוועלטיגער פון רוים און דער וועלט, איבערלאָזענדיג די פאַרבען-רייכע טאַפּעסטרייען און טעפּיכען איבער דער מויער פון דער געטאָ פלאַקערען זייערע פאַרבען אין דער זון.

אויפֿגעפּראַלט זיינען געוואָרען די טויערען פֿון דער געטאָ, אויפֿגעשפּרונגען זיינען די טירען און דאָס וואַסער פֿון דער געטאָ האָט אַרויסגעשטראָמט. און עס האָט זיך געראַכט. אַז דאָס געהט פערפלייצען רוים!

### קאַפּיטעל 7.

## די לעגענדע.

איבער רוים האָט זיך פֿערשפּרייט אַ לעגענדע, אַז די הייליגע מור־טער האָט זיך בעוויזען אויף דער ערד. זי האַלט זיך אויף ערגעץ צווישען די אידען אין דער געטאָ, און זי האָט דאָס געראַטעוועט, צו־ליעב עפּעס אַן אונפערשטענדליכען טעם און אונבעוואוסטען צוועק, די אונגלויביגע פון אונטערגעהן. אין דער געטאָ האָבען זיך אַראָבגע־לאָזט מאַנאַכען פון פערשיעדענע אָרדענס, נאָנעס און פרומע קריסטען, און האָבען פערשטעלטערהייט געוואָרפען בליקען אין די געוועלבער, אין די פערמאַכטע הייזער, טאָמער וועלען זיי דערזעהן יענע, צו וועל־כע זיי בעטען, אין וועמעס הענד עס געפינען זיך די שליסלען פון דער און יענער וועלט, און וואָס האָט בעוויליגט צו זיין אַ טאָכטער פון דעם פערשאָלטענעם פאָלק און צוריקקומען און אויפהאַלטען זיך ביי דעם פאָלק.

בחינם האָבען די קאַרדינאַלען און די ביסקופּען בעפוילען די גלחים, אַז זיי זאָלען דאָס פאָלק אויפקלעהרען אין די קירכען, אַז עס איז נור געווען אַ כשוף־מאַכעריז, וואָס האָט זיך בענוצט מיט'ן שטן'ס מאַכט און האָט אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון דער הייליגער מוטער, כדי אָבצונאַרען דאָס קריסטען־פאָלק. עס האָבען זיך זאָגאַר געפונען עדות, וואָס האָבען עדות געזאָגט אין די קירכען פאַר'ן פאָלק, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן, ווי די פרוי, וואָס האָט געשוואומען אויפ'ן ברעט, האָט אַרויסגעוויזען פון אונטער'ן קלייד ציגען־פיסלעך. אַנדערע וויע־דער האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען געזעהן אין דער אידישער געטאָ אַרויסגעהענדיג פון אַ הויז אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַט הערנער אויפ'ן קאָפּ. דאָס פאָלק איז אָבער געווען צופיעל אונטער דעם איינדרוק פון

דעם בילד וואס זיי האבען געזעהן, און די לעגענדע וועגען די הייליגע מוטער האט זיך פערשפרייט אין פעבעל.

דער פעבעל פון רוים האט שטענדיג געגלויבט, אז אין דער געטא האלטען זיך אויף בישוף־מאכערינס און מכשפות, אז די אידישע פרויען האבען איין־האנד געשלאסען מיט'ן שטן, און דער שטן גיט זיי די מאכט, און לערענט זיי אוים ווי אזוי שטענדיג יונג צו בלייבען, ווי אויפצוהאלטען די פרישקייט פון זייערע קערפערס און די יונגקייט פון זייערע געזיכטער, צו פארבען זייערע האר אין וועלכע קאלירען זיי ווילען. און זיי קענען מיט אזעלכע געטראנקען איינפלאנצען אין יעדען מאנ'ס הארץ ליעבע און איהם אונטערטעניג מאכען. עס דערצעהלען אונז די כראניקעס פון יענער צייט, אז די שעהנסטע קורטיזאנען פון רוים פלעגען אראבקומען אין דער געטא אריין און אויסלערנען זיך ביי די אידישע פרויען דאס געהיימנים פון שטענדיג יונג בלייבען, וואס זיי, די אידישע פרויען, האבען עס בעקומען דירעקט פון שטן.

נאר דער פעבעל האט אבער געגלויבט, אז דער שטן האט נור א מאכט איבער דעם מענש און אלעס וואס געהט אן דעם מענשען, זיין גליק, זיין גרויסקייט, זיין הערשאפט — איבער דאס אלעס קאן דער שטן האבען זיין האנד. אבער ער קאן ניט האבען קיין שליטה איבער די הייליגקייט און איבער די געטליכקייט; אז קיינמאל קאן זיך דער שטן ניט פערשטעלען פאר גאט. דורך דעם האט ניט געהאלפען קיין אנשטרענגונג פון דער קירכע איינצורעדען דעם פעבעל, אז דאס האט דער שטן געראטעוועט די אידען. דאס, וואס די געשטאלט פון דער הייליגער מוטער האט זיך אליין בעוויזען, האט דעם פעבעל געשטארקט אין זיין גלויבען, און די לעגענדע פון דער „הייליגער מוטער" אין דער אידישער געטא האט זיך פערשטארקט ביים פאלק געגען דעם ווילען פון די גלחים און געגען דעם אינמעכטיגען צארן פון דער קירכע...

— אפילו אזא הייליג וועזען איז אויך אונטערוואורפען אונטער אלע שוואכקייטען פון פשוט'ען מענש. געזעהן אז מען פייניגט איהרע אייגענע, איז זי געקומען זיך אננעהמען — האט דאס פאלק גערעדט אין די קירכען.

— ס'איז קיין וואונדער ניט, בלוט רוהט ניט, און מעג עס אפילו

רינען אין די אדערען פון דער הייליגער מוטער, ציהט עס צו זיין אייגענס.

— יעדען ציהט צו ס'זייניגע.

— און איך זאג, אז מען דארף פארזיכטיג זיין מיט די „פערשאלטענע”, כאטש פערשאלטענע, פערשטויסענע, אבער עס האט א צו שטארקען צד אין הימעל. און דער געקרייציגטער אליין, כאטש ער איז א גאט'ס זוהן, איז פריהער פון אלץ א איד. און ווי ער זאל זיי ניט פערלייקענען, דערזעהט ער אבער, אז מען פייניגט זיי, גיט עס איהם א שטאך.

— און זי — א אידישקע, און כאטש זיי האבען איהר זוהן געקרייציגט, קאן זי זיך אלץ ניט בעפרייען פון זיי, פונקט אזוי ווי א שנור אין שווער'ס הויז ווערט שטענדיג האלטען מיט איהרע ברידער...

— האט א פרוי צוגעלעגט...

די קירכע האט געזעהען די געפאהר אין די רייד פון פאלק, און האט אויפגעפאדערט די אינקוויזיציע אויסצוגעפינען די כשוף־מאכערין און זי צו פערברענען עפענטליך. מעהר האט די אינקוויזיציע נישט בעדארפט. יעדען אבענד זיינען די שומרים פון דער אינקוויזיציע בעפאלען די געטא. מען האט ארויסגעשלעפט פון די הייזער פרויען און מיידלעך און געצוואונגען זיי דורך טארטורען מודה צו זיין, אז זיי שטעהען אין פערבינדונג מיט'ן שטן. מען האט שוין געהאט פערברענט עפענטליך אין רוים אייניגע כשוף־מאכערינס. נור קיינמאל האבען זיי ניט געפונען די ריכטיגע, און זיי האבען ניט געקאנט אויסראטען די לעגענדע וועגען די הייליגע מוטער אין דער אידישער געטא פון מויל און געדאנק פון פאלק...

---

דער יונגער ווענעציאנער מאהלער פאסטילא, וועלכער איז אייגענטליך געווען דער גאנצער שולדיגער אין די רעטונג פון די אידען האט דערווייל גענומען דעם בלינדען אידען מיט זיין שעהן אייניקעל און ארויסגעפיהרט פון דער געטא, און זיי בעהאלטען אין א לעדיגען קלויסטער. אין וועלכען ער האט געהאלטען אין מאהלען פרעסקאס פון אלטען און נייעם טעסטאמענט פאר די נאנעס פון הייליגען ארדער

סט. אנטאָניוס. דער קלויסטער „דאָס הייליגע הארץ" איז געלעגען אָבגעלעגט אין אַ פערוואָרפענער גאַס ארומגערינגעלט מיט אַ גרויסען פּאַרק און ארומגעצאַמט מיט אַ הויכען מויער. אין דער קאַפּליצע, וואו פּאַסטילאַ האָט געמאָהלען זיינע פרעסקאָס, איז געווען אַ געהיי־מער אריינגאַנג, צו וועלכען ער האָט געהאַט די שליסלען און דאָרט האָט ער געהאַלטען פערבאָרגען זיין אוצר. יוסף פּינזי, זייער לאַנדס־מאַן און פריינד, ביי וועמען דער בלינדער ר' יעקב האָט זיך געהאַט אויפגעהאַלטען, איז צוריקגעגאַנגען אין דער געטאָ, נור די געטאָ איז שוין ניט געווען זיכער. די אידען, וועלכע עס איז געוואָרען אונער־טרעגליך דאָס לעבען אין רוים אונטער דער הערשאַפט פון פּאַול דעם פיערטען, האָבען געזוכט עצות ווי צו אנטרינען פון רוים נאָך אַר־באַנאַ, וואו דער פירשט האָט זיי געהאַט איינגעלאַדען צו בעזעצען זיך אין פּעזאַוא, אויף צו להכעיס דעם פּאַבסט.

פּאַסטילאַ האָט זיי צוגעזאָגט, אז ער וועט דעם אַלטען ר' יעקב מיט זיין טאָכטער ברענגען קיין ווענעדיג. בעפאָר זיי האָבען זיך גע־שיידט פון יוסף פּינזי, וועמען אייגענטליך זיי האָבען גערעכענט פאַר זייער אייגענעם, האָבען זיי געהאַט אָבגעמאַכט צווישען זיך, אז זיי זאָלען זיך אַלע טרעפען אין אנקאָנאַ, דעם נאָהענטסטען האַפען פון רוים. פון דאָרט וועט פּאַסטילאַ פאַר זיי שאַפען אַ ווענעציאַנער שיף, וואָס וועט זיי אַלעמען אריבערפיהרען קיין ווענעדיג. און פון ווענעדיג האָבען זיי געהאָפט צו פאָהרען אויף איינע פון די טערקישע שיפען, וואָס געהערען צו אידען און וואָס זיינען דאַמאָלס געווען אין אַ שטענ־דיגען פערקעהר צווישען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ווענעדיג. אריינצו־פאָהרען אין דעם סולטאַנ'ס מדינה, וואו די אידען און די מאַראַנען לעבען אין עושר און אין כבוד, און וואו זייער לאַנדספרוי און אָנגעזע־מעריז, די גרויסע גביר'טע גראַציאַ מענדעסאַ מיט איהר איידעם יוסף נאַסי זיינען דערגאַנגען צו גרויס גדולה און ממשלה אין סולטאַנ'ס הויז. יוסף פּינזי, דער פערוואַלטער און אַגענט פון דעם הויז מענדעסאַ אין רוים, האָט געהאַט גרויסע פערמעגענס אין זיידענס־שטאָפען און אין יואַווועלען און טייערע שטיינער, וועלכע ער האָט געדאַרפט אַי־בערפיהרען מיט זיך פון רוים קיין ווענעדיג. קיינע וועגען זיינען דאַ־מאָלס ניט געווען אין איטאַליען. דער איינציגער מיטעל אריבערצו־פיהרען סחורות איז נור געווען דורכ'ן וואַסער און דורך פּאַק־אייזלען

אויפ׳ן טרוקענעם וועג און בעגלייט מיט שומרים און פעלד־רייטערס. און די וועגן זיינען געווען אין סכנה, און פאר א אידען מיט א פער־מעגען וואלט עס געווען א זיכערער טויט. פינזי האט אבער געמוזט איבערפיהרען זיינע סחורות אויף פאק־אייזלען פון רוים קיין אנקאנא. און ערשט אין אנקאנא איז ער געווען אין סכנה דערקענט צו ווערען פון דער אינקוויזיציע און פערברענט צו ווערען און זיין פערמעגען קאנפיסקירט צו ווערען. זיי האבען געמוזט די רייזע מאכען אין גע־היים, אונטער אנדערע נעמען, אלס ווענעציאנער סוחרים, און פאס־טילא האט זיי צוגעזאגט, אז ער וועט זיי שאפען ווענעציאנער קליי־דער און צייגניסע, אז זיי שטעהען אונטער דער שוץ פון די ווענע־ציאנער רעפובליק.

עס איז זיי אייגענטליך ניט קלאהר געווען די בעציהונגען פון פאסיטילא צו זיי: פארוואס ער שטעלט זיך איין פאר זיי, פארוואס ער טוט דאס אלץ פאר זיי. און כאטש עס איז דאמאלס ניט געווען קיין זעלטענהייט, אז איינצעלנע קריסטען זאלען שטעהן אין זעהר נאהענטע פערבינדונגען מיט אידען, דאך האט דער אלטער ר׳ יעקב, וועמעס איינציגער גליק איז געווען זיין אייניקעל יעפתה, און זיין איינציגער צוועק אין לעבען איז געווען אבצוהיטען זיין אייניקעל, די טאכטער פון זיין געליעבטען זוהן יוסף, וואס איז פערברענט געווארען אויף קידוש השם אויפ׳ן פייער פון דער אינקוויזיציע אין ליסבאן, האט זיך פאר עפעס געשראקען. אין דער אנוועזענהייט פון פאסטילא פלעגט דער אלטער האלטען דער מיידעל׳ס ווייסע האנד אין זיינע, ניט אראבנעהמענדיג זיין צווייטע ציטערענדע האנד פון איהר אקסעל, ווי מורא האבענדיג פאר עפעס, אבער פאסטילא׳ס אויפריכטיגקייט אין דעם טאן פון זיין רעדען און זיין איינגעהאלטענקייט און עהרליכקייט אין זיין בעציהונג צו זיי, און דער עיקר דאס, וואס ער האט איינגע־שטעלט זיין לעבען פאר זייער רעטונג — דאס האט אפילו אינ׳ם אל־טען ר׳ יעקב איינגעפלאנצט א צוטרויען און א גלויבען צום פרעמדען. און ער האט זיך פערלאזט אויף איהם.

און, ווייטער, איז דאך ניט געווען קיין אנדער זאך צו טון, ווי נור אנצונעהמען פאסטילא׳ס הילף. די אינקוויזיציע האט געמאכט א געיעג אויף דער געטא. יעדען אבענד איז מען בעפאלען אנדערע אידישע הייזער און ארויסגעשלעפט יונגע ווייבלעך און מיידלעך, וועל־

כע האָבען געהאַט פרומע געזיכטער און צניעות'דיגע אויגען. וואָס האָבען נור מיט עפּעס דערמאַנט אַז יענער געשטאַלט, וואָס האָט זיך געהאַט בעוויזען אויפ'ן וואַסער, און זיי געוואָרפען אין די טאָרטור־קערען פון דער אינקוויזיציע און געצוואונגען זיי מודה צו זיין. דורך כל'ערליי מינים יסורים, אַז זיי האָבען געקראָגען זייער שעהנקייט פון שטן און זייער איידעלען אויסזעהן דורך כשוף. און דערנאָך האָט מען זיי עפענטליך פערברענט אויף די גאַסען פון רוים.

## קאַפּיטעל 8.

# דאָס דאַפּעלטע האַרץ.

אין דער קאַפּליצאַ פון קלויסטער „דאָס הייליגע האַרץ", וואו פּאַסטילאַ האָט געמאָהלען זיינע פרעסקאָס — האָט אין די פאַרנאַכ־טען דורך דעם טיעפען בלאָהען און גאָלד, מיט וועלכע קאָלירען עס זיינען געווען אויסגעזעצט די פיגורען פון די הייליגע אין די פענסטער פון קלויסטער — אַריינגעדרעמעלט א וואַרימע צימרענט ליכט, וואָס האָט ווי א וואָלקען פון שטויב געהויבען זיך אין דער לופט פון דער קירכע. צוויי שטויב־זיילען, וועלכע האָבען אַרויסגעשיינט דורך די אויגען פון די הייליגע, ווי אויס טיעפע קוואַלען, זיינען געפאַלען דורכ'ן חלל פון קלויסטער, איבערגעוואָרפען זיך פון איין עק קלויסטער צום אַנדערען, און האָבען אין זייער וועג בעלויכטען מיט א מאָדנע אונ־היימליכע ליכט די פּאַטריאַרכען, די נביאים, די אַפּאָסטאָלען און די הייליגע, וואָס האָבען אַראָבגעקוקט פון די ווענד, פון פּאַסטילאַ'ס פרעסקאָס. אין א ווינקעל פון דער אונהיימליכער קאַפּעלע — אין געגענוואַרט פון די אַלע הייליגע, וואָס האָבען דורך דער ליכט גע־קראָגען א לעבענס־בעוועגונקייט, האָט זיך געפונען דער אַלטער בלינ־דער ר' יעקב, וואָס איז צייט די בהלה פון דער געטאָ, אביסעל ווי צו־מישט געוואָרען, און נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. ער איז אימער געלעגען אונבעוועגליך אין ווינקעל — און געקלאַפּט מיט די ליפּען. און נעבען איהם איז ווי תמיד געווען זיין אייניקעל יעפתה.

אויבען אין דער הייך אויף אן אויפגעהאַקטען געשטעל, איז גע־זעסען דער מאָהלער פּאַסטילאַ, ביי זיין אַרבייט. ער האָט אַראָבגע־קוקט פון דער הויך און בעטראַכט די לעבעדיגע גרופּע דאָרט אין ווינקעל.

די שטויב־שטראַהלען, דורכקרייצענדיג דעם חלל פון דער קיר־כע, האָבען פערכאַפּט יעפתה'ס האָר און אַ האַלב געזיכט. ער האָט געזעהן די זיידענע געקרייזעלטע דינע לאַקען, וועלכע כאַפּען זיך ארויס פון איהר גלאַט־פערקעמטען קאָפּ, און פאַלען מיט צערטליכקייט איבער איהר ווייסען נאַקען. ער האָט געזעהן איהר איידעלע טונקעל קאַלירטע הויט, די טרויעריגקייט פון איהר שמייכעל, און די פערפיהרערישע צניעות, וואָס שוועבט ארויס פון איהרע אויגען.

דאָ, אין דער ליכט פון גאָלדענעם שטויב, וואָס שטראָמט אריין דורך די פענסטער, דאָ אין די טיעפקייט פון די ווינקלען, אין דער שאָ־טענקייט פון די ווייסע קאָלומנען, אין בעגלייטונג פון די אַלע הייליגע און פאַטריאַרכען, וואָס קוקען אראָב פון די וואַנד — האָט זי, די אי־דישע טאָכטער, נאָך מעהר ווי תמיד אויסגעזעהן ווי די הייליגקייט אַליין. די גרופּע דאָרט אין ווינקעל, דער בלינדער איד, מיט זיין שיטערע גראָהע באָרד, און האַרלאָזען קאָפּ, וועלכער קוקט תם'עוואַ־טע ארום זיך — און נעבען איהם די פערלאָרענע טרויעריגע טאָכטער — האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי איינע פון זיינע סצענעס, וואָס ער האָט ערשט אָבגעמאָהלט אויף די וואַנד פון קלויסטער, איז אראָב פון דער וואַנד און בעוועגט זיך דאָרט אין ווינקעל... אַזוי האָט זי אויסגע־זעהן — די הייליגע מאַריע, די מענשען־טאָכטער, אין וועלכער גאָט האָט זיך פערליעבט; וועלכער גאָט האָט בעוויליגט, אַז זי זאָל ברענ־גען צום מענשען דעם טרויסט פון דער וועלט.

אַזוי האָט זי געמוזט אויסזעהן, מאַריע, אין יענער נאַכט, ווען זי האָט זיך בעהאַלטען אין אַ געצעלט צווישען די פאַסטוכער, אויף דעם פעלד אין בית לחם, צו געבוירען איהר קינד — אַזוי האָט זי געמוזט אויסזעהן אויף דעם וועג, ווען זי איז אַנטלאָפען מיט איהר מאַן יוסף קיין מצרים. אַזוי האָט זי געמוזט אויסזעהן דאַמאָלס, אין יענעם מאָמענט — אין גרעסטען מאָמענט פון דער וועלט'ס ערהוי־בונג, ווען גאָט האָט זיך פאַרקוקט אויף איהר — און זי אויסגעקלי־בען, אַז זי זאָל זיין די אויסערוועהלטע.

פאַסטילאַ האָט געהערט צו יענע רעליגיעזע מאַהלער, וואָס זייער בעגייסטערונג פאַר דער הייליגער מאַריע איז געוועזן אַ צוזאַמענגע־מישטעס פון הימלישע און ערדישע ליעבע. זייענדיג פון נאַטור און ערציהונג רעליגיעז, האָט ער פאַר גאָט'ס מוטער פערמאָגט יענעם

געפיהל פון פערהערליכונג, וואָס עס קענען נור בעזיצען רעליגיעזע נאַטורען אין זייער הייליגסטען עקסטאַז. נור וואָס טיעפער דאָס רעליגיעזע געפיהל האָט זיך ביי איהם געשטאַרקט, אַלץ זינדיגער האָט ער געפיהלט — ער האָט געפיהלט אין דעם גאַנג פון זיין בלוט דעם מענשליכען ברום, דאָס וועבען פון טייפעל אין דעם פערלאַנג נאָך תאוה... קוקענדיג אין איהר פנים, אויפהויבענדיג די הענד צו איהר. קניענדיג פאַר איהר, האָט ער געבעטען, אַז זי זאָל איהם אויסטון פון יעדער מענשליכער שוואַכקייט — אַז זי זאָל איהם ערהויבען און אַריינברענגען אין די הימלישע רייכקייטען פון ריינקייט און אויסגעלייטערטקייט. נור אַריינקומענדיג אין זיין פאַנטאַזיע אין די הימלישע רייכקייט פון ריינקייט און אויסגעלייטערטקייט, האָט ער זיך געפיהלט אַזוי נאָהענט צו איהר — אַזוי אַרומגענומען מיט איהר ליעבע און גוטקייט — אַזוי צוזאַמען און איינס מיט איהר, אַז ער האָט ניט מעהר געוואוסט אויב עס איז זינד, אַ פערשוועכונג פון די העכסטע ריינקייטען, אָדער עס איז אַ אויסצייכנונג, אַ ספּעציעלער חסד, וואָס זי בעוויליגט איהם... אילוזיאָנען און געשטאַלטען פלעגען איהם פייניגען ביינאַכט — ער פלעגט זיך געפינען אין אַ נאָהענטער מענשליכער פערלייבונג מיט זיין געטין, שוועבענדיג הינטער איהרע בריסטען אין הימלישע הערליכקייטען... און זיין געוויסען איז געפלאַנט געוואָרען פון חרטה און בענקשאַפט...

אין יעפתה, אין דער מיידעל פון דער אידישער געטאָ, האָט ער געזעהן די קערפּערליכע פערלייבונג פון די הייליגע מאַריע. ער האָט געגלויבט, ווי פיעלע האָבען דענסמאָל געגלויבט, אַז די געטליכקייט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דר׳ערד און נעהמט אַן מענשליכע געשטאַלטען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די הייליגע מאַריע האָט בעוויליגט, צוליעב עפּעס אַן אונבעוואוסטען טעם, צו ענטפּלעקען זיך אין דער מיידעל — דער נס, וואָס איז געשעהן דורך איהר אויפ׳ן וואַסער, וואָס דער גאַנצער פּעבעל פון רוים איז מיט אַמאָל פערבלענדעט געוואָרען און געגלויבט, אַז זיי זעהען די הייליגע מוטער אין איהר לייב — דאָס האָט איהם נאָך מעהר איבערצייגט, אַז אַ הייליגער גייסט שוועבט איבער דער מיידעל. ער האָט זי פערגעטערט ניט נור דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַזוי נאָהענט מיט איהר אויסזעהן און געשטאַלט צו דעם בילד פון דער הייליגער מוטער, וועלכעס ער האָט געטראָגען אין זיין

פאַנטאַזיע, — נור זעהענדיג דאַס בילד אין בלוט און פלייש, בעוועגענ־דיג זיך, רעדענדיג — קוקענדיג אויף איהם — האָט זיין צוהיצטער אונערפילטער פערלאַנג, וואָס האָט געברענט צו יענעם הייליגען גע־שטאַלט, צוגאַסען זיך ווי גליהענדעס בליי אין זיין בלוט און זיינע אָדערען — און עס האָט איהם געצויגען צו איהר — און ער האָט גע־ברענט צו איהר מיט אַ תאוה, וואָס איז געצוימט געוואָרען דורך זיין רע־ליגיעזען גלויבען, און ער האָט אויסגעדריקט זיין הייסען אונערפילטען פערלאַנג און אויסגערעדט זיך אין דעם בילד, וואָס ער האָט געמאַהלען פון איהר, אין געהיים, אַלס די „הייליגע מוטער" פאַר די נאָנעס פון קלויסטער דאָס „הייליגע האַרץ".

## קאַפּיטעל 9.

# דאָס בילד.

ער האָט זיך געמאַכט צייכנונגען און שאַטירונגען פון יעפתה'ס קאָפּ, פון איהר פּנים און בעוועגונגען. ער האָט מיט התמדה נאָכגע־פאָלגט יעדען ריהר איהרען דורך דער צייט, וואָס זי האָט זיך אויפ־געהאַלטען אין קלויסטער און ער האָט געהאַט די מעגליכקייט זי צו בעטראַכטען.

אין דער הויף, אויפ'ן געשטאַנד האָט פּאַסטילאַ געהאַט זיין בית־המקדש ווינקעל, אין וועלכען ער האָט אַלע טאָג געמאָהלען ווי א גע־בעט דאָס בילד פון דער אידישער טאָכטער פון דער געטאָ, אלס היי־ליגע מוטער. עס איז געווען זיין תפלה, זיין אָרעם ביסעל ליעבע און זיין בעשרענקטע מענשליכע אויפפאַסונג פון די אונענדליכקייט, און די אָרעמע מתנה, וואָס ער האָט געבראַכט צו גאָט פון זיין אייגענס. ער האָט די הייליגע מאַריא און אַזוי אויך דאָס מיידעל פון דער געטאָ קיינמאָל ניט געקאָנט זעהן און פאַרשטעלען זיך אלס מוטער מיט א קליין קינד אויף דער האַנד. ער האָט זי געזעהן אלס דאָס אייביגע מוטערליכע. זי איז געווען א מוטער ביים ערשטען טאָג פון איהר געבוירען. דורך דעם האָט ער בעסער פערשטאַנען די ביזאַנטישע פרימיטיוון, וואָס האָבען איהר געמאָהלען אליין, אָדער ווען מיט דעם קינד, איז דאָס קינד געווען א מאַן מיט א באָרד, א קינד מיט א גע־זיכט פון אַן ערוואַקסענעם מענשען. זי האַלט אויף דער האַנד ניט איהר קינד, נור דאָס קינד פון דער וועלט, דעם מענשען. דורך דעם האָט ער ניט געמאָהלען דאָס אידישע מיידעל, ווי די אָנגענומענע טראַ־דיציע צו מאָהלען די „הייליגע מוטער" אין איינע פון די סצענעס: „מיט'ן קינד אויף דער האַנד" אָדער „מוטער אין רחמנות" דאַמאַלס

ווען זי בעווייגט איהר געקרייציגטען זוהן, נור ער האט זי געמאהלען אלס „די אונבעפלעקטע אויפפאסונג“, ווי די בעוועגונג צו מאהלען די היילינע מאריע האט דענסמאל ארומגעכאפט די יונגע קינסטלער.

פון א וואלקען פון רויך, וועלכער געהט אויף און קוילערט זיך און רינגעלט זיך איבער דעם ערד־קוגעל — שטייגט אויף א מיידעלשע געשטאלט, וועלכעס שוועבט אהן פליגלען, נור מיט איהר לייכטען קינדישען קערפער, אין הימעל אריין. פון איהרע פלייצעס פאלט א מאנטעל פון בלאהען הימלישען סאמעט, ווי א פלאם־פייער, צוריק אראפ אויף דער ערד. זי גיט אב די ערד דאס לעצטע, וואס האט זי געמאכט פאר ערדישעס און עס ענטפלעקט זיך אין דער הערליכער זון א יונגער, כמעט נאך קינדישער, ערשט וואס נור רייף וואקסענדער מיידעלשער קערפער. זי איז נור איין אייגענבליק נאקעט, באלד ווע־רען דא און דארט די טיילען פון איהר נאקעטען קערפער פערשטעלט אין דעם רויכערדיגען וואלקען פון איהרע האר, דורך וועלכע אבער עס שיינט דורך, ווי זונען־שטראהלען דורך וואלקען און האר, די טונקעל שיינענדיגע פערלמוטערנע הויט פון איהר קערפער. זי איז נאקעט, די געטליכקייט ווייסט ניט פון קיין קליידונג, נור איהר נאקעטער קערפער איז א קינדערשער (ווי עס האט זי געמאהלען פרא־אנזשיליקא, וועמעס פערגעטערער ער איז געווען). נור א פערבארגענע, צניעות'דיגע ליידענשאפט בעהאלט זיך אין די אונשולדיגקייט, אין דער אונבעהאל־פענקייט פון דעם יונגען קינדישען לייב. זי אליין וויל גארנישט, ווייסט פון גארנישט, נור זי ברענגט זיך אין גאנצען ביז צום לעצטען טראפען בלוט איהרען אן עולה תמימה, א קרבן צו גאט. אזוי געהט זי ארויף צו גאט, ווי א כלה. און עס ציטערט דאס בלוט אין איהר יעדען לייב־קעמערל, וועקט זיך און קלאפט דורך דורך די פערלמו־טערנע הויט...

פליהט זי מיט איהר לייכטען קינדישען קערפער אין הימעל אריין, — איז אבער איהר בליק אויף שטענדיג צוגעשמידט צו דער ערד. איהר קאפ האלט זי אראבגעבויגען און זי קוקט אויף דער ערד — די ערד, מיט וועלכער זי איז אויף שטענדיג געווארען צונויפ־געבונדען דורך בלוט, פאר וועלכער עס איז איהר בעשטימט צו טרא־גען איהר גורל, איהר צער און איהר רחמנות. און איהר בליק האט ער געגעבען די קראפט פון זעהן, צו זעהן דאס אונזעה־

בּאַרע, דאָס פערהוילענע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אויגען זעהען דעם גורל, וואָס איז בּעשערט יעדען איינעם — דעם גורל, וואָס געהט נאָך אונזערע טריט. זי זעהט דעם פּיין און דעם צער און דאָס אונבּעהאָלפענקייט פון אונזער קאַרגעם לעבען, דאָס בּלאָנדזשען פון אונזערע טעג — און דאָס רייסען זיך, וואָס איז איבּער אונזערע קרעפטען — און איבּער דעם, וואָס איהרע אויגען זעהען. טרויערט איהר מויל. וויפיעל צער און וויפיעל רחמנות האָט ער איינקנעטען אין דעם דינעם, אויסגעצערטעלטען, פרישען שנים פון איהר מויל. די געטליכע טרויערקייט און די מענשליכע חרטה. די אונבּעהאָלפענקייט, וואָס מיכעל אַנזשעלאָ האָט איינגעקנעטען אין דער גרימאַסע אויף דער מויל פון זיין „מוטער אין רחמנות", ווען די הייליגע מוטער, אַלס יונגע מיידעל, האַלט אויף איהרע הענד איהר ערוואַקסענעם געקרייציגטען זוהן ווי אַ קליין קינד. די גרימאַסע האָט ער געשאַנקען דער אידישער מיידעל פון דער געטאָ, נור די גרימאַסע פון צער איז נאָך ניט געווען רייף ווי זי איז בּיי מיכעל אַנזשעלאָ, ער האָט זי אויף די ליפּען פון זיין בּילד פערהוילען אין אַן אונערקלעהרבּאַרען שמייכעל, ווי זי וואָלט געווען געוואוסט דעם סוד פון אונזער ערלייזונג, דעם סוד פון די לעצטע טעג, און זי זעהט דעם אייביגען פריעדען און די שטענדיגע שטילקייט נאָך אונזער צייטווייליגעם, אָריעם, פערלוירענעם בּלאָנדזשען... זי ווייסט דעם וועג. בּיי איהר איז דאָ די רוהע און די זיכערקייט, בּיי איהר איז דאָ דער ציעל און די ענד. און ווער עס געהט נאָך נאָך איהר, נעהמט זי איהם מיט זיך אין די הימלישע רייכקייט, אין די אייביגקייט, וואָס איז פאַר אונז און נאָך אונז...

עס איז שוין געווען נאַכט, און די קאַפּליצאַ איז געווען אַרומגעוועבט מיט שוועבּענדע, ריהרעוודיגע שאָטענס, וועלכע האָבּען זיך פערגליווערט־שווער בּעוואויגען פון איין קאָלומן צום אַנדערען — איבּער דער גאַנצער לענג פון קלויסטער. אויבּען, אין דער הויך, אויף זיין געשטאַנד, איז געזעסען דער מאַהלער און האָט בּיים שיין פון דיקע וועקסענע ליכט בּעטראַכט דאָס בּילד, וואָס ער האָט פערפערטיגט. פּלוצים איז עס געקומען איבּער איהם, ער האָט פערגעסען, אַז ער איז דער מייסטער פון בּילד, אַז עס זיינען נאָך נאָס די פּענזלען, מיט וועלבּע ער האָט עס געמאָהלען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ניט ער

האט געשאפען דאס בילד, נור דאס בילד האט איהם געשאפען. אזוי איז עס געווען פון ערשטען טאג אן, ווען עס איז געווארען, און קיינער ווייס ניט ווי אזוי עס איז געווארען. עס האט זיך איהם גערוכט. אז אן ערשיינונג האט זיך בעוויזען אויף זיין לייווענט, וועלכע איז געקומען פון אונבעוואוסטע ספערען, די מענשען צו טרייסטען און צו בעגליקען. פון דעם יונגען מיידעלשען קערפער האט געבלאזען א גרויס גליק, וואס איז געקומען פאר יעדען איינעם, און עס האט זיך איהם גערוכט, אז דער קערפער איז זיינער, פאר איהם און צוליעב איהם געקומען, און פעראייניגט מיט איהר איז אן אייביגען באנד, פליהט ער מיט איהר פון דער וועלט ארויס, אין אנדערע אונבעקאנטע און הימלישע ספערען. עס האט זיך איהם גערוכט, אז דער בליק, דאס פנים, די אויגען, דאס מויל — אלץ איז זיינס, פאר איהם און צוליעב איהם זיך בעוויזען, אז דאס זעהט זי מיט די אויגען איהם, זיין לעבען, זיין גורל, זיינע נארישקייטען און זיין אונבעהאלפענקייט. און איבער איהם טרויערט זי, אויף איהם האט זי רחמנות, און זי איז געקומען איהם אויסלייזען פון די ענגשאפטען פון דער וועלט און מיטנעהמען איהם אין אנדערע וועלטען, און זי שמייכעלט צו איהם, און זאגט איהם צו אלעס, אלעס, הימלישעס און ערדישעס גליק אהן א מאס און אהן גרענעצען.

— א, הימלישעס גליק, דו, וואס דו קענסט בעגנאדיגען, אונענדליך מיט די זעליגקייטען פון דיין הימלישעס רייכטום! זיי געלויבט פאר דעם, וואס דו ביזט געקומען! א, לאז מיך אויסגעהן אין מיין גאנצער אונמאכט הינטער דיינע געפליגעלטע ברוסטען. פיהר מיך אריבער פון דער וועלט אין דיין גנעדיגקייט אריין, אויף דיינע לייכטע פליעגעל. און פאסטילא איז געפאלען אין אונמאכט פאר איהר...

---

אראבגעהענדיג פון זיין הויכען געשטאנד מיט דער ליכט איז האנר, האט זיין שיין בעלויכטען דאס אידישע מיידעל, וואס איז געלעגען אבגערוקט פון׳ם אלטען אידען, אויף קליידער און קישענס איז א ווינקעל פון דער קאפליצע, אונטער א קאלומן. דער בלויער הימלישער מאנטעל, וועלכען זי האט געהאט, אויפלייזענדיג זיך, אראבגע־

M. B. CANTOR



וואַרפען פון זיך (אויף פאַסטילא'ס בילד). ווען זי פליהט אין הימעל אריין, איז איצט געלעגען צוגעדעקט איבער איהר, און עס האבען זיך ארויסגעזעהן פון איהם איהרע נאַקעטע קינדערשע פיס און איהר פנים, וואס האט גערוהט אויף איהרע האר. א מינוט האט זיך פאַסטי־לא'ן געדראַכט, אז די געטין פון זיין בילד איז צוריק אראבגעפאלען פון הימעל און ליגט דאָ ווי א געשאָסענער פויגעל צו זיינע פיס. נור באַלד איז דאס בילד געוואָרען אין זיינע אויגען די ריכטיגע מיידעל, די לעבע־דיגע, פליהענדע אויסדערוועהלטע מענשען־טאָכטער. און דאָ ליעגט נור אן ארעמע געיאַגטע אידישקע, וואס בעהאלט זיך ביי איהם פון די אויפ־זעהער פון דער אינקוויזיציע. ער האט שוין געוואלט אוועקטרעטען פון איהר, נור די שיין פון ליכט איז נאך אמאל געפאלען און בעלויכטען איהר פנים. איהר פנים האט דערמאנט אין גאנצען אן יענעם גע־זיכט, פאר וועלכען ער האט ערשט ניט לאנג געקניעט און געבעטען. אז זי זאל איהם אריינברענגען אין הימלישער רייכקייט. נור דאס פנים איהרס, שלאפענדיג, האט אויסגעדריקט ערדישע אונבעהאלפענקייט. איהרע פערמאכטע אויגען זיינען געווען אזוי אונשולדיג און אזוי אונ־בעהאלפען־מענשליך, ווי די אויגען פון א טויב, ווען דער שוחט קומט איהר שעכטען. און אויף די הערלעך אויפ'ן ראנד פון די הייטלעך, ביים צוזאמענקנייטשען דאס אויג, האט זיך אויפגעהאלטען א שוואכע מענשליכע ליעבע, וואס דאס האט זיין געטין ניט בעזעסען.

און ער האט געזעהן, אז די מוטער פון אונזער הימלישעס און ערדישעס גליק פליהט ניט אין דער הויך צו גאט, נור ליגט ווי א גע־שאָסענער ארעמער פויגעל, אונטערטעניג צו אונזערע פיס.

א מעכטיגער, אן אונגעצוימטער פערלאנג האט איהם בעהערשט צו זעהן דאס לייב, דעם לעבעדיגען, אטעמענדען קערפער פון זיין גע־טין. מיט א קלאפענדיגעס הארץ האט ער אנגענומען דעם בלאהען סאמעטענעם מאנטעל און מיט א לייכטע בעוועגונג איהם אראבגענו־מען פון דער מיידעל, און פאר זיינע אויגען איז ענטפלעקט געוואָרען איהר נאקעט לייב.

איהר לייב איז געווען עהנליך צו דעם לייב פון זיין געטין. זי איז אויך געווען מיידעלש, לייכט און קוים וואס רייף געוואָרען, ווי דער קערפער, וואס ער האט גענומען פון פרא אנזשעליקא. נור דער לייב פון דער לעבעדיגער, אטעמענדיגער מיידעל איז געווען ערדיש־

מענשליכער. און דערפאר מעהר הייליגער... אין די פאלדען פון איהר שויס, און די חז־גריבלעך פון איהר בויך איז געלעגען אויסגעגאסען דאס גלוסטונג צוזאמען מיט די אויסלייזונג פון מענשען. אונזער ווילען און אונזערע בעגעהרען. און עס האט זיך געדאכט פאסטילא׳ז, אז אין דעם לאכענדען לעבעדיגען קערפער ליגט די אויסלייזונג און מעהר דער ציעל פון אונזער לעבען — מעהר ווי אין דעם בילד.

ער האט געקניהט פאר דעם קערפער. קיין תפלה האט ער ניט געזאגט. נור ער האט מיט פערברענטע ליידענשאפטליכע ליפען גע־קושט דעם זוים פון דעם הימלישען בלויען מאנטעל, וועלכען ער האט אראבגענומען פון דער מיידעל, און וועלכער איז נאך געווען ווארעם פון דעם לעבעדיגען לייב.

און ער איז צוריק ארויפגעגאנגען אויף זיין געשטאנד, צום בילד, צו בעשענקען דעם לייב פון זיין געטין מיט די הימלישע רייכ־טימער, וועלכע עס בעזיצען די מענשען־טעכטער...

קאַפּיטעל 10.

# ווען די גלאָקען קלינגען.

פון פריהמאָרגען אַן האָבען רוים'ס גלאָקען געקלונגען פון אַלע ווינקלען פון שטאָדט. פון אַלע בערגלעך און טאָלען, איבער וועלכע די שטאָדט איז אויסגעשפּרייט, האָט זיך געגאָסען אַ שאַלען פון קלאַנגען. אַ טייל פון זיי האָבען הויך, ערנסט, מיט אַ געבייזער געיאָגט אַ שרעק מיט זייערע באַסאָווע, מעטאַלענע קולות. אַנדערע, ווידער, האָבען זיך עפּעס געבעטען מיט יונגע מיידעלשע קלינגענדיגע שטימען. אַנדערע, ווידער, ווי אָבגעריסען זיך פון דער ערד, האָבען גערופען בעזונדער צו אייגענע געטער מיט אייגענע תפלות. איין גלאָק האָט אריבערגעשטיגען דעם אַנדערען. איינער האָט געוואָלט דעם אַנדערען איבערשרייען. אַ טייל פון זיי האָבען געדראָהט און אַ טייל האָבען זיך געבעטען. אין דער לופט איבער די קעפּ פון די מענשען, האָט זיך געדראָכט, שרייען אונזיכטבאַרע בעסטיעס, וועלכע דערנעהענטערען זיך וואָס אַ מאָל נעהענטער צו זעטיגען זייער דורשטיגען כעס, און עס הערען זיך די בעטענדיגע, לעצטע־כוחות'דיגע אויסגעשרייען פון זייערע בעדראָהטע קרבנות...

און פון פריהמאָרגען אַן האָבען זיך איבער רוים'ס גאַסען געצויגען פּראָצעסיעס. פון אַלע קירכען און קלויסטערס האָט מען געטראָגען הייליגע בילדער און קירכען־פאַהנען אונטער רויטע קאָלירענדיגע חופּות, בעגלייט מיט דעם ערנסטען טויט־יום־טוב'דיגען שיין פון גרויסע וואַקסענע ליכט, וועלכע עס האָבען געטראָגען אין לאַנגע רייהען גלחים אין ווייסען געקליידעט. עס האָט זיך געהערט דאָס שטילע טויטען־שאַלען פון די קליינע זילבערנע גלעקלעך, מיט וועלכע קינדער־גלחים האָבען געקלונגען, געהענדיג פאַראויס פאַר די הייליגע בילדער. קאַרדינאַלען אין בלוט־רויטע היט מיט זייערע שעפער שטעך־

קענס אין די הענט, האָבען אָנגעפיהרט די קירכען־פּראָצעסיעס. און פון ווייהרויך־וואָלקענס האָבען זיך געהויבען אין דער הויך גיפּסענע פיגורען פון אָבגעטער, געטראָגען אויף מענשליכע פּלייצעס; געקריי־ציגטע מענער, וועלכע האָבען פערקרימט זייערע געזיכטער אין גריי־מאַסען פון פּייזישען צער. פיגורען פון נאַקעטע מענשען, וועלכע טראָ־גען שטעכענדיגע שווערדען אריינגעשטעקט אין זייערע לייבער און פערגליווערט בלוט רינט פון זייערע נאַקעטע וואונדען. טייל פון זיי האָבען געוויזען מיט פערוויינטע, פערקרימטע פּנים'ער אויף זייערע וואונדען, אויף די הענד זייערע, אין וועלכע עס האָט נאָך געשטעקט אריינגעהאַקטע נעגעל. און נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען מיילען־ווייט רייהען פון מאָנאַכען, פערקליידט אין טויטען־מאַסקען, אין שוואַרצע מאַנטלען, מיט שוואַרצע קאַפּ־בעדעקענס, דאָס פּנים פערהילט אין שוואַרצען, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעמאָלט מיט ווייס א מאַסקע פון א סקעלעט, און דורך די אויסגעשניטענע אויגען פון סקעע־לעט האָבען אַרויסגעקוקט אונהיימליכע, שרעקענדע אויגען... די טויטען־מאַסקען האָבען געהאַלטען גרויסע געלע וואַקסענע ליכט אין די הענד און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די טויטע האָבען זיך אויפגע־הויבען פון זייערע טרונעס און זיי געהען איבער די גאַסען פון רוים...

און פון פריהמאָרגען אַן האָט מען געהערט א זינגען. אָבער ס'איז ניט געווען א זינגען, נור אַן אונהיימליך טויטען־געשריי האָט זיך געהערט איבער די גאַסען פון רוים, און האָט אָבגעקלונגען ווי א שרעק, וואָס איז בעפאַלען רוים פאַר עפּעס אונבעוואוסטעס, וואָס דער־נעהענטערט זיך צו איהר...

צו די טויערען פון קלויסטער „דאָס הייליגע הארץ" זיינען אַלע פּראָצעסיעס אָנגעקומען און אראָבגעלאָזט זייערע קירכען־פאָהנען, הייליגע בילדער און גיפּס־פיגורען פון זייערע אַקסלען און זיי אריינ־געטראָגען אין דער קאַפּליצע, אין וועלכער פּאַסטילא האָט פערטיג געמאַכט זיינע פרעסקאָס און זיי אוועקגעשטעלט ביים אַלטאַר פון די „הייליגע מוטער", וואו עס ווערט איינגעווייהט דאָס נייע בילד פון גאָט'ס מוטער, וועלכע וועט באַלד ערשיינען אין דער לופטען, נאָך א געהיימען מיטעל, וואָס א מעכאַניק האָט אויסגעפונען.

עס איז פול די קירכע מיט קאַרדינאַלען, בישאָפען, גלחים, מאָ־נאַכען און מאָנאַשקעס. אַלע אין זייערע גלחים־קליידער קניהען זיי

אויף דער ערד, און וואַרטען אויפ'ן גרויסען מאָמענט, ווען דאָס „הייליגע מיידעל" וועט ערשיינען פאַר'ן אַלטאַר. עס שפּילען די אָר־גאַנען, און עס זינגען די קירכען־כאָרען, און דאָס פאָלק, מאַן, ווייב און קינד, ווי שטורמדיגע כוואַליעס פון ים, שלאָגען איבער דעם אַפּע־נעם טויער פון דער קירכע, און ווילען אריין. די קירכע איז שוין איבערגעפּאַקט, און די טויזענדער־קעפּיגע מאַסע גיסט זיך אוים ווי אַן איבערגעפליייצטער טייך אויפ'ן פּלאַץ איבער'ן גראָז פאַר דער קיר־כע. זיי זעהען נור די ברענענדיגע געל־וואַקסענע ליכט אויף די הויכע הילצערנע לייכטער, ווי ברענענדיגע זיילען, זיך הויבען איבער די קעפּ פון די ווייס־געקליידעטע גלחים און איבער די שוואַרצע, טויט־פאַר־מאַסקירטע פּנים'ער פון די מאָנאַכען. זיי הערען דאָס געזאַנג וואָס גיסט זיך ארוים פון דער קירכע. און אַלע שווייגען אין ערנסטער שטילקייט.

עס דערהערט זיך דאָס שרעקענדיגע קלינגען פון דעם טוי־טען־גלעקעל — דאָס קלינגען, וואָס דערמאָנט יעדען גלויביגען קריסט אַן די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, ווען דער גלח וועט קומען זיין נשמה אָבנעהמען. און די גאַנצע קירכע מיט גלחים און מאָנאַשקעס וואַרפען זיך אויף דער ערד, זינקען די קעפּ טיעף צו דער ערד און שווייגען. איבער זייערע קעפּ הויבט זיך אַ געדיכטער וואָלקען פון ווייררויך. און פון וואָלקען, ווי דורך אַ נס, שטייגט אויף אַ לייכטענ־דער קערפּער פון אַ יונג מיידעל, פליהט איבער זייערע קעפּ און שטעלט זיך צווישען די הייליגע בילדער און גיפּסענע פיגורען אויפ'ן ליידיגען פּלאַץ פאַר'ן סאַקראַמענט פון אַלטאַר פון „די הייליגע מוטער".

דער בישאָף פון סט. מאַרקוס קלויסטער, וואָס האָט אָנגעפיהרט די פּראָצעסיע, האָט דער ערשטער אויפגעהויבען זיין גרויען בעקרוינ־טען פליכעוואַטען קאָפּ און געוואָרפען אַ בליק אויף דעם נייעם גאָט, וואָס האָט זיך בעוויזען פאַר זיי. ער איז ערשטוינט געוואָרען פון דעם אונבעקאַנטען און ניט צוגעוואוינטען בילד פון די „הייליגע מו־טער". וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר זיינע אויגען: אַ נאַקעטע יונגע מיידעל, וואָס איז מעהר ענהליך אויף אַ אידיש מיידעל פון דער געטאָ, איידער אויף די אָנגענומענע בילדער פון דער הייליגער מוטער. און נאָך איהם האָט זיך געהערט אַ שטיל מורמלען. אַ מינוט איז געווען ווי אַ הפסקה אין דער גאָטעס־דיענסט און קיינער האָט ניט געוואוסט,

וואָס עס וועט זיין. די גלחים און די נאָנעס האָבען ניט דערקענט אין איהר זייער גאָט און געקוקט פערפרעמדט מיט אונרוהיגקייט איי־נער אויפ'ן אַנדערען. אָבער פּלוצלונג האָט איינער פון די יונגע גלחים, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם נייעם בילד, געזעהן דעם טרוי־עריגען שמייכעל אויף איהרע אויסגעצערטעלטע ליפּען און דעם טרוי־עריגען־טיפען בליק, וואָס גליטשט זיך ארוים פון איהרע אויגען־הייט־לעך, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז דאָס יונגע מיידעל קוקט אויף איהם, און זי רעדט צו איהם דורך איהר בליק און איהר שמייכעל. און פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט אין זיין הארץ אַ טרויעריגע איידעל־קייט און אויסגעלייטערטקייט און אַן ערהאָבענקייט, וואָס איז דורכ־געגאַנגען דורך זיין נשמה ווי אַ ציטער פון איהר בליק און איהר שמייכעל. און ער האָט זיך געפיהלט מיט איהר פעראייניגט און צו־געקניפּט צו איהר אויף אייביג, אייביג... האָט ער אויפגעהויבען זיינע דארע הענד צו איהר, און אויסגעשטרעקט צו איהר זיין בעלויכטענעם פּנים, און אויסגעשריען מיט אַן אונמענשליכען קול, ווי ער וואָלט דערזעהן אַ וואונדער פון ניט דער וועלט.

— אווא מאַריע! אַ, הייליגע מוטער, אייביגע ריינקייט, אַ, היי־ליגער קוואַל, איך בין דיין! איך בין דיין!

זיין שטימע האָט אַנגעשטעקט ווי מיט אַ כישוף. איינער נאָכ'ן אַנדערען האָבען זיך אַנגעהויבען איינצוקוקען אין איהר די קאַרדינאַ־לען, די בישאָפען, די גלחים, די מאָנאַכען. צוערשט האָבען עס דער־פיהלט די יונגע, דערנאָך די נאָנען און דערנאָך די אַלטע. יעדען איינעם פון זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט אויף איהם בעזונדער, און זי מיינט איהם מיט איהר בליק. יעדער איינער פון זיי האָט דער־פיהלט ווי ווייט ער איז מסוגל צו די איידעלקייט און די ערהאָבענקייט פון איהר נאַקעטען, לעבעדיגען קערפּער, פון איהר וועהטאָגדיגען בליק און פון איהר זעעלישען שמייכעל. יעדער איינער האָט דערפיהלט, ווי ווייט ער איז געוועז מסוגל דערצו, אַז אויסגעמישט זעעליגקייט פון ערדישען און הימלישען גליק. איהר נאַקעטער, רייף־וואַקסענדער קערפּער האָט געררייצט ווי אַ געזונטער, יונגער עפּעל, און איהר פּנים, איהרע טרויעריגע אויגען און איהר בעטענדיגער שמייכעל האָט פער־וואַנדעלט דעם ערדישען רייץ אין הימלישען געגנוס. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי ציהט צו זיך מיט ערדישעס און הימלישעס, מיט איהר

קערפער און מיט איהר נשמה, און מען האט געדיענט צו איהר מיט קערפער און נשמה...

און איינע נאך די אנדערע האבען זיך אויסגעשטרעקט צו איהר הענד, ביינערדיגע, אויסגעמוטשעטע סקעלעטען־הענד פון פאסטענדיגע מאנאכען; פעטע בעהארטע הענד פון עולם־הזה־ניקעס־בישאפען; יונגע מיידעלשע הענד פון נאנעס, און פערבענקטע אויסגעמאגערטע הענד פון דורך צניעות אויפגעגעסענע מאנאשקעס; און פנים׳ער בעשיינט פון הימלישען און ערדישען געניום און גליק האבען זיך געווענדט צו איהר, און אלע האבען אנגעהויבען צו שרייען צו איהר, און צו רופען צו איהר:

— אווא מאריע!

דאס פאלק פון דרויסען האט דערהערט די געשרייען, דאס רופען און דאס זינגען אין דער קירכע, זיינען זיי געווארען אונטערגעכאפט ווי טרוקען האלץ פון פייער, אנגעשטעקט זיך מיט דער בעגייסטערונג וואס האט זיך ארויסגעגאסען פון די איבערפילטע, אין ליכט־שיין בעגאסענע קאפליצעס. און ווי א כוואליע וואסער האבען זיי זיך אנגעהויבען אריינצוגיסען אין די קירכע און אויסגעצויגען זייערע הענד און פנים׳ער נאך דעם ליכט וואס האט זיך דארטען בעוויזען. די קירכע איז איבערגעגאסען געווארען מיט מענשען לייבער. שטארקע מענער האבען צוריקגעהאלטען די כוואליעס, און דאס פעבעל פון דרויסען האט אנגעהויבען צו רופען נאך גאט:

— בעווייזט אונז דאס הייליגע בילד!

— א נס איז געשעהן, א נס! — האט מען פון אינווענינ געשריען.

— לאזט אונז זעהן דעם נס, דעם נס! — האט דאס פאלק געברומט, ווי א שטורמדיגער ים.

און באלד האבען גלחים גענומען דאס אידישע מיידעל פון דער געטא און זיי האבען זי געטראגען אויף זייערע פלייצעס. פאר איהר זיינען געגאנגען אלע קירכען פעהנער, מיט אלע הייליגע בילדער. נור זי אליין, איינע אין איהר מאיעסטעט, אונטער א רויט־סאמעטענע חופה מיט גאלדענע טראלדען, איז געווארען ארויסגעפיהרט צום פאלק, בעגלייט פון די מעכטיגע פון רוים מיט קארדינאלען און בישאפען. און ווי דאס פאלק האט דערזעהן די נאקעטע פליהענדע פיגור פון דעם

יונגען מיידעל, מיט איהר צוציהענדען שמייכעל און טרויעריגען בליק, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט אויף יעדען בעזונדער, און פאַר יעדען איינעם בעזונדער איז איהר צערטליכקייט בעשעהרט, אַזוי האָבען זיי פערזאונווירדיגט די אַנדערע היילינע בילדער. זיי האָבען ניט גע־וואָלט מעהר קוקען אויף די פערקרימטע, פער׳צער׳טע פּנים׳ער פון די געקרייציגטע געמער. זיי האָבען ניט געוואָלט מעהר זעהען די מיט שווערדען אַריינגעשטעקטע ליבער פון די היילינע מיט זייערע פער־בלוטיגע וואונדען. זיי האָבען אַלע געקוקט אויף דעם נאַקעטען, יונגען לייב פון דער אידישער מיידעל פון דער געטאָ. צו איהר האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע הענד, צו איהר האָבען זיי געווענדט זייערע אויגען און געוואָרפען זיך פאַר איהר אויף דר׳ערד און געבעטען ביי איהר הימלישען און ערדישען גליק.

— אַ, אווא מאַריע! אייביגע שעהנקייט!

און עס איז געוועזן, ווי זי וואָלט געוועזן געזעטיגט דעם הונגעריגען פעבעל פון רוים נאָך לוסט און זעליגקייט מיט איהר יונגען נאַקעטען קערפּער און מיט איהר הימלישען פּנים. וואָס האָט זיך געגאָסען פון איהר יונגען געפּליגעלטען קערפּער, ווי אוים שטורעמדיגע קוואַלען מיט הימלישען און ערדישען גליק.

---

הינטער די מויערען פון דער געטאָ זיינען די אידען פון רוים געווען איינגעשלאָסען דורך דער גאַנצער צייט, וואָס די פּראָצעסיע האָט אָנגעהאַלטען. מורא האָבענדיג פאַר געוואַלדטהאַטען פון רוימישען פעבעל, ווי עס פּלעגט זיך שטענדיג טרעפען אין דער צייט פון קירכ־ליכע פּראָצעסיעס. די אידישע בעפעלקערונג איז ניט געווען ערלויבט צו פערלאָזען די טויערען פון דער געטאָ אין דעם טאָג פון אַ קירכען יום טוב. זיי האָבען נור געהערט די אונהיימליכע מורא׳דיגע קלאַנגען פון רוים׳ס אונצעהליגע קירכען און קלויסטער גלאָקען, וועלכע האָבען זיך פון אַלע טיילען פון רוים אַריינגעגאָסען אין דער געטאָ אַריין און געפאַלען איבער זייערע קעפּ ווי געשרייען פון רויב־פויגלען און צונויפ־געקוועטשט זיי מיט שרעק און אַנגסט. ניט איינער פון זיי האָט גע־הערט אין דעם קלינגען פון די גלאָקען דעם לעצטען ודוי־אויסגעשריי

פון זיין נאָהענטע, ווען זיין „שמע ישראל" האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם גלאָקען־קלאַנג פון פייער אַרוים. ניט איינעם פון זיי האָט דאָס קלינגען דערמאָנט אָן די אינקוויזיציע־פייער און ער האָט געזעהן די כמעט אויף קויהל פערברענטע לייבער פון זיינע אייגענע. די גלאָ־קען־קלאַנגען האָבען די אידישע בעפעלקערונג אַריינגעיאָגט אין די הייזער, אין די געמעכער, און זיי האָבען פערהאַקט הינטער זיך טיר און לאַדען. יעדער גלאָקען־קלאַנג האָט ווי בייטש געשלאָגען איבער זייערע קעפּ און אַראָבגענידערט זיי טיעפער אין די קעלער־שטובען, טיעפער אין די לעכער בעהעלטענישען. און ווי שטענדיג ביי גרויסע קירכען יום טובים, ווען די אידישע בעפעלקערונג פלעגט פערציטערט ווערען פון די קירכען־גלאָקען, אַזוי אויך דאָס מאָל, האָבען זיך אידען צונויפגעקליבען אין די בעהאַלטענע קעלער־שוהלען און תהילים גע־זאָגט, אַז גאָט זאָל זיי בעשירעמען אין דעם קירכען יום טוב... דאָס בעהאַלטענע גאָט־בעטען אין די טעג פון גרויסע פייערדיגע קירכען יום טובים פון די אידען אין די געהיימע קעלערען, איז געווען אַ להכעיס געבעט צום אייביגען לעבעדיגען גאָט, דאַמאָלס, ווען די גוים האָבען מיט פּראַכט און גלאַנץ געפיהרט זייערע אָבגעטער אין די גאַסען פון רוים, כדי די הימלען זאָלען גערייניגט ווערען מיט די אידישע תפילות.

דאָס מאָל, נאָך מעהר ווי אַלע מאָל, זיינען אידען געווען אָנגע־שראָקען פאַר דעם רעש'דיגען קירכען גלאָקען קלאַנג, וואָס האָט זיך פון דער פריה אָן געהערט פון יענער זייט טויערען פון דער געטאָ. זיי האָבען ניט געוואוסט, וואָס דאָס קירכען גלאָקען קלאַנג בעדייטעט היינט, וואָס פאַר אַ יום טוב היינט איז: צו פערברענט מען ניט אויף רוים'ס גאַסען אידען אָדער אידישע ספרים, און צוליעב דעם הערען זיך דאָס די גלאָקען. און מיט צובראָכענע הערצער און פערשמאַכטע ליפּען האָבען אידען דאָס מאָל זייער תהילים געזאָגט אין דעם קוים בעלויכטענעם קעלער פון יוסף פינזי, פאַר די נשמות פון די קדושים, וואָס ווערען איצט אויפ'ן גאַס פערברענט.

צווישען די מתפּללים האָט זיך אויך געפונען דער אַלטער בלינ־דער, פון די יוצאי קאַסטיליען, וואָס האָט זיך גערעכענט מזרע אברבנאל, מיט זיין אייניקעל יעפּתה, וועלכע זיינען צוריקגע־קומען פון קלויסטער „דאָס הייליגע האַרץ" אין דער אידישער געטאָ אַריין נאָך דעם ווי די געפאַר פאַר אידישע מיידלעך, וואָס די אינקווי־

זיציע האָט געזוכט, האָט זיך אַ ביסעל געהאַט איינגעשטילט. און זיי האָבען ניט געהאַט וואו צו געהן נאָך דעם ווי דער קלויסטער איז פערענדיגט געוואָרען. זיי, ווי די אַלע אַנדערע אידען, האָבען ניט געוואוסט צוליעב וואָס די גלאָקען קלינגען אַזוי היינט. און דאָס יונגע מיידעל, ווי די אַנדערע אידען, האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין שרעק פאַר דעם מורא'דיגען קלינגען, און מיט ציטערדיגע ליפּען געבעטען גאָט, אַז ער זאָל זיי מיט אַלע אַנדערע אידען בעשיצען אין דעם שרעקליכען קירכען יום־טוב. און זי האָט ניט געוואוסט, אַז צוליעב איהר איז דאָס דער קירכען יום טוב היינט; אַז פון איהר'ט וועגען קלינגען היינט די מורא'דיגע קירכען־גלאָקען; פאַר איהר קניען יעצט די מעכטיגע פון רוים, און צו איהר נאָקעט לייב דיענט יעצט דער פּעבעל פון רוים...

## קאַפּיטעל 11.

# די פּעריל פון דער מאַדאָנאַ.

איבער גאַנץ רוים, איבער איטאַליען איז פערשפּרייט געוואָרען דער רוהם פון דעם נייעם הייליגען בילד, וואָס מען האָט אריינגעשטעלט אין קלויסטער „דאָס הייליגע הארץ“. עס זיינען געגאַנגען אין דעם פאָלק איבער דעם בילד לעגענדען, און מען האָט געגלויבט, אַז אונטער דעם לייוועגט אונטער די פאַרבען פון פלייש און האָר און אויגען געפינט זיך לעבען. די מאָנאַשקעס פון קלויסטער האָבען דערצעהלט, אַז דאָס בילד וויינט ביינאַכט, און עס גיסען זיך איהרע טרערען אויף דעם ערד-קוגעל. און די מאָנאַשקעס האָבען אויסגעהעפט זיידענע טיכלעך פאַר איהר, מיט וועלכע זיי האָבען איהר יעדען פריהמאָרגען די טרערען אויסגעווישט פון די אויגען... און האָבען אָנגעוויזען אויף דעם באָל פון דער ערד, וואו עס געפינען זיך פלעקען פון איהרע טרערען.

דאָס פאָלק אָבער האָט זי ניט געוואָלט זעהן וויינענדיג; האָט זי גיבער געוואָלט זעהן אין איהר יוגענדליכקייט, אין איהר מיידעלשקייט. זיי האָבען איהר אַ נאָמען געגעבען „מאַדאָנאַ פון ליעבע“ און געגלויבט, אַז זי איז געקומען אויף דער וועלט צוריק איינצופלאַנצען די אָבגעשטאָרבענע ליעבע אין דעם מענשענ׳ס הארץ. זיי האָבען איהר צוגעשריבען די קראַפט, אַז זי קען אויפלעבען אין יעדען הארץ די אויסגעלאָשענע פלאַמען און צוריק בעניעזן אונז מיט יוגענד און לעבען. האָבען מתנות הונגעריגע מענער און פרויען געהווירט איבער די טויערען פון איהר קלויסטער, געלעגען פאַר איהר אויף די קניע און געבעטען ביי איהר אויפצולעבען צוריק זייערע אויסגעלאָשענע הערצער... צו ערפרישען אין זיי דעם אויסגעטריקענטען קוואַל פון לעבען

און לוסט... געבעטעלט נאך א טאג און נאך א שעה, און געקויפט זי מיט געשאנקען, וואס זיי האבען איהר געבראכט פון זייערע אבגע־שפארטע אוצרות...

עס זיינען געקומען פון לעבען אויפגעצערטע מענער, פערבענק־טע פרויען, צניעות'דיגע, פערזעסענע מיידלעך, פערליעבטע יונגע לייט, פערליעבטע מיידלעך, פערברענטע פון דורשט נאך ליעבע זיינען זיי געקומען צו איהר נאך רעטונג, און בעהאנגען זי מיט דעם בעסטען און טייערסטען וואס געפינט זיך אין זייערע פאמיליען־קאסטענס; גע־בראכט איהר טייערע בראקאדען, דאמאסק און אויסגעהעפטע טייערע זיידענשטיקער. יעדעס שטיק איז געבראכט געווארען מיט ליעבע. און ניט איינמאל האבען די נאנעס געפונען אויפ'ן אלטאר אונטער דעם בילד אונטערגעשטעלט פודעלעך מיט פוידער, רויטע ליפען פארב, לייב־אייל און אנדערע ווייבערשע שעהנהייטס־מיטלען, וואס די קורטיזאנקעס פון רוים האבען איהר געבראכט פון זייערע טייערסטע טואלעטען־געהיימניסען, אז זי זאל האבען מיט וואס איהר שעהן געזיכט צו טרי־קענען פון איהרע טרערען, וואס רינען בייננאכט פון איהרע אויגען.

נאר איהרע הויפט אנהענגער זיינען געווען די מענער פון רוים. ארעם און רייך, פון אלע שטאנדען. זיי האבען זי אדאפטירט אלס זייער בעשיצעריז, אלס זייער געטין. זיי זיינען געקומען צו איהר און זיך פערטרויט פאר איהר. גאנצע טעג לאנג האט מען געזעהן פאר איהר בילד ליגען מענער, וועלכע האבען זיך איינגעגעסען מיט זייערע דורשטיגע אויגען אין דעם ראזען קאליר פון איהר נאקעטער הויט. דאס בלוט פון איהר קערפער, האט זיך געדאכט, שלאגט ווי לעבעדיגע וועלען דורך די פערלמוטערנע שיין פון איהר הויט ארוים. און דאס האט געגעבען די קאליר פון איהר לייב א פערלדיג־ראזען פארב, וועל־כעס האט געהויכט מיט לעבען. איהר בילד איז פערשפרייט געווארען מעהר ווי יעדע אנדערע בילד פון יעדען הייליגען אדער גאט, איבער רוים און איטאליען. די מענער האבען אנשטאט דעם גארניט זאגענ־דיגען צלם אויף זייער הארץ, געטראגען איהר בילד וואס זיי האבען צוגעדריקט מיט ברענענדער ליעבע בייננאכט צו זייערע ברוסטען... די בישאפען און די קארדינאלען און אנדערע גייסטליכע האבען איהר בילד איינגעפאסט אין טייערע שטיינער, געלאזט ארייננזעצען אין זיי־

ערע צלמים. און ווען זיי האָבען געקושט דעם צלם, האָבען זיי גע־קושט זי מיט איניגסטער פערברענטער ליידענשאַפט...

די מענער האָבען איהר געבראַכט ציערונג, ווי מען ברענגט צו אַ נעפּייערטע געליעבטע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ גייעג צווישען די רייכסטע מענער פון רוים און איטאַליען צו געווינען די גענאַד פון די „מאַדאָנאַ פון ליעבע", ווי צו געווינען די ליעבע פון אַ בעריהמטער קורטיזאַנקע. און איינער האָט דעם אַנדערען געוואָלט איבער יאַגען, אויסדינגען די גענאַד פון דער מאַדאָנאַ, מיט דעם, וואָס ער וועט איהר ברענגען טייערערע מתנות און אויסדערוועהלטע געשענקע.

איהר געליעבסטע ציערונג איז געווען — אַזוי האָבען די נאָנעס פון קלויסטער „דאָס הייליגע הארץ" געזאָגט — פּעריל, וועלכע זאָלען זיין אַזוי פול און אַזוי ליכטיג ווי איהרע טרערען, וואָס רינען איבער איהרע שעהנע באַקען. און עס איז אָנגעגאַנגען אַ גייעג צווישען די מענער פון רוים נאָך פּעריל פאַר דער מאַדאָנאַ פון ליעבע. מען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין דער אידישער געטאָ און אין געהיים אויסגע־קויפט פון די אידען די טייערסטע פּעריל וואָס מען האָט געקענט קריי־גען. מענער האָבען אַוועקגערויבט די פּעריל פון זייערע פרויען. פער־ליעבטע האָבען ניט געהאַלטען מעהר זייער פערשפּרעכען צו די קור־טיזאַנקעס פון רוים, און זייערע אויסגעזוכטע פּעריל האָבען זיי אַוועקגעטראָגען צום „הייליגען הארץ" און בעהאַנגען די „מאַדאָנאַ פון ליעבע" מיט שנורען פּעריל. איהר נאַקעטע לייב איז בעדעקט גע־וואָרען מיט פּעריל, וועלכע האָבען געפינקעלט ווי גרויסע טראָפּענס פערגליווערטע טרערען. און פון די פּעריל האָט ארויסגעשיינט איהר רויזען־שימערענדע הויט. עס איז געווען ווי איהר רויזען בלעטער־דיגער לייב איז בעהויכט מיט אַ טוי פון שיינענדע פּעריל־טראָפּענס...

עס זיינען געוואָרען אייפערזיכטיג אויף איהר ווייבער און קורטי־זאַנקעס, געליעבטע און כלות, ווי זי וואָלט געווען אַ לעבעדיגעס ווע־זען, און זי האָט אַוועקגערויבט די ליעבע פון זייערע מענער, חתנים און געליעבטע פון זיי. די ווייבער פון רוים, די, וועלכע האָבען זיך מיט זייערע געטין געפיהלט גאַנץ פאַמיליאַר, האָבען איהר אַ נאָמען געגעבען „די הייליגע אויסגעלאַסענע", און ניט איינמאָל האָט זיך אַ אייפערזיכטיגע רוימישע מעטרעסאַ אַריינגעריסען אין קלויסטער פון

„הייליגען הארץ“ און געוויזען א געביילטע פויסט די מאדאנא אין פנים אריין:

— דו גאט'ס זונה! די אויגען וועל איך דיר אויסדראפען! דיינע האר דיר אויסרייסען, וואס דו פערפיהרסט מיר מיין געליעב־טען! וועניג דיר דיין הימלישער ליעבהאבער, ווילסטו אונז אונזערע מענער פערפיהרען?!...

---

אין דער זעלבער צייט האט דער פאבסט פאול דער פערטער ארויסגעגעבען א בעפעל צו די אידען פון רוים, אז אלס א דאנק, וואס גאט האט זיי מציל געווען פון דערטרונקען ווערען אין די פערפלייצונג פון דער געטא, זאלען זיי צושטעלען דריי שנורען, צו דריי הונדערט פעריל אין יעדען שנור, און יעדע פעריל זאל זיין אזוי גרויס, ווי דאס אויג פון דער מאדאנא: גאנצע, פולע, רונדיגע און האבען דעם קא־ליער פון רעגענבויגען, וואס האט זיך בעוויזען צום ערשטען מאל צו נח'ן, ווען גאט האט איהם געראטעוועט פון מבול. די שנורען פעריל זאלען זיי ברענגען א מתנה צו דער נייער „מאדאנא פון ליעבע“ אין קלויסטער פון „הייליגען הארץ“, ווארים די מאדאנא, אזוי ווי דאס פאלק זאגט, האט זיך צום ערשטען מאל בעוויזען אין דער אידישער געטא און מציל געווען די אידען פון דער פערפלייצונג.

ווען די אידען פון רוים האבען געקראגען די גזרה פון פאבסט, האבען זיי ניט געוואוסט ווי צו האנדלען. עס איז זיי ניט געגאנגען אזוי אין די פעריל, נור וועגען מעהר וויכטיגעס. זיי האבען ניט גע־וואוסט, צי מיט דעם, וואס זיי וועלען צושטעלען די פעריל צו די מא־דאנא פון קלויסטער, הייסט עס, אז זיי דינען דערמיט א פרעמדען גאט, צוליעב וועלכען מען דארף בעסער שטעהן אויף קידוש השם, איידער מחלל זיין גאט'ס נאמען. אין רוים האבען זיך נישט געפונען קיין ספרים, ווארים אין די צייטען פון פאול דעם פערטען, ווי געזאגט, האט זיך ניט געטארט געפינען קיין איין אידיש ספר, ניט קיין גמרא, ניט קיין רמב"ם — קיין ספר, א חוץ דער זוהר, אויף וועלכען דער

פּאַבסט אַליין האָט געגעבן רשות צו דרוקען, ווייל, ווי די גלחים משומדים האָבן געזאָגט, איז דער זוהר אַ קריסטליך ספר און גיט אָנצוהערעניש אויף די דריי־איינינקייט.

ר׳ יעקב האָט צונויפגערופען די עדה פון קאַסטיליען צו ר׳ יוסף פינזי אין קעלער. אַהין זיינען אויך געקומען די פאַרשטעהער פון די אַנדערע עדות און קהלות, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוים, זיך מישב צו זיין וואָס צו טאָן און וואָס פאַר אַן ענטפער צו געבען דעם פּאַבסט.

אין דער נאַכט פון הושענה רבה איז געווען די גרויסע פערזאַמ־לונג פון די ראשי עדות און קהלות אין רוים ביי יוסף פינזי. אין דעם בעקאַנטען קעלער זיינען געוואָרען וואַקסענע ליכט אָנגעצונדען. עס זיי־נען נור געווען געקליבענע מענשען, די זקנים און די ראשי עדה, אידען מיט גרויסע שטערענס, שטערענס, וועלכע האָבן געטראָגען אויף זיך שפּורען פון גרושים פון אַלע לענדער,; אויגען, וועלכע האָבן געלויכ־טען מיט דעם פייער פון אמונה, וואָס איז שטאַרקער פון דעם פייער פון טויט; בערד, וועלכע זיינען פון צרות ווייסער און ריינער גע־ווען, ווי דער שנעע, וואָס פאַלט פון הימעל. אין לאַנגע, זיידענע, סאַמעטענע און גרין־בורשטין קאַלירטע אַטלעסענע רעק, מיט ברייטע גאָלדענע געוועבטע גאַרטלען, מיט שוואַרצע, בכבוד׳ע בערעקטע קעפּ. זיי זיינען געווען פון פערשיעדענע לענדער, דאַרונטער אידען, וועלכע זיינען געווען מיוצאי קאַסטיליען, ווי ר׳ יעקב, ר׳ יוסף און די אַנדערע בכבוד׳ע לייט. פראַנקישע אידען, וועלכע זיינען גרויסע געלעהרנטע; בעריהמטע דאָקטוירים, תלמידים פון דעם בעריהמטען אידישען דאָק־טאָר אמאַטים לואיזיטאַנים; סטודענטען פון די פּאַדואר אוניווער־זיטעט; דייטשע אידען, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט די תורה אין רוים. די יונגע לייט זיינען געשטאַנען אין דרויסען אויף די עקען פון גאַס אויף דער וואַך, אויב מען באַפאַלט זיי נים. און ווען די אסיפה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זיך דער בלינדער ר׳ יעקב אָב־גערופען:

— בעונותינו הרבים זיינען מיר געבליבען אָהן ליכט פון דער תורה. מיר ווייסען ניט וואו איין און וואו אוים. ווי שעפּסען אָהן אַ פּאַסטוך איז געבליבען די סטאַדע קהלת רוים. ווער וועט אונז גאָט׳ס וואָרט ערקלערען און לערנען אונז. וואָס מיר זאָלען טאָן אין אַן עת צרה?

— לאמיר שיקען שלוחים צו ר' יוסף אטאלענגהי, קיין קרא־מאנא, אין דער געגענד פון מילאן, וואס האט צונויפגעזאמעלט די רעשט פון ישראל און דארט אויפגעעפענט א ישיבה, כדי גאט'ס ווארט זאל ניט פערגעסען ווערען פון איטאליען'ס ערד, פרעגען א שאלה, ווי מיר זאלען האנדלען — האבען אייניגע געראטען.

— צו לאנג צו ווארטען! די וועגען זיינען אונזיכער פאר א אידען, און ביז די שלוחים וועלען קומען קיין קראמאנא און צוריק, וועט דער טערמין פערבייגעהן, ווארים ביז צו זייער קארנאוואל מוזען די פעריל זיין צוגעשטעלט.

— האט זיך גאט'ס קלוגשאפט אין גאנצען אבגעטאן פון אונז? געפינט זיך ניט אין דער גרויסער קהלה פון רוים קלוגע לייט, וואס זיינען בעשאנקען מיט גאט'ס חכמה, און ווייסען ווי צו פיהרען אונז אין דער פינסטערניש?

— גאט'ס ווערטער זיינען אבגעטאן פון אונז. שוין לאנג, ווי קיינער פון אונז האט א אידיש ספר ניט געזעהן. מען טאר זיך ניט פערלאזען אויפ'ן זכרון אין אזא וויכטיגען ענין, ווען עס שטעהט אין סכנה אונזער לעבען.

— ביי מיימאנידוס איז דא א בפירוש'ער דין וועגען דעם ענין. איך געדענק איהם אויסוועניג, נור איך וויל זיך ניט פערלאזען אויף מיין זכרון, האט זיך אנגערופען א אלטער מאן.

— דער הייליגער רמב"ם, וואס אונזערע קינדער פלעגען איהם לערנען פון קליינערהייט אן, האט מען מיט זיינע ספרים רוים'ס גאסען בעלויכטען — האט א איד געקרעכצט.

— האט קיינער ניט א ספר, א יד החזקה? געפינט זיך ניט אין גאנץ רוים קיין אידיש ווארט? קען דאס מעגליך זיין?

דערווייל האט דער אלטער בלינדער ר' יעקב עפעס זיך גע'סוד'עט מיט ר' יוסף פינזי. און נאך א לאנגע ווייל האט יוסף פינזי אוועק־גערופען א פאר זקנים אן א זייט און האט זיי עפעס פערטרויט. זיי זיינען נשתומם געווארען און האבען נאך אנדערע צוגערופען און גע־רעדט אין דער שטיל. ענדליך האבען זיי אויסגעקליבען אייניגע פון זיך, די, וועלכע קענען אם בעסטען לערנען, און יוסף פינזי האט זיי אריינגעפיהרט אין אן אנדער חדר פון קעלער.

ער האט זיי דורכגעפיהרט דורך א געהיימען, פינסטערען, גע־

דרעהטען קארידאר, וועלכער איז געווען אזוי שמאל און ענג, ווי א היול. בעלויכטען מיט אן אייל־לאמפ און א וואקסענע ליכט, זיינען זיי אנגעקומען אין אן איינזאמען חדר, וועלכעס יוסף פינזי האט אויפגעעפענט ווי דורך א צויבער־ווארט, ווארים מען האט ניט געזעהן ניט קיין טיר, ניט קיין אויסגאנג, נור דורך א געהיימע מאכענאציע האט ער אוועקגערוקט א שטיין פון דער וואנד, און זיי זיינען אריין אין א פינסטערען צימער. דער צימער איז געווען בעלייגט מיט גרויסע אייזערנע קאסטענס, וועלכע זיינען מיט גרויסע, שווערע קייטען געווען צוגעשמידט צו די גרויע, שטיינערנע ווענט פון צימער. יוסף פינזי האט אויפגעעפענט פאר זיי די קאסטענס. די קאסטענס זיינען ניט פול געווען מיט גאלד און טייערע שטיינער — די קאסטענס זיינען פול געווען מיט אידישע ספרים.

דאס איז געווען די געהיימע ביבליאטעק פון דע פינזי, וואו עס איז אויסבעהאלטען געווארען די אידישע ספרים, האנד־געשריבענע גמרות, די ערשטע אפדרוקען פון רמב"ם, תפילות, תחינות, גרויסע מגילות אויף פארמעט און אנדערע זעלטענע כתבי־יד'ן, מאנוסקריפטען, אויף וועלכע עס איז געשטאנען געשריבען די אידישע דינים, מנהגים, און ווי אידען זאלען זיך פיהרען. אנדערע האבען בעשריבען די אידישע צרות פון פערשיעדענע מדינות; גרויסע מגילות אויף הארטען פארמעט האבען בעשריבען יציאת הישפאניע, אנדערע האבען בעזונגען מיט גערייםטע שירים פערברענטע נשמות אין פייערען פון דער אינקוויזיציע, פיוטים און קנות, וועלכע האבען געריהמט דעם מארטירער טויט פון העלדען. די ביבליאטעק, וועלכע איז גוזאמעלט געווארען פון דור דורות און איז אויפגעהאלטען געווארען מיט גרויס מסירת נפש, איז איבערגעפיהרט געווארען פון קאסטיליען נאך איטאליען, און איז בעהאלטען געווארען דא אין דעם צימער־קעלער, ווען פאול האט געלאזט אויסמעקען דאס אידישע ספר פון גאנץ איטאליען. די חכמים האבען לאנג נאכגעקוקט אין די ספרים און אויסגעזוכט פון רמב"ם דאס, וואס זיי האבען גערארפט צו זייער עניז, און נאך א לאנגער צייט זאמען זיך אין דער געהיימער ביבליאטעק, האבען זיי אריינגעבראכט דעם פסק דין:

— די פעריל מעגען זיי איבערגעבען דעם פאבסט, אלס מס, אלס קנס, אלס אויסלייז געלד פאר זייערע לעבענס, פאר אלצדינג, וואס

ער וויל. ער מעג טאָן מיט זיי וואָס ער וויל. אָבער בשום אופן טאָרען זיי ניט איבערגעבען די פּעריל צו די מאַדאָנאַ, אַלס אַ דאַנק־געשאַנק פאַר דעם, וואָס זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרען פון דער פּערפּלייצונג. וואָרים דעמאָלס הייסט עס דינען צום פרעמדען אָב־גאָט. ווי דער הייליגער רמב"ם פּסק'ענט אין אַזאַ פאַל, דאַרפען זיי ליעבערשט אומקומען אויף קדוש השם, איידער דינען צו עבודה זרה.

די עדה האָט אויסגעהערט דעם פּסק דין. קיין איין וואָרט איז ניט גערעדט געוואָרען. אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט צווישען עולם.

— מיר וועלען גאָר ניט זאָגען, מיר וועלען איבערגעבען די פּע־רעל דעם פּאַבסט אַהן ווערטער.

— און ווען זיי וועלען אונז פרעגען?

— וועלען מיר זיי אָבנאַרען, זיי ווייסען דען וואָס זיי טוען, זיי זיינען דאָך ווי צולאָזענע קינדער.

— און פון וואַנען וועלען מיר נעהמען אַזעלכע גרויסע פּעריל? האָט ווער געפרעגט.

ר' יעקב האָט זיך אויפגעהויבען און האָט אריינגערופען זיין איינִיקעל יפתעה און געזאָגט צו איהר:

— נעם ארויס, מיין טאָכטער, דיינע פּעריל און גיב זיי אָב די עדה פון רוים — האָט דער אַלטער ר' יעקב געזאָגט צו יפתעה'ן — עס פּאַסט ניט פאַר אַ אידישע טאָכטער צו טראָגען פּעריל, ווען גוים בע־פּוצען מיט זיי זייערע עבודה זרות.

און די לעבעדיגע יפתעה האָט פון אַן אייזערן קעסטעלע ארויס־גענומען איהר משפחה־פּערל און האָט זיי אָבגעגעבען צו בעפּוצען מיט זיי די טויטע יפתעה אין קלויסטער פון „הייליגען האַרץ".

און ווען די „מאַדאָנע פון ליעבע" האָט געטראָגען די פּעריל פון יפתעה, האָבען זיי ארויסגעשיינט מיט אַ צניעות'דיגען כשר'ען שיין פון אַלע אַנדערע שנירען פּעריל, וואָס איהרע פערעהרער האָבען זי בע־שאַנקען...

## קאפיטעל 12.

# דער קארניוואל אין רוים.

רוים׳ס גאסען האבען געפלאקערט אין א פייער פון פארבען. ניט נור די מענשען, נור אויך די גאסען, די הייזער, די דענקמעלער און די קירכען, די קאלאנען און די מארק־ברונימער זיינען געווען פערקליידט, פערשטעלט לכבוד דעם גרויסען יום טוב פון קארנאוואל. די ווענט פון די הייזער האבען זיך פשוט געטונקט אין א ים פון פארבען, וואס האבען ארויסגעפלאמט פון די טייערע אריענטאלישע דיוואנען און טעפיכען, מיט וועלכע די ווענט זיינען געווען בעפוצט. די קאלירען פון די טעפיכען האבען אזוי שימירירט אין דער זון, ווי זיי וואלטען געווען יובעלען ארבייט. יעדעס שטיקעל ליכט־פארב האט ארויסגעלויכטען פון זיי, ווי עס וואלט געווען בעזעצט מיט טייערע שטיינער. פענסטער און טירען, באלקאנען און דעכער־גאלערען זיינען בעשטעלט געווען מיט גרין־בליהענדע ארלאנדען. די גאסען, וואו עס האבען זיך געזאלט ציהען די קארנאוואל פראצעסיעס, זיינען אויסגעשטעלט געווען מיט פאלמען־ביימער, מיט מירטען און כריזענטעמען־בלומען און אנדערע אריענטאלישע געוויקסען. עס האט זיך געדאכט, אז רוים איז פערוואנדעלט געווארען אין א לוסט־גארטען פון אן אריענטאלישען הערשער. די איינוואוינער פון רוים האבען ניט געוואוסט מעהר וואו זיי געפינען זיך. פיעלע הייזער זיינען פערוואנדעלט געווארען אין שיפען; בעפליגעלט מיט גרויסע זעגעל־מאסטען, האבען זיי אויסגעזעהן ווי בלאנדזשענדיגע שיפען, וואס ווערען פער׳כישופ׳ט אין א פאנטאסטישען קאליר־רייכען ים. קירכען זיינען פערוואנדעלט געווארען אין טעמפלען פון אבגעטער, פון אפאלא און ווענוס. קריסטליכע דענקמעלער און מארק־ברונימער זיינען פערשטעלט געווארען פאר ווילדע אבגע־

טערישע פאָנען און וואַלד־פּעזן. אַנדערע — פּאַר שיכור'ע באַק־ כוס'ען, וועלכע טרינקען פון איבערגעפילטע בעכערס, און נאַקעטע קינדער מיט וויינטרויבען און וויין־קרוגען אין די הענד טאַנצען ארום זיי... יעדער קאַלאָן און יעדער זייל פון רוים'ס גאַסען זיינען בעפוצט געווען מיט גרינע בלעטער, בעקראַנצט געוואָרען מיט ברענענדיגע רויטע רויזען.

די קריסטליכע הייליגע זיינען אַנגעטאָן געוואָרען אין רוימישע טאָגעס מיט קראַנצען פון אויל־בלעטער אויף זייערע קעפּ און אַריינגעזעצט געוואָרען אין רוימישע טריאומף־וועגען, איינגעשפּאַנט צו פיער פייערדיגע פערד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָבען זיך אויסגעמישט די צייט־אַלטערס. עס זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען די עפּאָכען און די פּעריאָדען. רוים האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם האַרטנעקיגען יאָך, אין וועלכען עס האָט איהר איינגעשמידט דער איד פון נצרת... רוים האָט זיך בעפרייט פון די קירכליכע געזעצען און איז געוואָרען צוריק דאָס, וואָס זי איז שטענדיג געווען אין האַרצען — די דינעריין פון אַלטען „פּאַן". זי איז געוואָרען צוריק אַבגעטעריש. עס איז געווען אַ מס, וואָס די קירכע האָט געצאָהלט דעם אַלטען. אַבגעטערישען רוים אין די טעג פון קאַרנאַוואַל. עס איז געווען אַ פּראָטעסט, וואָס רוים האָט אויסגעשריען געגען דעם טרויעריגען און פרעמדען גאָט, וואָס די קירכע האָט מיט פייער און שווערד אַרויפגעצוואונגען אויף זיי, אין די טעג פון קאַרנאַוואַל. רוים האָט געבענקט נאָך די אַלטע אַבגעטער פון זיינע עלטערען; נאָך די אין זון און ליכט באָדענדיגע געטער פון די אַלטע גוטע צייטען. אין די טעג פון קאַרנאַוואַל זיינען די אַלטע געטער צוריק אויפגעשטאַנען תחית המתים פון זייערע אין שטויב און ערד פערגעסענע טעמפּלען און זיי זיינען אריין אין די קירכען פון רוים, פערטריבען דעם טרויעריגען איד פון נצרת מיט זיינע לאַנגווייליגע בלוטיגע וואונדען, און געזעצט זיך אויף זיין שטול, און ווידער אַמאָל האָט דער מענש געדיענט צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט, וואָס ער האָט געקענט — צו זיך אַליין...

וואָכען־לאַנג האָט מען זיך געגרייט אויף דעם קאַרנאַוואַל יום טוב. מענשען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין מאַסקען, פערשטעלט אַלס אַלטע רוימער אין טאָגען. בעריהמטע פּערזענליכקייטען פון דער רוימישער געשיכטע, צעזאַרען און אוגוסטען, זיינען אַרומגעגאַנגען

אין די שענקען פון רוים און גע׳שיכור׳ט... פערסיער און טערקען האָ־
בען געשלעפּט לאַסט־סחורות איבער די גאַסען. אַנדערע, ווידער,
האָבען זיך פערקליידעט אלס די ווילדע איינוואוינער פון די אינדישע
לענדער, וואָס קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט אויף זיין וועג קיין
אינדיען, וואָס האָבען אָנגעהויבען דענסמאָל באַקאַנט צו ווע־
רען אין דער וועלט. און די ווילדע קאָסטיומען פון די אינ־
דיאַנער מיט רויטען אָבגעשמירט און מיט פעדערען בעפּוצט,
זיינען אין קארנאַוואלען געוואָרען א זעהר אָפטע ערשיינונג;
רויכענדיגע גרויסע שטיקער טאַבאַק, פון וואָס די געוואוינהייט
פון רויכערען האָט זיך באַלד אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען אי־
בער דער וועלט, ווי מען האָט עס נור געבראַכט פון אמעריקאַ —
האָבען זיך אינדיאַנער אויסגעמישט מיט רוימישע סענאַטאָרען, אין
איינעם האַנדעל און וואַנדעל געפיהרט. די פרויען, פערקליידט אלס
גריכישע געטינען, אלס כהנ׳טעם פון די פייער־טעמפּלען וועסטילען
און נביא׳טעם סעבילען, זיינען געגאַנגען געאַרעמט מיט שיכור׳ע באַק־
כוסען, ביי וועלכע עס האָבען געטאַנצט אויף די קעפּ די רויטע רויזען־
קראַנצען. אין די זייטיגע געסלעך האָבען פערקליידטע פאונען און
וואַלד־פעען פערפיהרט די יונגע טעמפּעל־מיידלעך אין לוסטיגע הייזער
און עפענטליכע באַד־פּלעצער... לוסט־אינגלעך אָנגעטאָן אין קורצע זיי־
דענע העמדלעך, מיט ענטבלויזטע הענט און פיס, האָבען בעגלייט זיי־
ערע אלטע אַנהענגער, גריכישע פילאָזאָפען מיט פּליכוואַטע קעפּ און
טראָלדען געלאַקטע בערד, וועלכע האָבען דיסקוסיעס געפיהרט איבער
עראָסען אויף די עפענטליכע מאַרק־פּלעצער אין רוים...

און ביינאַכט איז דאָס אַלעס בעלויכטען געוואָרען דורך פאַנטאַס־
טישע פייערווערק. וואָס האָבען זיך געגאָסען מיט דעם ליכט פון רעגען־
בויגענס איבער די פערשטעלטע הייזער און דענקמעלער. קנעכט
האָבען נאָכגעטראָגען נאָך די מאַסקען שטולקאַצען, וועלכע האָבען מיט
א ווייכען ליכט, וואָס האָט זיך געגאָסען ווי רויטער וויין פון א קעלך,
בעלויכטען די פאַנטאַסטישע מאַסקען. גרופּען גאַנץ לוסטיגע פער־
שטעלטע חברות האָבען בעלויכטען זייער וועג מיט פאַנטאַסטישע ווע־
נעציאַנער פאַרמעט, לאַמטערנס, וואָס זיינען דורך דעם ליכט פער־
וואַנדעלט געוואָרען אין מיסטישע שאָטען־בילדער. זיי האָבען גע־
טאַנצט ווי שאָטענס איבער די גאַסען און זיינען פערשוואונדען געוואָ־

רען אין זייטיגע געסלעך. עס האבען זיך נאכגעטראגען נאך זיי, ווי ווייטע עכאס, שטילע, ליידענשאפטליכע געזאנגען און א געשמאק פון אנגענעהמע, אויפרייצענדע פערפיומען. געוויקעלט זיינען געווארען די גאסען פון רוים אין שוועבענדע, פערפיומירטע וואלקענדלעך, וואס האבען זיך געטראגען פון די הויכע פייערען אין די שטולקאצען נאך די מאסקעס. פון די וויינשענקען האט זיך ארויסגעגאסען גרעלעס ליכט, אויגעמישט מיט גראבע שיכור'ע געזאנגען און א פעפער־גע־שמאק פון געווירצטע עסענס און זויערען וויין. און די געשמאקען האבען זיך אויסגעמישט מיט די פערפיומען און די ליכטער פון די ווייכע ווענעציאנער לאמטערנעס מיט דעם גרעלען שרייענדיגען שיין פון די בעלויכטענדע וויין־שענקען און לוסט־הייזער. אויסגעמישט האבען זיך מענשען און הייזער, טויט און לעבען, און אלץ האט זיך בעוואויגען ווי א שיינענדיג־פערגליווערטער ים אין א שווימענדען, פערגליווערטען לויכטענדען נעבעל...

---

פון אלע גאסען פון רוים איז נור איין ווינקעל ניט געווען בעלויכ־טען מיט דעם פאנטאסטישען ליכט, און נור איין גאס האט געזונקען אין די פינסטערניש. שווארצקייט און נאכט איז שווער און טיעף געלעגען איבער דער אידישער געהטא. די ליכט אין די פענסטער אויסגעלאשען. איינגעקארטשעט מיט ווייב און קינדער אין די ווינק־לען פון זייערע הייזער, האבען זיי פערנומען פון דער ווייטענס דעם רעש און דעם רויש, וואס טראגט זיך פון רוים איבער די מויערען פון דער געהטא. עס האבען די פייער־ווארפער אריבערגעווארפען זייער ליכטער־שיין איבער דער גהעטא, און בעלויכטען די שטומע, דערשרא־קענע הייזער. דאמאלס האט א שרעק ארומגעכאפט די איינוואוינער פון דער גהעטא דורך דעם אונמענשליכען רויש, וואס האט זיך גע־הערט פון יענער זייט. איינער האט אנגעקוקט דעם אנדערען מיט שרעק, און יעדער איינער האט א תפלה געזאגט אין זיין הארץ:

— גאט, דערבארעם זיך און שיץ אונז אין טאג פון קארנאוואל. רוים איז אהן א גאט...

נור איין קעלער איז געווען בעלויכטען. דער קעלער פון יוסף פינזי. דארט זיינען אין דעם אבענד ערב קארנאוואל ווידער געווען

פערזאמעלט די פני פון אידישען רוים. דא איז געווען דאס איינציגע ווינקעל אין דער גהעטא פון רוים, וואו מען האט זיך אויך פערטיג געמאכט צום קארנאוואל.

אויפ'ן טיש זיינען געלעגען אנגעשאטען גאלדענע טאלערס, פיעל זילבערנע און גאלדענע ציערונג, יובעלען־שטיקער פון אלע לענדער פון דער וועלט, וואס אידען האבען צונויפגעבראכט צו יוסף פינזי אין קעלער אריין. אויף דער שטיינערנער פאדלאגע איז געווען אנגעלעגט טייערע זיידענע שטיקער סחורה, אויסגעהאפטע טאפעל־דאמאסק און טאפעסטריען און אריענטאלישע טעפיכען, שטיקער סאמעט־צייג, כלה־געשאנקען, ירושות פון עלטער־עלטערן, וואס מען האט צונויפגע־שלעפט פון אלע אידישע הייזער. דאס גאלד און די טייערע זיידענע סחורות זיינען געווען א מס, וואס די אידען האבען געמוזט ברענגען פאר דעם קארנאוואל. דערפאר, וואס יודאס האט פערקויפט יעזוס קריסטוס פאר דרייסיג זילבער־שטיקער, האבען די אידען פון רוים גע־מוזט בעצאהלען יעדען יאהר עלף הונדערט און דרייסיג גאלדענע פלא־רינס אין גאלד און יובעלען — יודאס־געלד. די אידישע טעכטער האבען געמוזט בעפוצען טיטוס'עס טריאומף־בויגען מיט טייערע טע־פיכען און טייערע זיידענס און סאמעט שטיקער לכבוד דעם יום טוב פון קארנאוואל, ווען די דעפוטאציע פון די רבנים מיט די אלטע אי־דישע לייט וועלען שטעהן און אבווארטען מיט ספרי תורות אין די הענד דעם פאפסט, וועלכער וועט קומען רייטענדיג אויף זיין ווייסען פערד אן דער שפיץ פון דער קארנאוואל־פראצעסיע.

אומעטיג און שטילשווייגענדיג האבען די אידען געצאהלט די גאל־דענע פלארינען, די יובעלען געשאצט אין גאלד, דעם יודאס־קנס, וואס זיי דארפען צושטייער געבען פאר דעם קארנאוואל, אנדערע האבען אויסגעגלייכט די טייערע טעפיכען און די טייערע סחורות, מיט וועלכע די אידישע טעכטער וועלען צומארגענס אויספוצען דעם טריי־אומף־בויגען פון טיטוס'ען, פון דעם העלד, וואס האט צושטערט זייער פרייהייט, חרוב געמאכט זייער לאנד און פערברענט זייער בית המקדש. קיין איין ווארט איז ניט גערעדט געווארען. עס האט זיך נור געהערט דאס קלינגען פון גאלד און ס'האט זיך געזעהן דער גאלדענער בליאסק, וואס האט געבלישטשעט פון דעם קארגען בוימאויל־לייכט, וואס האט געברענט אויפ'ן טיש. נור פון צייט צו צייט האט זיך גע־

הערט דאס רוישענדע שאלען, וואס האט אריינגעדרונגען פון די שיכור'ע קארנאוואל־גאסען פון רוים, ווי דאס שטורמדיגע רוישען פון א שטורמ־ווינט אויפגעקאכטען ים. און די פענסטער פון קעלער זיינען בע־לויכטען געווארען מיט א פלאם־פייער, וואס האט אריינגעקנאקט ווי א דונערדיגער בליץ פון די ראקעטען און פייער־ווארפער, וואס האבען אריינגעשאסען אין דער פינסטערער גהעטא פון רוים.

דאמאלס האט איין איד דעם אנדערען בלייך אנגעקוקט און אלע האבען געטראכט איין געדאנק:

„רוים איז אהן א גאט".

אין א ווינקעל פון קעלער־שטוב, איינגעהילט אין די טונקעלקייט, זיינען געזעסען די „לויפער" און האבען זיך געשמירט די נאקעטע פיס מיט חלב און זאלבען צום מארגענדיגען געלאף. עס זיינען געווען חיים אדוני און מרדכי אלפי, די צוויי „נאראנים" פון דער אידישער גהעטא, וועלכע די קהלה פון רוים האט געדונגען יעדעם יאהר, אז זיי זאלען „לויפען" אין „וועט געלאף", אין וואס די אידען האבען געמוזט אנטייל נעהמען אין קארנאוואל, צו די פערוויילונג פון די רוימער.

---

פון דער פי־אפיא האט זיך אראבגעלאזט אן אויסטערלישער צוג. פון דער ווייטענס האט מען געמיינט, אז א שטורמדיגער אויפגעברויז־טער בלוט־רויט־קאלירענדיגער טייך גיסט זיך אין דער גאס אריין. מען האט גארנישט געזעהן, נור א וואקלענדיגער, נעבעלדיג קאלירענדיגער רויך הויבט זיך איבער קעפ. פון רויך שלאגען ארויס בליץ־ראקעטען און ווארפען רעגנבויגענס איבער'ן הימעל. דער גאנצער חלל איבער די קעפ האט געפינקעלט אין ליכט־שפריצען, נור וואס ווייטער איז עס אלץ ארויסגעקומען בולט'ער פון נעבעל ארויס. פיער צאפעלדיגע פערד, אנגעטאן איבער די קעפ מיט הויכע בושעם קאלירטע פעדערען. פערווארפען מיט טייערע זיידענע צודעקעכס, איינגעשפאנט אין א רוי־מישען טריאומף־וואגען. זיינען ארויס פון נעבעל. אויפ'ן וואגען זיי־נען געשטאנען פיער טראמפייטארס, אויסגעשטעלט צו די פיער עקען פון דער וועלט און מיט גרויסע זילבערנע טראמפייטען אנגעזאגט די

בשורה, אַז דער גרויסער מאַרש פון קאַרנאַוואַל האָט זיך אָנגעהויבן, און דאָן איז געגאַנגען דער קאַרנאַוואַל־מאַרש.

לויט אַ בעשטימונג פון הויפּט שטערען־זעהער, וואָס האָט אויסגעקוקט די שטערען און נביאות געזאָגט פאַר׳ן פּאַפּסט, ווען ער בעדאַרף אָנהויבען יעדע זאַך, האָט זיך דער קאַרנאַוואַל־מאַרש אָנגעהויבען מיט דעם סימבאָל פון דער ערד און די פיער יסודות פון דער ערד, וועלכע זיינען געווען סימבאַליזירט אין לעבעדיגע מענשען, און געפלויגען איבער די ערד, לויט געהיימע מעכאַנאַציעס. דערנאָך זיינען געגאַנגען לעבעדיגע גרופּען, וואָס האָבען פאַרגעשטעלט סצענעס פון אַלטען און נייעם טעסטאַמענט. אָבער אַלץ אַזעלכע סצענעס, וועלכע האָבען דערמאָנט אַן פרעהליכקייט און לוסט צום לעבען. ווי אַביגיל פיהרט אַ קעמעל, אָנגעלאָדען מיט אַלע רייכטימער פון מזרח צו דוד׳ן; לוט מיט זיינע טעכטער. דערנאָך האָבען זיך געוויזען לאַנגע גרופּען פון די גריכישע מיטאָלאָגיע. פּאַריז מיט די דריי גראַציעס. ס׳האָט אויך ניט געפעהלט העלענאַ פון טראָיאַ, צוליעב וועלכער מלכים און לענדער האָבען זיך געשלאָגען. סצענעס פון אָדיסעאַ און איליאַדע, גרופּען, וועלכע האָבען פאַרגעשטעלט דעם בארג אָלימפּ מיט אַלע געטער און געטינען. עס האָבען אויך ניט געפעהלט גרופּען־סצענעס מיט אַ פּאָליטישען כאַראַקטער, ווי די געפאַהר פון די אָטאָמאַנישע מאַכט, ווי דער סולטאַן בעדראָהט די קריסטליכע אמונה. אַנדערע האָבען חוזק געמאַכט פון די רעפאָרמאַטאָרען און די פּראָטעסטאַנטען: האָבען פאַרגעשטעלט לוטהער׳ן מיט זיעבען קעפּ פון שטן; אַ סצענע ווי די פּראָטעסטאַנטען פרעגלען זיך אין גיהנום. מלאכים און טייוואָלים. כשוף־מאַכערינס און נבואה־זאָגערינס. גריכישע כהנ׳טעס און נעצענדיענער. און דאָס אַלעס האָט געטאַנצט און געזונגען און געשפּיעלט מיט דער פאַרבען־רייכקייט פון זייערע קליידער און מאַסקען.

אין דעם לעבעדיגען ים פון קאָלירען האָט זיך אויפגעהויבען איבער די קעפּ אַ טראָן־שטוהל, רייך דראַפּירט מיט טייערע שטאָפען, און אין איהם האָט זיך געוויעגט, אין גאַנצען אין שאַרלאַך־רויטען אָנגעטאָן, דער פּאַפּסט פּאַולוס דער פיערטער, זיינע וואַסער־אויגען, טויט אַרומקוקענדיג זיך איבער׳ן עולם, זיין ווייסע באָרד ציטערענדיג איבער דער שאַרלאַך־רויטער רעטונדע, בעגלייט מיט זיין סוויטע פון קאַרדינאַלען און הויכע קירכליכע בעאַמטע. גלחים אין ווייסען אָנגע־

טאַן האָבען געהאַלטען גאָלדענע קאַנדילאַברען אין די הענד און רויטע וואַקסענע ליכט האָבען געברענט און בעלייכטען זיין הייליגקייט, דעם פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס אויף דער ערד, אין דעם צוג פון קאַר־נאַוואַל...

ביי דעם אריינגאַנג פון דער געטאָ ביים טריאומף־בויגען פון טיטוס, איז געשטאַנען די אידישע דעפּוטאַציע אָבצוואַרטען זיין הייליגקייט. בעפּוצט און בעציערט איז געווען דער טריאומף־בויגען פון דעם צוטרעטער פון ישראל מיט די פּרעכטיגסטע טאַפּעסטריען און טעפּיכען און זיידען שאַלען און גאָלדענע שטיקער געוועבענטס, וואָס מען האָט געשלעפּט פון אידישע הייזער. און אידישע טעכטער האָבען געמוזט דראַפּירען דעם בויגען. אין ווייסען אַנגעטאַן מיט די טליתים איבער די קעפּ, זיינען געשטאַנען די אַלטע און בכבוד'סטע לייט פון דער אידישער געטאָ. דער אַלטער בלינדער ר' מרדכי האָט געהאַלטען דאָס ספר תורה, מיט וועלכער די אידען האָבען פּרעזענטירט דעם פּאַפּסט ביי יעדען קאַרנאַוואַל. ארום איהם זיינען געשטאַנען די אַלטע און חשוב'סטע לייט פון דער קהלה אין רוים. אויף אַ טייער בעדעק־טען טיש איז געלעגען איינגעפּאַקט אין זיידענע ביימלעך די עלף הונ־דערט און דרייסיג גאָלדענע פלאָרינס, יודאָס־געלד. אביסעל ווייטער זיינען געשטאַנען די אידישע מיידלעך מיט טייערע אויס־געשטריקטע זיידענע שטאָפען, מיט בלומען צו פערשפּרייטען פאַר דער טראַג־שטוהל פון פּאַפּסט, ווען ער וועט זיך דערנעהענטערען צו דער אידישער דעפּוטאַציע.

און באַלד האָט זיך דער קאַרנאַוואַל־צוג אָבגעשטעלט. דער פּאַפּסט איז אַנגעקומען צו טיטוס'עס טריאומף־בויגען, וואָס דאָס איז געווען די מעטאַ, וואו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעלייזט. דער פּאַפּסט איז זיין טראַג־שטוהל האָט דערזעהן די אידישע דעפּוטאַציע, וועלכע איז, ווי יעדעס יאָהר געשטאַנען פאַר'ן בויגען מיט'ן ספר תורה און די גאָלדענע פלאָרינען צו בעצאָהלען דאָס יודאָס־געלד. צוערשט האָט ער זיין קאָפּ אָוועקגעבויגען פון די אַלטע אידען און עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער פּאַפּסט וויל זיי ניט זעהן. נור ווען די אידישע מיידלעך האָבען אַנגעהויבען אויסצושפּרייטען די טייערע טעפּיכען פאַר זיין טראַג־שטוהל, האָבען די טרעגער און די בעגלייטער זיינע, שוין ווי אַ אַלט אַנגענומענער רעגעל פון קאַרנאַוואַל, דערנעהענטערט זיך

צו די דעפוטאציע. דער בלינדער ר׳ יעקב האט צו איהם אויסגעשטרעקט דאס ספר תורה, און די אלטע רבנים האבען די ברכה געמאכט.

דאמאלס האט דער פאפסט, ווי עס איז געווען דער מנהג, ארויסגעשטרעקט פון טראג־שטוהל זיין סאמעט־בעקליידטען פוס און ארויפגעטרעטען אויפ׳ן קאפ פון דעם בלינדען ר׳ יעקב און האט געזאגט דעם וואויל בעקאנטען שפרוך:

— מיר ליעבען אייך ניט, נור מיר דולדען אייך, ווייל גאט האט אונז געהייסען דולדען אונזערע פיינד.

דערמיט האט זיך געענדיגט די צערעמאניע פון צונעמען ביי די אידען דאס יודאס־געלד.

באלד האבען זיך די גרופען פון די פערשיעדענע לעבעדיגע סצענען, וואס האבען געהאט צונויפגעשטעלט דעם קארנאוואל־צוג, אויפגעלייזט, און אלע האבען זיך אויסגעמישט. פערשיעדענע קאסטיומען, מאסקען, גרופען־סצענען, אלץ, אלץ איז צונויפגעקנוילט און צוזאמענגעמישט געווארען. פאנטאסטיש געקליידטע פאפסטליכע סאלדאטען האבען אוועקגערוימט דעם פאנטאסטיש קאלירטען עולם פון דער פי־אפיא, צונויפגעקוועטשט זיי ביי די טראטוארען נעבען די הייזער און געמאכט פלאץ פאר די „געוועט־לויפערס". מיט וואס עס האט זיך געענדיגט יעדער קארנאוואל־צוג. אויף א שארלאך־רויטען טראן, וואס איז צוליעב דעם אוועקגעשטעלט געווארען ביי די ענדע פון דער גאס. נעגענאיבער טיטוס׳עם טריאומף־בויגען, האט זיך דער פאפסט אוועקגעזעצט, און ארום איהם זיין סוויטע, און פון דאנען האט זיך אנגעהויבען דער קארנאוואל־געיעג. צוערשט זיינען געלאפען רוימישע אינגלער, ווי אמאל אין די צייטען פון די רוימישע הערשאפט. זיי זיינען אויך היינט, אין געגענווארט פון קריסטוס׳עם פערשטעהער געוועזען האלב־נאקעט. אנגעטאן אין זיידענע העמדלעך מיט קראנצען אויף די קעפ, זיינען זיי געלאפען איבער די פי־אפיא. גאנץ רוים האט זיי נאכגעקוקט און אונטערגעיאגט זיי מיט זייער שפיעלענדעם בלוט און פערוויילונגס־לוסט. אלע אויגען האבען געגלאנצט, אלע פנים׳ער זיינען געווען צוהיצט, צוואווארימט, צופלאמט פון אויפרעגונג. קעפ האבען איבערשטיגען קעפ. דאמען פון די רייך־בעפוצטע באלקאנען פון די בלומען־טעפ בעשטעלטע פענסטער האבען זיי צוגעפאכעט מיט זיי־

ערע אויסגעהאַפּטענע טיכלעך, מיט זייערע שלייערס, מיט זייערע פּע־
בערס. מענשען האָבען זיך געוועט, איינגעשטעלט זייער פערמעגענס,
זייער פרייהייט אויף די לויפערס, און קוים האָט וועך פון די אינגלעך
דערגרייכט די מעטאַ, איז רוים פערהילכט געוואָרען פון געשרייען, פון
ליאַרמען, פון פּאַטשען מיט די הענד, פון פאַכען מיט די הים, מיט די
מאַסקען, מיט די שלייערען. מען האָט געפיהרט דעם געווינער, ווי
אַמאָל אין די אָלימפּישע שפּיעלען, מיט טריאומף־מאַרשען איבער די
גאַסען פון רוים, אנגעטאָן איהם לאָרבער־קראַנצען אויפ'ן קאָפּ. דאַמען
האָבען איהם געקושט און קורטיזאַנען האָבען איהם צוגעוואָרפען רויטע
בלומען פון זייערע טראַנ־שטולען, אַנדערע האָבען איהם געשיקט בריוו־
לעך, און נאָך אַנדערע — שליסלען פון זייערע שלאָפצימערען...

דער לויף־געוועט פון די אינגלעך האָט ערשט צוברענט דעם הונ־
גער־אַפּעטיט נאָך פערוויילונג און אויפרעגונג פון די רוימישע איינ־
וואוינער. נאָך די אינגלעך האָט זיך אָנגעהויבען איבער די גאַסען
קינדער־געלאָף, אַפען־געלאָף, און צום סוף — דאָס שפּאַס־פערוויילונג,
וואָס דער קאַרנאַוואַל האָט געבאָטען די גלויביגע פון קריסטום — דער
אידען־געלאָף.

עס איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז צו יעדען קאַרנאַוואַל האָבען
די אידען געמוזט צושטעלען וועט־לויפער. ניט פאַר ספּאָרט, נור פאַר
חוזק און פערוויילונג. אויסגעקליבען האָט מען דוקא די עלטעסטע
און די מעהר־שוועך־לייביגע. אידען מיט קרומע פיס און דיקע לייבער,
אידען מיט קרומע בעוועגונגען, אַז זיי זאָלען מיט זייערע קאָמישע
פיגורען פערוויילען דעם הונגעריגען פעבעל.

די קהלה פון רוים האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט צוויי לויפער,
וועלכע האָבען זיך ספּעציאַליזירט פאַר דעם שפּיעל, מיט וועלכען די
אידען האָבען געמוזט אַמוזירען די גוים צו זייער קאַרנאַוואַל. זיי
האָבען גענומען אויף זיך די מיסיע צו פערוויילען די גוים ביים קאַר־
נאַוואַל. זיי פלעגט מען אויך אויפרופען צו דער תוכחה. דאָס
זיינען געווען די צוויי „נאַראַנים" פון דער גהעטאָ; חיים
אדוני און מרדכי אַלפי, וועלכע האָבען געשפּילט די נאַראַנים אין די
גהעטאָ. אונזערע צוויי בעקאַנטע שפּאַס־שפּילער, וועלכע זיינען גע־
גאַנגען אין די קירכע אריין צו הערען די געניטע קריסטליכע דרשה,
מיט פערשטאָפּטע אויערן — פאַר דער קהלה פון רוים. פונקט אַזוי

ווי די גוים האבען גערארפט „נאראנים" זיי צו פערוויילען, אזוי האבען די אידען גערארפט נאראנים, וועלכע זאלען זיי לוסטיג מאכען אויף חתונות און מאלצייטען. די צוויי נאראנים פלעגען פארשפיעלען פער־שיערענע שטיק אין רייכע אידישע הייזער; פערשטעלען זיך ביי א געלעגענהייט און פארשפיעלען „טויטענטאנצען" און אנדערע שפא־סען. שמחת תורה און פורים האבען זיי פערווייקט די קהלה מיט זייערע שפאס שטיק, און די קהלה האט זיי געצאהלט א יעהרליכען שכר, אז זיי זאלען זיין די וועט־לויפערס פאר די אידען צום קאר־נאוואל.

די צוויי נאראנים זיינען אזוי אריין אין זייער ראלע, אז ווען עס איז געקומען צום געלאף, האבען זיי זיך פערגעסען און זיי זיינען אזוי פעראינטערעסירט געווארען, אז זיי האבען געוואלט איינער דעם אנ־דערען איבעריאגען און געווינען דעם געוועט. זיי פלעגען זיך פאר־ברייטען דערצו און שפיעלען דערנאך די זיעגער ווי אמת'ע וועט־לויפער.

רוים פלעגט ווארטען אויף זיי מיט אונגעדולד. קוים האט מען זיי דערזעהן לויפען איבער דער פי־אפיא, מיט זייערע אויסגעדרעהטע פיס און קרומע העויות, אטעמענדיג שווער, אזוי האט אן עפידעמיע פון לאכען און שפאס ארומגעכאפט דעם אויפברויזענדען ים פון מענש־ליכע קעפ און פערשטעלטע פנים'ער.

— העי, פלינקער איד, פלינקער — כאפ אונטער דיינע גליט־שיגע פיס!...

— זעה, זעה זיין שאקלען זיך, ווי דאס קרחת וואלט איהם גע־טרייסעלט!

— און דער האט אז עק נאכשלעפען זיך, כ'האב אליין געזעהן. פונקט ווי דער טייפעל! זעה דעם בעהארטען עק! ווי מיין פודעל. חא! חא!

— איך וועט אויף איהם מיין גארטען, מיין פערד, מיין פאנצער וועט איך אויף איהם, ער וועט דעם רויטען איבעריאגען. ער שפרינגט ווי אן אפע! זעהט!

— יוד, איך וועל דיין מעוברת'דיגע ווייב די אינגעווייד אויס־שניידען און א קאץ איהר אין בויך איינניהען, אז דו וועסט דעם וועט פערשפיעלען. איך האב אויף דיר מיין בעסטען פערד געשטעלט.

אזוי פלענען פון אלע זייטען צופאלען צו זיי געשרייען, מ'האט געשמיסען זיי מיט געלעכטער און אונטערגעיאגט מיט זידלערייען און פויסטען, אז זיי זאלען איינער דעם אנדערען איבער יאגען.

נור דאס מאל האט דער פעבעל שוין זיך ניט געלאזט בעגנוגענען מיט די „אפיציעלע" ליופער, וואס די גהעטא האט צוגעשטעלט. שכּוד פון לאכען און אנגעשטעקט פון די פערוויילונגס־לוסט, האבען זיי אנגעהויבען צו יאגען די בכבוד'ע אידען וואס זיינען געשטאנען אין דער דעפוטאציע ביי טיטוס'עס בויגען. די פרומע אידען פון רוים, וואס האבען געמוזט זיין דערביי, ווי זייערע „פארשטעהער" פערוויילען דעם עולם, האבען פאר שאנדע און בזיון איינגעגראבען די פנים'ער צו דער ערד. און כדי זיי זאלען ניט באדארפען קוקען די רשעים אין די פנים'ער אריין, וואס דאס איז פערבאטען לויט'ן געזעץ, האבען זיי זיך פערשטעלט מיט די הענט די אויגען. פלוצלונג זיינען זיי געווארען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און געיאגט געווארען מיט געשרייען און ליארמען, געלעכטער און חוזק:

— אידען, לויפט, לויפט, לויפט!

זיי האבען זיך ארומגעקוקט דערשראקען, פערציטערט און ניט פערשטאנען וואס די גוים ווילען פון זיי, נור פון אלע זייטען האט זיך אויסגעשטרעקט צו זיי פויסטען, דראהענדע געשרייען, רויט־פער־שיכור'טע אויגען. דא און דארט האבען שוין באטיקעס און הינט־קאנטשיקעס געשמיסען איבער זייערע פיס, און געשטופט זיי און געזאגט:

— אידען, לויפט! לויפט, לויפט!

א טייל פון זיי, דערשראקען, צורודערט, ניט וויסענדיג וואס מען וויל פון זיי, האבען אינסטינקטיוו אנגעהויבען צו לויפען. איינגעוויקעלט אין די לאנגע טליתים, האבען זיי אנגעהויבען צו לויפען. די ציצית האבען זיך זיי פערפלאנטערט צווישען די פיס. א טייל זיינען געפאלען, אנדערע האבען איינגעוויקעלט זייערע פנים'ער אין די טליתים און זיך געלאזט שלאגען. אפלויפענדיג א פאר טריט, זיינען זיי פלוצלונג געבליבען שטעהן און מיט שרעק זיך ארומגעקוקט, און ניט געוואוסט וואס צו טאן. די פערצווייפלונג פון די אידען, דאס פאלען איינער אויפ'ן אנדערען, דאס פלאנטערען זיך, האט ארויסגערופען די העכסטע עקסטאזען פון פער'שכור'טע געשרייען. עס איז

געוועז ווי קנאקענדעס פייער, ווי אויפגעברויזטע, שטורמדיגע ימים.
פון איבעראל און אומעטום האט זיך געהערט דאס הילכען פון אונ־
מענשליכע געוואלדען, וואס ווייטער, אלץ גרעסער איז געווארען דאס
פאכען מיט די נאקעטע הענט, פויסטען און אויגען:

— אידען, לויפט, לויפט, לויפט!

אין מיטען איז געשטאנען דער בלינדער ר׳ יעקב. ער האט מיט
זיינע הענד אנגעהויבען צו טאפען ארום זיך, ווי א מענש, וואס געפינט
זיך אויף אונזיכערען באדען. אבער זיין פנים האט ניט אויסגעדריקט
קיין שרעק רוהיג און טרויעריג, ווי ער איז שטענדיג געווען, האט
ער נור איינגעבויגען טיעפער זיין קאפ, און זיין בארד האט ווייט
דערגרייכט ביז זיין גארטעל, און ער האט זיך געריהרט פון ארט. שוין
האבען איהם די לוסטיגע מאסקען, וואס האבען געטריבען די אידען,
דערזעהן און געוואלט צוגעהן צו איהם, טרייבען מיט איהם שפאס.
פלוצלונג האט זיך א פערשלייערטע מיידעל דורכגעריסען דורך דעם
קארדאן שווייצארישע סאלדאטען, וואס האבען געהאלטען וואך ארום
דעם פאפסט. זי איז אריין אין די גרופע אידען, צוגעגאנגען צו דעם
בלינדען ר׳ יעקב און אנגענומען איהם ביי דער האנד.

דער בלינדער האט אויפגעצוקט, ווען ער האט דערפיהלט זיין
אייניקעל׳ס האנד אין זיינע, געקלאמערט זיך ארום איהר, און זיי האָ־
בען אנגעהויבען ביידע געשווינד אוועקצוגעהן צום עולם, וואס איז גע־
שטאנען ביי די הייזער.

אבער באלד האבען זיי דערזעהן די לוסטיגע מאסען. איינער
האט זיך איבערגעקוקט מיט׳ן צווייטען. א פאר זיינען צו צו זיי, אנ־
געהויבען אוועקצורייסען דאס מיידעל פון אלטען. דער אלטער האט
זיך געקלאמערט ארום איהר, און די צוויי מאסקען האבען די מיידעל
געריסען פון אלטען.

— רייס איהר אראפ דעם שלייער! זעה, אויב עס לוינט זיך!

— האט ווער געשריען פון עולם.

און איינער פון די מאסקען האט פון דער מיידעל׳ס קאפ ארונ־
טערגעריסען דעם שלייער.

און באלד איז עפעס געשעהן, וואס קיינער האט ניט פער־
שטאנען, ווי אזוי און וואס עס איז פארגעקומען. איינער פון די
מאסקען, דערזעהענדיג דאס ענטדעקטע פנים פון דער מיידעל האט

זיך מיט אמאל ארונטערגעלאזט אויף די קניע און זיך אנגעהויבען צו צלם'ען.

קיינער האט ניט געוואוסט וואס עס איז געשעהן. נור דערזע־הענדיג ווי די מאסקע קניעט דארט פאר א מיידעל און צלם'ט זיך, האט מען זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען און צו זוכען ווענען צווישען עולם. און פלוצלונג האט מען זי דערזעהן — די, וואס שטעהט דארט ביים בלינדען אידען. און קוקט מיט איהרע טרויעריגע גרויסע אויגען און שמייכלענדיגע ליפען. ווי מיט גרויס וועהטאג און רחמנות אויף דעם צווישטען, שאלענדען פעבעל. און באלד האט ווער פון פעבעל אויסגעשריען:

— זעהט, זעהט, ווער עס שטעהט דארט, די הייליגע מאדאנא, „די מאדאנע פון ליעבע" — זעהט, זעהט!

— די מאדאנא פון „הייליגען הארץ" — האט זיך בעוויזען.

— זי, זי אליין אין איהר אייגען בלוט און פלייש.

— אה, הייליגע מוטער! האב רחמנות!

און עס איז געווען ווי די שרעק פון גאט וואלט בעפאלען דעם גרויסען פעבעל. די שרעק האט אנגעשטעקט, האט פערפלייצט ווי א ים רוישענדיגע בוואליעס מענשען. און דא און דארט האבען מענשען אראפגעריסען די מאסקעס פון זייערע פנים'ער, אראפגעריסען די פאנ־טאסטישע היט, די געצענדיענערישע קליידער. עס זיינען אויפגעדעקט געווארען מענשליכע פנים'ער צווישען דעם ים פון פערשטעלטע. דא און דארט האבען זיך מענשען אראבגעלאזט אויף די קניען, אויפגעהויבען די הענד צום בילד, וואס האט זיך בעוויזען פאר זיי. אין די ווייטערע גאסען האט מען ניט געוואוסט וואס דארטען איז געשעהן, און פון דארטען האבען זיך נאך געטראגען די פרעהליכע קארנאוואל־געזאנגען, דאס לאכען פון פעבעל, דאס געררויש און דער געשריי האט זיך נאך געהערט פון דער ווייטער גאס אהער שאלען. און דא האבען שוין מענשען געקניעט אויף דער ערד און געהויבען די הענד צום הימעל און געזונגען: „אווא מאריע".

ווי פאר א פייער, וואס איז געפאלען פון הימעל, האבען זיי זיך אבגערוקט פון איהר און אנטלאפען פון איהר וועג, און געווארפען זיך אויף דער ערד פאר איהר, געבויגען די פנים'ער, און אויסגעשטרעקט די הענד צו איהר.

און די אידישע טאָכטער פון דער גהעטאָ האָט אַנגענומען איהר בלינדען זיידען ביי דער האַנד און האָט איהם אַרויסגעפיהרט פון פעבעל, פאַרביי די קניענדיגע, אין אַנגסטען געפאַלענע מענשען. וואָס זיינען געלעגען ווי אַ שטילער וואַסער פאַר איהרע פיס, און איז פערשוואונדען מיט איהם אין די טויערען פון דער גהעטאָ.

דאָרט, ווייט אין דער גאַס, האָט איינער געפרעגט דעם אַנדערען:

„וואָס איז געשעהן?"

## קאפיטעל 13.

# דער געפאנגענער גאט.

אויבען, אין די אויבערשטע קאמערען פון וואטיקאן, איז פאפסט פאול דער פיערטער געזעסען אין זיין צימער, וואס איז בעשטאנען פון א נאקעטען פיער ווענטיגען נאנען קאמער, איינגעארדענט ווי א קלויסטער־שטוב פון א פרוש'דיגען מאנאך. אויף זיין הארטע קלויסטער־באנק איז געזעסען דער פאפסט און האט זיך איינגעקוקט צו דעם פערקרימטען ליידענדען יעזוס, וואס איז געשטאנען פאר איהם אויפ'ן נאקעטען טיש. זיין שווער, שלאנג, ברייט פנים איז נאך שווערער און נאך פינסטערער געווען. גראבע, גרויסע, שווערע פאלדען האבען זיך געלייגט איינער אויפ'ן אנדערען איבער זיין פנים, און די ליידיגע אראפהענגענדע פאלדען־קנייטשען האבען איינגעשלונגען זיינע אויגען. קוים וואס מען האט זיי ארויסגעזעהן. נור זיין ברייט מויל האט זיך ברייט פערשניטען איבער זיין פנים, און צוויי דיקע הויט־פאלדען האבען זיך אראפגעלאזט ווי צוויי וואסער שטראמען ביי די ביידע זייטען פון זיין מויל. זיין פנים איז געווען פערהוילען אין א שרעקענדע מרה שחורה. און אזוי שווארץ ווי זיין פנים, איז יעצט געווען זיין געמיטה און זיינע געדאנקען.

מיט זיינע לאנגע הארטע אויסגעארבייטע פינגער האט ער אנגענומען דעם קרוציפיקס און האט זיך איינגעקוקט אין איהם.

— ווער זיינען זיי, די, וואס דו קומסט ארויס פון זיי? ציי ביזטו מיט דיין לייב און בלוט נאך פערבונדען מיט זיי? ציי האסטו ניט קיין מאכט איבער זיי, וואס זיי וואגען דיך אזוי לאנג און אזוי הארטנעקיג צו פערלייקענען? ציי האט דיך גאט, דיין פאטער, נור געשיקט צו אונז, צו די קנעכט, און זיי, די זיהן, האט ער אליין גענומען

אונטער זיין שויס? צי האבען זיי אפשר הורד א געהיימע קראפט געפאנגען דיך און דיין הייליגע מוטער, און זיי פייניגען דיך אין זייערע סינאגאגען, שטעכען דיין הארץ און ציהען דערפון דיין בלוט ארויס, און האלטען דיין הייליגע מוטער אנגעבונדען, ווי מיט א קייט, צו זייערע סינאגאגען, אז זי זאל פאר זיי נסים טאן. ראטעווען זיי פון אונזערע הענד? — — — שיקען זי אין פייער און וואסער פאר זיי? זאג, זאג, זאג!

ער האט מיט מאכט צוריק אוועקגעשטעלט דעם צלם אויף זיין טיש, אויפגעהויבען זיך שווער און זיינע שווערע טריט האבען ווי דאס קלאפען פון א האמער איבער דעם ברייטען, גרויסען צימער אפגע־קלונגען.

אין זיין פאנטאזיע האט ער געזעהן ווי די הייליגע מוטער איז געפאנגען ביי די אידען, אזוי ווי דאס פאלק פון רוים האט געגלויבט, אז די אידען האבען דורך א געהיימע קראפט בעשווארען מיט זייערע גאט־לעסטערענדע ספרים די הייליגע מוטער, אז זי זאל זיין ביי זיי אין דער גהעטא, און זיי אויסהעלפען אין זייערע נויטען. ער האט געזעהן, ווי זי, דאס הייליגע הארץ, דאס אויסדערוועהלטע מיידעל, די מוטער פון קינד יעזוס, ליגט ביי די טירען פון די שולען אין דער אידישער גהעטא, מיט אן אייזערנע קייט געבונדען. דארטען האלטען זי די אידען און פייניגען זי, מאכען שפאט און חוזק פון איהר. און יעדעס מאל, ווען זיי זיינען אין געפאהר, לאזען זיי זי ארויס, פער־שטעלען זי פאר א אידישע מיידעל, און זי ווייזט זיך פאר די קריסטען, און די אידען ראטעווען זיך און דערנאך פיהרען זיי זי ווידער צוריק אין די סינאגאגען און זיי בינדען זי ווידער צו מיט'ן קייט, און האל־טען זי אין א געהיימען צימער אין דער סינאגאגע.

זיינע גרויע האר האבען זיך אויפגעשטעלט, די קנייטשען פון זיין פנים האבען אנגעהויבען צו שפילען, אויפצולייזען זיך און איינצור־קארטשען זיך, ווי די פאלדען פון א שלאנג. ער איז געווען אבערגלוי־ביש, ווי זיין פאלק, און ער האט דאס בילד אזוי קלאר געזעהן. פאר וואס ניט! האט ער זיך געטראכט — גנב'ענען זיי זיך ניט אריין אין אונזערע קירכען און נעהמען זיי דען ניט אראפ פון די אלטארם דאס הייליגע ברויט, דאס הארץ פון יעזוס קריסטוס, דעם וויין, דאס בלוט

פון יעזוס קריסטוס און ברענגען עס אין זייערע שוהלען, און שטעכען דאס ברויט, דאס היילינע הארץ פון יעזוס, שטעכען עס און שטעכען עס ביז זיי ציהען ארויס דעם לעצטען טראפען בלוט פון היילינען הארץ און באקען עס איין אין זייערע מצות, און פסח אויף דער נאכט עסען זיי מיט זייערע קינדער דאס הארץ פון אונזער גאט, און שיכור'ען זיך אן מיט דעם בלוט פון דעם ארימען יעזוס קריסטוס.

א גרויס רחמנות האט איהם ארומגענומען צו דעם ארימען יעזוס'ען, וואס מען פייניגט איהם אזוי. ער איז צוגעגאנגען צו גאט און איהם גענומען אין זיין האנד אריין. ער האט זיך געוואלט ווארפען אויף די קניע פאר איהם, אבער ער האט ניט געקענט... ער האט געוואלט בעטען צו איהם, און ניט געקענט — — — דאס איינציגע, וואס ער האט געפיהלט פאר דעם גאט, איז געווען אונבעגרענעצטע רחמנות, רחמנות אויף איהם, וואס האט שוין אזוי פיעל געליטען. וואס מען האט איהם געקרייציגט, געשלאגען איהם נעגעל אין די פינגער, און די אידען ציהען בלוט פון זיין הארץ אויף יעדען פסח... ער האט דעם גאט געטרייסט, ער האט געגלעט מיט זיין שווערע האנד איבער זיין געפייניגטען קערפער, און בערוהיגט איהם ווי מען בערוהיגט א געשלאגען קינד, און גערעדט צו איהם ווייך, מיט געוויין, מיט רחמנות:

— מיר וועלען זיך נוקם זיין פאר דיר, פאר אלע דיינע יסורים זיך נוקם זיין, מיט א פייערדיגע שווערד זיך נוקם זיין!

אבער בעטען האט ער ניט געקענט צו איהם...

ער האט זיך געפיהלט יעצט שטארקער פון זיין גאט, מעכטיגער פון איהם — ער קען זיך נוקם זיין פאר איהם. עס האט זיך איהם געדוכט, אז ער, פאול דער פערטער, דער פאפסט פון אלע קאטוילען. דער שטעל־פערטרעטער פון יעזוס — ער איז גאט. אין זיין האנד ליגט די מאכט פון דער וועלט. ער אליין קען בעשטראפען די פיינד פון גאט. דער דארט, וואס שטעהט אויף זיין טיש, איז א געפייניגט קינד, וועלכען די אידען האבען געפאנגען אין זייער רשות און מוטשען איהם. און ער, דער גאט, פאול דער פערטער, ער וועט זיך נוקם זיין פאר איהם.

ער האט געהאט דאס געפיהל צו פאלען פאר זיך אליין אויף די

קניע, צו בעטען צו זיך אליין, זיך אליין צו פרייזען, צו זיך אליין דינען, ווייל קיין אנדער גאט האט ער ניט געהאט...

---

ער האט אנגעקלונגען מיט זיין ציה־גלאק און האט געהייסען אריינרופען דעם קארדינאל מיכעל גהיסליערי, דעם גרויס־אינקוויזיטאר פון דעם הייליגען פאפסט.

ווען דער קארדינאל איז אריינגעקומען מיט זיין רויטען אינקוויזיטארישען הוט און שארלאך־רויטען מאנטעל, האט איהם דער פאפסט געפרעגט:

— זיי האבען זיך מודה געווען?

— דער אינקוויזיטאר האט א מינוט געשוויגען און דערנאך געזאגט:

— ביז איצט נאך ניט.

— וואס האסטו געטאן מיט זיי?

— די אלטע האב איך געהאלטען דריי מאל אונטער'ן ראד. די פיזיקערס זאגען מיר אבער, אז א פערטען מאל קען מען זיי ניט נעמען, ווייל זיי וועלען עס ניט אריבערטראגען.

— היט זייערע לעבענס — האט דער פאפסט געזאגט. די קירכע טויטעט ניט אין געהיים אין די טארטור־קעלערס. די קירכע פערברענט עפענטליך. און מיט די יונגע? — האט ער ווייטער געפרעגט.

— צוויי האב איך געשטעלט אונטער דעם „וואסער־פאל". איינער איז משוגע געווארען. דער צווייטער פייניגט זיך נאך.

— האט זיך קיינער פון זיי ניט מודה געווען?

— ביז איצט קיינער ניט.

— און צו אונזער גלויבען אריבערצוגעהן האט קיינער פון זיי קיין חשק ניט ארויסגעוויזען?

— זיי זיינען זעהר הארטנעקיג.

— מיר מוזען געווינען וועמען עס איז פון זיי — די קירכע מוז איהר זיעג האבען. און מיט „איהר" וואס האט איהר געטאן?

— ווי דו האסט בעפוילען, הייליגער פאטער. מיר וואגען זי ניט אנצוריהרען. זי יאגט נאך אן א שרעק מיט איהר עהנליכקייט

צו די מוטער פון גאָט און אַלע אונזערע מענשען. די מאַנאַכען האָבען מורא זיך צו דערנעהענטערען צו איהר.

— בעטראַכט מען זי?

— זי זיצט נעבען איהר בלינדען זיידען און אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיי ביידע פסוקים פון תהלים געזונגען אין דער פערשאָלטענער שפּראַך.

— האָט מען געפּרואווט דעם אַלטען דערווייטערען פון איהר?

— מיר האָבען געפּרואווט. אָבער ווען די מאַנאַכען מיט די מאַסקען איבער די פּנים'ער זיינען אריין צו איהר אין קאַמער, און געוואָלט אַנגעהמען דעם בלינדען אַלטען און איהם אַרויספיהרען, האָט זי זיך געשטעלט פאַר איהם, און זי האָט מיט איהרע אויגען אַנגעקוקט די מאַנאַכען. די מאַנאַכען האָבען דערקענט אין איהר דאָס פּנים פון די הייליגע מוטער, און זיינען געפאַלען פאַר איהר אויף די קניע און זיך געצלם'ט.

— האָט קיינער פון די מאַנאַכען קיין מוטה ניט געהאַט דעם בעפעהל פון דער קירכע אויסצופיהרען?

— דאָס פאָלק גלויבט, אַז זי איז די הייליגע מוטער, וואָס די אידען האָבען זי בעשוואָרען דורך זייערע פערכשופ'טע ספרים, אַז זי זאָל ביי זיי וואָהנען אין דער אידישער גהעטאָ, כדי זי זאָל זיי ראַטעווען פון אונזערע הענד.

דער פּאַפּסט האָט אַ מינוט געשוויגען, אַנגעקוקט דעם גרויס־אינקוויזיטאָר און געפרעגט:

— און דו גלויבסט אויך, אַז זי איז די הייליגע מוטער?

דער קאַרדינאַל האָט געשוויגען.

— פאַר וואָס ענטפערסטו ניט?

— איהר פּנים איז זעהר ענהליך צו דעם געזיכט פון אונזער האַרינטע, די געבענשטע מוטער פון דעם הייליגען קריסטוס.

— און די אידען האָבען זי געפאַנגען?

— די אידען קענען בעשווערען מיט זייערע געצענדיענערישע ספרים, אַזוי ווי זיי האָבען בעשוואָרען דורך אַ געהיימע קראַפט דעם קאַרדינאַל קריסטאָפעלאָ מאַדרוצי, אַז ער זאָל פאַר זיי דרוקען זייערע ספרים געגען דיין פערבאָט.

— דרוקט דער קאַרדינאַל מאַדרוצי אידישע ספרים?

— אין ריוואַ די טרענטאַ האָט ער פאַר זיי אַ דרוק געטפענט און זייער פערשאַלטענעם ספר די משנה, וואָס דו האָסט געהייסען פערברענען, האָט ער צוויי מאָל איבערגעדרוקט פאַר זיי.

— פערברענען! קיין איין אידישער ספר זאָל זיך אויף איטאַ־ליענישע ערד ניט געפינען, און דעם קאַרדינאַל שטעלען אויפ'ן חרם־צעטעל. פיהר מיך צו איהר, אַז זי איז אויף אַן אמת די הייליגע מוטער, אונזער געבענשטע פרוי, און זי איז געפאַנגען ביי די אידען דורך זייערע פערשאַלטענע ספרים, בעדאַרף אַ קריסט זי בעפרייען פון זייערע הענד.

— דו, הייליגער פאַטער, אין די אינקוויזיציאָנעם קעלערן? אין די טאָרטור־קאַמערען?

— אַז איהר האָט מורא זיך צו דערנעהענטערען צו איהר, וועל איך אַליין געהן בעפרייען אונזער געבענשטע הארינטע פון די הענד פון די פרעמדע. איך בין דער פערטרעטער פון גאָט אויף דער ערד.

און דער פאַפּסט, אין בעגלייטונג פון דעם גרוים־אינקוויזיטאָר, איז אוועק צו די קעלערן פון דער אינקוויזיציע, צו בעפרייען די הייליגע מוטער פון דער אידישער געפאַנגענשאַפט.

קאפיטעל 14.

## אין די קעלערען פון דער אינקוויזיציע.

אין די געוועלבטע קעלערען פון דער קירכע סט. אנזשעליקא האט זיך דורך די נעכט געטראגען א געשריי פון געפייניגטע, וועלכעס האט זיך אנגעשלאגען אן די דיקע מויערען פון די קעלערען און איז פערשטיקט געווארען און אויסגעגאנגען אין דעם טיפען חלל פון די געוועלבטע באלקענס, אין די וויימע, פערבלאנדזשענדיגע לאבירינט ווינקלען, וועלכע זיינען פארהוילען געווען אין די שווארצקייט פון פינסטערניש... אין א ווינקעל, ביי א וואנד, זיינען געלעגען צונויפגעקנוילט מענשליכע ברואים, וועלכע האבען זיך געקנישטערט ווי קריכענדע ווערים, און געגורעט זיך אין קאלוזשעס פון בלוט, וואס האט זיך געגאסען פון זייערע וואונדען. אין א בעזונדערען ווינקעל זיינען מענשליכע ברואים געהאנגען מיט די פיס ארויף אויף אייזערנע תליות, מיט אראפגעהאנגענע קעפ איבער פלאמענדע בעקענס פון פייער. פון ברעד־מאשינען האבען ארויסגעשטעקט מענשליכע קעפ. און מאנאכען אין שווארצע מאסקען אויף די פנים'ער, מיט שווארץ־בעדעקטע קעפ, האבען מיט גליה־צוואנגען געצויגען די נעגעל פון די פינגער, די האר פון די קעפ. פון איבעראל האט זיך געהערט געשרייען. עס האבען זיך געטראגען אין דער לופטען מענשליכע יללות, ווי געשרייען פון געשאכטענע אקסען. און עס האט אויסגעזעהן ווי די קעלערען פון דער הייליגער קירכע סט. אנזשעליקא זיינען א מענשליכע יאטקע, ווארים אין אלע ווינקלען האבען זיך ארומגעוואלגערט מענשליכע אברים. די שטיינערנע פאדלאגע פון קעלער איז גליטשיג און פייכט געווען פון מענשליך בלוט, און די ווענט בעשמוצט מיט מענשליך בלוט...

עס האבען זיך געפיינינגט מענשען אין ברעד-מאשינען און מענשליכע איברים זיינען געווארען איינגעשלאסען אין אייזערנע קאסטענס. מענשען האבען געקרעכצט אין גליהענדע שטייגען, נור דערפאר, וואס עס האט ווער עדות-געזאגט אויף זיי, אז זיי האבען געהאט א געוואוינהייט א העמד איבערצובייטען ערב שבת. עס איז גענוג געווען, אז א קנעכט זאל עדות זאגען אויף זיין הארינטע, אז זי האט געהאט די געוואוינהייט יעדען פרייטאג צו נעהמען א באד — אז זי זאל ווערען געשלעפט אין די טארטור-קעלערען פון דער אינקוויזיציע, געפייניגט צו ווערען מודה צו זיין זיך, אז זי שטעהט אין א געהיימע פערבינדונג מיט דער אידישער רעליגיע.

די אידען האט מען געפייניגט אין בעזונדערע קעלערס, ניט צוזאמען מיט די קריסטען, כדי די קריסטען זאלען ניט זעהן די הארטנעקיגקייט פון די אידען, כדי זיי זאלען ניט זעהן די צוגעבונדענקייט פון די אידען צו זייער גלויבען און זייער בריידמוטיגקייט אויסצושטעהן דאס גהינום-פייער פון דער קירכע פאר זייער גאט און אמונה, ווארים זיי קענען זיך נאך אפלערנען פון זיי... אט, פון יענעם קעלער, וואו מען האט געפייניגט די אידען, האט מען ניט געהערט קיינע געוואלדען און קיינע געשרייען, קיינע יללות און קיינע קרעכצען פון איבערמענשליכע ליידען און נויטען. פון דארט, פון יענעם קעלער האט זיך געטראגען א געזאנג. און דאס איז געווען דאס איינציגע ווינקעל אין דער גרויסער סט. אנזשעליקא'ס קירכע, די איינציגע קאמער פון גאנצען הייליגען רוים, פון וועלכען עס האט זיך געטראגען א ליבע און א געבעט צו גאט...

וואס די מענשליכע פאנטאזיע האט נור געקענט אויסטראכטען פון איהרע פארבארגענע, טיעף-בעהאלטענע וועלטען, פון וועלכע זי קומט, האט די קירכע אויסגעטראכט צו פייניגען די אידען. די אינקוויזיציע האט בעשולדיגט די אידישע קהלה פון רוים, אז די רבנים פון רוים האבען דורך א געהיימע שבועה, מיט דער קראפט פון זייערע געהיימע ספרים, בעשווארען די הייליגע מוטער פון זייער גאט, יעזוס, וועלכע שטאמט אב פון אידען, אז זי זאל קומען צו זיי אין דער געטא. און די אידען האלטען זי אין א פארבארגענע שוהל, אנגעבונדען מיט א קייט. און ווען די אידען בעדארפען, שיקען זיי ארויס די „הייליגע מוטער", אז זי זאל זיי ראטעווען פון קריסטליכע הענד. אז די אידען

פון רוים האבען דערהערט וואס די קירכע פערלאנגט פון זיי, אז זיי, די אידען, זאלען זיי ארויסגעבען צוריק די „הייליגע מוטער", האבען זיי געמיינט, אז דער פאפסט מיט אלע קריסטליכע קארדינאלען זיינען משוגע געווארען. נור פערשטעהענדיג, אז די קירכע זוכט נור א גע־לעגענהייט זיי צו פערשלעפען אין די טארטור־קעלערען פון דער אינ־קוויזיציע, האבען זיי געלאכט פון דעם אינקוויזיטארישען משפט און זיי געענטפערט, אז זיי באדארפען ניט קיין בשר ודם, און דערצו נאך א געשטארבענע, זאל זיי קומען העלפען פון דער קירכע'ס הענד; אז פאר זיי נעהמט זיך אן דער איינציגער לעבעדיגער גאט.

די אינקוויזיציע האט אין די דאזיגע רייד געהערט די לעסטערונג פון גאט, און מען האט פערשלעפט צעהן פון די בכבוד'סטע זקנים פון דער געטא אין קעלער פון דער אינקוויזיציע. דער בלינדער ר' יעקב האט זיך מיט זיין אייניקעל יעפתה אליין איבערגעגעבען אין די הענד פון דער קירכע, מיינענדיג, אז זיי וועלען דערמיט העלפען בע־פרייען די זקנים און אראבנעהמען דעם בלבול פון די אידען, ווארים די קירכע וועט זיך איבערצייגען, אז זי, יעפתה, איז ניט זייער הייליגע מוטער, נור א פשוט'ע אידישע טאכטער, וואס לעבט מיט איהר זיידען אין גלות פון רוים, און באהאלט זיך אוים, ווי יעדע אידישע טאכטער, פון די קריסטען און פון דער קירכע.

ווי ערשטוינט איז דער אלטער געווארען און נאך מעהר דאס מיידעל, ווען זיי האבען געזעהן ווי מען בעהאנדעלט זיי ווי איבערנא־טירליכע בעשעפענישען. די קירכען־בעדיענער, די אינקוויזיאנס־מא־נאכען און די גלחים, האבען מורא געהאט צו דערנעהענטערען זיך צו איהר. זיי זיינען געפאלען אויף די פנים'ער פאר איהר יעדעס מאל, ווען זיי האבען זי דערזעהן און גע'צלמ'ט זיך פאר איהר און אויסגע־שטרעקט די הענד צו איהר אין געבעט. מען האט דאס מיידעל געהאל־טען מיט איהר זיידען אין א בעזונדער צימער אבגעשלאסען, און ווען די אינקוויזיציאנס־מאנאכען זיינען אריינגעקומען, מיט די מאסקען פערשטעלט און געוואלט דעם אלטען בלינדען איד אוועקנעהמען פון איהר, איז געווען געוועזן. אז יעפתה זאל א קוק טאן אויף זיי מיט איהרע גרויסע אויגען, אז זיי זאלען פאלען פאר איהר אויף די קניע און אוועקגעהן הינטערווייליגעס פון איהר...

און ארום זיי האבען זיך געפייניגט די זקנים און די רבנים פון

רוים אין די שרעקליכסטע יסורים, אז זיי זאלען זיך מודה זיין, אז זיי האבען פער׳כישופט די „היילינע מוטער". צוויי פון זיי האבען זיי געשטעלט אונטער דעם „וואסער־פאל". דאס איז געווען א שרעקליכע פיין, וואס האט געטריבען איהרע קרבנות אין פערלויף פון א פאר שטונדען צו משוגעת. אין א ווינקעל פון טארטור־קעלער, וואס איז געווען בעשטימט פאר די אידען, זיינען געשטאנען צוויי יונגע לייט, אויסגעטאן נאקעט, צוגעבונדען מיט הענד און פיס און גאנצען קערפער צו אן אייזערנעם שטאנג. איבער די קעפ פון די צוויי נאקעטע יונגע לייט זיינען געהאנגען גרויסע סלאַיעס מיט קאלטעם וואסער, וועלכע האבען דורך א געלעכערטען פראפען יעדע פאר סעקונדען ארויסגעלאזען א פאר וואסער־טראפענס. די וואסער־טראפענס זיינען געפאלען אויף די קעפ פון די נאקעטע קרבנות, וועלכע זיינען פאר דעם צוועק אפגעגאלט געווארען. און די סלאַיעס זיינען אוועקגעשטעלט געווארען אזוי, אז די טראפענס וואסער זאלען פאלען אויף דעם הינטערשטען טייל פון קאפ, וואו דאס געהירען געפינט זיך. די טראפענס וואסער פלעגען זיך אראפקייקלען און אראפרינען איבער דעם רוקען־ביין. אזוי פלעגען די טראפענס פאלען יעדע פאר סעקונדען און אויפהערען. און יעדעם מאל, ווען זיי זיינען געפאלען איבער׳ן געגאלטען קאפ, פלעגט דער נאקעטער קרבן אויפשווידערען, צוקען, אויפציטערען. אזוי האבען זיך די טראפענס געגאסען איבער די געגאלטע קעפ, דורך טעג און נעכט אהן אויסנאהם, אהן אפרוה. איינער פון די קרבנות איז שוין משוגע געווארען, און זייענדיג אנגעבונדען צו דעם אייזערנעם שטאנג, פלעגט ער אויפלאכען יעדען מאל, ווען די טראפענס וואסער זיינען געפאלען אויף זיין געגאלטען קאפ — מיט אזא אונמענשליך לאכען, ארויסווייזענדיג זיינע גרויסע ציין פון׳ם אפענעם מויל — און מיט גרוים ארויסגעסטארטשעטע אויגען, אז די אינקוויזיציאנס מאנאכען האבען זיך געשראקען פאר איהם. דער צווייטער קרבן האט עס נאך אויסגעהאלטען. איינקארטשענדיג זיינע קניען אונטער די געבונדענע שטריק, פלעגט ער יעדעם מאל די ציין פערבייסען אויף זיינע ליפען, די אויגען זיינע זיינען שוין געווען צוגעקלעפט פון שלאף און מידיגקייט. נור יעדעם מאל, ווען די טראפענס וואסער זיינען געפאלען אויף זיין געגאלטען קאפ, האט ער אויפגעריסען די אויגען, און עפעס געמורמעלט מיט די ליפען...

איז צווייטע ווינקעל זיינען געלעגען צונויפגעווארפענע, ווי שמאַ־טעס א פּאַר מענשליכע ברואים. וועלכע האָבען זיך קוים בעוואויגען — געלעגען און אָבגעהעשעט. און צו זיי איז געקראָכען — גיכער זיך געשלעפּט און געקוליעט זיך אַן אַנדער מענשליכער קערפּער, וועל־כער איז ערשט ארויסגענומען געוואָרען פון אונטער'ן פּרעס־ראָד. דער וואָס האָט זיך געקוליעט איבער די פּאָדלאָגע צו די ליגענדע מענש־ליכע ברואים אין ווינקעל, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע צייכענס פון בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען פון זיין צוקאָליעטשעטען קערפּער. די אַלע אין ווינקעל זיינען איינער נאָכ'ן אַנדערען געלעגען אין דעם פּרעס־ראָד, און איצט מוטשען זיך נאָך צוויי אין דער טייוועלשער מאַשין. די מענשליכע קערפּערס זיי־נען איינגעשלאָסען געוואָרען אין געקאָרבטע לאַנגע שטיקער אייזען, וועלכע זיינען אזוי אויסגערעכענט געווען, אַז די שפּיצען פון די גע־קאָרבטע אייזענס זאָלען פּרעסען אויף די ווינקעל־גליעדער פון דעם מענשליכען קערפּער. די געקאָרבטע אייזענס איבער דעם מענשליכען קערפּער זיינען צוגעפּרעסט געוואָרען מיט פּרעס־מאַשינען, און די איי־זענס האָבען צוזאַמענגעקוועטשט די ביינער פון די הענט און פיס, און צובראָכען זיי, אין די ווינקעל־געלענען. יעדער איינער פון די גע־פּייניגטע איז ניט מעהר פעהיג געווען צו בענוצען זיינע הענד אָדער פיס זיין גאַנצען לעבען. די יסורים, וואָס די פּרעס־אייזענס האָבען אָנגעטאָן דעם מענשליכען קערפּער איז געווען אונמעגליך איבערצו־טראָגען. דאָך האָבען עס די אידען איבערגעטראָגען. די שטילע קרעכצען וואָס האָבען זיך געהערט פון זיי, האָט זיך גערעכט, זענען מעהר געווען איבער די מענשליכע שלעכטסקייט, איידער איבער זייערע פיזישע ליידען. די אויגען האָבען זיי שטאַרק און שטייף ארויסגע־שטעקט פון זייערע פּנים'ער ענדליך, און געשוויגען.

פון צייט צו צייט האָט א שוואַרץ־בעדעקטער מאָנאַך צוגעטראָגען א צלם צום פּנים פון דעם געפּייניגטען אידען, וועלכער איז געלעגען אין דעם פּרעס־ראָד, און ווען די פּרעס האָט גוט צוגעקוועטשט די ווינקעל־ביינער פון דעם אידען, האָט דער מאָנאַך צוגעשטעקט דעם צלם צום אידען'ס פּנים, אַז ער זאָל עס קושען אלס א צייכען, אַז ער אַנטלויפט פאַר רעטונג אונטער די פליגלען פון דער קריסטליכער אמונה. נור יעדעס מאָל, ווען דער איד אונטער דעם פּרעס־ראָד האָט

דערפיהלט דעם געשמאק פון די ווייהרוכען און דערפיהלט דעם צלם פאר זיין פנים, פלעגט זיין פנים ווי בעלעבט ווערען, זיינע אויגען האבען אויפגעגלאצט, און ער האט אוועקגענומען זיין פנים פון צלם.

שלעפענדיג זיך ווי א ווארים איבער דער שטיינערנער פאדלאגע, האט דער געמוטשעטער איד, וועלכער איז ערשט וואס בעפרייט גע־ווארען פון ראד צוגעשארט זיך צו די איבעריגע אידען אין ווינקעל. די אידען אין ווינקעל האבען געפרואווט אויסשטרעקען צו איהם זייערע הענד, וועלענדיג איהם העלפען צוצוקומען צו זיי. נור זייערע הענד האבען זיי שוין נישט געדיענט — די ביינער זייערע זיינען צוקוועטשט געווארען אין די פרעס־דרעדער. נור זיי האבען נים געפיהלט יעצט קיינע יסורים. עס האט זיך זיי געדוכט, אז זיי זיינען בעפרייט גע־ווארען פון זייערע הענד און פיס. זיי זיינען בעפרייט געווארען פון זייערע קערפערס און זיי בעדארפען נישט מעהר זייערע הענד און פיס. ווייל זיי האבען נים מעהר זייערע קערפערס. און קוקענדיג איינער צום אנדערן, מיט זייערע גרויסע אויגען, האבען זיי זיך געפיהלט בעהאפטען מיט זייערע אויגען, נאהענט איינער צום אנדערען דורך זייערע אוי־גען, און זיי פיהלען איינער צום אנדערן מיט זייערע אויגען, און זיי האבען געקוקט צו זייער געפייניגטען ברודער, וועלכער שלעפט זיך ווי א ווארים צו זיי און שמירט איין מיט זיין בלוט פון זיינע אפענע וואונדען די פאדלאגע אונטער זיך, און דער ברודער האט געקוקט צו זיי, און זיי האבען זיך בעהאפטען צוזאמען און זיינען געוועזן צוזאמען.

„שפוך חמתך על הגוים אשר לא ידעוך
ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו".

— האבען זיי געבעטען דארט אין דעם ווינקעל, קוקענדיג אויף זייער פערבלוטיגטען ברודער, וועלכער נארעט זיך צו זיי מיט זיין געבלוטיגטען קערפער און קען נישט דערגרייכען צו זיי.

— אל נקמות ה'. אל נקמות הופיע! — האט דער פערפייניגטער איד ארויסגעקרעכצט, בלייבענדיג ליגען פערשמאכט אויף דער פאד־לאגע און מיט'ן קערפער נים קענענדיג דערגרייכען זיינע ברידער.

און פלוצים איז עס געשעהען, ווי די פערשמאכטע אידען וואלטען צוריק געזונד געווארען, ווי זיי וואלטען פליגלען געקראגען פון פליהען אין דער לופטען איבער די קעפ פון זייערע פייניגער, די טייוואלים מחבלים־מאנאכען, פון אלע ווינקלען פון קעלער, וואו עס האבען גע־

בלוטיגט געפייניגטע אידען פון די בראד־רעדער, פון די פרעס־מאשינען, פון די הענגענדיגע תליות אראפ, איבער די פייער־בעקענס, פון די יסורים פון געברענטע נעגעל, פון די איינגעשלאסענע גליעדער שטיי־נען, — פון די איינגעשלאסענע גליעדער־קאסטענס — ארויס, פון אומעטום האט זיך געהערט א געזאנג אין קעלער:

לא לנו ה׳ לא לנו, כי אם לשמך תן כבוד, על חסדך, על אמתך!
למה יאמרו הגוים איה נא אלוהיהם?
ואלהינו בשמים כל אשר חפץ עשה.
עצביהם כסף וזהב, מעשה ידי אדם:
פה להם ולא ידברו,
עינים להם ולא יראו,
אזנים להם ולא ישמעו,
אף להם ולא יריחון,
ידיהם ולא ימישון,
רגליהם ולא יהלכו,
לא יהגו בגרונם.
כמוהם יהיו עושיהם, כל אשר בטח בהם.
ישראל בטח ה׳, עזרם ומגנם הוא.

עס איז געווען א רייץ־ליעד, א חוזק מאכען אוים זייער גאט און אוים זייער מענשליכע מאכט און אוים זייער גאנץ לעבען — רחמנות האבען זיי געהאט אויף זייערע פייניגער, וואס דיענען צו אבגעטער, צו האלץ און שטיין און געלאכט האבען די אידען פון זיי.

עס זיינען געבליבען שטעהן די מאסקירטע מאנאכען מחבלים מיט זייערע שפיזען אין די הענד. מיט זייערע גיהנם־מכשירים האבען זיי אויסגעזעהן ווי טייוואלים אין טייוועלס קעלער, און עס שרעקען זיי אפ די אידען מיט די תהילים פסוקים. אויפגעהערט האבען זיי אויף א מינוט זייערע קרבנות צו פייניגען און צוגעהערט זיך מיט שרעק, ווי עס זינגען זייערע קרבנות א לויב צו גאט, פון אונטער די מארטור־רעדער ארויס...

קאפיטעל 15.

# דער טריאומף פון גלויבען.

ווען דער פאפסט פאול דער פיערטער איז אריינגעקומען אין די קאמערען פון דער אינקוויזיציע, צוזאמען מיט זיין גרוים־אינקוויזיטאר, איז איהם אנטקעגען געקומען דאס געזאנג פון די אידען, פון זייער מארטער־צעלע, וועלכעס האט ארויסגעקלונגען ווי א ליעד פון די געווייגען און די געשרייען פון די קריסטליכע מארטירער. דאס געזאנג האט א שרעק אנגעווארפען אויף די גלחים און אינקוויזיציאנס־טייוואלים און זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טון, וואו אהינצוטון דאס געזאנג פון די אידען. דער פאפסט האט אבגעשטעלט זיין שווערען טריט אויף דער שוועל פון דעם מארטער־קאמער, וואס איז געווען פערמאכט מיט אן אייזערנע טיר, און זיך איינגעהערט צום געזאנג, וואס שפארט זיך דורך די שווערע אייזערנע טרעפ פון קעלער. ער האט אנגעקוקט דעם גרוים־אינקוויזיטאר, די קארדינאלען און די גלחים, וואס האבען איהם בעגלייט, שווער־מוטיג, אהן ווערטער, און זיך איינגעהערט צום געזאנג, שטילשווייגענדיג.

— דאס זיינען די פערשאלטענע אידען, וואס זאגען זייערע טייפעלס־געשפרעכען אין זייער פערשאלטענעם לשון. עס איז א כישוף־שפרוך אזעלכער, וועלכער פערהיט זיי פון פיין, אז זיי זאלען ניט פיהלען די יסורים פון טארטור — האט דער גרוים־אינקוויזיטאר געפרואווט פערענטפערען זיך פאר די אידענס געזאנג.

דער פאפסט האט איהם שווער אנגעקוקט, מיט א בליק וואס האט זיך געמאטערט ארויסצוקריגען זיך פון די איינגעשלאסענע אויגען צווישען די פאלדען פון זיין פנים.

א שרעק איז איהם בעפאלען אינערליך, טיעף אין זיך, פאר דעם טריאומף פון דער אמונה, וואס עס האט זיך ענטפלעקט פאר זיינע אויגען. און א מינוט האט ער געצווייפעלט אין זיינע כוחות, און

פון די ליפּען, וואָס זיינען פאַרטונקען געווען אין די גראָבע פאַלדיגע קנייטשען פון זיין פּנים, האָט ער אַרויסגעברומט:

— ניין, דאָס זיינען פּסאַלמען, וואָס זיי זינגען דאָרטען. אַלע האָבען געשוויגען.

דער פּאַפּסט האָט געוואונקען אויף דער שטומער אייזערנער טיר, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך.

מען האָט די טיר אויפגעעפענט, און ער איז געבליבען שטעהן אויף דער שוועל און אַריינגעקוקט אין מאַרטער־צעל.

ער האָט געזעהן דאָס בינטעל פערבלוטיגטע ביינער, וואָס ליעגט אין אַ קאַלוזשע בלוט אין ווינקעל פון דער שטיינערנער וואַנט. ער האָט געזעהן די איינציגע פערבלוטיגטע קערפּערס, וועלכע וואַלגערען זיך אַרום אויף דער שטיינערנער פּאַדלאָגע און ריטשען זיך מיט זייערע פערבלוטיגטע לייבער איינער צום אַנדערען, און קאָנען זיך ניט דער־גרייכען. ער האָט געזעהן די מענשליכע גופים, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון די אייזערנע קאַסטענס, פון די אונטערגעהייצטע מענשען־שטיי־נען, פון די בראָד־רעדער און פּרעסען — און אַלעם האָט געזונגען. קיין איין בליק האָבען זיי איהם ניט געשאָנקען.

דערציטערט און דערשראָקען זיינען געוואָרען די אינקוויזיציאָנס־מחבלים, די מאַנאַכען מיט די שוואַרץ־בעדעקטע קעפּ, וועלכע זיינען געווען פערנומען מיט זייער בלוטיגער אַרבייט. האָבען אויף אַ מינוט אויפגעהערט זייערע בלוטיגע מעשים, און דערזעהענדיג דעם העכסטען גייסטליכען שטעהענדיג אויף דער שוועל פון מאַרטער־צעל, זיינען זיי געפאַלען אויף די קניע פאַר איהם, פּונקט ווי די טייוואָלים, ווען זיי דערזעהען זייער עלטסטען.

אָבער די מאַרטירער האָבען אויף איין אויגענבליק ניט געלאָזט איבעררייסען זיך פון זייער לויב־געזאַנג צו גאָט. נישט איין בליק האָבען זיי געשאָנקען דעם, אין וועמעס הענד עס ליעגט דער גורל פון זייער לעבען, אָן וועמעס וואָרט עס הענגט אָפּ די בעפרייאונג פון זייער מאַטערונג. עס איז זיי געווען אַלץ איינס, אויב מען פּייניגט זיי יאָ אָדער ניט. ניט אין דעם פערבלוטיגטען קעלער פון דער אינק־וויזיציע האָבען זיי זיך געפונען. דאָ האָבען זיך נור געפונען זייערע פערבלוטיגטע קערפּערס, אָבער זייערע נשמות זיינען געפלויגען צו

גאט, און געוואַרט מיט אומגעדולד, מיט דאַרשטיגקייט אויף דער מי־נוט, ווען זיי וועלען די זכיה האָבען צו זעהען גאָט'ס פּנים.

און זיי האָבען זיך געבעטען ביי גאָט:

„כאיל תערג על אפיקי מים,
כן נפשי תערג אליך אלהים.
צמאה נפשי לאלהים,
ואל חי.
מתי אבא ואראה פני אלהים".

און דער שטעל־פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס אויף דער ערד, דער אבגאָט פון אלע קריסטען, זיין היילינקייט דער פּאַפּסט פּאַול דער פיערטער, דער טיראַן פון קריסטליכען גלויבען, האָט אָנגעהויבען צו צווייפלען אין זיך, אין דעם גאָט, וועלכען ער האָט געהאַלטען אין זיין האַנט, אויסגעהאַמערט אויס איין שטיק זילבער. ער האָט געקוקט אויף די טריאומפירענדע אידען, און ער האָט זיך געפרעגט:

מיט וואָס פאַר א כח? ווער איז זייער בעשיצער? וואָס זעהען זיי אין זייערע לעצטע מינוטען? ווער גיט זיי די קראַפט צו פער־אכטען אלע פּיין און יסורים פון די טאַרטורען, און צו זינגען פּסאל־מען צו גאָט פון די בראַד־רעדער אַרויס? ניין, עס איז ניט דער כח פון דעם טייוועל, וואָס גיט די זיכערקייט, די רוהיגקייט און דעם טריאומף... עס איז דער כח פון גאָט...

עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער גאָט, וואָס ער פער־טרעט, וואָס הענגט יעצט אויף זיין רויטער סאַמעטענער רעטונדע, אין דעם געשטאַלט פון א געפּייניגטען, אָנגעשלאָגען אויף א צלם, וואָס זיי, די פּאַטערס פון די דאָ האָבען איהם אָנגעשלאָגען אויף א צלם — אַז זיין גאָט האָט ניט קיין כח איבער זיי, ער האָט ניט קיין מאַכט אי־בער זיי. און פּונקט אזוי ווי דענסטמאָל, האָבען זיי זיך געשטאַרקט איבער זיין פיזישע קראַפט און ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפען געגען זיי, אזוי זיינען זיי שטאַרקער איבער זיין מאָראַלישע, איבער זיין געטליכע קראַפט און ער קען זיך ניט העלפען געגען זיי...

און עס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען דער כעס פון דעם אונמעכטיגען. „אבער איך האָב כח זיי צו פּייניגען, פּונקט

ווי זיי האבן געפייניגט איהם" — האט ער זיך געטראכט. — „איך בין זיין פערטרעטער אויף דער ערד. מיך האבן זיי געפייניגט, מיך פייניגען זיי אין יעדען דור, מיך פערראכטען זיי, און איך האב כח זיי צו בעצאהלען דערפאר מיט מיין אייזערנע האנד, מיט דער האנד פון דער פייערדיגער קירכע, איך, פאול דער פיערטער, דער שטעל־פערטרעטער פון גאט אויף דער ערד, דער פאפסט פון אלע קאטוילישע גלויביגע, דער עלטסטער פון דער קירכע".

און ער האט אויפגעהויבען זיין צלם און צוגעדריקט איהם מיט ליעבע און רחמנות צו זיין הארץ, ווי מען דריקט צו א געשלאגענעם, אונבעהאלפענעם קינד, וועמעס אנגעהמער מען פיהלט זיך, געקושט דעם צלם און אויפגעהויבען איהם צו די משחיתים און מחבלים פון דער אינקוויזיציע, צו די מאנאכען אין שווארצען געקליידט, מיט די שווארץ־בעדעקטע קעפ און פנים'ער, און ער האט גערופען צו זיי מיט א הויכער שטימע:

— דיענער פון דער קירכע, טוט דעם טאט פון דער אמונה פאר דער גלאריע פון דער קירכע.

און ער האט זיי געבענשט מיט דעם צלם.

---

איז א בעזונדער צימער, אין איינער פון די קאמערען, איז געווען איינגעשלאסען אין א גרויסע אייזערנע שטייג, וואו מען האט גע־האלטען וויכטיגע קירכען־פערברעכער, דער אלטער בלינדער ר' מרדכי מיט זיין אייניקעל יעפתה. דער אלטער האט זיין גאנצען לעבען גע־בענקט צו שטארבען א טויט פון א מארטירער, וואס דאס איז געווען פערדעכענט ביי די קאבאליסטען פון שלמה מלכו'ס אנהענגער פאר א בעזונדערען חסד, וואס גאט טוט מיט זיינע אויסדערוועהלטע. בע־זונדערס זייט דעם טויט פון שלמה מלכו, וועמעס אנהענגער (צווישען וועלכע עס האט זיך אויך גערעכענט דער בלינדער ר' יעקב) האבען געגלויבט, אז ער איז צוריק געווארען לעבעדיג נאך זיין טויט, און צייט די ענטפלעקונג פון הייליגען ר' יוסף קארו אין דער הייליגער שטאדט צפת, וואס האט אויסגעאיבט זיין איינפלוס אויף אלע קאבאליסטען אויף דער גאנצער וועלט, האט דער אלטער געהאפט אויפ'ן גרויסען

טאָג, ווען גאָט וועט איהם אויסקלייבען און וועט איהם לאָזען שטאַר־בען פאַר דער הייליגקייט פון זיין נאָמען!... זייט מען האָט דעם בלינדען ר' יעקב איינגעשלאָסען אין אינקוויזיציאָנס־קערקער, האָט ער זיך געהאַלטען אין איין צוגרייטען און פאַרבערייטען פאַר'ן גרויסען טאָג. ער האָט געריייניגט זיין קערפּער. כמעט ווי ניט פערזוכט פון קיין מענשליכען שפּייז, נור דערהאַלטען די נשמה אין זיין גוף מיט וואַסער, כדי ער זאָל ניט זיין א זעלבסטמערדער. וואָס דאָס איז געווען פערבעטענט ביי אידען אַלס די שרעקליכסטע זינד, און מען פער־לירט דורך דעם יענע וועלט. ער האָט געהאַלטען די גאַנצע צייט אין זינגען פּסוקים פון תהילים מיט זיין אייניקעל, אָדער אין פאַרטראַכט זיין און בלאָנדזשען אין הויכע ענינים, אין פערבאָרגענע וועלטען. דער איינציגער טראָפּען טרויער אין זיין גרויסע פרייד איז געווען, וואָס די גוים ווילען נעהמען זיין אייניקעל און מאַכען, חלילה, פון איהר אן אַבגעטין, אן עבודה זרה. ער האָט מורא געהאַט, אז זיי זאָלען זי לאָזען בלייבען ביים לעבען. און אָפטמאָל האָט ער גערעדט מיט איהר וועגען דעם.

— דיינע אָבות אין הימעל, וואָס זיינען ארויפגעגאַנגען מקדש השם'דיג זייענדיג, וועלען, חלילה, קיין רוה ניט האָבען, וועלען פער־שעהמט ווערען פאַר אַנדערע צדיקים און טהורים.

זי האָט אָנגעקוקט דעם זיידען מיט איהרע גרויסע בעטרעהרטע אויגען און געקושט זיין אַלטע האַנט אָהן ווערטער.

און דער אַלטער האָט זי פערשטאַנען.

— די אָבות אין גן עדן וועלען זיך פרעהען מיט דיר, מיין קינד.

און דער זיידע און דאָס אייניקעל האָבען צוזאַמען אָנגעהויבען פּסוקים פון תהילים צו זינגען:

„וגם כי אלך בגי צלמות
לא אירע רע
כי אתה עמדי.“

אז מען האָט דעם אַלטען אָנגעזאָגט, אז דער הייליגער פאַטער, דער פּאַפּסט אַליין איז געקומען איהם אויסהערען, און פערלאַנגט פון איהם, אז ער זאָל ארויסקומען פון דער שטייג, האָט דער אַלטער ניט

אויפגעהערט זינגען און אנהאלטענדיג זיך אן זיין אייניקעל, איז עס געווען ווי זיי ביידע וואלטען געטאנצט און געפרעהט זיך.

און אננעהמענדיג זיין אייניקעל ביי דער האנט, איז ער ארויס־געקומען פון דער שטייג און געהענדיג געפיהרט פון זיין אייניקעל׳ס האנד צום פאפסט׳ס שטוהל, האט ער ניט אויפגעהערט צו זינגען איבער׳ן גאנצען וועג, הויך אויף׳ן קול, און בעגלייט מיט יעפתה׳ס קול:

„לדוד לה׳ אורי וישעי
ממי אירא?
ה׳ מעוז חיי
ממי אפחד“.

אין דעם טריבונאל־צימער פון דער אינקוויזיציע, איז אויף א שארלאך־רויטען טראן געזעסען דער שטעל־פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס, דער פאפסט, פאול דער פיערטער, אין זיין געטורעמטען הוט, און אין זיין סאמעט רויטער רעטאנדע, און ארום איהם האבען געברענט בלוט־רויטע ליכט, וועלכע האבען געשטעקט, ווי שטעקענס, אין גרויסע גאלדענע לייכטערס. ארום איהם איז געווען פערזאמעלט די סוויטע פון קארדינאלען און הויכע קירכען־גייסטליכע, אינקוויזי־ציאנס־פראמינענצען. און ביי די פיס פון טראן איז געשטאנען דער הויכער, שטארקער קארדינאל, מיכעל גרייסליערי, דער גרויס־אינק־וויזיטאר, איינגעוויקעלט אין זיין שארלאך־בלוט־רויטען סאמעט מאנ־טעל, און דער רויטער קארדינאל־הוט ארויפגעזעצט אויף זיין קאפ. ביי ביידע זייטען צימער זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי רייהען גייסטליכע און אינקוויזיציאנס־מאנאכען, אין שווארצען בעצויגען, מיט שווארץ־בעדעקטע קעפ, וועלכע זיינען געווען אין געשטאלט פון שווארץ טוכענע באשליקעס, מיט שווארצע טוכענע מאסקעס אריבערגעצויגען איבער די פנים׳ער, און האבען געהאלטען רויטע, ברענענדיגע ליכט אין די הענט. פיעלע פון זיי האבען געהאט אויסגעמאלט אויף זייערע שווארצע מאנטלען סקעלעטען ביינער אין ווייסע פארב, און זיי האבען אויסגעזעהן ווי סקעלעטען, וואס האבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע קברים, מיט די אנגעצונדענע ליכט אין די הענד.

צווישען דעם שפאלער פון די שרעקעדיגע שווארץ־בעקליידטע

מיט רויטע ברענענדיגע ליכט מאַנאַכען און טייוואַלים־אינקוויזיטאַ־
רען, איז געגאַנגען דער בלינדער ר' יעקב, געפיהרט פון זיין אייניקעל
יעפתה, מיט רוהיגע, שטילע טריט, מאַיעסטעטיש־שטיל. קיין אייז
בליק האָבען זיי ניט געשאַנקען, ניט די מאַנאַכען און ניט זייערע
ברענענדיגע ליכט, אַזוי ווי זיי וואָלטען קיינעם ניט געזעהן, ווי קיינער
וואָלט זיך אין דעם טריבונאַל־זאַל ניט געפונען. און זיי האָבען הויך
געזונגען, מיט קלינגענדיגע שטימען זייערע פסוקים תהילים:

עם תחנה עלי מחנה
לא ירא לבי,
אם תקום עלי מלחמה
בזאת אני בוטח.

און די מאַנאַכען און די גלחים האָבען זי געזעהען ווי זי דערנע־
הענטערט זיך, זי אַליין, וועלכע זיי האָבען אַזוי גוט געקענט פון דעם
הייליגען בילד. „די מוטער פון ליעבע“, צו וועלכער זיי קניהען און בע־
טען, ווענמעם געשטאַלט זיי טראַגען אויף גאָלדענע קייטלעך אַנגעבונדען
אויף זייערע הערצער, וועמעס פנים זיי קושען און הייסען געבעט פאַר
יעדען שלאָפען געהן און אויפשטעהן, און אַט געהט זי אַליין, מיט איה־
רע גרויסע, בעטענדע אויגען, וועלכע קוקען מיט צער און ליעבע און
מיט איהר שטיל, קליין מויל, וועלכעס איז פערקנייטשט צום וויינען
און דאָך שמייכעלט עס; זי אַליין אין איהר הייליג געשטאַלט, אין
איהר לאַנגע בלויע קלייד, מיט איהרע נאַקעטע פיס און לאַנגע, צו־
פלאָשעטע האָר, און זי האַלט מיט איהר איידעלע, ווייסע יונגע האַנד
די האַנד פון דעם בלינדען אידען מיט זיין גרויסע, לאַנגע, דינע באָרד
און מיט זיין הויכען, הויכען, אויסגעלייטערטען שטערען — זעהט זי
ניט אויס, ווי די „מוטער פון רחמים“, וואָס פיהרט די ליידען פון דער
וועלט ביי איהר האַנד אויף דעם וועג פון אייביגקייט? דאָ, אין די
בעלייכטונג פון דעם רויטען שיין, אין דעם שפּאַלער פון רויטע, ברע־
נענדיגע ליכט און שוואַרץ־געקליידעטע מאַנאַכען, געהענדיג אַזוי שטיל,
ווי אַ געזאַנג פון אַ ליעד, פיהרענדיג דעם אַלטען הייליגען ביי דער
האַנד, האָט זי נאָך מעהר דערמאַנט אַז דער „הייליגער מוטער“, ווי
איהר בילד. און עס זיינען דערשראָקען געוואָרען פאַר איהר די מאַנאַ־

בען און די גלחים, און די הערצער פון די הויכע גייסטליכע זיינען צוגאַנגען געוואָרען פאַר איהר, און אַנגסטען פון שרעק האָבען ארויס־געשלאָגען אויף זייערע שטערענס. דאָ און דאָרט האָבען זיך געבראָכען קניען פאַר איהר. מאַנאַכען האָבען ניט געקענט זיך צוריקהאַלטען. און ווען זי איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, האָבען זיך א טייל מיט די ליכ־טער אין דער האַנד אַראָבגעלאָזט פאַר איהר אויף די קניע און גע־צלמ'ט זיך אין טיפע אַנגסטען פון שרעק. און דער פּאַפּסט אַליין, זעהענדיג די בלייכע געזיכטער פון זיינע קאַרדינאַלען, האָט אויפגע־הויבען דעם זילבערנעם צלם, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַרץ, איבער די קעפּ פון די קאַרדינאַלען און איבער די קעפּ פון די מאַנאַ־כען, איבער'ן זאַל, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פּערהיטען פון דעם שרעק, וואָס איז זיי בעפאַלען.

אבער קיין איין בליק האָט זיי יעפתה ניט געשאַנקען. געהענדיג מיט שטילע, מאַיעסטעטישע טריט, ווי א ריטמישער טאַנץ, האָט זי ניט אויפגעהערט צו זינגען, בעגלייטענדיג איהר בלינדען זיידען אין דעם געזאַנג פון די פּסוקים פון תהילים.

אז זיי זיינען אָנגעקומען פאַר דעם טראָן פון פּאַפּסט, איז א שטילקייט דורכגעגאַנגען דורך דעם טריבונאַל־זאַל.

— ווער ביזטו, אַלטער מאַן, און ווי איז דיין נאָמען? — האָט דער פּאַפּסט געפרעגט דעם בלינדען אידען, ווען ער האָט דערגרייכט, געפיהרט פון יעפתה'ן, פאַר זיין טהראָן.

— מיין נאָמען איז יעקב מעדוגא, און איך שטאַם פון דער פאַ־מיליע אברבנאַל, וואָס איז פערטריבען געוואָרען צוזאַמען מיט אַלע אידען פון דעם לאַנד פון זייערע פאַטערס, שפּאַניען, און בעזעצט זיך אין קאַסטיליען, און פון דאָרט פערוואָגעלט געוואָרען און פערשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט — האָט דער בלינדער אָבגעענטפערט.

אין זאַל איז שטיל געווען. מען האָט נור געהערט דאָס קנאַקען פון די ברענענדיגע קנייטען אין די אָנגעצונדענע ליכט און דאָס שריי־בען פון די גרויסע גענזענע פעדערען אויפ'ן קנייטשענדיגען פּאַרמעט, וואָס די צוויי שרייבער פון הייליגען טריבונאַל האָבען אויפגענומען אין פּראָטאָקאָל אַלצדינג, וואָס דער איד האָט געזאָגט.

— און ווער איז די „דאָננאַ“, וואָס בעגלייט דיך אויף דיין וועג? — האָט דער פּאַפּסט געפרעגט דעם בלינדען.

דער בלינדער האָט אויסגעצויגען זיין האַנד און, נעמענדיג יעפתה׳ס האַנד אין זיינע, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט זיינע אַהין־ציינערדינע יאַסלעס:

— דאָס איז מיין איינינקעל, יעפתה, די טאָכטער פון מיין זוהן יוסף מעדוגאַ, וואָס גאָט האָט איהם אויסגעוועהלט צו זיין אַ קרבן פאַר איהם און ער איז פערברענט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן פאַר דער גלאָריע פון דעם איין־איינציגען גאָט, וואָס איז איבער׳ן הימעל און אויף דער ערד און פאַר דער פערהערליכונג פון אונזער אמונה, וואָס איז די אמת׳ע אמונה פון דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט.

בלייך זיינען געוואָרען די קאַרדינאַלען, און איינער האָט דעם אַנדערען אָנגעקוקט. אָבער דער פּאַפּסט האָט ווייטער גערעדט:

— אַלטער מאַן, די הייליגע אינקוויזיציע בעשולדיגט דיך, אַז דו האָסט, צוזאַמען מיט די רבנים, דורך די קראַפט פון אַ געהיימען שפּרוך פון אייערע פערכישופ׳טע ספרים, וואָס איז נור בעוואוסט דיר אליין און די רבנים, וואָס זיינען מיט דיר, בעשוואָרען דעם הייליגען גייסט פון אונזער יונג־פרוי, די הייליגע מוטער פון יעזוס קריסטוס, אַז זי, אין איהר אייגענעם הייליגען געשטאַלט, זאָל אַראָפּקומען פון איהר טהראָן פון הימעל און איהר האַלט זי מיט אייך אין דער גהעטאָ, אין אַ בעזונדער, אָבגעשלאָסענעם, געהיימען חדר, ביי אייך אין דער שוהל; אַז זי זאָל אייך בעשיצען פון קריסטליכע הענד. און דו האָסט דורך די מאַכט פון דיין פאַרכישופ׳טען שם, געצווינגט דעם גייסט פון אונזער געבענשטער פרוי, די הייליגע מוטער פון יעזוס קריסטוס, אַז זי זאָל דיך ראַטעווען פון געוויטער, אין דער צייט פון איבערפלייץ, און פון די הענד פון די קריסטען אין לעצטען קאַרנאַוואַל. און אויך יעצט נויטסטו דו זי, דורך די קראַפט פון דיין שם, אַז זי זאָל שטעהן לעבען דיר און בעשיצען דיך. ביסטו דיך מודה אין דיין זינד, איך?

ר׳ יעקב האָט אַ רעכטע ווייל געשוויגען. ער האָט אויסגע־שטאַרטשעט זיינע טויט־פערבלייכטע אויגען, ווי ער וואָלט געוואָלט זעהן. אין האַרצען האָט זיך איהם געריסען אַ תפלה, ווי ביי שמשון: נור נאָך איינמאָל זאָל גאָט געבען קראַפט זיינע אויגען צו זעהען, נור נאָך איין איינציג מאָל זאָל ער קענען דעם פאָטער פון אַלע קריסטען אין פּנים אריינקוקען. אָבער זיינע אויגען זיינען געווען בלינד פאַר

דער וועלט. ער האט נור געזעהן יעצט טיעף אין זיך די הימלישע ליכטיגקייט און דעם פייערדיגען אמת, וואס פלאקערט אין זיין הארץ, און די גרויסע גערעכטיגקייט פון זיין זאך, און פון זיין הארץ האט זיך געריסען א תפילה צו גאט, צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאט, פאר וועלכען ער איז בערייט זיין ערדישעס לעבען אוועקצואווארפען.

ער האט געכאפט זיין אייניקעל'ס האנד אין זיינע און אנגעהויבען צו זינגען מיט איהר אויפ'ן קול:

ה' אורי וישעי,
ה' מעוז חיי,
ממי אפחד?

— איך, דו ענטפערסט מיר ניט, דאס הייליגע טריבונאל ווארט אויף דיין ענטפער, איך!

— איז דאס דער חטא, צוליעב וועלכען דו פייניגסט די הייליגע צדיקים אין דיינע טארטור־קאמערען? — האט דער בלינדער מאן געשריען, ווי א לייב — וועה צו אייך! צו וועמען דיענט איהר?! צו א גאט, וואס מען קען איהם פער'כשופ'ען? וואס מען קען איהם בעשווערען מיט א ווארט? וואס מען קען איהם האלטען אין דער מאכט? עפענט אויף אייערע אויגען און זעהט דעם איינציגען לעבעדיגען גאט אויף דער ערד און אויף דעם הימעל! ניין, דאס איז ניט אייער גאט — האט ר' יעקב געוויזען, האלטענדיג די האנד פון זיין אייניקעל — עס איז נור אן ארימע אידישע טאכטער, געיאגט און געפלאגט, ווי מיר אלע, פאר דער איינציגער אמונה פון איהרע עלטערן.

וויעדער איז געווארען א שטילע בעוועגונג אין גרויסען זאל. און בלייך האבען זיך אנגעקוקט די קארדינאלען איינער דעם אנדערען. נור דער פאפסט האט זיך אויפגעהויבען פון זיין טהראן, גענומען דעם צלם אין זיין האנד אריין און געזאגט:

— איך, שוין צוויי מאל ווי דו האסט געלעסטערט די קירכע און איהרע הייליגע דאגמען, אין דער געגענווארט פון דעם הויכען טריבונאל. נור די קירכע איז רחמנות'דיג און גערולדיג ווי א מוטער, וואס שטעלט בערייט אויס איהרע הענד צו עמפפאנגען איהרע פער־

בלאנדזשעטע קינדער. הער דעם רוף פון אונזער מוטער, די הייליגע קירכע — האט דער פאפסט געזאגט און איז אראפ פון זיין טהראן מיט דעם צלם אין דער האנד, און עס צוגעטראגען צו דעם בלינדען איד'ס פנים — פאר דיינע בלינדע אויגען האלט איך דאס ליכט פון דער וועלט, דעם שיין פון גאט. דערפיהל איהם אין דיין הארץ, בויג דיינע קניע פאר איהם, כדי דיין זינדיגע נשמה, וואס האט געלעסטערט גאט, זאל פערגעבען ווערען און אויפגענומען ווערען אין דעם קעניגרייך פון הימעל.

דער איד האט דערפיהלט דעם זילבערנעם צלם אין זיין פנים און דעם געשמאק פון ווייהרויך אין זיין אטהעם. מיט אויפגעבראכטקייט האט ער אוועקגעשארט דעם צלם מיט זיינע הענד און אויסגערופען:

— פאר וועמען קניהען? צו וועמען בעטען? צו וועמען דיענען? צו א שטיק זילבער, וואס א זילבערשמיד האט עס געגאסען מיט זיין רעהר, אויסגעהאקט מיט זיין האמער, וואס מען קען עס קויפען פאר געלד, פערקויפען פאר געלד, איינזעצען פאר א משכון?

— איד, איך רוף דיך נאך אמאל, קניע פאר דעם סימבאל, פאר די ליידען, וואס ער האט געטראגען פאר דיר, און פאר מיר, און פאר אונזערע זינד — האט דער פאפסט נאך אמאל צוגעפיהרט דעם צלם פאר דעם אידען'ס פנים.

— פאר א מענשען, וואס מען האט געהאנגען? פאר א מענשען, וואס מען האט געפייניגט, צו איהם זאל איך דיענען? — פאר איהם קען איך נור רחמנות האבען, בעדויערען, אבער דיענען צו איהם?!

— האט דער בלינדער צוגעלייגט מיט א שמייכעל, אויף קאסטיליש.

דעם פאפסט'ס פנים איז רויט געווארען. זיינע קנייטשען האבען זיך אויפגעהויבען ווי א שטורם אין ים. ער האט פערלארען זיין פאטערליכע געדולד, מיט וועלכער ער האט איבערראשט דעם טריבונאל און גערופען מיט א דראהענדער שטימע:

— איד, די ארעמס פון דער קירכע דערגרייכען ווייט און ענג, און גליהען ווי א פייערדיגע צוואנג — האט ער ווידער געשטרעקט דעם צלם אין דעם אידען'ס פנים.

— אזוי רייד, הייליגער פאטער. דאס איז דיין שפראך. זאג בעסער, דיענען צו דיר, פאר דיר זיך קניהען, פאר דיר בעטען. דו ביזט דער גאט פון אלע קאטאליקען, האסט מעהר מאכט פאר איהם, ביזט

שטאַרקער פון איהם, דו קענסט בעשטראָפען די, וועלכע ווידערשפּע־ניגען געגען דיר! דו קענסט פּייניגען, מאַטערען אין טאָרטור קעלע־רען, פערברענען אויף די פייער־הויפענס. דו ביזט מעכטיג, דו ביזט דער גאָט פון אַלע קאַטאָליקען, ניט ער. דו ביזט שטאַרקער פון איהם, הייליגער פאַטער!...

דער צלם האָט געציטערט אין דעם פּאַפּסט'ס הענד. זיין פנים איז רויט געוואָרען. די ליידיגע הויט־פאַלדען האָבען זיך אנגעבלאָ־זען. דער איד האָט איהם ארויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט גע־טראָגען טיעף אין זיין הארץ און מורא געהאַט צו קלערען דערפון. און פּלוצלונג האָט ער א קלאַפּ מיט'ן צלם פערשטומט דעם איד'ס גע־שרייען. א שטראָם בלוט האָט געגעבען א זעץ ארויס פון דעם אידענ'ס פנים און האָט בעשמירט דעם זילבערנעם צלם אין דעם פּאַפּסט'ס הענד. טראָפּענס בלוט האָבען גערונען פון צלם און זיינען געפאַלען אויף יע־זוס'עס לייב, וואָס איז געווען צוגעשלאָגען צום צלם.

ביי דעם בלינדען ר' יעקב האָט זיך א קניע איינגעבויגען, און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט זיך א וואַקעל געטהאָן. אָבער ער איז דאָך געבליבען שטעהן אויף זיינע פיס. און, דער פנים בעגאָסען מיט בלוט, האָט ער געזאָגט א פסוק תהילים ווי פאַר זיך:

כי עליך נשאתי חרפה
כסתה כלמה פני.

און ווען די אינקוויזיציאָנס־מאַנאַכען האָבען אויף א וואונק פון גרויס־אינקוויזיטאָר אוועקגעשלעפּט דעם בלינדען ר' יעקב אין די טאָר־טור־קעלערען, האָט זיך געהערט א געזאַנג:

לדוד ה' אורי וישעי
ממי אירא?
ה' מעוז חיי
ממי אפחד?

יעפּתה האָט געמאַכט א בעוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט נאָכגעהן דעם אַלטען. אויסשטרעקענדיג נאָך איהם די הענד, האָט זי זיך בע־

העפט מיט איהם מיט'ן בליק, נור דער פאפסט האט איהר פערשטעלט דעם וועג. אויסשטרעקענדיג נאך איהר דעם פערבלוטיגטען צלם, האט ער צו איהר אויסגערופען:

— אין נאמען פון גאט, פון זוהן און פון דעם הייליגען גייסט, זאג מיר, ווער ביזט דו?

יעפתה האט איהם אנגעקוקט גלייך אין פנים אריין. פון איהרע אויגען האבען ארויסגעשפראצט צוויי פולע פערלדיגע טרעהרען און זיינען געבליעבען הענגען אויף די ראנד־הערלעך פון איהרע אויגען.

דער פאפסט האט ניט געקענט אריבערטראגען איהר בליק. דער צער פון איהר פנים האט זיין הארץ דערציטערט. ער האט נעהענטער געדריקט דעם פערבלוטיגטען צלם צו איהר געזיכט און גערופען:

— דו ביזט דער גייסט פון אונזער געבענשטער פרוי, די מוטער פון דיין זוהן, פאל אויף די קניע פאר איהם, בוק דיך צו זיינע ליידען. אז ניט, האסטו נור מיט כישוף בע'גנב'עט דאס געזיכט פון אונזער געבענשטער פרוי, און דו טראגסט עס מיט אן אונריינע מאכט, אונ־זערע הערצער אבצונארען.

די צוויי פולע טרערען האבען אראבגערונען פון איהרע אויגען־הערלעך, געקייקעלט זיך ווי שנירעלעך פערל איבער איהרע באקען און געבליבען אויף דעם רויזען־ראנד פון איהר קליין מויל.

געציטערט האט דער צלם אין דעם פאפסט'ס האנד. זיין הארץ איז שוואך געווארען און ער האט ניט געקענט איהר בליק אויסהאלטען.

— פייער זאל בעשטעטיגען ווער דו ביזט! ביזטו אונזער גע־בענשטע פרוי, וועט פייער איבער דיין הייליג לייב קיין שליטה ניט האבען, ווי איבער אנדערע הייליגע; אז ניט, האסטו נור מיט כשוף אנגעטאן דיר דאס געזיכט פון דער הייליגער מוטער — האט דער פאפסט גערעדט.

אויף יעפתה'ס בעטענדע ליפען האט געשפיעלט א רעדזאמער שמייכעל, און קיינער האט ניט געוואוסט, וואס דאס באדייט. עס איז געווען, ווי זי וואלט געוויינט מיט א שמייכעל און געשמייכעלט מיט טרעהרען...

אין אלע קירכען פון רוים האט מען געדאנק־געבעט אבגעריכט. בולעטינס זיינען צושיקט געווארען פון רוים איבער דער גאנצער קאַטוילישער וועלט, אז מען זאל דעם טאג פון הייליגען פאול ערקלערען פאר א גרויסען קירכען־יום־טוב. ספּעציעלע לויב־געזאנגען און דאנק־געבעטען זאלען געדאווענט ווערען אין די קירכען, וועלכע זיינען צו דעם צוועק צוגעשיקט געווארען פון רוים, און אויף די קירך־הויפען זאל מען ארויספיהרען די הייליגע פעהנער און די קירכען־בילדער אין פּראצעסיאנען. און די קירכען־שרייבער האבען דאס פערשריעבען אין די כראניקעס פון דער קירכע פאר דור־דורות פון דעם גרויסען וואונדער, וואס דער פּאפּסט פּאול דער פיערטער האט בעוויעזען קעמפּפענדיג מיט א געפעהרליכען שטן, וועלכער האט זיך פערשטעלט אין דער געשטאלט פון דער הייליגער מוטער, און נאך א גרויסען קאמף איז ער דעם שטן בייגעקומען דורך א נס, מיט דעם בלוט פון יעזוס קרייץ, וואס האט זיך בעוויעזען אויף דעם צלם אין פּאפּסט׳ס האנד.

——):(——

### קאַפּיטעל 16.

## דער אַקט פון גלויבען.

אויף אַלע קאַרזען, וואו דער פּעבעל פון רוים קומט זיך צוזאַמען, אין אַלע קירכען ביים געבעט, אויף אַלע פערזאַמלונגס־פּלעצער, האָבען טרובאַדאַרען מיט וואַכען פריהער אויסגעטראָמפּייטעט מיט לאַנגע זילבערנע טראָמפּייטערם און אויסרופערם האָבען אויסגערופען, אַז אין דעם קומענדען גרויסען קירכען יום־טוב דעם „גרינעם דאָנערשטאָג", ווערט אויפ'ן פּלאַץ „קאַמפּ די פּיאַרראַ", וואו עס איז פון קדמונים אַן פערברענט געוואָרען אידישע ספרים און אידישע לעבענס, אָבגעהאַלטען ווערען אַ גרויסער „אוטאַ דע פע," אַ אַקט פון גלויבען. די געפעהרליכע כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען, וועלכע האָט זיך אַנגעטאָן דורך כשוף דאָס געזיכט פון די הייליגע מוטער, ווי זי ערשיינט אין בילד „די מוטער פון ליעבע", וואָס הענגט אין קלויסטער פון „הייליגען הארץ", ווערט עפענטליך פערברענט ווערען, כדי עס זאָל דורכ'ן פייער געפּרופט ווערען אויב זי איז מיט אַן אמת דאָס געשטאַלט פון דער הייליגער מוטער, אָדער זי איז, ווי די אינקוויזיציע בעשולדיגט זי, אַ כשוף־מאַכערין.

אין „גרינעם דאָנערשטאָג" איז די זון אַרוים איבער'ן טייך טיבער אַ רויטע און אַ פייערדיגע, ווי אַ ברענענדיגער קנויל פון סמאָלע, און האָט פון בעגינען אָן געזעצט מיט אַזאַ דומפּיגע ענג־שטיקענדע היץ, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זון ברענט אוים די גאַנצע לופט, וואָס געפינט זיך אין חלל איבער די גאַסען פון רוים און רוים וועט דערשטיקט ווערען. און אין איינעם מיט די פלאַמענדע זון, וואָס האָט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר אונטערגעצונדען די הימעל־פעלדער איבער רוים — האָט זיך געהערט פון בעגינען אָן אַ דומפּער אַנגסטיגער און

שרעקענדיגער קלינגען פון גלאָקען פון אַלע קירכען פון רוים, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וועקען די קירכען־גלאָקען די ברענענדיגע זון אין הימעל, שטייגערען איהרע פלאַמען פייערען און רייצען איהרע פייער־צונגען צו ברענען און אויסצוטרינקען די לופט פון רוים... דאָס קלינגען פון רוים, וואָס האָט זיך אַנגעהויבען מיט רחמנות, מיט געבעט און שטיל ווי אַ ווייט־אויסגעהענדעס געוויין, האָט וואָס אַמאָל געשטיגען, געהעכערט זיך — איז וואָס אַמאָל מעהר שרעקענדיגער און אַנגסטיגער געוואָרען — ווי עס וואָלט געווען אַנגעזאָגט אויף אַ גרויס אונגליק, וואָס נעהענטערט זיך און קומט אויף רוים.

און פון בעגינען אַן זיינען אַלע גאַסען, קאַרזען און פּלעצער פון רוים פול געווען מיט מענשען, פערד, בהמות און אַלע מינים לעבעדיגע בעוועגליכע וועזענס. פון נאָהענט און פון ווייט, וואו עס האָט נור דערגרייכט דאָס געהער פון די „כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען“, וועלכע טראָגט דאָס געזיכט פון די הייליגע מוטער, איז מען אַנגעקומען קיין רוים צו דעם גרויסען יום־טוב פון פייער, זעהען ווי די כשוף־מאַכערין ווערט אַרויס פון פייער אונבעריהרט. אויף אַלע וועגען, מיט אַלע מיטלען פון פערקעהר זיינען זיי געקומען: ווער רייטענדיג אויף אַ פערד, אויף אַן עזעל, אויף מויל־טירען און ווער געהענדיג צופוס פון די ווייטע פּראָווינצען פון פעראַראַ און פלאָרענץ. די מאַטראָזען פון אַלקאָני זיינען אַנגעקומען מיט בעפוצטע זעגעל־שיפען איבער'ן טיבער. רוים האָט ניט געהאַט גענוג פּלאַץ פאַר זיי, אַרונטערצונעמען זיי אונטער אַ דאַך. זיינען זיי געשטאַנען מיט זייערע בהמות אויף די גאַסען פון רוים, אויפגעשלאַגען קאָליערטע געצעלטען אויף די פּלעצער, אויף די קאַרזען, בעלעגט די וויים־מאַרמאָרנע טרעפּען פון די קירכען, אויף דעם פּלאַץ פון סט. פּעטער, פאַר דער קירכע פון סט. פּעטער, פאַר די מאַרמאָרנע עסטראַדען, וואָס מיכעל אַנדזשעלאָ האָט אויפגעשטעלט. זיינען צעהנדליגע טויזענדער געלעגען מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייערע עזלען און קעמלען, אויפשלאָגענדיג געצעלטען. רוים איז אַזוי ענג געוואָרען, אַזוי שמוציג און איבערגעפילט, אַז די אַריסטאָקראַטען און די קורטיזאַנען האָבען פערלאָזען רוים איבער דעם יום־טוב פון דעם פייער, נישט קענענדיג אויסהאַלטען די דעמפּיגקייט און דעם שוויים און שלעכטען ריח פון דעם פעבעל, וואָס האָט פערטרונקען רוים...

אויפ'ן פלאץ „קאמפ די פיאררא", וואו עס האט געזאלט פארקומען דער גרויסער „אוטא דא פע", איז נאך פון טעג און נעכט פריהער אנגעגאנגען גרויסע געשלעגען און מלחמות פון דעם ארייננדרינגענדען פעבעל צו פערכאפען בעסערע פלעצער. אין דעם מארגען פון דעם גרינעם יום־טוב איז דער גאנצער פלאץ שוין געווען בעזעצט, אנגעפיקעוועט אזוי געדיכט מיט מענער, ווייבער און קינדער, בהמות, פערד און געצעלטען, אז מיט גרוים מיה איז אנגעקומען די מאנאכען פון דער אינקוויזיציע אויפצושלאגען נעבען די פיראמידע, אויף וועלכער ס'האט געזאלט פערברענט ווערען די כשוף־מאכערין, צוויי לאזשען מיט רויט־סאמעטענע חופות: איינע פאר'ן פאפסט מיט זיין סוויטע, און די צווייטע פאר'ן גרוים־אינקוויזיטאר מיט דעם הויכען טריבונאל. יעדער איינער, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן פלאץ פאר די פיראמידע, וואו דאס פערברענען האט געזאלט פארקומען, האט שוין געהאט זיין „חזקה", וואס ער האט זיך ערווארבען דורך שלאפען גאנצע נעכט אויפ'ן פלאץ און היטען דעם טאג פון דער פערברענונג, און ניט געוואלט אבטרעטען. די מאנאכען האבען געמוזט בענוצען לאנגע בלייענע באטיקעס, שפיצרוטען, קאנטשיקעס, מיט וועלכע זיי האבען געשלאגען איבער די קעפ פון די מאסען צו מאכען פלאץ פאר'ן פאפסט און דעם הויכען טריבונאל. אויפ'ן פלאץ, וואו דאס פייער האט געזאלט פארקומען, איז אנגעגאנגען א גאנצער יאהרמארק. פערברענגענדיג דא עטליכע טעג און נעכט, האט דער פעבעל געמוזט עסען. זיינען ארויסגעקומען צו זיי פערשיעדענע סוחרים, גארקיכער און וויין פערקויפער, פערשטעלטע און וואונדער־דאקטוירים, און האבען אויפגעשלאגען דארט זייערעביידלעך און קרעמלעך. עס האט געשלאגען איבער די קעפ פון די מאסען א געדיכטער, שווארצער רויך, וואס האט געיאגט פון די אונטערגעהייצטע קעסלען, וועלכע די גארקיכער האבען געפיהרט אויף וועגעלעך און פערקויפט צו די מאסען ווארימע געקעכץ. וואונדער־דאקטוירים, אנגעטאן אין גרויסע, הויכע היט, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאהלען אסטראנאמישע צייכענס און מיט שטערען און קאמעטען בעמאהלטע לאנגע מאנטלען זיינען געשטאנען אויף זייערע פוהרלעך און האבען אויסגערופען אין א געריימטער פאעטישער שפראך די קראפט פון זייער מאגיק, ווי זיי קאנען מיט כשוף־וואסער פערוואנדלען די אבגעלעבטע, גערונצעלטע הויט

פון דער פרוי אין ראזע, יונג־שפּראַצענדיגע קאָליערען; ווי זיי קאָנען צוריק יונג מאַכען פערוועלקטע לייבער, ווי זיי קאָנען מיט פאַרבען פערוואַנדלען פון ברונעט אויף בלאָנד, שוואַרץ אויף גאָלד־קאָליער, אַרויסרייסען קראַנקע ציין, היילען בויך־וועהטאָג, האַקען אַדערען און אָבשפּרעכען עיז־הרע'ס. זייערע וועגען זיינען שטענדיג געווען פול מיט ווייבער, וואָס האָבען זיך געלאָזט פאַרבען די האָר פון שוואַרץ אויף בלאָנד, וואָס דאָס איז דאַמאָלס געווען שטאַרק אין מאָדע. אויך האָבען ניט געפעהלט צום הייליגען קירכען יום־טוב, ביים „אַקט פון דער רעליגיע“ גאַסען־פרויען, וועלכע האָבען אויפגעשלאָגען זייערע קאָלירטע געצעלטען צווישען דעם פעבעל, בעפּוצט די טירען מיט רויטע רויזען, און אַלס צייכען פון זייער פּראָפעסיע האָבען זיי אַרויסגע־האָנגען פאַר דעם אַריינגאַנג פון זייערע געצעלטען דאָס בילד פון דער הייליגער מאַנדאַלענא, מיט איהרע צולאָזטע גאָלדענע לאָקען, וואָס איז געווען פון קדמונים אָן די בעשיצערין פון די גאַסען־פרויען, אַלס די אַפּיציעלע פּראָסטיטוטקע פון דער קירכע...

אין מיטען פון דעם דרינגענדען ענגען פעבעל, וואָס האָט גע־שטונקען פון שוויים און געפעפערט עסען, פון זויערען וויין מיט שלעכטע פערפיומען פון די גאַסען־פרויען, פון צוקוועטשטע בלומען און צוהיצטע לייבער — איז אויפ'ן „קאַמפּ די פיאַררא“ געווען אָב־געצוימט אַ פיער־עקיגער פּלאַץ, פאַר דעם שטוים, אויף וועלכען די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען וועט פערברענט ווערען. ביי דעם שטוים זיינען געווען אויפגעשלאָגען, ווי שוין געזאָגט, צוויי לאָזשען מיט רויטע סאַמעטענע חופות, איינע פאַר'ן פּאַפּסט מיט זיין סוויטע און די צווייטע פאַר'ן גרויס־אינקוויזיטאָר מיט'ן הויכען טריבונאַל, וואָס די מאָנאַכען האָבען מיט גרויס מיה אַרויסגעקראָגען פון דעם צודרינגליכען און אָנגעשטאָפּטען פעבעל־פּלאַץ פאַר די בעאַמטע. דער פּלאַץ אַרום דעם שטוים מיט די לאָזשען איז געווען אָבגעצאַמט פון די מאַסען מיט בעוואַכטע שוואַרץ־בעקליידעטע און שוואַרץ־בעדעקטע מאָנאַכען פון דער אינקוויזיציע. דער שטוים איז געווען געבויט אין דער פאָרם פון אַ פּיראַמידע, וועלכער איז בעשטאַנען אויסשליסליך פון — — — אידישע געשריבענע און געדרוקטע ספרים...

פון אַלע פּראָווינצען פון איטאַליען האָט מען געזאַמעלט אידישע ספרים, בעפאַלען די שוהלען, די בתי מדרשים, אַריינגעדרונגען אין די

אידישע הייזער און צוגענומענע משפחה־ביבליאטעקען, ירושות פון דורות, וואס איז טייערער געווען פון אלע פערמעגענס אין דער וועלט. און וועלכע מען האט אבגעהיט נאך מעהר ווי איינציגע געצערטעלטע קינדער, געבראכט מיט זיך פון גלות שפאניען און פון גלות פארטוגאל און פון אנדערע גלותים, פון וואנען אידען זיינען נור געקומען צולויפען אין די דאמאלסדיגע טאלעראנטע פראווינצען פון איטאליען — בעפאלען די אידישע דרוקערייען, וואס האבען זיך מיט אזא שנעלקייט פערשפרייט איבער די פראווינצען פון איטאליען און געדרוקט אידישע ספרים, געבראכט זיי אין די אינקוויזיציעס, געזאמעלט צו דעם יום־טוב פון „אוטא־דא־פע", אז צוזאמען מיט די פער'כשופ'טע ספרים זאל פערברענט ווערען די כשוף־מאכערין. שוין ניט איין מאל האט מען פערברענט אידישע ספרים אין רוים, נור קיינמאל איז די שרפה ניט בעשטאנען פון אזא גרויסע צאהל און פון אזא חשיבות.

קיין רוים און קיין איטאליען האבען די אידען געבראכט זייערע אוצרות צו בעהאלטען, וואס איז בעשטאנען פון זעלטענע כתב־יד'ן און טייערע עקזעמפליארען פון ספרים, כדי צו שיצען זיי פון די פייערען פון שפאניען און פארטוגאל. אין די שטעדט פון פערארע און מאנטוא, וואו עס זיינען געגרינדעט געווארען די ערשטע דרוקערייען פון אידישע ספרים, האבען זיך געפונען די זעלטענע כתב־יד'ן, פון וועלכע די ערשטע חומשים און די ערשטע גמרות האבען זיך געדרוקט — דאס אלעס איז געברויכט געווארען פון דער אינקוויזיציע אויפצושטעלען די פאפירענע פיראמיד, אויף וועלכער עס וועט פערברענט ווערען די כשוף־מאכערין פון קאסטיליען. עס האבען זיך געפונען אין דער פיראמיד פון ספרים כתב־יד'ן פון גמרות געשריעבען אויף פאפירוסען; עקזאמפליארען, וואס האבען געשטאמט פון די ישיבות פון פומפדיתא; חומשים, וואס זיינען איבערגעשריבען געווארען דורך אידישע סופרים פאר די ראשי־הגולה פון בבל. עס זיינען געווען ספרים פון רמב"ם, געשריעבען מיט זיין אייגענער האנד. פאעמען און פיוטים פון די גרויסע העברעאישע פאעטען פון שפאניען, וועלכע זיינען אויף אייביג אונטערגעגאנגען מיט'ן פייער. ערשטע אויסגאבען פון גמרות, פון יד חזקה, פון מוסר ספרים און פילאזאפישע ספרים, וואס עס האבען ארויסגעגעבען די ערשטע דרוקערייען פון דער וועלט פון מאנטוא און פערארע, געגרינדעט דורך דעם

קריסטליכען געלעהרטען דע ראסע. ערשטע עקזאמפליארען פון די פראכטפאלע דרוקען פון דער משפחה שאנסינא פון רימיני. אויסגאבען פון זעלטענער שעהנקייט פון דער בעריהמטער דרוקעריי פון דעם קריסט דניאל באמבערג פון ווענעציע. אויסגאבען פון גמרות און סדורים, וואס עס האט געדרוקט פאר די אידען דער געלעהרטער קארדינאל מדרוצי צוזאמען מיט דעם גרויסען רב ר׳ יוסף אטאלעגהי אין ריווא די טרענטא. פארמעט־בריעף, וואס עס האבען געשריעבען די רשי הגולה פון בבל צו די אידען פון די סלאווישע לענדער. בען די ראשי־הגולה פון בבל צו די אידען פון די סלאווישע לענדער, די פערוואָרפענע לענדער פון די סלאווען און די טאטערען. קינות און איכות, פיוטים און געזאנגען פון אידען ארום טייך רהיין איבער די ערשטע מסעי הצלב; וויסענשאפטליכע ספרים, חשבון־ביכער און אסטראנאמישע ספרים, דאקטאר־ביכער, מוסר־ספרים און קאבאליסטישע כתב־יד׳ן, געשריעבען פון די אלטע שפאנישע אידען, ווען זיי האבען געבליהט אונטער דער הערשאפט פון דער אראבישער קולטור—אלעס, אלעס איז צונויפגעלעגט געווארען אין איין גרויסער פיראמידע, פערברענט צו ווערען אין איינעם מיט די כשוף־מאכרין פון קאסטיליען.

די אידישע געטא איז געווען אבגעשלאסען פון דרויסען און פון אינעווייניג. קיין מענשען האט מען ערשט אין די גאסען ניט געזעהן. טיר און טויער זיינען געווען פערהאקט. אין די הייזער, אין די קאמערען, אין די בעהאלטענע חדרים זיינען געלעגען גרוים און קליין, מאן און ווייב. און זייער געוויין און געשריי איז אויפגעגאנגען צום הימעל, ניט איבער דעם, וואס א מענש ווערט פערברענט, נור איבער דער גרויסער „עולה התמימה“, איבער דער גרויסער שרפה פון די הייליגע ספרים.

צו דער בעשטימטער מינוט, וואס עס האט פעסטגעזעצט דער הויפט שטערען־זעהער פון פאפסטליכען הויף, האט זיך דער אינקוויזיציאנס־צוג מיט די כשוף־מאכרין פון קאסטיליען ארויסגעלאזט פון דער קירכע סט. אנזשעליקא צום פלאץ „קאמפא די פיאררא“, וואו דער פיראמיד פון די ספרים איז געשטאנען. איהר גאנצען פראכט און גלאנץ האט די קירכע ארויסגעפיהרט פאר דער אפענער וועלט:

דער טריאומף פון איהר זיעג — און די קראַפט פון איהר גלויבען — האָט זיי געצייגט פאַר דער הערליכער זון אין דעם צוג.

א שאָר פון שוואַרץ־געקליידעטע אויוועז־הייצער און קוימען־קעה־רער האָבען געעפענט דעם צוג. זיי האָבען געהאַט די „חזקה" פאַר דעם, וואָס זיי פלעגען אויף זיך נעהמען די מצוה פון צושטעלען ברען־מאַטעריאַלען פאַר אַלע אינקוויזיציאָנס־פייערען. זיי האָבען געהאַל־טען אין די הענד שוואַרצע ברענענדיגע שטולקאַצען, מיט וועלכע מען וועט אונטערצינדען דעם „שטוים". נאָך זיי זיינען געגאַנגען די דאָ־מיניקאַנער מאָנאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגעפיהרט איינע נאָך די אַנדערע הייליגע בילדער פון רוים'ס קירכען, וועלכע זיינען בעוואוסט געווען צו די קאַטוילישע גלויביגע פאַר די „נסים", וואָס זיי האָבען געטאָן. יעדע פון די בילדער האָט געהאַט זיין נאָמען און זיינע ספּעציעלע אַנהענגער, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען א לעבעדיגען הערשער, וואָס האָט זיינע ספּעציעלע פאַוואָריטען. איי־נע פון זיי האָט זיך גענומען ספּעציעל צו בעשיצען די וויין־סוחרים; אַן אַנדערע — די וואָל־פאַרבערס; די דריטע — די גאַסען־פרויען; א פיערטע — די בעקערס, און יעדעס מאָל, ווען אימיצער האָט דער־זעהן די געטין, וואָס בעהיט ספּעציעל זיין פּראָפעסיע, האָט ער זיך געוואָרפען אויף די קניע פאַר איהר און אויסגעשריען: „עס לעבע די אמונה!"

הינטער די מאָנאַכען זיינען געגאַנגען די בעלי־תשובות; די, וואָס זיינען געווען בעקליידעט מיט דער „סאַמביניעטאַ" העמדלעך און „קאַ־ראָזאַ" העמדלעך.

דאָס זיינען געווען מאַראַנען און קריסטען, וועלכע מען האָט בע־שולדיגט אין פּראַקטיצירען אידישקייט, און ניט קענענדיג אויסהאַל־טען די יסורים פון די אינקוויזיציאָן־טאָרטורען, האָבען זיי זיך מודה געווען אין זייער זינד. די קירכע האָט זיי אַרויסגעגעבען שטראָפען. געהאַלטען זיי יאָהרען־לאַנג אין די פייכטע קערקערס פון דער אינק־וויזיציע אויף ברויט און וואַסער, וואו זיי זיינען געזעסען איינזאַם, פאַסטענדיג וואָכען־לאַנג און פּייניגענדיג זיך מיט כל המינים ענוים פאַר זייערע זינד. און צו יעדען צוג פון דער אינקוויזיציע פלעגט מען זיי אַרויסנעהמען פון די קערקערס און זיי פיהרען אין צוג, ווייזענדיג פאַר דער וועלט דעם גרויסען זיעג פון דער קירכע.

איינציגווייז זיינען זיי געגאנגען אדער זיינען געשלעפט געוואָ־רען דורך די אינקוויזיציאָנס־מאַנאַכען אויף טאַטשקעס, אויף וועגע־לער און טראַג־שטוהלען, ווייל זייערע גליעדער זיינען צוקוועטשט און צובראָכען געוואָרען אין די טאָרטור־רעדער, און זיי האָבען מעהר ניט געקאָנט געהן.

עס איז געווען דער צוג פון דער קירכע; שאָטענס פון מענשען מיט פערפייניגטע, פערקרימטע געזיכטער פון אויסגעשטאַנענע יסורים, אַנגעטאָן ניט ווי קיין מענשען, נור ווי טייוואָלים, אין לאַנגע תשובה־העמדער, וועלכע מען האָט גערופען „סאַמביניעטא“. אויף די העמדער איז געווען אויסגעשריעבען די זינד פון די מענשען און אויס־געמאָהלט טייוואָלים און רוחות רעות און מכשפים, מיט וועלכע די מענשען האָבען געהאַט צו טאָן. אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען ברענענדיגע ליכט, אַזוי ווי זיי וואָלטען געגאַנגען צום טויט, וואָס וואַרט אויף זיי. טייל פון זיי זיינען פון די יסורים, פון דעם לאַנגען פעראיינזאַמטען לעבען אין די פינסטערע קערקערם משוגע געוואָרען. זיי זיינען געווען געבונדען מיט שווערע אייזערנע קייטען, ביי וועלכע עס האָבען זיי געפיהרט די אינקוויזיציאָנס־מאַנאַכען. אַנדערע זיי־נען געוואָרען אידיאָטיש פון די מאַטערנישען — האָבען זיי גוטמוטיג געשמייכעלט מיט זייערע קראַנקע, ווילדע אויגען צו די פערשיעדענ־פאַרביג־קאָליערטע מאַסען, וואָס האָבען אָנגעפילט די אַנגעשטאָפּטע גאַסען, די פענסטער און די באַלקאָנען, וואו די פּראָצעסיע איז דורכ־געגאַנגען. אַנדערע בעלי תשובות, אַנגעטאָן אין די פאַנטאַסטיש־בע־מאָהלטע העמדער, פלעגען ארויסלויפען פון די רייהען און וואַרפען זיך צו די פיס פון דעם פעבעל, אַז מען זאָל זיי שלאָגען און טרעטען מיט די פיס פאַר זייערע זינד. דאָס האָבען די בעלי תשובות געמוזט טון יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיי ארויסגעפיהרט פון די קערקערס און געוויזען זיי פאַר'ן עולם. דער פעבעל האָט זיי געשלאָגען און גע־טראָטען מיט די פיס. די ווייבער האָבען זיי געשפּיגען אין די פנים'ער, און זיי, די בעלי תשובות, האָבען מיט אידיאָטישע, גוטמוטיגע שמייכ־לען אָבגעדאַנקט דערפאַר. אַנדערע פון די בעלי־תשובות זיינען גע־גאַנגען מיט די אַנגעצונדענע ליכט אין די הענד, גלייכגילטיג, ווי פער־גליווערטע סטאַטוען: הויכע, אויסגעצויגענע. איבער די סקעלעטען־ביינער אריבערגעצויגען דאָס משוגענע העמד פון די „סאַמביניעטא“,

מיט נאַקעטע, פערבלוטיגטע פיס און ווילדע האָר און קאַלטע אויס-געלאָשענע אויגען — אַזוי זיינען זיי געגאַנגען מיט די אַנגעצונדענע ליכט אין די הענד, ווי זיי וואָלטען געגאַנגען מיט גלייכגילטיגקייט אין טויט אַריין.

אַנדערע זיינען געטראָגען געוואָרען פון שוואַרץ-איינגעהילטע דאָ-מיניקאַנער אין טרונעס, וועלכע זיינען געווען אָפען. אין די טרונעס זיינען געזעסען די פערפייניגטע בעלי-תשובות מיט טויט-אויסגע-בלייכטע פּנים'ער און האָבען געהאַלטען אַנגעצונדענע ליכט אין די הענד. אַ שרעק האָבען די לעבעדיג-טויטע אַנגעוואָרפען אויף דעם פעבעל פון רוים. דער פעבעל האָט געקניעט, גע'צלמ'ט זיך און גע-בעטען גאָט, אַז ער זאָל זיי אָפּהיטען, אַז זיי זאָלען ניט געשטרויכעלט ווערען און ניט אַריינפאַלען אין דער זינד פון פּראַקטיצירען אידיש-קייט.

אַ שטאַלץ איז געווען די קירכע אויף דעם מאַרש פון די בעלי-תשובות. דאָס איז געווען דער זיעג פון דער קריסטליכער אמונה, און די טויטען-ליכט אין די הענד פון די בעלי-תשובות האָבען בעלויכטען די גערעכטיגקייט אין דעם אמת פון דער קאַטוילישער קירכע...

און דערנאָך איז געגאַנגען זי, יעפתה.

פאַר איהר האָבען די נאָנעס פון קלויסטער „דאָס היילינגע האַרץ" אַרויסגעטראָגען דאָס בילד פון די „מוטער אין ליעבע" און באַלד הינטער'ן בילד איז מיט מאַיעסטעטישע טריט געטראָטען, אין איהר בלאַהע סאַמעט קלייד מיט באָרוועסע פיס און צולאָזענע האָר, די כישוף-מאַכעריז פון קאַסטיליען. מען האָט ניט געוואוסט, וועלכע עס איז די אמת'ע „מוטער פון ליעבע", צי די אויפ'ן היילינגען בילד, צי די, וואָס געהט הינטער איהר. זיי זיינעןביידע עהנליך געווען ווי צוויי טראָפּענס וואַסער, ווי צוויי זונען-שטראַהלען, נור מיט דעם אונ-טערשיעד, וואָס „די מוטער פון ליעבע" איז אויף דעם היילינגען בילד געווען שוועבענדיג אין דער הויך איבער דעם באַלעם פון דער ערד, און איהר נאַקעטער לויכטענדער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבען צו אַנט-פּלעקען ווי די זון פון די וואָלקענס, פון איהר בלויען סאַמעט-מאַנטעל, וועלכער איז געפאַלען פון איהר — איז די צווייטע „היילינגע מוטער" איז געווען אין גאַנצען פערהילט אין איהר סאַמעט קלייד, בלויז איהרע נאַקעטע פיס האָבען זיך אַרויסגעזעהן. אָבער מיט איהר גאַנג איז זי

נעווען אזוי שוועבענד, ווי יענע אויפ׳ן בילד. דער פּעבעל אָבער האָט פאַר די איינגעהילטע הייליגע מוטער מעהר מורא געהאַט, מעהר געט־ליכען אבשיי געהאַט, ווי פאַר די אויפגעהילטע אויפ׳ן בילד. דער פּעבעל האָט ניט געקענט איבערטראָגען איהר בליק, און מען האָט מורא געהאַט צו קוקען איהר גלייך אין פּנים אריין. איהר פּנים איז יעצט, אין גאַנג צווישען די הייליגע בילדער, געווען מעהר געטליך, מעהר פירכטערליך־הייליג, מעהר הימליש, ווי דאָס געזיכט פון בילד. איהרע אויגען האָבען געקוקט מיט אַזאַ ערבאַרמונג אויף דעם פּע־בעל, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַסען, אויף אַלעם, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי נעהמט אַרום אַלצדינג מיט איהר בליק, דריקט עס צו צו איהר האַרץ און וויינט דעריבער און טראַכט דעריבער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעהט דאָס, וואָס שטעהט הינטער יעדען איינעם, זיין גורל און זיין בעשערטקייט, און זי וויינט איבער איהם און טרויערט איבער איהם... האָבען טהייל פון פאָלק אינסטינקטיוו אַראָבגע־לאָזט זיך אויף די קניע פאַר איהר, איינגעבויגען די פּנימ׳ער צו דער ערד, גע׳צלמ׳ט זיך, אין דער טיעפעניש פון האַרצען געבעטען...

דערנאָך האָט מען געזאָגט, אַז זי האָט יעדען איינעם, וואָס האָט איהר געקוקט אין פּנים אריין, פער׳כישופ׳ט אויפ׳ן לעבען לאַנג, און יענער האָט זי געדענקט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען. זי געזעהן פאַר זיינע אויגען ביי זיינע תפילות, געדיענט צו איהר און געבעטען צו איהר...

אַז דער צוג איז אָנגעקומען אויפ׳ן פּלאַץ „קאַמפּ די פיאַרדא“, איז שוין דער פּאַפּסט און זיין סוויטע, און דער גרויס־אינקוויזיטאָר מיט דעם הייליגען טריבונאַל געווען אויסגעזעצט אין זייערע לאָזשען אונטער די רויטע חופות. און דער פּעבעל, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצען פּלאַץ, איז אַזוי דערשראָקען און שטיל געוואָרען, אַזוי ווי ער וואָלט דערזעהן אַן ערשיינונג פון דער געטליכקייט. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכען האָבען זיך אַרומגעשטעלט מיט די קירכען־בילדער אַרום דעם פּאַפּסט און דעם הייליגען טריבונאַל. נור די נאָנעס פון דעם קלויסטער „דאָס הייליגע האַרץ“, האָבען צוגעפיהרט דאָס בילד פון די „מוטער פון ליעבע“ נאָהענט פאַר׳ן „שטוים“ און האָבען עס אויפ־געהויבען אין דער הויך, אַז דאָס פאָלק זאָל זעהן דאָס געשטאַלט פון

דער, צוליעב וועמען עס ווערט היינט פערברענט א לעבעדיגער מענש. נור דער פּעבעל האַט ניט געוואָלט קוקען אויף דער טויטער כישוף־מאַכערין, נור אויף די לעבעדיגע. דער פּעבעל האַט זיך ערגעצט מיט יעדע בעוועגונג, וואָס די פון איהם אַזוי גוט געקענטע און אַזוי היילִיג פערגעטערטע געשטאַלט מאַכט. דאָס פאָלק האָט עס געזעהן ווי א וואונדער, ווי אן אונערקלעהרבארען כישוף, וואָס דאָס לעבעדיגע בילד, וואָס געהט נאָך דעם טויטען, קען געהן, בעוועגען זיך, און אָטעמען ווי אַלע מענשען.

— זעהט, זעהט, ווי זי טרעט, אַזוי ווי זי וואָלט די ערד ניט אָנגעריהרט מיט איהרע פיס.

— דאָס מאַכט זי מיט כישוף.

— זי וויינט. זעהט די טרערען אין איהרע אויגען.

— ניין, זי שמייכעלט, איהרע אויגען שמייכלען מיט פייכטקייט.

— דאַכט זיך, איהרע ליפּען בעוועגען זיך, אַזוי ווי זי וואָלט רעדען.

— שטענדיג בעוועגען זיך איהרע ליפּען, אויפ'ן בילד, זעהסטו ווי די ליפּען פון די הייליגע מוטער בעוועגען זיך.

— און זעהסטו, ווי די אויגען פון די הייליגע מוטער וויינען, פּונקט אַזוי ווי איהרע אויגען, און דאָך שמייכלען זיי, פון טרעהרען ארויס שמייכלען זיי, פּונקט אַזוי ווי איהרע אויגען.

— קוקט ניט אין איהר פּנים אריין, איהר וועט פער'כישופ'ט ווערען! — האָט א פרוי אריינגערעדט אין די גרופּע.

— עס איז אַזוי גוט צו קוקען אין איהר פּנים, און דאָס לייב זאָלען די פלאַמען פערצעהרען? עס איז א רחמנות.

— דער רוקען, דאָס פּנים, די לאָקען — דאָס אַלעס זאָל פערברענט ווערען!

— איהר זיינט פער'כישופ'ט! זי האָט אייך פער'כישופ'ט, ווייל איהר האָט צו לאַנג געקוקט אין איהר פּנים אריין.

— זי וועט אַלעמען פער'כישופ'ען, אפילו די פלאַמען פייער וועט זי פער'כישופ'ען.

— און אפשר איז זי טאַקע א הימלישעס וועזען? אפשר טאַקע אַן איבערערדישעס געשטאַלט?

— דאס װעלען די פלאמען איבערצייגען: איז זי א הימלישעם װעזען, װעלען די פלאמען איבער איהר קיין שליטה ניט האבען.

אז יעפתה איז ארויפגעגאנגען אויף דעם שטוים פון די ספרים, און איז געבליעבען שטעהן אין דער הויך אויף דער פיראמידע, האט זיך איהר קאפ פערװארפען צום הימעל, איז איהר געשטאלט נאך מעהר עהנליכער געװארען צו דעם געשטאלט פון הייליגען בילד. עס האט זיך געדאכט, אז זי זעהט גארנישט װאס עס טוט זיך ארום איהר, און עס געהט איהר אויך נישט אן. איהר קאפ פערװארפען אין דער הויך, האט זיך געדאכט, אז אין אן אויגענבליק הויבט זי אויף איהרע הענד, זי פערשפרייט זיי און זי פליהט ארויף אין דער הויך, און איהר בלאהע סאמעט קלייד פאלט פון איהר לייב אראב אויפ'ן שטוים־פייער — פונקט אזוי װי אויפ'ן בילד. דאס פעבעל האט זיך דער־שראקען פאר איהר. עס איז שטיל געװארען, װי אין דער קירכע ביים געבעט. דא און דארט האבען טיילען פון פעבעל אויסגעשטרעקט זייערע הענד נישט צום הייליגען בילד, װאס די נאנעס פון קלויסטער האבען געהאלטען פאר איהר, נור צו דער אמת'ער, צו דער לעבעדיגער, צו דער עטעמדיגער און צו דער בעװעגליכער „היי־ליגער מוטער". װאס שטעהט אויפ'ן שטוים פון די הייליגע ספרים, איהר קאפ פערװארפען אין דער הויך צום הימעל און מיט איהר רחמנות'דיגען בליק נעהמט זי ארום די גאנצע װעלט אין איהר צער. און עס האט זיך געדאכט, אז נאך אין אן אויגענבליק, און דער צור־רייצטער פעבעל װעט זיך אריינרייסען און אבראטעװען די „הייליגע מוטער" פון די פלאם פייערען...

און װען דער פעבעל האט זיך שוין געהאט בערוהיגט און עס איז שטיל געװארען, אז מען האט געקאנט הערען דאס שװערע אטעמען פון די מאסען, װי א דורשטיגע חיה װאלט געאטעמט, האט זיך דער גרויס־אינקװיזיטאר אויפגעהויבען פון זיין לאזשע און איז איבערגע־גאנגען צו דעם טראהן פון פאפסט, געשטעלט זיך אויף די שװעל פון טראהן און פון פראטאקאל געלעזען די בעשולדיגונג און דעם פסק־דין פון דעם הייליגען אינקװיזיטארישען טריבונאל געגען די כשוף־מאכע־רין פון קאסטיליען, װי מען האט זי שוין איבעראל גערופען:

— שטערבליכער מענש! — האט דער קארדינאל אויסגערופען מיט א הויכער באסאװער שטימע צו יעפתה — — — דער הייליגער

טריבונאַל בעשולדיגט דיך, אַז דו האָסט מיט דער מאַכט פון כשוף, וואָס דו האָסט גענומען פון די אומריינע אידישע ספרים, וועלכע ווע־רען פערברענט היינט מיט דיר פאַר די גלאָריע פון גאָט און זיין קירכע, אַראָבגעשוואָרען דאָס געזיכט פון אונזער געבענשטער פר״י. די הייליגע מוטער, ווי זי ענטפּלעקט זיך אויפ׳ן בילד „די מו־טער פון ליעבע“, וואָס געפינט זיך אין קלויסטער פון די ריינע נאָנען, „דאָס הייליגע האַרץ“. דער הייליגער טריבונאַל בעשולדיגט דיך, אַז דו האָסט דיר דאָס געזיכט אַנגעטאָן אויף דיין אומריינעם פּנים, כדי צו פערפיהרען דאָס גלויביגע קריסטען־פאָלק, און דו ביזט צוויי מאָל ערשינען אין דעם געזיכט פון גאָט׳ס מוטער: אין דעם טאָג פון פער־פלייצונג אין דער אידישער געטאָ און אין דעם טאָג פון קאַרנאַוואַל, כדי צו ראַטעווען דיינע אונגלויביגע ברידער פון דעם מיט רעכט אויפ־גערעגטען גלויביגען פאָלק. און אויך איצט, אין די לעצטע מינוטען פון דיין אונגלויביגען לעבען, פערשטעלסטו זיך מיט דעם געזיכט פון דער הייליגער מוטער, כדי דו זאָלסט אַנוואַרפען אויף דעם גלויביגען קריסטען־פאָלק אַ שרעק און ניט לאָזען אויספיהרען דעם פערדיענטען משפט. דער הויכער טריבונאַל האָט דאַרום פער׳משפט דיך צו פער־ברענען, כדי דו זאָלסט דורך פייער בעווייזען דיין אונשולד. ביזטו אַן איבער־ערדישעס וועזען, וועט דיין קראַפט און פעריאַג די פלאַמען פייערען פון דיר, אַזוי ווי עס האָבען געטאָן די קירכליכע הייליגע פאַר דיר.

דער קאַרדינאַל האָט אויפגעהערט צו לעזען. דער פּעבעל האָט שטילגעשוויגען און געקוקט מיט אַנגסט אויף יעפתה, וועלכע איז גע־שטאַנען ווי שוועבענד איבער דעם שטוים ספרים און האָט גאָר נישט געזעהן וואָס אַרום איהר טוט זיך. איהר שיין האָט זיך געפונען דאָ, אָבער זי אַליין שוועבט ערגעץ אַנדערשוואו — ווייט, ווייט פון דאַנען.

די נאָנען פון קלויסטער „דאָס הייליגע האַרץ“ האָבען יעצט נעהענטער צוגעטראָגען צו איהר דאָס הייליגע בילד, אויפגעהויבען עס איבער איהר, און געוויזען דאָס פאָלק איהר בילד.

דער קאַרדינאַל מיכעל גראַסליערי, דער גרויס־אינקוויזיטאָר, האָט יעצט אָנגעהויבען צו בעטען זיך ביי איהר מיט אַ וויינענדיגען קול:

— אַ, זינדיגע, גיב צוריק אונזער געבענשטע פרוי, די הייליגע מוטער (ער האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן הייליגען בילד, וואָס די נאָנעס

האָבען געהאַלטען פאַר איהר) איהר געזיכט, וואָס דו האָסט גע׳גנב׳עט מיט דיין כשוף און דו טראָגסט עס אויף דיין אונריינעם פּנים. אַ. זינדיגע, מאַטער ניט די הייליגע פרוי. זעה ווי זי ליידט, ווי פון איהרע אויגען גיסען זיך טרעהרען (ער ווייזט אויפ׳ן הייליגען בילד, וואָס די נאָנעם האָבען געהאַלטען). איבער דעם, וואָס דו האָסט איהר הייליג געזיכט גע׳גנב׳עט און דו טראָגסט עס צו פערפיהרען מענשען אין דעם נעץ פון דיין זינד. מאַטער נישט די געבענשטע פרוי, טו אוים איהר הייליג געזיכט פון דיין פּנים און לאָז עס אַרויספליהען ווי אַ מלאַך׳ל, ווי אַ וואָלקענדעל, אין הימעל אַריין, צו איהר געליעבטען זוהן, יעזוס קריסטוס. לאָז עס ניט פערברענט ווערען מיט דיין אונריינעם קערפּער. האָב רחמנות, און שענק צוריק דאָס געזיכט די הייליגע מוטער.

די נאָנעם האָבען זיך געווישט די טרעהרען פון די אויגען מיט זייערע שוואַרצע אַרבעל, און האָבען מיט זייערע געהאַפּטענע טיכלעך אויסגעווישט „די טרעהרען“ פון געזיכט פון דער הייליגער מוטער אויפ׳ן בילד, און דער פּעבעל אַרום איז אַזוי גערירט געוואָרען דערפון, אַז זיי האָבען זיך געוואָלט וואַרפען צום שטוים צו די כשוף־מאַכערין, און מיט געוואַלד איהר „אויסטון“ איהר געזיכט און צוריקגעבען דעם בילד. אַנדערע האָבען מיט גרוים נייגיעריגקייט און האַרץ־קלאַפּונג געקוקט אויף די כשוף־מאַכערין, און האָבען געוואַרט, אַז זי זאָל געריהרט ווערען פון דעם גרוים־אינקוויזיטאָר׳ס בעטענדע רייד און זי וועט „אויסטון“ דאָס געזיכט פון דער הייליגער מוטער און דאָס „געזיכט“ וועט פליהען אין הימעל אַריין, און עס וועט זיך בעווייזען דאָס אמת׳ע געזיכט פון די כשוף־מאַכערין, מיט הערנער, מיט אַן אויג אין שטערן. אָבער די כשוף־מאַכערין איז אַלץ געבליעבען שטעהן אויפ׳ן שייטערהויפען, אַזוי ווי פריהער, ווי שוועבענדיג איבער די הייליגע ספרים, וועלכע זיינען געווען אַרום איהר. אַרויפגעוואָרפען דעם קאָפּ מיט שטאָלץ אין דער הויך, האָט יעפתה, ווי דער מנהג איז געווען ביי די אידישע מאַרטירער, פערמאַכט די אויגען, כדי זי זאָל פאַר איהר הייליגען טויט ניט קוקען די רשעים אין פּנים אַריין, וואָס דאָס איז פערוועהרט געווען לויט׳ן אידישען דין, אַזוי ווי דאָס האָבען געטאָן די אַלע, וואָס זיינען געגאַנגען פאַר איהר און נאָך איהר אויף קדוש השם.

מיט ציטערענדע הערצער האָט דער פּעבעל געוואַרט צו זעהן וואָס עס וועט זיין. און זיי האָבען געזעהן, ווי דער פּאַפּסט האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין טראָהן, אַראָבגעניעדערט, אַנגעלעהנט אויף די אָרעמס פון די קאַרדינאַלען איבער די טרעפּלעך פון טראָהן. און צוויי שוואַרץ-בעדעקטע מאַנאַכען האָבען איהם אונטערגעטראָגען צוויי שוואַרצע ברענענדיגע פאַקלען.

דער פּאַפּסט האָט די פאַקלען גענומען אין ביידע הענד. אַנגע-לעהנט אויף די קאַרדינאַלען איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּיראַמידע פון די ספרים. און ווען ער האָט אַנגעצונדען דעם שטוים, אויף וועלכען יעפּתה איז געשטאַנען, האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון פּעבעל:

— דער שטוים ברענט!

דערשראָקען, בלייך, מיט ציטערענדיגע נאָזלעכער און קלאַפּענדיגע הערצער, איז דער גרויסער ים קעפּ פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין לעבעדיגעם וועזען און צוגעקוקט זיך מיט שרעק, וואָס דאָ וועט גע-שעהן.

לאַנגזאַם האָט זיך געטליעט דאָס פייער און ניט געוואָלט זיך אַנכאַפּען, כאָטש דער שטוים איז געווען בעשמירט מיט סמאָלע און זשעגעכץ. און ווען, ענדליך, עס האָבען זיך אַנגעכאַפּט די פּאַפּירענע ספרים, האָט זיך דער פאַרמעט פון די געשריעבענע ספרים און די אייזען בענדער פון די ערשטע געדרוקטע ספרים געטליעט און ניט געוואָלט זיך אַנכאַפּען. ענדליך, ווען דאָס פייער האָט שוין געהאַט איבערוועלטיגט דאָס ברען-מאַטעריאַל און געוואָרפען זיך דערויף מיט אַן אויסגעשריי און אַ קנאַל, ווי אַ הונגעריגע חיה אויף רויב און האָט מיט חוצפּה אַנגעהויבען אַרויסשטרעקען זיינע נאַקעטע פייער-צונגען אין דער הויך צום מענשען, וואָס איז געשטאַנען אויף'ן שטוים, צום שרעק און פערצווייפלונג פון פּעבעל, האָט עפּעס אַן אונגעריכטער ווינד געבלאָזען און אַוועקגעיאָגט די פלאַמען פון דעם לעבעדיגען מענשען. אַ מינוט האָט זיך געדאַכט, אַז אַ געהיימע האַנד האַלט צוריק די פלאַ-מען פייער ביי זיינע ברענענדיגע הינטישע קודלעס, ווי אַ ווילדען הונד צוריק, און יאָגט אָב זיינע ברענענדיגע הינטישע לאַפּעס פון דעם לע-בעדיגען וועזען. דער פּעבעל, וואָס האָט עס צוגעזעהן מיט קלאַפּענדע הערצער און דערשראָקענע אויגען, האָט אויפגעציטערט. בלייך זיי-נען געוואָרען די נאָנעס, דערשראָקען די קאַרדינאַלען. דאָ און דאָרט

האט זיך שוין געהערט אויסגעשרייען פון פעבעל: „א נס! א נס!"

אבער פלוצלונג האט דאס פייער געגעבען א קנאק, ווי אן אויס־געשריי פון זיך, דאס פייער האט בעקעמפפט די געהיימע האנד, וואס האט געיאגט זיינע פלאמען פון לעבעדיגען מענשען און דער פייערדי־גער הונד האט זיך בעפרייט. צוערשט האט ער געגעבען א שטרעק אוים א צונג און מיט תאוה געגעבען א לעק די נאקעטע פיס פון דעם לעבעדיגען מענשען, און פאר גליק אויסגעשריען מיט א קנאק. און מיט אמאל האט זיך דער פייער געגעבען א ווארף אויפ'ן מיידעל. מיט א געשריי האט דער פייער אויפגעגעסען איהר סאמעט קלייד, א לעק מיט די צונג און דאס קלייד האט זיך אויפגעריסען און אראבגעפאלען פון איהר לייב. און עס האט זיך ענטפלעקט איהר קלאהר, שיינענדיג לייב.

דאס פייער האט זיך אויף אן אויגענבליק אבגעשטעלט, ווי עס וואלט געוואלט בעטראכטען דעם שיינענדיגען יונגען מיידעל־לייב, וואס ער געהט עסען. און צוזאמען מיט דעם פייער האט דער אויפ־גערעגטער פעבעל געגעבען א געשריי אוים פאר דעם מיידעלשען נא־קעטען געשטאלט. און אן אויגענבליק האט מען געזעהן ווי דאס לע־בעדיגע וועזען איז פייער כאפט אונטער מיט דער האנד דאס ברע־נענדיגע קלייד און פערדעקט מיט דעם פלאמענדען קלייד איהר נא־קעט לייב. און דאמאלס האט זיך פון פייער ארויסגעהערט יעפתה'ס איין איינציג ווארט, וואס זי האט אויסגעשריען מיט א הויך קול:

— שמע ישראל, ה' אלוהינו, ה' אחד!

נאך איהר האט זיך געהערט אן עכא פון פעבעל ארוים. אימי־צער פון מיטען פון פאלק ארוים האט איהר אפגעענטפערט:

— שמע ישראל, ה' אלוהינו, ה' אחד!

אבער דער פעבעל האט דאס אלעס ניט געהערט. ער איז פער־כאפט געווארען פון דעם בילד, וואס ער האט געזעהן, צוקוקענדיג זיך מיט שטראהלענדע אויגען און אויסגעשטרעקטע צונגען.

דאס פייער האט זיך געשפיעלט מיט זיין קרבן, ווי עס וואלט איהם א שאד געווען אויפצועסען מיט אמאל דאס יונגע לייב פון דעם מיידעל, האט ער זיך געפרעהט מיט יעדען טייל פון איהר, צוערשט זי בעלעקט מיט זיינע נאסע צונגען. דערנאך האט ער אנגעצונדען איהרע

האר. דער ווינד האט אויפגעכאפט די פלאמענדע האר, און א מינוט האט עס אויסגעזעהען, ווי א פייערדיגע זון צוגיסט זיך ארום איהר קאפ. איהר נאקעטער קערפער איז געווען רויט בעגאסען מיט פייער און א זון האט געברענט איבער איהר קאפ. זי האט אויסגעזעהן, ווי א פאנטאסטיש געשטאלט, וואס איז אראבגעפאלען פון הימעל. נור ווען מיט אמאל האבען שטראמען בלוט פון איהרע געפלאצטע אדער־רען, פון איהרע געשפאלטענע בריסטען געגאסען זיך אין פייער, ווי זאפט פון א יונגע פרוכט, איז דאס פאלק ווילד געווארען. דאס אויפ־פלאמענדע בלוט אין פייער האט אונטערגעצונדען זייערע חושים, אנ־גע׳שיכור׳ט זייער בלוט מיט תאוה, און מיט אויסגעשטרעקטע צינגער האבען זיי אנגעהויבען צו שטופען איינער דעם אנדערען נעהענטער צום שטוים פייער צו. און ווען דאס פייער האט פאר לוסט און געגום געקנאקט, האבען זיי מיטגעשריען פאר פרייד און פערציקונג. זיי האבען מיט אמאל דאס פייער מקנא געווען זיין יום־טוב און אויך גע־וואלט זיין אויף דער חתונה. האבען זיי זיך געלאזט צום שטוים צו און אנגעהויבען צו כאפען אוים דעם פייער ארוים שטיקער טליענ־דיגעם קלייד, פלאמענדיגע האר, שטיקער פערבלוטיגטע, ברענענדיגע מענשליכע קערפער־טיילען. עס האט ניט געהאלפען דאס קלאפען מיט די קאנטשיקעס, מיט שפיצרוטען, אפילו מיט די נאקעטע האק־מע־סערס פון די אינקוויזיציאנס־מאנאכען איבער די קעפ פון פעבעל — דער פעבעל פון רוים איז שיכור געווארען פון בלוט און פון פייער.

בחנם האבען די נאנעס פון קלויסטער אויפגעהויבען וואס אמאל העכער דאס בילד פון יעפתה איבער די קעפ פון דעם פעבעל און אנ־געהויבען צו זינגען צום בילד לויב־ליעדער און דאנק־ליעדער און גע־ווארפען זיך אויף די קניע. דער פעבעל האט געדיענט צו אן אנדער גאט, און ניט געוואלט די טויטע געטער אויף די בילדער. עס איז צוריק איפגעשטאנען דער אלטער גאט מולך. און דער פעבעל פון רוים האט געדינט צו איהם — מיטגעטאנצט און מיטגעפרעהט זיך מיט איהם איבער זיין קרבן. אין איינעם מיט די פייער־מיילער האט עס געטרונקען דאס בלוט פון דער לעבעדיגער יעפתה, צוזאמען מיט די פייער־צונגען געקנאקט די יונגע מיידעלשע ביינער און ארויסגע־יאכטצט און ארויסגעשריען פאר פרייד צוזאמען מיט די פייער־קנאלען איבער יעדען טראפען בלוט און פלייש פון דער לעבעדיגער יונגער

מיידעל, וואס ווערט פערצעהרט אין די פלאמען פייער...

איינזאם זיינען אלץ געשטאנען די נאנעס פון קלויסטער „דאס הייליגע הארץ“ מיט דעם בילד פון יעפתה און געקניעט פאר איהר און געזונגען צו איהר די ליעדער, בשעת די פלאמען האבען אויפגעצעהרט די לעצטע רעשטען פון דער הייליגער יעפתה.

פלוצלונג האט זיך א צואווילדעטער יונגער־מאן, מיט א בלייך גע־זיכט, איינגעהילט אין א שווארצער הילע, דורכגעריסען דורך דעם צווישעטען עולם צו די נאנעס מיט דעם הייליגען בילד, און האט א דאלך, וואס ער האט ארויסגעצויגען פון זיין שווארצער הילע, אריינ־געשטאכען אין דעם הייליגען בילד׳ס הארץ אריין.

א טויט־אויסגעשריי האט זיך דערהערט פון די נאנעס, פון די גלחים, פון די מאנאכען. א מינוט איז אלעס שטיל געווארען, געוואר־פען זיך אויף דער ערד פאר׳ן געשטאכענעם בילד, און דער צורייצ־טער עולם האט מיט שרעק זיך אומגעקוקט. דער בלייכער יונגער מאן האט נאך געהאלטען דעם דאלך אויסגעשטרעקט אין זיין האנד און געשריען הויך מיט אן אונמענשליכער שטימע:

— פאלק פון רוים! איך האב זי געמאהלען אין אונריינקייט. גע־שאפען מיט זינדיגע פערלאנגען. זי איז די אונריינע (ער ווייזט מיט׳ן דאלך אויף׳ן הייליגען בילד) — די הייליגע ווערט פערברענט דארט אין פייער!

---

צעהנדליגע עדות פון דעם פעבעל, וואס זיינען געווען פערזא־מעלט אויף׳ן פלאץ „קאמפ די פיארא“ האבען אונטער א שבועה עדות געזאגט, אז זיי האבען עס אליין געזעהן, און די קירכען־שרייבער הא־בען עס פערשריעבען אין די קירכען־כראניקעס פאר די שפעטערדיגע דורות, אז ווען דער משוגע־געווארענער מאהלער פאסטילא האט זיין דאלך אריינגעשטאכען אין דעם הייליגען בילד „די מוטער פון ליעבע“, האט א שטראם בלוט ארויסגעשפריצט פון דעם הייליגען בילד.

די נאנעם פון קלויסטער „דאס הייליגע הארץ“ ווייזען נאך אז ביז'ן היינטיגען טאג אויף די צוויי טראפּען בלוט, וואס זיינען פער־גליווערט געווארען אויף דער ברוסט פון דעם הייליגען בילד, „די מוטער פון ליעבע“, וואס געפינט זיך מיט זיי אין קלויסטער, און ווערט נאך ביי היינטיגען טאג בעטראכט אלס די בעשיצערין פון פערליאבטע.

ע נ ד ע.

# קדוש השם

„מיר שעהמען זיך אַלעס אַרויסצושרייבען וואָס די קאָזאַקען און טאַטאַרען האָבען געטהאָן מיט די אידען, כדי מיר זאָלען נ׳ט פאַרשעהמען דעם מין מענש, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין גאָט׳ס גע־שטאַלט“. — (פון אַן אַלט ספר).

# ערשטע טהייל

## קאפיטעל 1.

# „העט, ווייט אַרויס אין סטעפּ!"

געזעהן האָט מען גאָר נישט. אַלעס איז געווען איינגענומען אין אַ וואָלקען רויך וואָס האָט געזעצט פון ערשט אונטערגעהייצטען פּיעקעליק, גלייך אין שטוב אריין. פון רויך האָט זיך געהערט אַ איינגעלייש קוויטשעדיג קול'כעל, וועלכעס האָט זיך אונטערגעאַיילט נאָך אַן אונגעדולדיגע מעגליכע שטימע:

— ויאמר — און ער האָט געזאָגט. ה' — גאָט, אל משה — צו משה'ן, לאמור — אַזוי צו זאָגען.

ווען די קנוילען רויך האָבען אָנגעהויבען שיטערער צו ווערען, האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטפּלעקען ווי דורך אַ נעבעל צוערשט דער גרויסער, גרויסער פּיעקעליק, וועלכער האָט פאַרנומען אַ האַלבע שטוב, און אויף איהם האָט זיך באַוויזען עפּעס גרויסעס, אומגעלומפּער־טעס און דונקעלעס. ווי איין שטיק פּיעקעליק וואָלט זיך אָפּגעריסען פון אַנדערען און האָט זיך אָנגעהויבען צו באַוועגען. עפּעס האָט אָנגעהויבען צו יערען און אויסוואַקסען אין אַ געשטאַלט פון אַ מענש מיט אַ גרויס־גרויס בויך און אַ לאַנגער רויטער באָרד און באַלד איז אויך פון רויך אַנטפּלעקט געוואָרען אַ לאַנגער און ברייטער קרעטש־מע טיש, איבער וועלכען עס איז געשטאַנען אָנגעשטעלט פאַרשיע־דענע פּעסעלעך און באַשקעס קליינע און גרויסע מיט בראַנפּען, שטויסען מיט שניט־סחורה, טראַטלעך ליכט האָבען פון אַ פּאָליצע אַראָפּגעהאַנגען — און הינטער דעם קרעטשמע טיש איז געזעסען אַ איד מיט געקרייזעלטע פּאות אין אַ פאַרפעדערט קאַפּעל, איינגע־

הילט אין עפּעס אַזאַ ווייבערשע ברוינע וואַטיוּוקע, איבער וועלכען עס איז געווען פאַרבונדען מיט אַ שאַל און אַ טוך און געשאָקעלט זיך איבער אַ גרויסען ספר. אויף איינעם פון די פעסלעך בראַנפען אויפ'ן קרעטשמער'ס טיש איז געזעסען אַ אינגעל אַנגעטאַן אין גאַנ־צען אין ווייסען, אַ ווייס כאַלאַטעל, אַ ווייס קאַשקעטעל און איינגע־הילט אין אַ גרויסען טלית־קטן און נאַכגעשאָקעלט זיך נאָכ'ן טאַטען איבער'ן חומש, מיט אַ קוויטשענדיגען קול'בעל:

— ויאמר — און ער האָט געזאָגט, ה' — גאָט, אל משה — צו משה'ן, לאמור — אַזוי צו זאָגען.

נאָר לאַנג האָט מען דעם טאַטען מיט דעם זוהן נישט געלאָזט זיצען ביים חומש. פון פּיעקעליק האָט זיך יעצט באַוואויזען דאָס גרויסע, דאָס טונקעלע, דאָס אומגעלומפּערטע. ערשט יעצט ווען עס איז געווען אָפּגעשיידט פון פּיעקעליק, האָט מען געקענט דערקענען. עס איז געווען אַ הויבער, דיקער בעל־גוף'עדיגער פּאָפּ, ווי אַ שטיק פּיעקעליק וואָלט געצוקט זיך, שאָקלענדיג זיך אויף די פיס. ער האָט זיינע הענד אריינגעשטעקט אין ברייטען רויטען גארטעל; מיט אַ באַוועגונג מיט'ן שטערען אָהנע צו באַנוצען די הענד דערצו, האָט ער אַרויפגעשאַרט זיין הויכען פּוטערנעם שטריימעל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, דער ניעדעריגער קורצער שטערען האָט אַנגסטען געשלאָגען, וואָס האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט אויף זיין באַהאָרטע נאָז און זיינען פאַר־שוואונדען אין דער אונענדליכקייט פון זיין לאַנגער, רויטער באָרד. אַ מינוט האָט ער באַטראַכט דעם אידען. דערנאָך האָט ער אַזוי גע־זאָגט:

— מענדעלו, מענדעלו, האָב רחמנות אויף אַ קריסטליכע נשמה, איין קווערטעל נאָך, נאָר דעם שטן דעם פאַרשאָלטענעם צו פאַר־טרייבען. דעם בייזען גייסט וואָס דאָקוטשעט מיך אָנשכור'ען. איך וועל איהם איינשלעפערען און פאַרטרייבען. האָב רחמנות, מענדעלו!

— אַי, אַי, פּאָטעריל, פּאָטעריל, דעם שטן דעם בייזען וועסטו נישט אָנטרינקען, וועסט איהם נישט פאַרטרייבען. וואָס מעהר דו וועסט זיין טרפה'נעם האַלז נאָכגעבען — אַלץ מעהר וועט ער דיר דאָקוטשען. דו קאָרמע איהם נישט, דו לאָז איהם אויסדאַרען. אַז ער וועט זעהן, דער שטן דער פאַרשאָלטענער, אַז ביי דיר קריגט

ער גאר נישט, אזוי וועט ער דיך פארלאזען, אין סטעפאן וועט ער אריין, אין הידראקען — און דיך וועט ער פארלאזען.

— האסט גוט געזאגט, קלוג גערעדט, דו ביזט א חכם, מענדעל, איך וועל דיך הארכען — זאגט דער הויכער פאפ און געהט צוריק צו זיין פלאץ צו דער הילצערנער באנק ביים פיעקעליק און פרואווט זיך אוועקזעצען רוהיג, אנלעהנענדיג זיין גרויסען קאפ אויף דיביידע פלא־טשיגע הענד און מיט זיין לאנגער געדיכטער רויטער בארד, וואס האט זיך איהם נאכגעשלעפט ווי א בעזים, אפגעווישט זיך די אנגסטען פון פנים.

„ויאמר — און ער האט געזאגט, משה — משה, אל בני ישראל — צו די אידען, לאמור — אזוי צו זאגען" — האט דער איד ווייטער זיך גענומען צום לערנען מיט'ן אינגעל.

דער פאפ האט אויפגעכאפט דאס ווארט משה, און קענטענדיג זיין לאנגע רויטע בארד מיט דער האנד, האט ער זיך געשפיעלט מיט'ן ווארט „משה":

— משה, מוסיעע, מוסיע — מיר קענען איהם, מיר וויסען פון איהם. אין די הייליגע ביכער געלעזען וועגען איהם. גאט האט ער געזעהן, מיט גאט האט ער גערעדט, אויפ'ן בארג סיני איז ער אויפגעשטיגען, מיר וויסען פון איהם . א שעפעריל איז ער געווען צו זיין סטאדע א גוטער, נישט אזוי ווי דו, סטעפאן קוואטקאוו, — זידעלט ער זיך אליין. וואס א שטן האט זיך באזעצט אין דיין פעטען בויך און דאקוטשעט דיך. אך, דו פארשאלטענער, דו הונדען־זוהן, דו וועסט דיך ניט איינשטילען — איך וועל דיך דורכשלאגען — און אט האסטו. — און דער הויכער פאפ האט זיך אנגעהויבען צו שלאגען מיט ביידע הענד אין דעם גרויסען דיקען בויך אריין, וויפיעל כוח ער האט נאר געהאט.

— פאטער'ל! פאטער'ל! וואס טהוסטו? וואס איז מיט דיר? — האט זיך דער איד דערשראקען אנגערופען, און זיינע פאות האבען זיך אנגעהויבען צו טרייסלען פאר שרעק.

— ער וויל זיך נישט איינשטילען, דער הונדען־זוהן, — ווייזט ער אויפ'ן בויך — אזוי וועל איך איהם אדורכשלאגען.

— נישט צופיעל, פאמעליך, פאמעליך — האט זיך דער איד געבעטען און ווייטער זיך גענומען לערנען מיט זיין אינגעל.

באַלד אָבער איז דער גרויסער פּאָפּ נאָך אַ מאָל צוגעקומען פאַר׳ן טיש פון קרעטשמע, און אַ פאַרשעהמטער געזאָגט צום אידען:

— אַדורכגעשלאָגען איהם און בארוהיגען וויל ער זיך אַלץ נישט, דער הונדען־זוהן. ווייסטו וואָס, מענדעל, איך וועל זיך מיט איהם באַגעהן, ווי אַ גוטער קריסט. ער דאָקוטשעט מיך און איך וועל איהם דערפאַר בראַנדוויין געבען צו טרינקען, מיט קריסטען־ליעבע וועל איך איהם בעהאַנדלען, אָט וואָס איך וועל איהם אָפּטהאָן. ער וועט זיך דערשרעקען און אַנטלויפען. וואָרום דאָרט וואו דער שטן דערשמעקט קריסטוס׳ען, דאָרט וויכט ער. ראַטעווע אַ נשמה, טייע־רער, העלף אויספיהרען אַ קריסטליכע זאַך. צו פאַרטרייבען דעם שטן פון אַ זינדיגען בויך, העלף, מענדעלו.

געגען אזא טענה האָט דער איד אי ניט געקענט און אי מורא געהאַט זיך אַנטקעגען צו שטעלען. האָט ער ביטער אָפּגעקרעכצט איבער דעם גוט־אידישען גראָשען, וואָס ער האָט פאַרלאָרען ביי דעם האַנדעל צווישען דעם שטן און דער קריסטליכער ליעבע, אין וועל־כען דער איד איז געגען זיין ווילען געוואָרען אריינגעשלעפּט. ער האָט אַנגעגאָסען דעם שעפּעריל אַ גרויסע קוואָרט אָקעוויט און מיט נאָך מעהר אימפּעט גענומען זיך שאָקלען איבער׳ן חומש, וואָס איז געלעגען פאַר איהם פאַרשפּרייט איבער׳ן ארבע כנפות. און דאָס פּאַטעריל האָט זיך גענומען צו דער הייליגער ארבייט, צו פאַרטרייבען דעם שטן פון זיין גרויסען בויך מיט דער הילף פון קריסטליכער ליעבע און אידישען אָקעוויט.

---

די סצענע איז פאָרגעקומען צווישען דעם שעפּעריל פון דער אָרטאָדאָקסישער סטאַדע, פּאַטעריל סטעפּאַן, און דעם אידישען קרעטשמער מענדעל אין אַ ווינטערדיגען באַשנייטען נאָכמיטאָג אין דער קרעטשמע פון זלאַטשאוו. זלאָטשאָוו איז געלעגען עט ווייט ארויף אין פּאָדאָליער סטעפּ, ניט ווייט פון די „גרינע לאָנקע" און האָט באַלאַנגט צו דעם חראַנזע פון טשערנין קאָניץ־פּאָלסקי. מענדעל איז געווען דער איינציגער איד, וואָס האָט געוואָגט צו האַלטען די קרעטש־מע און די אָרטאָדאָקסישע צערקווע אין דער ארענדא אַזוי ווייט ארויס אין דער סטעפּ נאָהענט צו די זאַפּאָראָזשצעס. מענדעל האָט אפילו געפּרוּווט צו פאַרפיהרען האַנדעל מיט די זאַפּאָראָזשצעס, און

פלעגט אָפט פארפאָהרען אין סעטש אויף דעם אָדער אויף יענעם זייט דניעפּער, וואו די פרייע קאָזאקען פלעגען זיך צונויפרייטען אויף באַראטונגען פאר מלחמות מיט'ן טערק און אויף אויסצוקלייבען העטמאַנעם. מענדעל פלעגט פיהרען צו די קאָזאַקען יוכטאָווע לעדער, וואָס ער האָט אראָפּגעבראַכט פון די אידישע גארבארזשעם פון וואָהלין, אויסגענייהטע שעפסען־פעלכלעך, פלאַקסענע טיכער, פויערשע קאָלירטע וואָל, רויטע געשטעלטען בראנדוויין און אידישע האָניג־קיכלעך, וואָס מענדעל'ס ווייב האָט אזוי באַ'טעמ'ט געבאַקען און זיי האָבען אזוי פארשמעקט די קאָזאקען. טייל מאָל פלעגט ער צוריק א היים קומען פון סעטש מיט א האלב אויסגעפליקטער באָרד, מיט אַן אויסגעפליקטער פאה, אָבער שטענדיג מיט א פולען זעקעל קופּער געלד, פוילישע פייעמס און גילדענס, טערקישע זילבערנע שטיקלעך, אָדער ברענגען צוריק פאר זיין סחורה טערקישע ביקסען און שווערדען, וועמעס הענטלעך זיינען געווען געשניטען פון עלפען־ביין און אויסגעזעצט מיט מזרח־שטיינדלעך, טאָטערישע דיוואַנען, קאָזאַצקע פילסענע מאַנטלען. און מענדעל האָט פארפיהרט די קאָזאַצקישע און טאָטערישע סחורות אויף די מערק פון טשיהרין, פון לובנא, וואו עס האָט געוואָהנט דער פירשט ווישניוויעצקי, דער קניאזש פון רוס, וועלכער איז געווען אַן אוהב ישראל, און אין זיין שטאָדט האָבען די אידען געמעגט וואָהנען און פריי האנדלען.

מענדעל האָט גוט געלעבט מיט זיינע שכנים, די קאָזאַצקישע כלאָפּעס. ער האָט געהאַלטען פאר זיי א געוועלבעל אין דער קרעטשמע און ער האָט געהאָט פרנסה בריוח. אָבער עס איז איהם שלעכט געווען, און מענדעל האָט ניט געקענט לעבען אָהן אידען. און אידען האָבען זיך ניט געוואָלט באזעצען אין זלאָטשאָוו, ווייל זלאָטשאָוו איז נאָך געווען אַן אונריין מקום... זי האָט קיין שוהל און קיין בית־עולם ניט געהאָט. וויפיעל מענדעל האָט זיך ניט באַמיהט צו באַקומען א רשות פון פריץ צו בויען א שוהל, האָט גאָר ניט געהאָלפען. דער קסיאָנדז קאָזלאָווסקי פון די יעזואיטען, וואָס איז געזעסען אין טשיהרין מיט דער מיסיע איבערצופיהרען די פויערשע קאָזאקען אין קאַטוילישען גלויבען, האָט באַין אופן נישט צוגעלאָזט די ערלויבניש אויף דער שוהל אין זלאָטשאָוו, כדי דער איד זאָל חלילה די קאָזאקען נישט אָפּרעדען פון קאַטוילישען גלויבען. און כדי צו פארשעהמען דעם

ארטאראקטישען גלויבען אין זייערע אויגען, האט ער געצוואונגען, אז דער קרעטשמער זאל האלטען אין ארענדע זייער צערקווע, און זיי זאלען מוזען אנקומען נאך דעם שליסעל פון זייער צערקווע צום איד אין קרעטשמע...

מענדעל האט זיך געמיהט אויפצוהאלטען זיין אידישקייט אין דער איינזאמער קרעטשמע אין מיטען סטעפּ צווישען די קאזאקען. אויף די ימים טובים איז ער געפאהרען אין טשיהרין, און איינגע־האנדעלט זיך אידישקייט אויף א גאנץ יאהר.

זיין איינציגער אינגעל שלמה, וועלכען מען האט אויסגעבעטען ביי גאט נאך זעקס יאהר ווי יוכבד מענדעל׳ס ווייב האט קיין קינדער ניט געהאט און מען האלט איהם ביז היינט פאר סגולה וועגען אין וויי־סען אנגעטאן, איז שוין אויסגעוואקסען, געווארען זעקס יאהר, און קיין מלמד וויל נישט ארויסקומען אין קרעטשמע. וויפיעל ער האט געקענט, האט מענדעל אליין געלערענט מיט איהם. אבער א סך האט מענדעל אליין נישט געוואוסט, און אפט מאל מאכט זיך א שאלה, און אליין אין א ספר קען מען נישט ארײנקוקען, און דאס הויז ווערט פאר־גרעבט. דאס ווייב לערענט זיך מידות פון די קאזאצקישע ווייבער און אליין ווייסט מען אויך נישט וואס מען מעג יא און וואס מען טאר ניט. — ער האט שוין לענגסט געוואלט אוועקווארפען די קרעטש־מע און ארײנציהען זיך אין א ישוב. איז אבער א שאד געווען די פרנסה. האט ער ווי ווייט ער האט געקענט מיט שלמה׳ן אליין געלע־רענט, זיצענדיג הינטער דעם טיש פון דער קרעטשמע, צווישען בראנ־פען און שכור׳ע גוים, ווי ער האט איצט געטאן, ווען דאס פאטעריל סטעפּאן האט איהם אונטערגעבראכען מעט דעם שטן, און געלערענט דאס איינציגע, וואס ער האט געקענט, מיט זיין אינגעל: — ויאמר — און ער האט געזאגט, ה׳ — גאט, אל משה — צו משה׳ן... לאמור — אזוי צו זאגען...

נאר זעהט זיך אויס, אז דער שטן האט זיך טאקע דערשראקען פאר דער קריסטליכער ליעבע, מיט וועלכער דאס פאטעריל האט איהם באהאנדעלט. אז פאטעריל סטעפּאן האט זיך גוט אנגע׳שכור׳ט, האט ער אנגעהויבען צו רעדען ווי א ניכטערער מענש; ער האט זיך פּלוצים אנגעהויבען צו קלאפּען מיט׳ן פויסט אין הארץ אריין און זיך אליין געזידעלט:

— דו ביזט א זינדיגער מענש, פּאַטעריל סטעפּאַן. גאָט האָט דיר איבערגעגעבן אַ סטאַדע שעפעלעך צו פּאַשען, דעם שעפּער־שטעקען דיר אין האַנד פּאַרטרויט: גיב זיי פּאַשע, ווען זיי זיינען הונגעריג, און טרינק זיי אָן, ווען זיי זיינען דורשטיג. און דו האָסט עס נישט געטאָן. האָסט זיי קיין פּאַשע נישט געגעבן, ווען זיי זיינען הונגעריג געווען, און נישט אָנגעטרונקען, ווען זיי זיינען געווען דורשטיג. נאָר דו האָסט דיין נשמה פאַרקויפט צו דעם אידען פאַר אַ קוואָרט בראָנפען. ער זיצט און מאָדלעט זיך צו זיין גאָט, און דו, פּאַטעריל, שכור'סט. דאָס הייסט, דו אידעל, האָסט אַזוי געמאַכט. איך וויים עס. מיך האָסטו אָנגע'שכור'ט און אַליין בעטסטו צו גאָט.

— פּאַטעריל מיינער, וואָס רעדסטו? וואָס פּלוידערסטו? געה אין צערקווע אַריין, פּאַטעריל. נאָ, אָט דאָ האָסטו דעם שליסעל פון צערקווע. מאָדלע דיך צו דיין גאָט — וויפיעל דו ווילסט — איך לאָז דיך נישט? פאַרקעהרט, אדרבא, אַ איד האָט ליעב צו זעהן, ווי „גוים" „מאָדליען" זיך. זעהר ליעב צו זעהן. נאָ, דאָ האָסטו דעם שליסעל און געה אין צערקווע אַריין.

— און די שליסלען פון דער הייליגער צערקווע האָבען זיי דעם אידען איבערגעגעבן. די צערקווע האָבען זיי באַליידיגט. די אמונה באַליידיגט, און דו, שעפּעריל, זיצסט און טרינקסט. אָה, עס וועלען קומען צו רייטען די ברידערלעך פון סטעפּ, אָ, זיי וועלען קומען, די אינגלעך, אויף זייערע לייכטע פערדלעך, פון איבער'ן דניעפּער וועלען זיי קומען און פאַר גאָט'ס עולה וועלען זיי זיך נוקם זיין. דאָס פאָלק באַפרייען פון די פּאַנעס, די צערקוועס פון די זשידעס און פאַר גאָט'ס עולה נקמה נעהמען.

— אוי, וואָס הער איך? ש־ש־שוויינ — איז דער איד אַפיר־געלאָפען פון הינטער'ן קרעטשמע־טיש און מיט דער האַנד פאַרשטעלט דאָס מויל פון הויכען פּאָפּ. ש־ש... שווייג, די ווענד וועלען עס דערהערען, דער ווינד וועט עס דעם פּאַן דערצעהלען, דיין לייב וועלען זיי שינדען לעבעדיגערהייט — ש־ש־ש... שווייג, שווייג... — האָט זיך דער איד אומגעקוקט מיט שרעק, און זיינע פאות האָבען זיך געטרייסעלט, אויב קיינער הערט ניט דעם פּאָפּ'ס ווערטער. — ש־ש־ש... איך וועל דיר צו טרינקען געבען, נאָ, נאָ, טרינק. אוי, טאַטע, איך האָב שוין קיין כוח נישט. ביי מיר אין קרעטשמע האָט ער באַדאַרפט

אַנהויבען! פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אזוי? א צווייטע קווערטעל בחנם, אוי, אויסקרענקען זאָל ער עס נאַ, טרינק און שווייג.

אַנצושרעקען דעם אידען מיט די ברידערלעך פון סטעפּ איז געווען דער בעסטער מיטעל ארויסצוקריגען פון קרעטשמער אַקעוויט נאָך דעם מיטעל מיט'ן שטן און קריסטליכע ליעבע. דער פּאָפּ, אז האָט ער געקראָגען דאָס קווערטעל אין האנד אריין נאָך מיט אַן איבער־געלאָפענער מאָס, וואָס דער איד האָט אין האסט און איילעניש איבער־געגאָסען, האָט ער זיך בארוהיגט, אוועקגעזעצט זיך צוריק אויף די באַנק אויף דעם פּיעקעליק, קנעטענדיג מיט די הענד זיין לאַנגע, רויטע באָרד און געזופּט פון צייט צו צייט אויס דעם קווערטעל. און דער איד האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט הינטער'ן טיש פון קרעטשמע, נאָר לערנען האָט ער שוין ווייטער נישט געקענט, געהאלטען איין אייו קרעכצען:

— טאַטע, פאָטער, פאַר וואָס שטראָפסטו מיך אזוי? מיט וואָס האָב איך געזינדיגט? האַלט איך ניט די צערקווע אין ארענדאַ, שלאָגט דער קסיאָנדז; האַלט איך די צערקווע אין ארענדע, שרעקט ער מיך מיט די ברידערלעך. און קיין שוהל גיבען זיי ניט, און קיין אידען זיינען ניטאָ, און לערנען קען מען נישט, און דער זוהן וואקסט אויס אָהן תורה. אוועקוואַרפען די קרעטשמע, אנטלויפען פון זלאָ־טשאָוו, וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען. אָהן א שוהל און אָהן אידען — נאָר שכור'ע פּאָפּען — אוי ווע ה!

— דו אַנטלויף נישט, מענדעלו, דו פארלאָז אונז נישט, מענ־דעלו, — האָט זיך אָנגערופען דער פּאָפּ, וועלכער, ווי עס האָט זיך געדאַכט, האָט זיך גאָר נישט צוגעהערט צום אידען'ס רייד. דו ביזט דאָך פאַר אונז ווי א פאָטעריל אַן אייגענער, און א שוהל וועלען מיר דיר געבען. די ברידערלעך וועלען קומען פון סטעפּ, אויף די לייכטע פערדלעך וועלען זיי קומען, די פּאַנעס אויסהרג'ענען, און דיר א שוהל געבען. איך וועל בעטען פאַר דיר.

— געוואַלד, געוואַלד, ער הויבט שוין ווידער אָן מיט די ברי־דערלעך. שאַ, שטיל, שאַ! — איז דער איד ווידער ארויסגעלאָפען פון הינטער'ן טיש מיט שרעק.

ווער ווייס מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען ניט די אַלטע

מאַרושאַ, און אַלטע, שטאַרקע קאַזאַצקע, וואָס האָט געדינט ביי דעם אידען, וואָלט מענדלען ניט צו הילף געקומען אין דער שלעכטער שעה. זי איז אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב, וואָס איז געווען אָפגעצאַמט פון דער קרעטשמע, וואו עס האָט געוואָהנט דער איד, און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר'ן פּאָפּ, מיט איהרע גראָבע, פליישיגע הענד, וואָס זיינען נאַקעט געווען אין דעם קאַלטען ווינטער־טאָג, אונטער די באָקעס.

— מען דאַרף דיך, פּאַטעריל, אַ ביסעל דורכשלאָגען פאַר דיין טובה וועגען — האָט די אַלטע געזאָגט — אַז ניט, וועסטו דיך נישט איינשטילען. האָסט דעם שטן אָנגעשכור'ט און יעצט שרייט פון דיר אַרויס אַ דיבוק.

— העלף, מאַמע לעבען, העלף, טו אַ קריסטליכע זאַך, איך האָב איהם אדורכגעשלאָגען, נאָר מיך הערט ער ניט, צופיעל „פּאַני בראַט" איז ער מיט מיר, דער שטן.

— וואַרט, פּאַטעריל לעבען, וואַרט, איך וועל דיר העלפען — איז זי צוגעגאַנגען צו דער פּאָמוניצע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר פון קרעטשמע, און אָפּגעגאָסען מיט איהר דעם פּאָפּ'ס קאָפּ.

— אָ, גוט — האָט דער פּאָפּ געגאַוועט פאַר נחת.

— נו, וואָס, פּאַטעריל, בעסער דיר? — האָט מאַרושאַ געפרעגט.

— מען דאַרף איהם נאָך אַ ביסעל אדורכשלאָגען, דערנאָך וועט ער זיך שוין אין גאַנצען איינשטילען.

— וואַרט, פּאַטעריל, וואַרט, איך וועל דיר העלפען. און די אַלטע מאַרושאַ איז צוגעגאַנגען צום פּאָפּ און מיט די צוויי גרויסע שטאַרקע הענד האָט זי איהם געזעצט אין בויך אריין.

— פּאַמעלעך, פּאַוואָליע, פּאַוואָלינקע — איז דער איד געשטאַנען פון דער ווייטענס און געמאַכט מיט די הענד.

## צווייטער קאַפּיטעל.

# פערלאָרען דעם טאָג.

עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען גרויליך. דער שניי אונטער'ן פענסטער האָט זיך גענומען רויטלען און זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פיאָלעטענעם קאָליר. דער ווינד פון סטעפּ האָט געקלאַפּט אין די ווענטלעך פון

קרעטשמע און עס האט אויסגעזעהן, אז אויב מען וועט איהם ניט אין שטוב אריינלאזען, וועט ער אונטערהויבען דעם שטרויענעם דאך פון הייזעל. אין קרעטשמע איז טונקעל געווארען. דער פאפ, נאכדעם ווי מארושא האט פון איהם דעם דיבוק ארויסגעשלאגען, איז געפאלען אויף דער באנק פאר'ן פיעקעליק און האט איינגעכראפעט. זיין שנארכען האט זיך געהערט, ווי דאס בלאזען פון א שעפער־האָרן און האט צוטומעלט אלעמען אין שטוב...

די קרעטשמערין יוכבד איז אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב, וואס איז געווען אפגעטיילט מיט א מחיצה'דיג ווענטעל, אין איהר האנד האט זי געהאלטען א ברענענדיג קיהנעלע, וועלכעס האט באלויכטען איהר יונג פרישעס פנים פון די פיעלע הויבען און שאלען, וואס זי האט געהאט אויף זיך. זי איז צוגעגאנגען צום פיעקעליק און האט אונטערגעצונדען א קנייטעל, וואס האט זיך געטוקט אין א גרויסער כלי מיט צולאזענעם וואקס. זי האט ארויפגעשלעפט א גרויסען מולטער און גענומען ארייגשיטען מעהל אין מולטער אויף א ראזשצינע.

— וואס טוסטו, יוכבד? — האט מענדעל געפרעגט.

— פארקנעטען די ראזשצינע אויף חלות, דער פיעקעליק איז שוין ווארים.

— וואס איז עפעס חלות אין מיטען דער וואך?

— וועה איז מיר, עס איז דאך דאנערשטאג, — האט דאס ווייב אפגעענטפערט פארוואונדערט.

— יוכבד, ביזט זיך טועה, עס איז דאך ערשט מיטוואך, ווייסט שוין ווידער נישט, יוכבד? האט דער מאן געשריען, יוכבד, מיר זיצען אין א מדבר, וואו קיין איד איז ניטא און דו פארליערסט דעם טאג, יוכבד.

דאס ווייבעל איז געשטאנען מיט דעם ברענענדיגען קיהנעלע אין האנד א שולדיגע און זי האט געזאגט מיט געבעט:

— נעהם מיר ניט דאס חיות, מענדעל, קוק נאך אין לוח — עס איז דאך דאנערשטאג, מענדעל.

מענדעל האט געקרעכצט און איז צוגעגאנגען צו דעם גרויסען טאוועל, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנד פון קרעטשמע, — דער לוח פון יאהר, וואס דער ועד ארבע הארצות האט געלאזט דרוקען אין לובלין פאר דעם נוצען פון די בעלי־קרעטשמעס, וואס זיצען

M. B. CANTOR



אין דרויסען. דער לוח איז געווען אונטערגעשטראָכען מיט פארשיע־דענע פארבען און עס האָבען געשטעקט אין איהם העלצלעך, וואָס האָבען געדיענט פאר פארשיעדענע סמנים, וואָס מענדעל האָט זיך געמאכט. לאנג, לאנג האָט זיך מענדעל אריינגעטראכט אין לוח, דערנאָך האָט ער געפרעגט דאָס ווייב:

— יוכבד, וואָס פאר א טאָג האָבען מיר געהאט עהערנעכטען, מאָנטאג אָדער דיענסטאג?

— ווען איז מיר, דו ווייסט נישט, וואָס פאר א טאָג מיר האָבען געהאט עהערנעכטען. מענדעל, מענדעל, מענדעל, אז דו ווייסט נישט, פון וואנען זאָל איך וויסען, איך בין דאָך נאָר בלויז א זינדיגע אידינע.

מענדעל האָט זיך ווייטער אריינגעטראכט אין לוח און יוכבד איז דערווייליע געשטאנען אין אנגסטען. דאָס וואָס איהר מאן האָט פארלאָרען דעם טאָג האָט אויף איהר אזוי געווירקט, ווי זי וואָלט זיך געווען פארלאָרען איינע אליין ביי נאכט אין סטעפּ.

— מענדעל, וואָס וועלען מיר טאָן, מענדעל, — עס איז דאָך סכנת נפשות, אז א איד ווייסט נישט וואָס פאר א טאָג אין וואָך איז, מענדעל.

— וואָס וויינסטו, וואָס שרייסטו? — רופט אריין מארושא׳ן.

די קאָזאצקע מארושא, וואָס האָט געדיענט ביים אידען מענ־דעל, איז דורך די פאר יאָהר, וואָס זי האָט געוואָהנט מיט יוכבד׳ען, געוואָרען שוין אזוי געניט אין אידישע מנהגים און מצוות, אז איינע פון איהרע פונקציעס אין מענדעל׳ס הויז איז געווען צו באזאָרגען די שטוב מיט אידישקייט. זי האָט מיט מענדעל׳ס איין־איינציגען זוהן שלמה׳לען, וועלכען זי האָט געזויגען און ערצויגען, „מודה אני" געזאָגט יעדען פריה־מאָרגען און קריאת־שמע געלייענט פאר׳ן שלאָ־פען געהן. זי האָט דערמאָנט איהם אָן א ברכה ביי יעדען עסען. מארושא האָט אויך באדאַרפט האַלטען אויפ׳ן קאָפּ דעם טאָג אין דער וואָך, כדי מען זאָל וויסען ווען שבת צו מאכען.

מארושא איז אריינגעקומען אויף די געוואַלדען פון איהרע בעלי־בתים, און אויסגעפינענדיג, אז איהרע בעלי־בתים האָבען זיך פארלאָרען אין לוח און וויסען נישט ווען שבת צו מאכען, איז אויף איהר אזא שרעק אנגעפאלען, אז כאָטש וויסענדיג, אז עהער־נעכטען איז געווען מאָנטאג — האָט זי זיך באלד פארלאָרען און מורא געהאט צו זאָגען עפּעס ענטשיידענעס אין אזא וויכטיגען ענין.

— פון וואנען זאָל איך וויסען, פאַנאָוויע, איך בין נאָר אַ קריסט־ליכע נשמה. אפשר מאָנטאג, אפשר דיענסטאג, גאָט, האָב רחמנות.

מאַן און ווייב האָבען זיך אָנגעקוקט מיט שרעק — אַלע האָבען אָנגעהויבען מיט אַ מאָל צו שרייען, דער מאַן, דאָס ווייב און די דיענסט. און דאָס איינגעל זעהענדיג אַז די גרויסע שרייען, האָט ער אויך אָנגעהויבען צו שרייען — די געוואָלדען האָבען אויפגעוועקט דעם שלאָפענדיגען פּאָטעריל. דער פּאָפּ האָט זיך אויסגעגעניצט און זיך ארומגעקוקט מיט פארוואונדערונג.

— פּאָטעריל טייערער, ראַטעווע — בעט זיך ביי איהם מענדעל.

— ווייסטו נישט וואָס פאר אַ טאָג מיר האָבען געהאַט עהערנעכטען, מאָנטאג אָדער דיענסטאג?

— מאָנטאג אָדער דיענסטאג? — עהערנעכטען. — ווארט, לאָז זעהן. — זאָגט דאָס פּאָטעריל, שאַרט זיך ארויף דעם ארבעל און נעהמט צעהלען אויף די פינגער: דער הייליגער געאָרג פאַלט אויס אין דאָנערשטאג שטענדיג, דעם ערשטען טאָג נאָך דער צווייטער וואָך נאָכ'ן הייליגען פּאַוועל — ווען עס הויבט אָן צו שנעען. דענסטמאָל זאָגען מיר אין צערקווע אַ געבעט פאר'ן הייליגען פּאָטעריל אָנטאָן.

— וועה איז מיר, דער פּאָפּ איז דיין רבי. מענדעל, מענדעל!

— האָט דאָס ווייב אָנגעהויבען צו וויינען.

מענדעל האָט זיך אַלץ פארטראַכט אין לוח. נאָר בחנם זיין זוכען. כדי צו וויסען אויב היינט איז מיטוואָך אָדער דאָנערשטאג האָט ער באדאַרפט וויסען, וואָס פאר אַ טאָג עס איז געווען עהער־נעכטען: מאָנטאג אָדער דיענסטאג, און דאָס האָט קיין לעבעדיגע נשמה אין זלאָטשאָוו נישט געוואוסט.

אַ מינוט איז דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען אַ דערשראָקענע און אַ פאַרציטערטע, האָבען מורא געהאַט זיך צו באַוועגען און צו ריהרען, ווי זיי וואָלטען געווען געוואַרט, אַז די וועלט זאָל זיך ענדיגען. נאָר פּלוצים האָט זיך די טיר אויפגעעפענט מיט אַ קלאַפּען פון ווינד און אין קרעטשמע איז אריינגעפאַלען געיאָגט פון ווינד עפּעס אַ ניעדריגעס און אַ באַשנעעטעס, איינגעוויקעלט אין אַ בורקע, אין ווייבערשע טיכער און מענערשע שאַלען און כל'ערליי קליידונג. מען האָט דערפון קיין מענשליך פּנים נישט ארויסגעזעהן. אין גאַנצען איז עס געווען פארשנעעט אין איין קנויל שנעע, נאָר פון זיין

מענשליכע שטימע, וועלכע עס האט זיך געלאזט הערען, האט מען געקענט דרינגען, אז עס איז א מענשליכע באשעפענים.

— געלויבט צו גאט, דא וואהנט א איד? — האט זיך געלאזט הערען א קול.

— א איד, א איד — האט דער מאן, דאס ווייב, די דיענסט און אפילו דער פאפ מיט איבערראשענדער פרייד אפגעענטפערט, ארומרינגלענדיג דאס ניעדעריגע, דאס עפעס, דאס פארשנעעטע.

דאס שנעענע מענשעלע האט אנגעהויבען אפצושיילען פון זיך די שנעעדיגע שאלען, טיכער, בורקעס איינס נאך דעם אנדערען, האט אפגעקייקעלט פון זיך די בגדים און אז עס איז געבליבען אפגעשיילט פון די פארשידענע קליידער, איז געבליבען שטעהן א קליין, ניעדריג אידעל, א וויסער, מיט א קורץ וויסער בערדעל, מיט שנעע ווייסע האר און א פאר ליכטיגע קינדערשע אויגען מיט א אלט־קינדיש שמייכעל אויפ'ן ריינעם פנים. ער האט אויסגעשטרעקט א שלום־עליכם האנד צו מענדלען:

— געלויבט צו גאט, פארוואנדעלט צו א אידען, שלום־עליכם!

— קומט צו צום פיעקעליק, ר' איד, ער איז איינגעהייצט — לאדעט איין די ארענדארקע.

דאס אידעל איז צוגעאנגען צום פיעקעליק, ארומגענומען איהם, ווי מען נעהמט ארום אן אלטען גוטען פריינד און געזאגט:

— פארקליבען זיך א איד, העט, העט פארקליבען זיך ווייט אין סטעפ, וואו דיינע אידעלעך זוכען דיר אפ, רבונו של עולם, העט ווייט אין סטעפ זוכען זיי דיך אויף, טאטע אין הימעל.

— פון וואנען האט איהר זיך פארוואנדעלט דא אין דעם ווייטען מקום? — איז ערשט מענדעל געקומען צו זיך.

— אט אזוי זיך, איך בין מיר א שניידערעל א קליינס, ברוך השם באקאנט אין די מקומות ארום, ביי די ארענדארען. נעה פעלצלעך און מלבושים פאר די קינדערלעך צום געזונד, אויסשטייערם אויף חתונות, וכדומה, וואס אידען באדארפען. געהערט אין קארסון, אז זלאַ־טשאָוו האט שוין א אידישען קרעטשמער, האב איך מיר געטראכט, איך וועל אראפקומען געוואהר ווערען, וואס עס מאכט א איד אין אזא ווייטען מקום, און אגב טאמער וועט זיך מאכען א מלבוש איבער־

צונעהען, אָדער מיט די קינדער צו לערנען, איך בין ברוך השם א מלמד אויך.

— ווי גאָט וואָלט אייך צוגעשיקט אין דער ריכטיגער מינוט. פארלאָרען דער טאָג, מען לעבט צווישען גוים אליין אין א מדבר — האָבען מיר דעם טאָג פארלאָרען — זאָגט דאָס ווייב, — ווייסט איהר ניט, ר׳ איד, וואָס פאר א טאָג מיר האָבען היינט ביי אידען?

— דעם טאָג פארלאָרען? אָווא. וואָס באדארף א איד דעם טאָג צו וויסען אין מדבר, אודאי מכח שבת, צו וויסען, ווען די ראָזשצינע צו קנעטען. זעה, טאטעניו, ווי געטריי דיינע אידעלעך זיינען דיר אפילו אין ווילדען סטעפּ. צווישען גוים פארגעסען זיי דיך ניט. היטען דיין שבת אָפּ, האָבען דאָך אידען אודאי עגמת נפש, אָה, וואָס זיי האָבען דעם טאָג פארלאָרען, וועל איך אייך באלד זאָגען, א נו לאָזט מיר נאָר מיינע קניפּלעך זעהן, — זאָגט דער איד און נעהמט די שניר פון זיין זעקעל — אָפּט מאָל מאכט זיך, אז מען פארגעסט אויך דעם טאָג, מאך איך מיר אָט סמנים, יעדען טאָג מאך איך מיר א קניפּעל אין די שניר פון זעקעל, מיינע קניפּלעך זאָגען, אז היינט האָבען מיר אזוי גרויס ווי ד׳ בשבוע, מיטוואָך ביי אידען. און וועל איך אייך אָן עצה טובה געבען, העלצער אויפ׳ן פּיעקעליק צו לעגען פאר א סימן, אזוי ווי עס טוען אנדערע ארענדארען. עס קומט זונטאג אין דער וואָך לעגט מען אויפ׳ן פּיעקעליק איין שטיק האָלץ, מאָנטאג אין דער וואָך — נאָך א האָלץ, דיענסטאג — ווידער א האָלץ, און אז מען צעהלט אָפּ זיעבען העלצער ווייסט מען, אז דער שבת הקודש קומט. און דאָס טוט די אידענע אין שטוב, ווענדעט ער זיך צו יוכבד, וואָרום עס איז א סכנה זיך צו פארלאָזען אויפ׳ן מאנספּערשוין.

— א יישר כח אייך פאר די גוטע עצה, וואָס איהר גיט אונז,

— רופט זיך אָפּ מענדעל פאר׳ן פארשעהמטען ווייב. געה, קאָך אָפּ גרויפּען זופּ פאר׳ן אורח, און ווענדענדיג זיך צום אורח:

— ביז זוגתי וועט די גרויפּען פארטיג האָבען, וועלען מיר דער־וויילע מעריב אָפּדאַווענען. עס ווערט שוין שפּעט.

באלד איז די קרעטשמע פארוואנדעלט געוואָרען אין א שוהלכעל. אין איין ווינקעל איז געשטאנען דער טאטע מיט׳ן אינגעל, אין דעם צווייטען ווינקעל דער אורח און האָבען געדאַווענט שמונה־עשרה. פון פּיעקעליק איז ארויסגעקומען דער טעם און ריח פון גרויפּען,

וואָס יוכבד האָט אונטערגערייִשט מיט אַ ציבעלע. דער טעם האָט זיך געהערט אין שטוב און האָט שטאַרק געדרייצט דעם אַפּעטיט פון גרויסען פּאָפּ, וואָס איז וואַכעדיג געוואָרען פון די גרויפּען. ער האָט אַריינגעצויגען אין זיך דורך זיינע גרויסע נאָז־לעכער דעם געשמאַק פון די אָנגערייִשטע ציבעלע און גרויפּען און געשלונגען דאָס וואַסער־דיגע שפּייעכטס אין מויל קלאַפּענדיג מיט זיינע ליפּען. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז ער האָט ווייניג אויסזיכטען אַז ער זאָל ווערען צוגעלאָזען צו דעם טעלער מיט די גרויפּען — איז ער זעהר טרויעריג געוואָרען. ער האָט זיך געריבען מיט'ן רוקען אָן פּיעקעליק און באַלקעקענדיג זיך די ליפּען ווי אַ קעצעל, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין מיט גרויס רחמנות אויף זיך:

— אַך, טאַטעניו, גאָטעניו, די לעסטיגע אידען עסען גרויפּען מיט אָנגערייִשטע ציבעלע און אַ פרומע קריסטליכע נשמה לאָזען זיי דאַרען, נעהם נקמה, טאַטעניו, גאָטעניו!

מענדעל האָט זיך נישט געמאַכט באַמערקען די גליהענדע אויגען פון דעם צוהיצטען רויט־פּרצופ'דיגען פּאָפּ. ער האָט זיין אורח אַריינגעבעטען אין צווייטען שטיבעל, און אַליין האָט ער אַוועקגע־שטעלט הינטער דעם טיש פון קרעטשמע די מאַרושאַ, אַז זי זאָל היטען די פעסלעך מיט די גאָנשערס אָקעוויט פאַר'ן פּאָפּ, איבער וואָס נעבעך דער פּאָפּ האָט ביטער אָפּגעקרעכצט דערזעהענדיג די מאַרושאַ מיט די נאַקעטע הענד הינטער'ן קרעטשמע־טיש. יעדע האָפנונג איז פון איהם פאַרשוואונדען און ער האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרטראַכטען אין פרומע געדאַנקען.

,ביים עסען, ווען דער אורח איז געווען איינגענומען אין דעם רויך, וואָס האָט געשלאָגען פון דער ערדישער כלי מיט גרויפּען וואָס איז געשטאַנען אין מיטען טיש, האָט ער גענומען פאַרהערען דעם אינגעל. קנייפּענדיג שלמה'קען אין בעקעל האָט ער געפרעגט:

— נו, זאָג, בחור'ע, וואָס לערנסטו שוין?

— זעקס יאָהר שוין אַלט געוואָרען, קיין עין הרע, — ענטפערט פאַר איהם דער טאַטע — און ערשט חומש אָנגעהויבען. שווער צו זיין אַ איד אין סטעפּ.

— גאָט וועט אייך ממלא זיין, — טרייסט איהם דער אורח —

איהר וועט נאָך די זכיה האָבען צו זעהן זלאָטשאָוו א אידישען מקום און איהר וועט די זכיה האָבען צו זיין א פּרנס ביי אידען.

מענדעל האָט זיך פאַר א מינוט פארטראַכט.

— און דאָס מקום באַדאַרף טאַקע א שוהל — האָט דער אורח צוגעלעגט — אַזא גרויסער ברייטער סטעפּ און אָהן א שוהל, און אַז דער רבונו של עולם וויל, אַז זיינע אידעלעך זאָלען דאַוונען צו איהם — וועט דער פּריץ מוזען געבען די שוהל. ער וועט מוזען, מען וועט איהם נויטען. פון הימעל וועט מען איהם נויטען, ווי הייסט ער וועט ניט וועלען? —

## דריטעס קאַפּיטעל.

# א שוהל! א שוהל!

הראַנזע קאָניץ־פּאָלסקי איז אַראָפּגעקומען קיין זלאָטשאָוו אויף געיעג. און ער האָט אין זיין יעגער־שלאָס געגעבען א באַל פאַר זיינע געסט. דער פּאַרוואַלטער פון זלאָטשאָוו האָט מענדלען געשיקט קיין נעמיראָוו, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען א אידישע קאַפּעליע און באַזאָרגען די געסט מיט האַנדשוה, וועלכע מענדעל וועט פאַרקויפען די „וויעלמאָזשנעס“ צום טאַנץ מיט די פּאַניעס.

דאָס יעגער־שלאָס איז געווען געבויט מיט הויכע טורעמס אין שוועדישען סטיל און די זאַאלען זיינען געווען בעלויכטען מיט פיעל ליכט אין די אייזערנע לייכטער. און די פּאַנעס אין פּוילישע קאָנטושען מיט סאָבעלנע ברייטע קראַגענס, אַראָפּהענגענדיג איבער זייערע אַקסלען און די הוזאַרען־העט, וואָס זיינען געווען מיט גרויסע פּאַוויעפּושען אין די הענד, האָבען געפיהרט די אין ווייס־אַטלאַס געקליידעטע דאַמען, באַפּוצטע אין קעניגליכען גאַרנאָסטאַי־פּוטער, צו דער מאַזורקע. די אידישע פידעל האָט געגרימפּעלט, געשניטען א נגון און לאַנג געצויגען, און די אידישע צימבאַלקעס פון די נעמיראָווער קאַפּעליע האָבען ווייט און זיס צוגעקלונגען צום טאַקט. די „יאַסנע וויעלמאָזשנעס“ האָבען צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק מיט די בראָנזענע שפּיציגע שפּאָרענס אויף די אָבצאַסען. און די פּאַניעס

האבען אויך מיט זייערע גאָלדענע אָבצאַסעלעך, מיט וועלכע זייערע פוטערנע שטיוועלעך זיינען געווען באַפּוצט, צוגעקלאַפּט צו דער מוזיק. און מענדעל איז אַרומגעלאָפען מיט נייע אויסגעפּרעסטע האַנדשוה פון איין וויעלמאַזשנע צום אַנדערען און געבעטען זיך:

— אַ פּאָר האַנדשוה צום טאַנץ מיט די שעהנע, ליכטיגע פּאַניע.

נאָך יעדען טאַנץ האָבען די וויעלמאַזשנעס אַראָפּגעוואָרפען די האַנדשוה פון די הענד און געכאַפּט פון מענדלען אַ פּאָר נייע האַנד־שוה. עס איז ניט שעהן געווען צו טאַנצען מיט צווי פּאַניעס אין די זעלבע פּאָר האַנדשוה. שלמה׳לע, מענדעל׳ס אינגעל, מיט די ציטער־רענדע פּאות׳לעך, האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישען די פיס פון די וויעלמאַזשנעס און צונויפגעקליבען די אויסגעטאָנענע האַנדשוה און געבראַכט זיי צום טאַטען. דער טאַטע האָט זיי אַריינגעלעגט אין די הילצערנע פּרעס, אויסגעפּרעסט זיי, גלייך געמאַכט, און איז ווידער אַרומגעלאָפען מיט זיי צו די וויעלמאַזשנעס:

— טוישט איבער די האַנדשוה, וויעלמאַזשנעס, טוט עהרע די דאַמען און וועקסעלט איבער די האַנדשוה. ניט שעהן צו טאַנצען מיט די ליכטיגע פּאַניעס אין געטוצטע האַנדשוה, וויעלמאַזשנעס!

מענדעל האָט אַ מינוט ניט גערוהט. האָט ער ניט פאַרקויפט די האַנדשוהען, האָט ער זיי געפּרעסט, צוזינגענדיג זיך פּסוקים תהלים, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסווענדיג און אַריינגעוואָרפען קרעכצען אין מיטען די פּסוקים:

— אוי פרעהען זיך די גוים — מיין ברעבעניש אויף זיי, מיין ווייבס צער פון טראָגען און מיין קינדרס צאָהן־וועהטאָג, מאָזלען און שאַרלאַך — טאַטע אין הימעל. עולם־הזה׳ניקעס, פרעסען און זויפען און דיענען צו אַ גאָט אַ האָלץ, און אַ שוהל, אַ הייליגע שוהל, לאָזען זיי ניט בויען. אפשר וואָלט שוין צייט געווען, אַז דו זאָלסט דאָס הייליגע בית־המקדש אויפבויען. עה, מן הסתם איז נאָך נישט צייט — טאָ זאָל זיין אַזוי ווי דיר איז באַליעבט, טאַטע אין הימעל!

— העי, דזשידזשי, וואָס מורמעלסטו דאָרט דיין טייפעלשע תפלה, דו וועסט אויף אונז נאָך דעם טייוועל אַרויסלאָזען — האַנד־שוהען צו דער מאַזורקע מיט די וויים־טויב־קעפּיגע פּאַניענקע פון זלאַטשאָוו, די ליכטיגע און ליבענדיגע פרייליין זאָפיע, אָבער ניט קיין אויסגעפּרעסטע, וואָס דיין ממזר׳וק קלויבט אויף צווישען די

פיס פון די שליאכטשיצעס — ליכטיג־העלע און נייע — צו האלטען די ערדעל־געשניצטע טאליע פון מיין טויב־קעפעדיגען מלאך.

— וואס רעדט דער יאסנע וויעלמאזשנע? ווער בין איך, וואס איך וועל מיך אונטערשטעלען צו וואגען אפצונארען אזא יאסנע וויעלמאזשנע שליאכטשיץ, ווי דו ביזט? איך האב דאך נאך דיין טאטען געקענט — דעם אלטען שליאכטשיץ — אוי, איז דאס געווען א גוטער שליאכטשיץ — כן יאבדו כל הרשעים...

— וואס האסטו געזאגט פאר א פארשאלטענעם שפרוך, זשידיק, אויף דיין טייוועלשער שפראך. איך וועל פון דיר די הויט שינדען לעבעדיגערהייט, ווען דו וועסט מיין טאטען שילטען אין קבר.

— איך האב געבענשט דיין טאטען, געבענשט איהם אין אונזער הייליגער שפראך צו אונזער גאט, אז ער זאל אין אונזער ליכטיגען גן־עדן זיין.

— דו בענש נישט און שילט נישט, זשידיק. היט דיין לייב און קריך אונטער דעם וויב'ס ספאדניצע, ווען איך וועל אויף דיר מיינע הינד אנרייצען. פלינקער, זשידיק, פלינקער, אייל זיך צו, זשידיק. די פיס קענען עס שוין נישט אויסהאלטען — עס גלוסט זיך צום טאנץ.

— נאך איין מינוט, וויעלמאזשנע, זאלען זיי נאך ליעגען אין די פרעס. וואס לענגער האנדשוהה ליעגען אין די פרעס, אלץ ריינער און שטייפער ווערען זיי. פונקט אזוי ווי א מענש, וויעלמאזשנע; פונקט אזוי ווי מיר, אידעלעך, וויעלמאזשנע.

נאר אין דעם איז צוגעקומען דער פריץ פון זלאטשאוו, דער חראנזע קאניץ־פאלסקי, א הויכער און א שטארקער, ווי א שטארקער דעמב, מיט ברייטע פלייצעס. זיין לאנגע אטלאסענע שווארצע קאפאטע, וועלכע האט דערגרייכט ביז צו זיינע טריט, האט נאך שטארקער געמאכט זיין קערפער, און ער האט אויסגעזעהן, ווי א געשניטענער פון האלץ, איין שטיק קערפער, נאר אויף די ברייטע פלייצעס האט ארויסגעשטייגט, ווי א טורם פון א געביידע, זיין שפיציג־הויכער קאפ, געגאלט ביז אין דער העלפט — פאות און גזשיבע געגאלט, נאר די שטארקע גרויסע וואנצעס, ווי ביי א שטארקען פיש, האבען זיך געצויגען פון אויער צו אויער.

— זישדקו, וועסט היינט מיינע געסט פארוויילען מיט א גע־

זאנג, וואָס איהר זינגט. אַז דו וועסט זינגען גוט, וועסטו קענען פון מיר עפּעס דערפאַר ארויסקריעגען. געהערט?

— געהערט, יאַסנע וויעלמאַזשנע.

דער איד איז אָראָפּגעשפּרונגען הינטערוויילעכטס פון פּריץ, צו־גערופען זיין שלמה־קעלען, וועלכער האָט געהאַלטען אַלץ אין איין קלייבען די אוועקגעוואָרפענע האַנדשוהען פון צווישען די פיס פון די פּריצים. דער טאַטע האָט איהם גלייך געמאַכט די פּאות, דאָס אינגעל אוועקגעשטעלט לעבען זיך. אַרום דעם איד מיט דעם אינגעל האָבען זיך אַנגעהויבען צו קלייבען פּריצים און פּריצטעס. אין זאאַל איז געוואָרען שטיל, די קלעזמער האָבען אויפגעהערט צו שפּיעלען — נאָר די ליכט, וואָס האָבען געברענט, קנאַקענדיג פון צייט צו צייט, און דער פאַרשטיקטער פרעהליכער גערייד און געלעכטער פון די ווינקלען און פון די אַרומיגע צימערען האָט זיך געהערט פון די שטראַה־לענדע העל־בלאַנדע פּאַניעס און פאַרליעבטע יאַסנע וויעלמאַזשנע.

אַ לאַנגע ווייל האָט געדויערט דאָס פאַרבערייטען זיך. פלוצים האָט דער איד זיך אין גאַנצען געענדערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיין געזיכט איז רויט געוואָרען, אָנגעלאָפען. מען האָט געזעהן, ווי ער מאַטערט זיך אַוועקצוגעהן פון דאַנען און ערגעץ אַנ־דערשוואו צו קומען. און מיט אַ מאָל איז עס איהם געלונגען. דער איד האָט געגעבען אַ שטעק אַרונטער אַ פינגער אונטער זיין קינן און האָט פלוצים אָנגעהויבען צו זינגען. צוערשט פּאַמעליך, אין דער שטיל, ווי ער וואָלט זיך פאַר זיך צוגעברומט, נאָר באַלד איז עס העכער געוואָרען, זיין שטימע האָט מיט אַ מאָל געקראָגען חוצפּה. דער איד האָט פאַרגעסען וואו ער געפינט זיך. נאָך האָבען די פּריצים געלאַכט, נאָר באַלד זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער איד איז דער איינציגער בעל־הבית פון די גרויסע זאאַלען. ער האָט ניט געזעהן די פּריצים מיט די פּאַניעס, מיט דעם גאַנצען גלאַנץ פון אַטלאַס און פוטער, וואָס איז אַרום איהם — קיינער איז דאָ נישט געווען, נאָר ער אַליין — ער מיט זיין באַשערטער. און נישט קיין מענשליכע פרוי איז עס געווען, פאַר וועלכער ער האָט יעצט אַזאַ גרויסען ליוב אָבגעגעבען — נאָר אַ העכערעס, גייסטיגעס וועזען, צו זיין שבת, צו זיין מוטער, האָט ער געזונגען, צו זיינע האָפנונגען און זיינע צרות:

„אשת חיל מי ימצא."
נישט קיין סערענאדע צו א ערדישער געליעבטע האט ער גע־זונגען, נאר א סערענאדע צו זיין געטליכער געליעבטער, צו דעם גרויסען אונגעזעהענעם און אונדערגרונטעוועטען גליק, וואס זי גיט, ווען מען דענקט וועגען איהר. וועגען דער גרויסער הייליגקייט און ריינקייט, וואס פליסט ארוים פון איהר ווען און באשענקט די אלע, וואס דענקען און זיינען פארליעבט אין איהר. פון זיין כלה, דעם שבת, פון זיין איינציגער טויזענד־יעהריגער כלה האט ער געזונגען און פאר דער גרויסער אייביגער ליעבע, וואס זיינע אבות־אבותינו ביז צו זיין לעצטען דור וועלען פיהלען צו דער אייביגער כלה. די צרות און חרפות, וואס ער שטעהט אוים צוליעב איהר, זיינען פארטראגען געווארען צו גרויסע כבודים און הערליכקייטען; דאס הינטישע לעבען צו א פרינצען־לעבען — אלעס פאר‥אנדעלט זי אין א גרויס־הימלישעם גליק — דורך דער ליעבע צו איהר — און וואס איז איהם אנגעגאנגען די שכנים מיט די פאנעס, מיט זייער גראשענדיג פאר־מעגען, מיט זייער באגרענצטען שטיקעל גליק פון ערדישען אפפאל, מיט זייער מענשליכער היינטיגער איינגערעדטער קראפט און הערשאפט געגען די אייביגקייט פון זיין ליעבע צו זיין גרויסער כלה.

פארשטומט זיינען געווען די פריצים, און פארשעהמט זיך פאר דעם גרויסען גביר, וואס שטעהט אין מיטען זיי און זינגט א ליעד פון אייביגע ליעבע.

— גוט געדיענט מיך! גוט געזונגען, מיינע געסט זיינען צו־פריעדען, זשידיק. זאג, וואס דו ווילסט, היים דיר געבען א סך, נאר קלעהר נישט פיעל. איך האב מעהר מורא פאר דיין כיטרעקייט איידער פאר דיין אפעטיט, — לאכט דער פאן.

— יאסנע וויעלמאזשנע — ווארפט זיך דער איד צום פריץ'ס פיס — א שוהל און א בית־הקברות! א שוהל צום דאווענען און א בית־הקברות אונזערע טויטע צו באגראבען. גיט די ערלויבניש אין זלאטשאוו, א שוהל און א בית־הקברות.

דער פריץ האט זיך פארטראכט א מינוט. ער האט זיך דער־מאנט אן די אידישע פעריל, וואס זכריה פון טשיהרין האט איהם אקעגענגעטראגען, ווען ער איז קיין טשיהרין געקומען. זלאטשאוו וואלט געווארען א ישוב, צינזען געצאהלט. נאר וואס וועט גאט זאגען און דער

פּאַטער קאַזלאָווסקי. באַלד איז איהם עפּעס איינגעפאַלען, וואָס אַי די ציגזען וועלען זיין גוט און אַי גאָט וועט צופריעדען זיין.

— אַז דו וועסט פאַר אונזער פּאַן יעזוס קריסטוס דעם קאָפּ בויגען און זאָגען פּאַטשאַרזש פאַר די הייליגע מאַריע דריי מאָל, וועל איך דיר די ערלויבניש געבען, און אַ שעהנעם פּלאַץ אויף אַ צמענטאַרזש געבען.

דער איד איז שטיל געוואָרען, פאַרשטיינערט און געשוויגען.

— נו, מאַכען מיר דאָס געשעפט, זשידיק. גוט, זאָג נאָר בלויז: מאַריא, מאַטקאַ באָסקאַ שווענטאָכאָווסקאַ, ניעך בענדזשע פּאָכוואַלאָ־נאַ נאַ וויעקי וויעקי, אמען.

דער איד האָט געשוויגען.

— נו, קניע דיך בלויז פאַר איהר אַנידער, זשידיק.

דער איד האָט געשוויגען פאַרשטיינערט.

— וועסטו מוזען דעם בער שפּיעלען.

דער איד איז בלייך געוואָרען, דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען.

— יאַסנע וויעלמאָזשנע, איך בין נאָר אַן אָרימער איד, האָב רחמנות אויף מיין ווייב, אויף מיינע קליינע קינדער. בעט, שלמה'לע, מיין בחור'ניק, בעט דעם שליאַכטשיץ. האָב רחמנות, יאַסנע וויעל־מאָזשנע. איך וועל דיר שטענדיג געטריי דיענען.

און דער טאַטע מיט'ן קינד האָבען זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם פּריץ'ס פיס, און געקושט די שטיוועל, די פּאָדלאָגע און געשלאָגען מיט די שטערענס אָן דער ערד.

— האָב רחמנות אויף די קליינע יתומים, יאַסנע וויעלמאָזשנע.

— אָדער דעם פּאַטשאַרזש זאָגען, אָדער דעם בער שפּיעלען.

דער אידעל האָט אַ מינוט געקלערט. ער איז בלייך געווען און דערשראָקען, און געהאַלטען אין חזר'ען פּסוקים פון תהלים און דאַוונען, און דערביי דעם פּריץ די קאַפּאָטע געקושט, די שטיוועל. נאָר פּלוצים איז איהם אין די אויגען ליכטיג געוואָרען. ער האָט נאָך געציטערט מיט די הענד און פיס, נאָר דאָס פּנים איז געווען באַגאָסען מיט רוהיגקייט און שטילקייט.

— פאַר אַ שוהל, יאַסנע וויעלמאָזשנע, האָב רחמנות, גאָט וועט העלפען, טו ווי דו ווילסט.

דער פריץ האָט געגעבען אַ וואונק, און צוויי קנעכט האָבען דעם אידעל גענומען און איבערגעצויגען איבער איהם אַ בערענעם פעל. דער פריץ האָט געהייסען די קלעזמער שפּיעלען, און די צוויי קנעכט מיט צוויי לאַנגע בייטשען האָבען אָנגעהויבען דעם בער צו שמייסען. דער בער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערען און געשריען בר — בר —

די שררים האָבען געלאַכט און געדרעהט זיך, און איינער דעם אַנדערען האָט געשטופּט צום בער, און די קנעכט האָבען געשמיסען און געיאָגט איהם פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען. דער אידעל הינטער דער בערענ־פעל האָט געברומט: „לדוד ה' אורי וישעי ממי אירא" בר — בר — איז ער געשפּרונגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען אויף אַלע פיער — „ה' מעוז חיי ממי אפחד"!

— גוט געשפּיעלט, אידעל, דעם בער. קריעגסט דערפאַר די שוהל. פאַר דעם בית־עולם ועסטו נאָך מוזען זיך פאַרדיענען.

פון פּאַלאַץ אַהיים איז דער איד געלאָפען אָהן אַן אָטעם, דאָס לאַנגע ארבע־כנפות האָט זיך איהם געפּלאָנטערט צווישען די פיס, און דער אינגעל מיט די ציטערדיגע פאות איז איהם נאָכגעלאָפען, און ביידע האָבען געשריען איבער'ן וועג אָנזאָגענדיג דער מאַמען די פרעהליכע בשורה: אַ שוהל! אַ שוהל!

---

## פיערטעס קאַפּיטעל.

# דער חנוך פון דער שוהל.

באַלד איז באַקאַנט געוואָרען אין גאַנץ פּאָדאָליען און וואָהלין, וואו אידען האָבען זיך נאָר געפונען, אַז עס האָט זיך אויפגעעפענט אַ נייער ישוב. זלאָטשאָוו האָט געקראָגען רשות אויף אַ שוהל, און עס האָבען אָנגעהויבען אָנציהען אידען קיין זלאָטשאָוו פון דער גאַנצער געגענד אַרום. עס זיינען געקומען אידען פון קאַרסון, פון טשיהרין, אידען פון יענער זייט דניעפּער, פון לובנא, פון לאַכאָוויץ, פון פּער־יאַסלאָוו. וואָרום עס האָט זיך געהערט, אַז זלאָטשאָוו איז אַ מקום פון פּרנסה, עס איז נאָהענט צום סעטש און מען קען פיהרען האַנדעל

מיט די קאָזאַקען. און אפילו פון קליין־פּוילען זיינען געקומען אידען, וועלכע האָבען געהערט אויף די יאָהרמערק אין יאַראָסלאַוו און לובלין, אַז זלאָטשאָוו איז געוואָרען אַ ישוב.

די ערשטע זאַך האָט מען זיך גענומען בויען די שוהל. די אידען האָבען זיך צונויפגעלעגט וואָס זיי האָבען געקענט. די ווייבער האָבען געבראַכט דאָס ציערונג, און מען האָט אַראָפּגעבראַכט צוויי אידישע מייסטערס פון נעמיראָוו און באַשטעלט ביי זיי בויען די שוהל.

צוויי יאָהר האָט געדויערט בויען די שוהל. די בעלי־בתים האָבען געהאָלפען אליין בויען. די שוהל האָט געדאַרפט דיענען צו צוויי צוועקען, גאָט צו דיענען און צו באַשיצען זיך פון פיינד. האָט מען די שוהל געבויט ווי אַ פעסטונג, מיט אייזערנע טירען און רינגען. נחמן דער קאָוואַל, וואָס האָט געהאַלטען די קוזשנע, האָט אויסגעקאָוועט די אייזערנע טיר פאַר דער שוהל, אַ גדר צו דעם בעלעמער, אַ גרויסע מנורה פאַר'ן עמוד, און אַ גרויסען חנוכה־לאָמפּ. פּראָסט איז געווען זיין ארבייט, פּראָסטע קאָוואַלסקע ארבייט, אָבער מיט גרויס ליעבע און חשק. אַלע קונץ־שטיק, וואָס נחמן האָט געקענט אין זיין קאָוואַלעריי האָט ער אריינגעקאָוועט אין דעם גדר פאַר'ן בעלעמער, אין דער מנורה און אין דעם חנוכה־לאָמפּ. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן ברוך דער דרעקסלער. אונטער דער אויפזיכט פון די צוויי מייסטערס פון נעמיראָוו האָט ער אויסגע־שניטען פאַרשידענע דריידלעך און קונצען, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע בחור'שע יאָהרען אין האָלץ־שניצעריי: פויגלען און טויבען, הירשען און לייבען, די סמנים פון שבטים און די סמנים פון די חדשים. גאַנצע נעכט איז דער איד געזעסען און זיין מלאכה געטאָן ביי אַ ברענענדיג שטיק האָלץ, שניצענדיג די שניצעריי פאַר דער שוהל. און יעדער בעל־הבית, אַז ער איז געפאָהרען אויף אַ יאָהר־מאַרק אין די גרויסע שטעדט און געזעהן אַ שעהנע זאַך, אַ שעהן זיידענס פאַר אַ פּרוכת, אַ מזרח, אַ אליהו הנביא'ס שטוהל אָדער אַן אַנדער ציערונג, האָט ער עס געקויפט און געבראַכט אהיים פאַר דער שוהל. און די ווייבער זיינען אויפגעזעסען אין די ווינטערדיגע נעכט ביי מענדעל'ס ווייב יוכבד, אין קרעטשמע, און ביי פרומע געזאַנגען האָבען זיי

זייערע ציערונג אריינגענעהט אין די פרוכת׳ען און די העמדלעך פאר די ספר־תורות.

מענדעל, אלס דער ערשטער תושב פון זלאטשאוו און חשוב ביים פריץ, איז געווארען דער פרנס פון דער נייער קהלה. און מענדעל האט געוואלט, אז זלאטשאוו זאל האבען א שטיקעל שם איבער דער וועלט. האט ער געגלוסט צו האבען פאר זלאטשאוו א רב א למדן, מיט א שם טוב.

לאכאוויטש האט געהאט א רב, דעם „שער צדק“, מיט וועלכען דער גאנצער געגענד האט שוין דאן געקלונגען, האט מענדעל נישט לאנג געטראכט, איינגעשפאנט דעם וואגען, געפאהרען קיין לאכאוויטש, דעם רב מוסיף געווען צוועלף גראשען פויליש א וואך מעהר וואס לאכאוויטש גיט, און צוגעגעבען דער רב׳יצין די חזקה אויף ליכט ציהען פאר דער שטאדט, און גלייך גענומען א ווארט פון רב מיט א כתב. דערנאך אז לאכאוויטש איז געוואהר געווארען, איז שוין געווען צו שפעט. מענדעל האט אוועקגעפיהרט דעם גאון פון לאכאוויטש קיין זלאטשאוו. דורך דעם האט זלאטשאוו באלד א שם געקראגען איבער דער וועלט. דער רב האט חדרים געמאכט, געזארגט זיך וועגען די תלמוד־תורות, און געלערענט מיט די בחורים שעור, און זלאטשאוו האט שוין אנגעהויבען צו לערנען.

און אז מען איז געוואהר געווארען אויף די יאהרמערק אין יאראסלאוו און לובלין, אז זלאטשאוו איז א מקום־תורה, האבען שוין קיין זלאטשאוו א חוץ בעלי־מלאכות און אידען סוחרים, אויך אנגעהויבען אראפקומען איידעלע מענשען, למדנים. איז אראפגעקומען קיין זלאטשאוו ר׳ יעקב הכהן, פון א קליין שטעדטעל אין דייטשלאנד, וואס איז געהאט חרוב געווארען דורך א בלבול און ר׳ יעקב אליין מיט די ספרי תורות פון שטעדטעל איז נצול געווארען. און ר׳ ישראל פון בעהמען, וואס איז אראפגעקומען קיין זלאטשאוו מיט א קליין מיידעל פון דער שטאדט אש. געהערט האבען זיי אין לובלין אויפ׳ן יאהרמארק, אז אין די ווייטע מקומות אין סטעפ האט גאט אויפגעעפענט ישובים מיט פרנסה פאר אידען, זיינען זיי אראפגעקומען זיך באזעצען אין זלאטשאוו.

האט מענדעל זיך געוואלט משדך זיין מיט יחוס, שלמה׳לע איז שוין דאן אלט געווען אכט יאהר, און עס איז שוין צייט געווען צו

קלערען וועגען אַ שדוך פאַר איהם, כדי אַזוי אַרום מקרב צו זיין דעם קץ. האָט זיך מענדעל דער פּרנס געוואָלט משדך זיין מיט'ן „שער צדק“, וועלכער האָט געהאַט אַ מיידעל אין שלמה'לעם יאָהרען. האָט ער צוגעזאָגט קעסט כּל ימיו און כמה וכמה גאָלדענע רענדלעך. און און כדי מחנך צו זיין די שוהל מיט אַ חופּה פון די ערשטע שטאָדטישע פּאָר פאָלק, אַזוי ווי דער מנהג איז, האָט מען אָפּגעלעגט די חתונה אויף דעם טאָג פון חנוך. כאָטש די קינדער זיינען נאָך געווען יונג, נאָר כּדי זיי זאָלען האָבען די זכיה מחנך צו זיין די שוהל מיט זייער חופּה.

---

די שוהל איז פאַרטיג געוואָרען אויף פּסח, נאָר אָפּגעלעגט האָט מען דעם חנוך אויף ל"ג בעומר, וואָס דאָס איז זעהר אַ מזל'דיגער טאָג. פון אויסווענינ האָט די שוהל אויסגעזעהן קליין, כדי זי זאָל זיך ניט ווארפען די גוים אין די אויגען, אָבער אינווענינ איז זי געווען הויך און ברייט. דער פוסבאָדען איז געווען טיעף איינגעגראָבען אין דער ערד, אויף צוועלף שטיגלעך אין דער נידער און איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל טיעפער, אַזוי אַז דער עמוד, וואו דער חזן איז געשטאַנען, איז געווען דער ניעדריגסטער אָרט, צוליעב צוויי טעמים. ערשטענס, אַז די שוהל זאָל זיך נישט ווארפען די גוים אין די אויגען מיט איהר הויך, און כדי ווען מען וועט דאַווגען פאַר גאָט זאָל עס זיין ווי אין תהלים שטעהט: „ממעמקים קראתיך יה“, אָבער פונ'ם עמוד אַרום האָבען שוין געשניצטע טרעפּען ארויפגעפיהרט צום אָרון. עס פּאַסט נישט פאַר גאָט'ס וואָרט, עס זאָל רוהען אין דער טיעפעניש. אי־בערגעצויגען איז היינט געווען דער אָרון מיט דעם נייעם יום־טוב'דיגען פּרוכת, וואָס איז געווען אויסגעהאַפטען מיט זילבערנע פעדים אויף בלויען פלאָרענטינישען בראָקאַד. עס האָט די קרוין פון דער תורה אראָפּגעשיינט פון פּרוכת מיט אַ צניעות'דיגען שבת־גלאַנץ פון די כשר'ע פּערעל, וואָס פלעגען אַזוי באַ'חנען די ווייס־פרומע העלזער פון די יונגע אידישע פרויען צו שבת־ליכט־בענשען. געהייליגט זיינען געווען די פּערעל מיט יענעם צניעות'דיגען רייץ פון די שבת־נאַכט־אָווענדען, און טיעפע רויטע רובינען־שטיינער ווי רויטער וויין האָט זיך ארויסגעפינקעלט פון די ווייגטרויבען, וועלכע זיינען געהאַנגען אויף גרינע פון סאַפּיר־שטיינער אויסגענעהטע צווייגען. אייגגע־

נעהט איז געווען אין פּרוכת מיט די נעמען פון די פרומע פרויען און מיידלעך אויך זייערע וואונשען, וואונשען פון גוטע קינדער האָבען, פון זיסע האָפנונגען, פון שטילע, פרומע פאַרלאַנגען נאָך ליעבע. אזוי האָט דאָס פּרוכת׳ל באגאָסען מיט ווייבערשען חן, איינגעטריפט דורך איידעלע פרויען־פינגער, אראָפּגעזונגען יענעם צניעות׳דיגען געזאַנג, וואָס זינגט פון אידישע שטובען אַרוים אין די שבת־נאַכטען.

אין מיטען דער שוהל איז געשטאַנען דער בעלעמער, אויסגע־שניצט אוים הארטען נים־האָלץ די נעמען פון די צוועלף שבטים מיט זייערע דגלים. יעדער שבט האָט געהאַט זיין דגל און זיין קאָליר. יהודה, אלס דער קעניג, האָט זיך געגלאַנצט אין גאָלד מיט דעם לייב צו־פוסען. שמעון מיט זיין אונטערטהעניגע שטאָדט שכם, וואו עס האָבען זיך געהויבען די מויערען און טורעמס פון דער שטאָדט, וואָס שמעון האָט איינגענומען פאַר די שאַנד פון זיין שוועסטער. און געשוואומען איז די שיף פון זבולון אין אַ ים פון זילבער. מיט גרינע שטיינער איז געווען אויסגעלעגט דער בליהענדער בוים, דער צייכען פון אשר. און געגאָסען אוים קופּער איז געווען די שלאַנג פון דן. און איבער׳ן בעלעמער איז געהאנגען אַ חופּה, ווי אַ טיעף־בלויע נאַכט, אין וועלכער עס האָבען זיך געפינקעלט גאָלדענע שטערען. און די צוועלף מזלות פון חודש זיינען ארומגעשוואומען אין די בלויע נאַכט, יעדער מזל איבער יעדען שבט. און אויפ׳ן בעלעמער זיינען איצט געשטאַנען די בעל־בתים מיט די ספרי תורות אין די הענד, גרייט אוועקצולעגען זיי אין דעם נייעם הויז, וואָס זיי האָבען געבויט פאַר גאָט. צווישען די בעלי־בתים שטעהט ר׳ יעקב כהן פון דייטשלאַנד און דאָס ספר תורה איז דאָס איינציגע, וואָס איז איהם איבערגעבליבען פון זיין צאָהלרייכער פאמיליע און פון דער גאַנצער קהלה, וועלכע איז צו־רונען און אַנטרונען געוואָרען אין אַלע פיער עקען פון דער וועלט. און אָט שטעהט ר׳ ישראל מיט׳ן ספר תורה פון דער שוהל פון שטאָדט אַש. פאַרלאָרען געוואָרען זיינען אין דער בהלה דאָס ווייב מיט די קינדער. איז ער געקומען קיין פּוילען זוכען זיי. וואָרום געזאָגט האָט מען איהם, אַז פיעל אידען פון בעהמען זיינען קיין פּוילען ניצול געוואָרען, האָט ער געוואַנדערט פון יאָהר־מאַרק צו יאָהר־מאַרק, ביז ער איז מיט זיין קינד קיין זלאָטשאָוו אָנגעקומען און דאָרט זיך באַזעצט.

און צווישען די אַלטע בעלי־בתים, זאַט מיט צרות, אויסגע־פּרואווטע אין פייער פון קדוש השם, מיט די ספרי תורות פון די חרוב־געוואָרענע קהלות אין די הענד, איז געשטאַנען דער נייער בעל־הבית, דער פּרנס הקהל ר׳ מענדעל, מיט דעם נייעם ספר תורה, וואָס ער האָט שוין געלאָזט שרייבען פאַר דער שוהל פון דער נייער אידישער קהלה פון זלאָטשאָוו. קיין מענטעלע באַפלעקט מיט בלוט פון קדושים און מיט טרעהרען פון אנטלאָפענע טראָגט דאָס נייע ספר־תורה׳לע נאָך נישט. נאָך נײ און אונבאפלעקט איז זיין מענטעלע, און שטאַרק און רויה זעהט נאָך אויף זיין שומר — מענדעל. עס באַזיצט נישט זיין פּנים דעם הייליגען גלאַנץ פון צער און פּיין און מסירת נפש. קיין שפּור נאָך ניט פון אײדעלקייט, וואָס קומט פון באַרייטוויליגקייט צו אָפּפער. אָבער שטאַרק, מיט זיינע גראָבע אומעגלומפּערטע הענד נעהמט ער אַרום דאָס נייע ספר תורה. זיין האַרץ שרעקט זיך פאַר דעם הייליגען עול, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך — צו זיין אַ פּרנס הקהל. ער דערפיהלט דעם גרויסען הייליגען עול, וואָס עס טראָגען אויף זיך די אַלטע פּרנסים, פון די חרוב־געמאַכטע קהלות, און ער איז צווישען זיי. און זיין האַרץ קלאַפּט איהם: „וועט איהם אויך אַ מאָל אויסקומען צו שטעהן ווי זיי מיט זיין לעבען ביי זיין קהלה, ביי זיין ספר תורה? וועט ער גרייט זיין אויף קדוש השם, ווי זיי? וועט זיין הײרץ נישט שוואַך ווערען? איז ער ראוי צו דעם חוב און כבוד, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך?!“

מיט אַ מאָל איז דער גאַנצער עולם שטיל געוואָרען. אַ הייליגע שטילקייט האָט געהערשט אין גאַנצען שוהלכעל, ווי עפּעס ווער, נישט קיין געזעהענער, וואָלט אין שוהל אריינגעקומען. ר׳ יעקב האָט גענומען זיין ספר תורה, אויפגעהויבען אין דער הויך, און מיט אַ קול פול טרעהרען האָט ער אָנגעהויבען גומל בענשען, געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם מציל געווען פון אַלע סכנות און ער האָט איהם געבראַכט מיט זיין ספר תורה אין אַ מקום מנוחה. אַ שטיל שלוכצען האָט זיך געהערט פון דער ווייבערשער שוהל אַראָפּ. דאָס האָט אַ פרוי פון די גרושים זיך דערמאָהנט אָן די איהריגע, וועלכע זיינען ערגעץ־וואו איבערגעבליבען. און דאָס געוויין האָט אָנגעשטעקט די עדה, אַן אימה האָט זיי אַרומגענומען פאַר די קומענדיגע טעג: צי וועט זיי אויך אויסקומען ווי ר׳ יעקב׳ען צו פאַרלאָזען דאָס שוהלכעל,

וועלכעם זיי האָבען מיט אזוי פיעל מיה און ליעבע געבויט, און נעהמען זייערע ספרי־תורות און געהן. ווער קען זאָגען, וואָס עס פארבאָר־גען אין זיך די צוקינפטיגע טעג... און איינער נאָכ׳ן אנדערען האָבען די בני הגלויה גומל געבענשט. און אז דער יונגער חזן, וועמען ר׳ מענדעל האָט פון אומאן געבראַכט, האָט מיט זיין כאָרכלענדיגען קול אָנגעהויבען ארויסצוזאָגען די נעמען פון די, וואָס זיינען געפאַלען אויף קדוש השם, האָט דאָס געוויין אָנגעפילט דאָס שוהלכעל. שטיל זיינען פון יעדענס אויגען טרעהרען גערונען, און באהאַלטען טיעף אין הארץ האָט יעדער גאָט געבעטען אין דער שטיל, אז דאָס שוהלכעל זאָל שוין זיין דאָס לעצטע מקום מנוחה, וואו זיי זאָלען געפינען אַן אָפרוה און אַ מנוחה ביז דער מלך המשיח וועט קומען.

— גאָט זאָל געבען, אז דאָס זאָל שוין זיין דער לעצטער גלות, — האָט איין איד דעם אנדערען געוואונשען.

— אז מיר זאָלען שוין אויסגעהיט ווערען פון שלעכטס, — האָבען זיך די פרויען אין טרעהרען געקושט.

נאָר באלד איז אוועק דאָס טרויעריגע געמיטה און די געזיכטער פון יונג און אַלט זיינען אויסגעלויטערט געוואָרען, ווי די זון, וואָס שיינט אויף אַ בארענגעטעם פעלד — אזוי האָט דאָס געזאַנג פון חזן באַגלייט מיט יצחק אהרן׳ס זיסע פיעדעל שפיעלען באַלייכט יעדעם באטריעבטע פנים. דאָס האָט דער חזן אויסגעזונגען דעם „ויהי בנסוע הארון“.

און שלמה׳לע, מענדעל׳ס יונג, אָנגעטאָן אין אַ גרין זיידענע קאַ־פּאָטקעלע, וואָס דאָס שניידערעל, דער מלמד, האָט איהם אויפגענעהט צו דער חתונה, האָט דעם אָרון אויפגעעפענט. איינער נאָכ׳ן אנדערען זיינען די בעלי בתים אויפגעשטיגען אויף די טרעפּען און די ספרי תורות אין דעם נייעם אָרון אריינגעשטעלט. צוויי הילצערנע לייבען מיט קרוינען אויף די קעפּ זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען אָרון באוואַכענדיג די ספרי תורות און צוויי גרויסע וויים־באַגאָלדעטע אָדלערס האָבען זיך נאָך אַ געהיימער מאַכינאַציע, וואָס דער נעמיראָ־ווער האָלץ־שניצער האָט אויסגעפונען, אראָפּגעלאָזט זיך פון דער הויך וואו זיי האָבען גערוהט אונטער׳ן בלויען באשטערענטען הימעל, זיי זיינען געבליעבען הענגען איבער׳ן אָרון אין דער לופטען און מיט זייערע ברייטע פליגעל די ספרי־תורות באשיצט. דעם ערשטען

כבוד האָט מען אָפּגעגעבען די ספרי־תורות פון די גרושים. צוערשט איז געגאַנגען דער אַלטער ר׳ יעקב מיט זיין ספר־תורה. דערנאָך ר׳ ישראל בעהמער און דערנאָך דער רב פון דער שטאָדט און ערשט צו לעצט מענדעל מיט׳ן נייעם ספר־תורה פון דער קהלה זלאָטשאָוו. און ווי עס איז געקומען די רייהע זיין פּראָסטע ספר־תורה אין אָרון אַוועקצושטעלען, איז ער געבליבען אַ מינוט שטעהן פאַר׳ן אָרון, און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ שטילען געבעט: „טאַטע אין הימעל, זאָל עס זיין אַ רוה פאַר קינדער און קינדס־קינדער“ און אַ טרעהר, די ערשטע טרעהר, איז פון נייעם פרנס אויפ׳ן ספר־תורה־מענטעלע געפאַלען...

באַלד האָט דאָס פּיעדעלע אָנגעהויבען צו שפּיעלען און דער בים־באָם אונטערצוקלאַפּען און אַ כאָר קוויטשעלעך און זינגערלעך האָבען אָנגעהויבען מיט אַ מאָל אויסצוזינגען דעם „אדון מלא עולם“. דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט דעם זמר און מיט׳ן געזאַנג איז געשטיגען די פרייד פון דעם עולם. אַוועק איז דאָס טרויעריגע געמיטה און די פורכט, וואָס האָט געהערשט, עס האָט זיך אויסגעגאָסען די אידישע פרעהליכקייט איבער דער שוהל. טאַטעס, קינדער און מאַמעס צוזאַמען. די זינגערלעך האָבען געקלונגען ווי גלעקלעך אויף די העלזער פון די ציגען, ווען זיי געהען אויף די גרינע לאָנקעס זיך פּאַשען.

יעצט האָבען די פּיעדלען ווי קוואַלען וואַסער זיך אריינגעגאָסען אין געזאַנג אריין. זיי האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען דעם נגון פון חופה פיהרען. דאָס שניידערעל־מלמד, וואָס האָט געלערענט מיט שלמה׳לען, איז געוועזען דער שמש פון דער שוהל, אין די ברייטע וואַל־קאָלירטע פּוילישע הויזען, וואָס ער האָט זיך אויפגענעהט צו דער חתונה, איז ער אריינגעקומען, אונטערגעשפּרונגען מיט די חופה־שטאַנגען, שרייענדיג האַלב אויף אידיש, און האַלב אויף פּויליש פאַר חדוה:

— זשידקי, זשידקי, אין אַ זייט. איהר זעהט נישט, ווער עס געהט? טאַ יעדזשע פּאַן איציק נאַ וועסעלע!...

די אינגלעך און די יונגע לייטלעך האָבען אונטערגעכאַפּט די חופה־שטאַנגען, אויסגעשטעלט די חופה אויפ׳ן בעלעמער. ס׳האָט זיך געלאָזט הערען אַ פליימען־שפּיעל, ווי מען וואָלט אויסגעשאַלט דעם וועג פאַר׳ן פריץ און מיט אַ מאָל האָט אָנגעהויבען צו שימערען און צו

פינקלען רויט און גאָלדענס, פערעל און שטיינער פון „האַרץ־ברעטלעך" אויף פרויען־בריסטען, פושען־פעדערען און שמוק־שטיינער אויף הויבען, רויטער סלוצקער זייד מיט גאָלדענע פעדים געוועבט, האָט שימערירט, קרעלען בלוט האָט געקרויטעלט זיך פון פערעל־נאַכט אַרויס, און געלער אַגאַט האָט געבליהט ווי געל גאָלדענע בלומען פון ווייסען אַטלאַס. ווייס איידעלע געהאַפטעטע שפיצען האָבען זיך געשוימט אויפ'ן ראַנד פון קלייד איבער די פרויען־בריסט, ווי דער שוים פון ים. שווערע גאָלדענע עטרות האָבען אַראָפּגעשוועבט איבער דעם סלוצקער זייד, ווי זיי וואָלטען געוואָלט באַשליסען דאָס ווייבער־געהיימניס, וואָס דאָס קלייד דעקט צו... פּאַמעליך זיינען געגאַנגען די מוטערס מיט וויכטיגע טריט אין שיין און גלאַנץ, און געפיהרט אין זייער מיטע די כלה. אַ קינד איז זי נאָך געווען, קיין צעהן יאָהר נישט אַלט געווען, דאָך האָט מען באַדאַרפט איהר נשמה, אַז זי זאָל דערגרעהנטערען דאָס קומען פון משיח'ען — אונטער דער שער זיינען געפאַלען איהרע שוואַרצע געקרייזעלטע לאָקען פון קאָפּ, און נישט געוואוסט האָט דאָס קינד, אַז מען דאַרף איהר נשמה צו דער פאַר־גיטיגונג פון דער וועלט, און זי האָט געאַמפּערט זיך און ניט געלאָזט איהרע שוואַרצע לאָקען פאַלען, ביז לאה די טוקערין האָט איהר נישט דערפאַר באַצאָהלט מיט זיסע קיכלעך, אַ קיכעל פאַר יעדען לאָק... נאָך יעצט באַזיסען איהר דעם גאַנג פון דער חופּה די צוקער־קיכלעך, וואָס זי האָט זיך מיט איהרע לאָקען האָר געקויפט... אָנגעטאָן אין גאָלדענעם חופּה־קאַפּטאַנדעל, וואָס קהל האָט באַשטימט (כדי אָנ־צוטאָן יעדע כלה פון דער קהלה, ווען מען וועט זי פיהרען צו דער חופּה, כדי נישט צו פאַרשעהמען די אָרימע, וואָס האָבען אַליין קיין זיידענע קאַפּטענס נישט). צום ערשטען מאָל האָט זי דעם חופּה־קאַפּטען באַנייעט, און נאָך איהר וועלען אַלע כלות פון זלאָטשאָוו טראָגען דעם קאַפּטען צו דער חופּה... און אַלע זלאָטשאָווער מיידלעך, מיט ברענענדיגע געפלאָכטענע הבדלות, ווי לייכטענדע פּוילישע בענ־דער, באַלויכטען דעם וועג צו דער חופּה פון דער ערשטער כלה פון זלאָטשאָוו.

שטעהט שוין די כלה אונטער דער חופּה, און שפּיעלט זיך מיט די טראָדלעך פון איהר קלייד און דער חתן איז נאָך נישטאָ. שוין לענגסט האָט דער בדחן אויסגעזונגען זיין ליעד. די כלי זמרים

אויסגעשפּיעלט דעם שפּיעל און דער חתן קומט אַלץ נישט צו געהן. בחנם לויפט דער שמש מיט די גבאים אַרום מיט אָנגעצונדענע הבדלות אין די הענד און זוכען אין די ווינקעלעך דעם חתן צו דער חופּה צו געהן. געפונען האָט מען איהם באַהאַלטען אונטער אליהו הנביא׳ס שטוהל; פאַרראַטען האָט איהם זיין לאַנגער גרינער זיידענער קאַפּטען — און געיאָגט האָט איהם דער מלמד פון אונטער אליהו הנביא׳ס שטוהל מיט דעם שטעקען:

— חתן, חתן, צו דער חופּה געה!

אָבער צוריק געקאָפּיעט האָט דאָס אינגעל מיט די באַנענגעלטע נייע שטיוואַלעס און פריהער נישט געוואָלט אַרויסקריכען פון אונ־טער׳ן שטוהל, ביז דער טאַטע מענדעל האָט איהם נישט פאַר די פּאות אַפּירגעשלעפּט.

געשעהמט האָט ער זיך פאַר די חברים אינגלעך, וואָס האָבען הינטער איהם אַרויסגעשטעקט אַ צונג און געזונגען איהם אַ ליעד צום גראַם:

„אַלע מענשען טאַנצען, שפּרינגען,
לאַכענדיג און זינגען,
שלמה׳לע שטעהט אַלץ און וויינט,
שלמה׳לע, שלמה׳לע, וואָס דו וויינסט?
איך וויין וואָס איך מיין,
צו דער חופּה מוז איך געהן“.

געקאָפּיעט האָט ער מיט די שטיוואַלעס, אָבער צו דער חופּה איז ער געגאַנגען, געשלעפּט ביים אויער פון טאַטען. מורא האָט מען געהאַט, אַז ער זאָל פון אונטער דער חופּה נישט אַנטלויפען. האָט איהם דער טאַטע פון איין זייט און דער מלמד פון דער צוויי־טער זייט ביי דער קאַפּאָטע צוגעהאַלטען. האָט ער זיין כעס אויס־געלאָזט צו דער כלה שטורכענדיג איהר אין די זייטען, ביז די כלה האָט איהם איינגענומען מיט איינעם פון איהרע קיכעלעך, וואָס זי האָט פאַר איהרע לאַקען געקויפט — איז ער אויף דעם שדוך איינ־געגאַנגען...

און ווייט און ברייט האָט זיך געטראָגען דאָס געזאַנג פון דער נייער שוהל איבער די וויסטע סטעפּעס פון אוקריינא, און געטראָגען האָט זיך די בשורה איבער וואַלד און פעלד, און געראַשט האָט יעדער

בוים און יעדעס גרעזעל אין די ווארימע פריהלינגס־נאכט: א שוהל
געבויט, א חופה געשטעלט, די ברכה קומט!... די ברכה קומט!...

---

פינפטעס קאפיטעל.

## דאס פאאר פאלק.

מען קען נישט זאגען, אז דאס יונגע פאר פאלק שלמה'לע מיט
זלאטע'ן האבען זעהר גוט געלעבט נאך דער חתונה. און צו שלמה'ס
יאנד מוז עס געזאגט ווערען, אז די צושטערונג פון שלום־בית איז
קיינמאל נישט געווען אהן זיין שולד. שלמה'לע, וועלכער איז שוין
דאן אלט געווען דרייצעהן יאהר, און געקליבען זיך בעל־מצוה ווערען,
איז געגאנגען אין חדר ביים גמרא־מלמד, און ער האט שוין ווי א
געניטער פיש ארומגעשוואומען אין דעם יב' פון תלמוד, באהאווענט
געווען אין אלע דינים ווי אזוי א ווייב מקדש צו זיין, וואס אין דער
כתובה אריינצושרייבען, און די אלע פליכטען און געזעצען, וואס א
ווייב צו א מאן און דער מאן איז צום ווייב מחויב. ער האט אויך
שוין געוואוסט אלע דינים, ווי אזוי א ווייב אפצו'גט'ען. שלמה'לע,
וועלכער האט מיט א פשט'על געקענט צונויפפיהרען צוויי וועלטען
און אויפבויען בבל'ס טורעמס מיט א פלפול, פלעגט אפט אהיים
קומען פון חדר אן אפגעשמיסענער. דער רבי זיינער האט זיך זעהר
ווענינ געמאכט פון דער וואזשנער שטעלע, וואס שלמה'לע פארנעהמט
אין לעבען אלס יונגערמאן. דער מאן פלעגט דעם רבי'נס שמיץ
אויסלאזען אויף דער ווייבעל'ס הייבעל. געטראפען דאס ווייבעל
זיצענדיג אויף דער שוועל־טיר פאר'ן קרעטשמע, שפיעלענדיג אין
זאמד, פלעגט ער אראפרייסען דאס הייבעל פון איהר קאפ און אנ־
שיטען דערינגען א הויפען זאמד.

— נא, אט האסטו, ווייל דו האסט געטאן שפאטען פון מיר.

— מען וועט דיך דערפאר אין גיהנום מיט פייערדיגע ריטער
שמייסען! — האט איהם דאס ווייבעל געשראקען.

— אויף דיר איז די עברה, ביזט אונטער'ן הימעל אהן א
הייבעל געשטאנען.

דאָן איז דאָס ווייבעל אַרוים מיט איהר ברוגז־ערקלערונג, וועלכע האָט געלויטעט אזוי:

„שלמה׳לע, שלמה׳לע, ברוגז.
שטעך דיר אוים די אויג׳עס,
צוויי שעפּעלעך מיט בלוט,
איך וועל שוין קיינמאָל נישט זיין מיט דיר גוט.
צווישען שעפּעלעך מיט לייהם
שוין קיינמאָל מיט דיר נישט געהן".

האָט דער יונגערמאַן אָנגענומען די ברוגז־ערקלעהרונג און אוועק־געדרעהט זיך אויף אַן אָפּצאַס. און די ווייבעל האָט זיך פארשטעלט מיט ביידע הענד די אויגען, אז זי זאָל איהם נישט זעהן.

עס איז געווען אין אַ זומערדיגען פרייטאָג נאָכמיטאָג. די קרעטשמע איז פול מיט כלאַפּעס און פּאַנעס. מענדעל איז פארנר־מען אין קרעטשמע ביים שניט־קראָם און אַקעווים, יוכבד מיט שבת־מאכען און די קינדער שרייען פאר׳ן טיר. אויף זייער געוואַלד איז ארויסגעקומען מארושא, געזעהן וואָס שלמה׳לע האָט געטאָן מיט׳ן ווייבעל׳ס הייבעל, האָט זי אָנגעהויבען מוסר׳ן:

— דו, בחור׳עץ איינער, אזוי באהאנדעלט מען אַ ווייבעל? אַ ווייבעל דארף מען ליעב האָבען, נישט שיטען זאמד אויפ׳ן קאָפּ.

— כע, כע, — האָט דער יונגערמאַנטשיק צו איהר אויסגע־שטרעקט די צונג — דו ביזט דאָך פון בלעם׳ס אייזעל, און דו וועסט נישט האָבען קיין חלק לעולם הבא, און דו וועסט מגולגל ווערען אין אַ הונד און אין אַ קאַץ, ווייל דו קומסט נישט ארוים פון יעקב אָבינו, נאָר פון עשו הרשע.

— דו קומסט ארוים פון עשו הרשע; דו ביזט אַליין אַן עשו! — האָט זיך די גויה געריצט מיט׳ן יונגענמאַנטשיק — דו האָסט אַן עברה געטאָן, געלאָזט דיין ווייבעל שטעהן אונטער׳ן הימעל מיט אַ בלויזען קאָפּ. מעג מען? מען וועט דיך דערפאר אין גיהנום ברענען און בראָטען, — האָט די גויה זיך אָנגענומען די קריוודע פונ׳ם ווייבעל.

שלמה׳לע האָט זיך דערמאנט, אַז ער האָט נאָך ניט געקראָגען דעם סטונעק וואָס קומט איהם יעדען פרייטאָג, האָט ער איהם גע־פאָדערט.

— גיב מיר דעם סטונעק און שוין!

— מאַך צוערשט אַ ברכה, ווּעסט קריגען דעם סטונעק, — האָט די גויה געפּאָדערט פון דעם יונגענמאַנטשיק.

— וואָס איז דיין עסק? איך וועל שוין מאַכען אַ ברכה. גיב מיר דעם סטונעק.

— דו ביזט עשו הרשע און דו קענסט, חלילה, פאַרגעסען און עסען אָהן אַ ברכה.

שלמה'לע האָט זיך קיין אַנדער עצה נישט געקענט געבען און געמוזט נאָכקומען דער גויה'ס באַדינגונגען, כאָטש עס האָט איהם ווּעה געטאָן, וואָס די גויה נעהמט זיך אָן פאַר זיין אידישקייט. נאָר אַזוי ווי דער יאַגדע סטונעק האָט שוין אַרויסגעשמעקט פון דער גויה'ס האַנד, און געבראַכט איהם דאָס וואַסער אין מויל אַריין, האָט ער אַ ברכה געמאַכט און גענומען דעם סטונעק.

ביי די סטונקעס האָבען זיך מאַן און ווייב איבערגעבעטען. באַלד זיינען זיי שוין ביידע מיט שלום־בית געזעסען אויף די שוועל־טיר פון קרעטשמע און געטיילט זיך מיט די ביסענס פון סטונעק.

לאַנג האָט מען זיי נישט געלאָזט זיצען אין שלום. מענדעל'ס קול האָט זיך געהערט פון קרעטשמע:

— שלמה, שלמה!

און מאַרושאַ איז אַרויסגעקומען פאַר דער טיר:

— געה, בחור'ע, אין שטוב אַריין, דער טאַטע באַדאַרף דיך שיקען די פּויערים די צערקווע אויפעפענען.

אַז שלמה איז אין קרעטשמע אַריינגעקומען, האָט ער געזעהן דעם פּאָטער אַרומגערינגעלט מיט כלאָפּעס און כלאָפּקעס און אַ פּויער, האַלב נאַקעט, אין אַ לאַנג העמד, באָרוויס, מיט'ן בלויזען קאָפּ, האַלט אַ קליין קינד איינגעוויקעלט אין שמאַטעס אויף דער האַנד, האָט געקניהט פאַר מענדלען:

— פּאָטעריל אונזערער, האָב רחמנות, גיב דעם שליסעל פון צערקווע און לאָז קריסטלען דעם יונג. שוין פיער חדשים אַלט, און מיט גאָט'ס וואַסער נאָך נישט באַשפּריצט געוואָרען. עס קען אוועק־שטאַרבען אונגעקריסטעלט, וועט עס דאָן דער שטן צונעהמען.

— יאָ, און דערנאָך וועלען אייערע דעם קסיאָנדז דערצעה־לען, אַז איך האָב דעם שליסעל אָהן אָפּצאָהלונג אַרויסגעגעבען, וועט

ער מיך שמייסען לאָזען, ווי ער האָט עס געטאָן ביי יעפּרעמ'ס חתונה, נענוג קריעגט דער איד שמיץ פאַר זיין אייגענער אמונה — נאָך פאַר א פּרעמדען גלויבען שמיץ צו קריעגען האָב איך קיין חשק ניט, וויל איך ניט.

— זאָלען מיר שטום ווערען, זאָלען אונזערע מיילער אָפּגענומען ווערען, אויב מיר וועלען איין וואָרט זאָגען, — האָט זיך דער האַלב-נאַקעטער פויער געבעטען, קניהענדיג פאַר מענדלען — העלף, פּאַטעריל אונזערער, דער יונג איז קראַנק און קען אוועקשטאַרבען — אין טייוולישע הענד וועט ער אריינפאַלען, דעם פּאַטער זיינעם קומען דערנאָך דישען... האָב רחמנות, פּאַטעריל.

— נעהם דעם שליסעל, שלמה, און עפען די פויר'ן די צערקווע אויף — האָט מענדעל איבערגעגעבען שלמה'ן דעם שליסעל פון צערקווע, וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן נאָגעל אינאיינעם מיט די שליסלען פון די בראָנפען-קאַמער.

— גאָט וועט דיר באַצאָהלען, פּאַטעריל אונזערער, גאָט וועט דיר באַצאָהלען — האָט דער האַלב נאַקעטער פויער געקושט מענדלען דעם שטיוועל און איז ארויס מיט'ן קינד אויף דער האַנד נאָך שלמה'ן.

— קום, פּאַטער, טהוט גאָט'ס זאַך, דער איד האָט דעם שליסעל געגעבען, — פּעדערט דער פויער דעם רוסישען פּאָפּ, וואָס איז געזעסען אויפ'ן באַנק ביים פּיעקעליק.

נאָר דער פּאָפּ האָט זיך נישט באַוואויגען. ער האָט מיט זיין ברייטען רוקען פאַרשטעלט דעם פּיעקעליק — און איז געבליבען זיצען, אזוי ווי ער וואָלט געוועזען צוגעמויערט צו דער וואַנד.

— אויף וואָס וואַרטסטו, פּאַטעריל? — האָט איהם מענדעל געפרעגט.

— געוועזען א פינגערהוט הייליגער ווייז אין צערקווע, האָבען איהם די נשמות אויסגעטרונקען, און אָהן הייליגען בראַנפען וועט גאָט די נשמה נישט אויפנעהמען אין קריסטליכען גלויבען — האָט דער פּאָפּ געענטפּערט.

— וואָס ווילסטו?

— טהו, מענדעל, א קריסטליכע זאַך, העלף א נאַקעטע נשמה קומען אונטער דעם קריסטליכען גלויבען און שענק פאַר דער צערקווע א פלעשעלע מיט ווייז, — שלעפּט דער פּאָפּ א ליידיגע פלאַש פון

זיינע ברייטע טאשען ארוים און שטרעקט זי אויס צו מענדלען — גאט וועט דיר באצאהלען דערפאר. מיר זיינען ארימע מענשען.

— אוי, געוואלד, ער הויבט שוין וויעדער אן! וואס האט זיך דער בעל־הגוף אנגעזעצט אויף מיר. דער קסיאנדז וועט דאך מיך צום טויט שמייסען. איך האב דאך א ווייב מיט א קינד. איך העלף גארנישט, איך טהו גארנישט, איך ווייס פון גארנישט. ווילסט דעם שליסעל פון צערקווע — נא דיר. פאר מיר באדארף איך איהם נישט. ווילסט בראנפען — נא דיר בראנפען, דערפאר האלט איך די קרעטשמע, אז איך זאל פארקויפען בראנפען, אבער וואס העלף איך? וואס? איך העלף גארנישט, איך טהו גארנישט, איך ווייס גארנישט, — האט מענדעל אנגעגאסען דעם פאפ א קווארטעל בראנפען אין פלאש אריין, ארויסשטופענדיג איהם פון קרעטשמע.

שלמה׳לע האט דעם פאפ די צערקווע אויפגעעפענט און פלינק אנטלאפען, אז ער זאל נישט אנריהרען די וועגד פון צערקווע. ער האט זיך אפגעשטעלט פון דער ווייטענס, כדי ער זאל נישט „טרפה“ ווערען, הערענדיג דאס געזאנג פון דער צערקווע. און ווען דעם פאפ׳ס באס־שטימע האט דאך דערגרייכט צו איהם אין דרויסען, האט ער מיט זיינע הענד פארמאכט זיך די אויערען, אז ער זאל גארנישט הערען, און עס זאל נישט פארשטאפען זיין מח צו לערנען תורה.

דער טאטע האט איהם שוין אפגעווארט ביי דער טיר פון קרעטשמע מיט׳ן פעקעל וועש אונטער׳ן ארים און האט איהם גענומען אין מקוה אריין אויסבאדען זיך לכבוד שבת, ווארים דער שמש האט שוין אין מארק פון שטעדטעל אויסגערופען, אז די מקוה איז אונטערגעהייצט לכבוד שבת.

אהיים געקומען פון דער מקוה אפגעצוואגענע און אנגעטהאנענע אין נייע געוואשענע העמדער מיט ווייסע ברייטע קראגענס, פארווארפען איבער די גרינע קאפאטעס, האבען זיי שוין געפונען די קרעטשמע פארוואנדעלט אין א רוהיגען שבת־נעסט. גאר ניט איז געווען דא מעהר צו דערקענען, וואס זאל דערמאנען אן א קרעטשמע. צוגעדעקט זיינען געווען די באטשקעס מיט בראנפען מיט ווייסע ליילעכער, און פארהאנגען זיינען געווען די פאליצעס מיט די סחורות מיט טיכער און ליילעכער. אויפגערוימט איז געווען די קרעטשמע

און פאַרוואַנדעלט אין אַ שבת־שטוב, ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין האַנדעל געפיהרט געוואָרען. זיעבען כשר'ע שמאַלצענע ליכט האָבען זיך געברענט אין דעם גרויסען מעשענעם שבת'ניק, אויף וועלכען עס האָבען אַראָפּגעפינקעלט פון זיין פענדעל אַראָפּ „נרות של שבת“. צוויי פּאָר חלות, איינע אַ גרויסע, פאַר'ן אַלטען בעל־הבית, און איינע אַ קליינע פּאָר פאַר'ן יונגען בעל־הבית, זיינען געווען געגרייט אויף דעם ווייס באַצוועלטען טיש, מיט אַ גרויסען זילבערנעם בעכער און אַ קליינעם זילבערנעם בעכער. און די שוויגער מיט דער שנור זיינען געזעסען ביים טיש,ביידע אָנגעטהאָן אין לאַנגע אַראָפּגע־האַנגענע גרינע זיידענע קאַפּטענס, אין נייע באַשפּיצטע הויבען. די גלאַנצענדיגע שטערענס זיינען געווען פאַרבונדען מיט שטער'ען־טיכלעך, און איבער די הערצער — האַרץ־ברעטלעך, אויף וועלכע עס האָבען געפינקעלט די ציערונג, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון זייערע מענער. דבורה'לע, ווי קליין פאַרשטעלט יונג ווייבעל, האָט נאָכגעטהאָן אַלצדינג, וואָס די שוויגער האָט געטהאָן, און די מאַרושא, אָנגעטהאָן לכבוד שבת אין אַ נייע שירץ און אַ נייע טיכעל איבער'ן קאָפּ, איז געזעסען אויף אַ קליין בענקעל ביים פּיעקעליק און געקוקט מיט גדולה אויף די יונגע נייע בעל־הבית'טע. שוויגער און שנור האָבען ביידע געזונגען אַ ליעד לכבוד שבת פאַר ליכט בענשען:

אײן שעהן געזאַנג וועל איך אָנהויבען צו זינגען,
מיט פרישער, פרעהליכער, הערליכער שטימע,
צו עהרען די הייליגע מלכה, די דאָ איז וואויל בעקאַנט.
שבת איז זי מיט איהר'ן נאָמען גענאַנט.

גאָט דאָס מיט איהם דאָס ליכט רוהט,
אין מיין הויז זאָל ער שיקען די מלכה גוט.
פאַר איהרעט וועגען האָב איך דאָס הויז טון אויסרוימען.
וואָרום טהוט זי אַזוי לאַנג אין דרויסען זוימען?

פאַרוואָגלען טהוט זי גאַנצע זעקס טעג,
אַזוי ווי אַ מענש דער אין גלות איז געפּלאַגט,
ווי איין פויגעל פון איין דאַך צום אַנדערען טהוט זי פליהען,
ביז די צייט דאָס דער הייליגער שבת קומט אַהערצוציהען...

און ווען שלמה'לע האָט געגומען דעם גרויסען סדור און האָט זיך שוין צוגעקליבען מיט'ן טאַטען אין שוהל צו געהן, האָט זיך דערהערט אַ גרויסע פּאַנסקע בייטש מיט פיעל פערד געשפּאַנט, פאַר־פאָהרט פאַר דער קרעטשמע.

— הע, זשידזשע, עפען אויף, דער יאַסנע וויעלמאָזשנע פאַן דאָמבראָווסקי קלאַפּט אין טיר, עפען אויף!

— אוי, דער גרויסער וויעלמאָזשנע פאַן דאָמבראָווסקי קלאַפּט אין טיר. איך קען נישט, פּריץ לעבען, עס איז שבת היינט.

— זשידזשע, דרייסיג שמיץ וועל איך דיר לאָזען געבען, עפען אויף די טיר!

— איך קען נישט, פּריץ לעבען, איך טאָר נישט, פּריץ לעבען. עס איז ביים אידען שבת היינט!

— ווי אַזוי וואַגסטו, איד? דער יאַסנע וויעלמאָזשנע פאַן דאָמ־בראָווסקי וויל אַ שנעפּסעל טרינקען.

— איך קען ניט, פּריץ לעבען, איך טאָר נישט, פּריץ לעבען, עס איז שבת היינט.

— שטעל אַ קוואַרט אָקעוויט אַרונטער אונטער דער טיר, אין דער גאַנצער שטאָדט קיין טראָפּען נישטאָ...

— איך קען נישט, פּריץ לעבען. די אידענע האָט שוין די ליכט געצונדען.

— פאַרשאָלטענער איד. אַז דער איד האַלט זיין שבת, מוז גאַנץ פוילען אָהן אָקעוויט בלייבען... — האָט זיך געהערט אַ שטימע פון דער צווייטער זייט טיר.

---

זעקסטער קאַפּיטעל.

## אין דער ישיבה אַריין.

אַז שלמה'לע איז אַלט געוואָרען פיערצעהן יאָהר, האָט מען זיך געקליבען איהם צו שיקען אין ישיבה אַריין קיין לובלין, ווי אַלע בכבוד'ע אידישע בעל־בית'ישע זיינען געפאָרען צו לערנען זיך

אין דער באַריהמטער לובלינער ישיבה. מענדעל האָט זיך געקליבען קיין לובלין אויפ׳ן יאַהרמאַרק, וואו עס האָט היי־יאָהר געזאָלט אויסזיצען דער ועד ארבע הארצות, דער אידישער סעים, פאַר וועל־כען מענדעל האָט זיך געוואָלט צום ערשטען מאָל פאָרשטעלען אַלס פּרנס און פאַר וועלכען מענדעל האָט אויך געוואָלט פאַרברענגען אַ וויכטיגען ענין, וואָס איז נוגע כלל ישראל.

אין אַ שעהנעם פרייטאג נאָכמיטאָג האָט זיך באוויזען אין זלאָטשאָוו דאָס שניידעריל, שלמה׳ס מלמד. האָט ער זיך פון מוצאי שבת אָן אָוועקגעזעצט ביי מענדלען אין קרעטשמע הינטער דעם פּיעקעליק מיט פינגערהוט און נאָדעל, אויפצונעהען מלבושים מיט־צונעהמען פאַר שלמה׳לען אין וועג אריין. דאָס „שניידעריל" האָט געגנעהט מלבושים אַזוי ווי פאַר די אידען אַמאָל אין מדבר, אַז זיי זאָלען מיטוואַקסען מיט די אינגלעך. דעם „עודף" האָט ער אונטער־גענעהט, אַז מען זאָל קאָנען ארויסלאָזען די נאָהט און אויסציהען דאָס מלבוש. דאָס שניידעריל האָט פאַר שלמה׳ן אויפגענעהט אַ ווינטערדיגע וואטיוועקע פון מענדעל׳ס אַ מלבוש, אַ בגד תפארה, אויס פּורפּור זייד, פאַר שבת און יום טוב, אַ פּאָר ברייטע תחתונים אויס שווארצען ציץ, אַ צוויי־דריי פלאַקסענע העמדער, און געגנעהט האָט דאָס שניידעריל כשר׳ע מלבושים, מיט רונדיגע קאַנטען, אַז די מלבושים זאָלען נישט מחויב זיין ציצית, און געהיטען זיך פאַר שעטנז, און קיין איין מינוט נישט באַלמוטשעט ביים נעהען, תהלים געזאָגט אָדער משניות געלערענט אויף אויסווענינ. געזאָגט האָט מען אויף דעם שניידעריל, אַז ער איז אַ פאַרבאָרגענער צדיק, איינער פון די ל״ו, אויף וועלכע די וועלט שטעהט. דאָס שניידעריל פלעגט פאַרפאַלען ווערען אויף עטליכע וואָכען פון שטעדטעל און אויפ־האַלטען זיך אין די גערדיכטע וועלדער. טיילמאָל פלעגט ער פּלוצים אריינפאַלען ערב שבת צו אַן איינזאַמען אידישען ארענדאַר אין אַ אידישער קרעטשמע און פלעגט פאַר דעם פּראָסטען אידען קידוש מאַכען, אָדער באַווייזען זיך צו אַן איינזאַמער קינפּעטאָרין אין דער וואך־נאַכט אין אַ פאַרוואָרפענער קרעטשמע און מלחמה האַלטען מיט דער לילית, וואָס איז געקומען דאָס קינד טויטען... געזאָגט האָט מען, אַז גרויסע נשמות קומען צום שניידעריל אין וואַלד, וועלכע לערנען מיט איהם די סודות פון דער תורה. מלבושים, וואָס דאָס

„שניידעריל" האָט אויפגענעהט, איז געווען א סגולה פאַר פארשיע־דענע קרענק. מען פלעגט זיי אַנטאָן א חולה מסוכן, איז ער געזונד געוואָרען, א שווערע געווינערין — האָט זי דאָס קינד געבוירען.

ביי מענדלען אין שטוב האָט מען אויף דעם שניידעריל גע־קוקט ווי אויף א היילינגען, און אויף זיין ארבייט ווי אויף היילינגע ארבייט. א שטילקייט האָט געהערשט ביים גרויסען פיעקעליק, וואו דאָס שניידעריל איז געזעסען און גענעהט די מלבושים פאַר שלמה׳־לען. מען איז זיכער געווען, אז דעם שניידעריל׳ס מלבושים וועלען איהם אָפּהיטען פון אַלעם שלעכטס און באַשיצען איהם דורך די גאַנצע לאַנגע צייט, וואָס שלמה׳לע וועט זיין ווייט פון דער היים צווישען פרעמדע מענשען...

---

דעם שבת בעפאָר שלמה׳לע איז געפאָהרען אין ישיבה, איז ער געזעסען אין דער גרויסער שטוב, אויף דער האָלצערנער באַנק, און געלערענט זיין שיעור (קיינער איז ניט געווען. טאַטע־מאַמע זיינען געשלאָפען אונטער א דעק), האָט די אַלטע דיענסט מארושא גענומען דבורה׳לען, זיין ווייבעל, און איהר אויסגעפּוצט אין איהרע שעהנסטע קליידער. א ווייס געוואַשען, געגלאָדעלט פריסקעלע, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט און פארדעקט די אויערען, אין א ווייס געהאָפטען שערצעל איבער דעם גרינעם זיידענעם קליידעל און באַלאָדען זי מיט א בארנע און א עפּעל און האָט זי אריינגעשיקט צו שלמה׳לען. אַליין האָט זי זיך, די אַלטע, אוועקגעשטעלט הינטער דער טיר און האָט דורך א שפּאַרע אריינגעקוקט. דבורה האָט דערזעהן איהר מאַן, איז זי ביי דער טיר געבליבען שטעהן, אריינ־געשטעקט דעם פינגער אין מויל אריין און מיט דער צווייטער האַנד האָט זי געהאַלטען איהר ווייס שערצעל. שלמה׳לע האָט ווייטער געלערענט, געוואָרפען אויף איהר א בליק און ווייטער געלערענט. דאַן איז דאָס ווייבעל פּלוצים צוגעגאַנגען צו איהם, און האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהם. שלמה׳לע האָט צוגעמאַכט די גרויסע גמרא און אַנגעקוקט זי.

א לאַנגע צייט האָבען זיך מאַן און ווייב אַנגעקוקט שווייגענדיג. דערנאָך האָט דאָס ווייבעל אַנגענומען א ציצה פון זיין לאַנגען ארבע

כנפות, וואָס האָט צוגעדעקט איהם אין גאַנצען:

— דו פאָהרסט אוועק?

— יא! — האָט שלמה׳לע געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— איך וויל ניט, אז דו זאָלסט אוועקפאָהרען.

— איך מוז פאָהרען אין דער ישיבה אריין תורה לערנען. דער רב האָט געהייסען.

— און ווען וועסטו טהאָן צוריקקומען?

— ווען איך וועל שוין זיין גרויס אויפגעוואקסען, און גאָר אין דער תורה הקדושה קענען גוט לערנען.

א ווײַלע האָט וויעדער דאָס קינד געשוויגען. דאן האָט זי זיך פּלוצים אָנגערופען:

— איך וויל אהיים געהן, צו דער מאַמען אהיים.

— דו קענסט נישט אהיים געהן צו דיין מאַמען אהיים. דו מוזט דאָ בלייבען, וויל דו ביזט צו מיר מקודש געוואָרען כדת משה וישראל.

— איך בין צו דיר נישט מקודש געוואָרען.

— געדענקסט דענסטמאָל, ווען מיר זיינען ביידע אונטער דער חופה געשטאַנען, ווען מען האָט די שוהל מחנך געווען, און איך האָב דיר א רינגעלע אָנגעטהאָן.

דאָס מיידעל האָט אויף דעם גאָרנישט געקענט ענטפערען.

— און איך וויל יא אהיים געהן. איך וויל דאָ נישט זיין — האָט זיך דאָס מיידעל פּלוצים אָנגערופען, צובויגענדיג איהר קעפּעל צו איהם.

— פאַרוואָס?

— פאַר אזוי.

— פאַרוואָס פאַר אזוי?

— דערפאַר וואָס דו פאָהרסט אוועק.

— און אז איך וועל דיר עפּעס מיטברענגען, וועסטו דאָ בלייבען?

— וואָס וועסטו מיר מיטברענגען?

— וואָס זאָל איך דיר מיטברענגען?

— א פּאָר גאָלדענע שיכעלעך, ווי דײַן מאַמע האָט, אויף הויכע אָפּצאַסען.

— יאָ, איך וועל דיר מיטברענגען.

— מיט גאָלדענע שנירען?

— יאָ, און וועסט נישט אַהיים געהן?

— ניין, איך וועל גאָרנישט וויינען.

— אַזוי האָב איך דיך ליעב, — האָט זיך אָנגערופען שלמה'לע און געגלעט זי איבער'ן הייבעל.

— און איך דיך אויך, — האָט זיך אָנגערופען דבורה און געצויגען זיין ציצה פון אַרבע כנפות.

— א ווייל'ע האָבען ווידער דאָס פּאָר פּאָלק געשוויגען.

פּלוצים האָט זיך דבורה אָן עפּעס דערמאָנט.

— א עפּעל ווילסטו?

— יאָ, — שאָקעלט דאָס אינגעל מיט'ן קאָפּ.

דבורה נעהמט אַרויס פון דעם טעשעל פון שערצעל אַן עפּעל און גיט איהם.

— פון וואַנען האָסטו?

די מאַרושא האָט מיר געגעבען. פאַר דיר אַן עפּעל, און פאַר מיר א באַרנע, — נעהמט דאָס מיידעל אַרויס א באַרנע פון צווייטען טאַש.

דאָס פּאָר פּאָלק האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף דער האָלצערנער באַנק עסען דאָס אויבסט.

— נאַ, פּאַרזוך פון מיין באַרנע, — זאָגט דאָס ווייבעל.

— נאַ, פּאַרזוך פון מיין עפּעל, — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק.

---

און צו מאָרגענס אין דער פריה, ווען די ערשטע בלאַסקען פון דעם רויטען מאָרגענשטערען, וואָס האָבען באַגאָסען א האַלבען הימעל, האָבען אַנטפּלעקט די וועלט פון דעם נאַכט־סוד, איז הלל, דער פּערדס־יונג, פאַרפאָהרען מיט דער בויד פאַר דער קרעטשמע. פון דער קרעטש־

מע האָט מען אָנגעהויבען ארויסצוטראָגען קישענס און דעקען און טיכער, און זעקלעך און טאָרבלעך עסען מיט באָטשקעס בראנפען, וואָס מען האָט אָנגעגרייט פאַר דער גאַנצער נסיעה, וועלכע האָט געזאָלט פאַרנעהמען צוויי־דריי וואָכען פון זלאָטשאָוו קיין לובלין. אויף דער בויד האָט זיך אויך אויפגעזעצט חיים דער פּאָטשטאַרזש, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען: דער „שומר ישראל“, וועלכען מען האָט מיטגענומען צו היטען פאַר „גזלנים“. חיים איז געווען אַ הויכער,שטאַרקער איד, וואָס האָט געקענט רייטען אויף אַ פערד און האָט געוואוסט איינער אליין פון אלע אידען פון שטעדטעל ווי אומ־צוגעהן מיט אַ ביקס און פּראָך. בעקליידעט איז געווען חיים אין זיינע אמט־קליידער, ווי אַ אידישער סטראַזשניק, מיט אַ ביקס פון פאָרענט און אַ ביקס פון הינטען, און ארום בויך אַ גרויסען גאַרטעל, אויף וועלכען עס האָט געהאַנגען אַ האָרן מיט פּראָך.

געווען איז חיים אַ קהל׳שער מענש. קהל פלעגט איהם באַנוצען פאַר אַ שליח בית־דין, ווען מען האָט באַדאַרפט שיקען אַ שליח פון איין ישוב צום אַנדערען מיט אַ שליחות, אָדער ווען קהל האָט באַדאַרפט ארונטערפאָדערען צום בית־דין אַ „תקיף“, וועלכער האָט נישט געוואָלט קומען, האָט מען געשיקט חיים פאָטשטאַרזש ער זאָל איהם ברענגען בחזקה.

חיים פּאָטשטאַרזש האָט געהאַט אויסצופיהרען אין שטעדטעל אלע פונקציעס, ביי וועלכע מען האָט באַדאַרפט ארויסווייזען גבורה. און אַזוי ווי זיין פּערזאָן אליין האָט נישט געקענט ארויסברענגען פיעל גבורה — האָט ער זיך באַקליידעט מיט כלי־זין. מיט דער בויד איז אויך מיטגעפאָרען ר׳ יונה אייבשיטץ, דער מגיד פון שטעדטעל, וועלכער האָט יעדען שבת נאָכמיטאָג אַ מוסר־דרשה געזאָגט, וואו ער האָט געשילדערט מיט העלע פאַרבען דאָס גיהנום מיט אלע זיינע קעסעל־גריבער און דאָס גן־עדן מיט אלע זיינע מדרגות. ר׳ יונה איז געווען אַזוי אויסגעקאָכט אין גיהנום, אַז ער האָט געוואוסט פון אלע קאַלך־אויוועגס און פייערדיגע טעפּ, ווי ער וואָלט געווען אַ תושב פון דאָרט. יעצט האָט ער זיינע דרשות צונויפגעזאַמעלט אין אַ ספר און פיהרט עס קיין לובלין פאָרצולעגען זיין ספר פאַר׳ן „ועד ארבע הארצות“, צו באַקומען דעם רשות דאָס ספר צו דרוקען. אויך צו קריעגען אַ הסכמה פון אַ גדול־הדור פאַר׳ן ספר און אגב,

אין דער צייט פון יריד, ווען עס זיינען פארזאמעלט געווען אזוי פיעל עשירים סוחרים, זעהן וועגען א נגיד, וואס וועט זיך וועלען פארדיענען חלק לעולם הבא און ארויסגעבען דאס ספר אויפ'ן חשבון הגביר...

ענדליך איז אויך ארויסגעקומען פון קרעטשמע מענדעל מיט זיין אינגעל שלמה'לען. די אלטע מארושא, וועלכע האט איהם נאכ־געטראגען דאס קעסטעל, האט איהם צוגעוואונשען אויף אידיש, אז ער זאל באגעהרען צו לערנען. די מאמע מיט'ן ווייבעל זיינען געשטאנען פאר דער טיר פון קרעטשמע:

— פאר וואס געזעגענסטו דיך ניט מיט דיין ווייבעל, שלמה'־לע? א מאן פאהרט אוועק אויף אזא לאנגע צייט, באדארף זיך גע־זעגענען מיט'ן ווייב, — האט דער פאטער געזאגט.

שלמה'לע אין דער לאנגער קאפאטע, וועלכע האט זיך איהם נאכגעשלעפט נאך די פיס, אין גרויסען געלען שטריימעל, איז צו־גאנגען צו דבורה'ן, וועלכע איז געשטאנען ביי דער שוויגער, און ניט קוקענדיג אויף איהר, נאר ערגעץ אין א זייט, האט ער געזאגט:

— בלייב געזונד, דבורה!

דאס מיידעל האט געשוויגען.

— זאג דיין מאן: „פאהר געזונדערהייט און באגעהר צו לערנען", האט איהר די שוויגער געלערענט.

— פאר געזונדערהייט און באגעהר צו לערנען — האט דאס מיידעל נאכגעזאגט דער שוויגער. ווי אויך צום ערשטען מאל זייט די קינדער האבען חתונה געהאט, האבען זיי זיך געשעהמט צו קוקען איינער דעם אנדערען אין פנים אריין.

שוין האט שלמה'לי געוואלט צוגעהן צו דער בויד, נאר אין דער לעצטער מינוט האט זיך די מאמע נישט געקענט איינהאלטען. זי איז אויפגעפאלען אויף איהר בן־יחיד און איהם באגאסען מיט טרעהרען און מיט קושען. — גאט זאל זיין דיין שיצער, ווילאנג איך וועל דיך נישט זעהן — און נאך איהר די קאזאטשקע דיענסט, נאך דאס יונגע ווייבעל האט געקוקט ערנסט צו דער ערד.

— יוכבד — האט זי מענדעל דערמאנט — גאט האט דיך מזכה געווען און דו שיקסט דיין זוהן אין ישיבה אריין, וואו עס

זיינען לומדים און גאונים, און דו ווייסט?
— פאר גאָט׳ס זכות — האָט זיך די מוטער די טרעהרען גע־ווישט מיט׳ן פארטוך.
שלמה׳לע האָט זיך מיט׳ן ארבעל אָפּגעריבען דער מוטער׳ס קושען פון באק און איז ארויפגעשפרונגען אויף דער בויד.

„מיט׳ן רעכטען פוס, אין רעכטען וועג,
וואו קיין רוח־רעה רוהט,
נאָר אייטעל גוט׳ס
און לויטער רוה! —

האָט די מוטער איהם צוגעוואונשען.

---

לאנגזאם איז די פוהר איבערגעפאָהרען דאָס שלאָפענדע שטעד־טעל און איז ארויסגעקומען צווישען די פריצ׳ישע פעלדער. די גע־שניטענע בינדלעך ברויט, וואָס זיינען געלעגען אין פעלד, האָבען זיך געגילדעט אין דער זון. די גרעזער זיינען פייכט געווען פון דער פריהמאָרגען־ראָסע, און אין דעם ריינעם פרישען חלל האָבען זיך געקייקעלט קליינע וואָלקענדלעך רויך פון די פויערישע שטרויענע דעכלעך, וועלכע האָבען היימיש געמאכט דאָס לאנד ארום און ארום. אָבער וואָס ווייטער מען איז געפאָהרען און וואָס מעהר די זון האָט צו־וואָרימט דעם אויפקומענדיגען טאָג, אלץ ווינציגער זיינען געוואָ־רען די באארבייטע פעלדער און די וועלט האָט זיך פונאנדערגעגאָסען אין א לאנגער ווייטער אונענדליכקייט... און מענדעל׳ס בויד איז פארבלאָנדזשעט געוואָרען אין א ים מיט הויכען שמעקעדיגען גראָז, מיט פארשיעדענפארביגע בלומען — אָהן א שטעג און אָהן א וועג. ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכען האָט זיך געזעהן גאָט׳ס באפלאנצטע וועלט. טיילמאָל נאָר האָט זיך אויף א בערגעל פארקליבען א וועלדעל פון יונגע ווייסע ווייערבען, בוימעלעך, וועלכע האָבען מיט זייערע דינע איידעלע צווייגען־ריטלעך געפלאָכטען א דעליקאטען געוועב, און הינטער דעם געוועב האָבען ארויס־געקוקט ווייסע אָפּגעריסענע וואָלקענדלעך, וואָס האָבען זיך געטראָגען, ווי סטאַדעס שאָף, איבער דעם אונענדליכען הימעל...

דאָ און דאָרט האָבען די בוימעלעך באַשאָטענט אַ שטיק פעלד און דאָס גרינס אונטער דער טונקעלקייט פון שאָטען האָט פאַר־געשפּיעלט פון ליכטיגען פעלד. און דאָרט האָבען אַ קופּקע רויטע ווילדע מאָן־קעפּלעך אויפגעפלאַמט אין די הערליכקייט פון דער זון — אזוי האָט די סטעפּ געשפּיעלט מיט איהר ליכט און פאַרב פון איהרע פאַרשיעדענ־פאַרביגע בלומען און גרעזער — פאַר קיינעם נישט, נאָר פאַר זיך און פאַר גאָט, איהר באַשעפער...

דער שמאָלער שטעג, וואָס האָט געפיהרט פון שטעדטעל באַרג ארויף אין טהאָל אראָפּ, איז פאַרטרונקען געוואָרען אין דעם ים גראָז און מען האָט נישט געוואוסט, וואו עס פיהרט דער וועג. דענסמאָל האָט הלל, דער פערד׳ס־יונג, פריי געלאָזט די פערד, אַז זיי זאָלען מיט זייערע נאָז־לעכער דערשמעקען דאָס וואסער פון אומאַן. די פערד פלעגען פון צייט צו צייט אויפהויבען זייערע קעפּ, אויס־שטעקען זייערע פייכטע נאָזדרעס און היוך שנאָרכען אין דער לופטען און באַלד האָבען זיך זייערע רוקענס טיעפער געשטעקט אין די כאָמונטס און מיט מעהר אימפּעט געלאָזט זיך לויפען אין הארץ פון סטעפּ.

---

זיבעטער קאַפּיטעל

## אין האַרץ פון סטעפּ

אַז די בויד איז אריינגעקומען אין די טיעפעניש פון סטעפּ, האָט אַ געהיימער שרעק געאַנגסט די הערצער פון אונזערע רייזענדע. מיט אונרוהיגע אויגען האָבען זיי זיך אָנגעהויבען איבערצוקוקען, אויב עס ווייזט זיך נישט פון צווישען די גרעזער ארוים אַ גרין טאָטעריש קאַפּעל, אויב עס קוקט נישט פון צווישען די בושעס ארוים אַ ווייסע שעפּסען־היטעל פון אַ קאָזאַק. די סטעפּ ביז אומאַן איז געווען אין סכנה. עס פלעגען אריבערקומען צו שווימען פון יענער זייט דניעפּער די זאַפּאָראָזשצעס און לויערען אויף די אידישע

סוחרים. אַפילו די טאַטערם זיינען אויף לייכטע שיפלעך פון זייער לאַנד מיט'ן דניעסטער אַראָפּגעקומען און באַהאַלטען זיך צווישען די גרעזער אין דער סטעפּ, אָפּוואַרטענדיג אידישע בוידען מיט רייזענדע, וועלכע זיי האָבען געגומען געפאַנגען און אַוועקגעפיהרט אויף די שקלאַפען־מערק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָדער קיין סמירנע, וואו זיי האָבען געוואוסט, אַז די טערקישע אידען וועלען פאַר זיי געבען פיעל אויסלייז־געלד. שווער איז דורך דעם געוואָרען דאָס האַרץ פון מענדלען און ער האָט געקוקט מיט האָפנונג און טרייסט אויף דעם רעטער חיים פאַטשטאַרזש, וואָס איז געזעסען אויפ'ן קאַרשעל פון בויד. אָבער דער „שומר ישראל" איז געווען איינגעקוועטשט אין דרייען אויפ'ן קאַרשעל, זיין נאָז באַגראָבען אין וואַלד האָר פון זיינע וואָנסעם און זיינע אויגען צוגעדעקט אונטער די שוואַרצע געדיכטע ברעמען און האָט געשלאָפען דעם שלאָף פון די גערעכטע...

נאָר בחנם האָט זיך מענדל און די זייניגע געשראָקען פאַר דער סטעפּ. גאָר נישט איז געווען אַזוי רוהיג ווי די סטעפּ. רוהיג מיט איהר שפּיעל און געזאַנג, וואָס זי האָט געזונגען אין דעם הערליכען טאָג מיט איהרע מיליאָנען טענער און קאָלירען פון איהרע גרעזער און בלומען. עס האָבען געזשומעט און גערויעט זיך צווישען די גרעזער די פאַרשיעדענאַרטיגע ביהנען און פליעגען, און האָבען אויס־געזעהן, ווי אַ לייכטענדער, פאַרשיעדענפאַרביגער וואָלקען פון שטויב וואָלט זיך אויפגעהויבען פון די בלומען. פליהענדעס, לעבעדיגעס בלי־העכטס באַהעפט זיך אין דער לופטען, אַזוי ווי די פאַרבען־רייכע גע־פליעגעל־ווערים וואָלטען אַרויסגעקומען פון די בלומען און געלויכטען מיט דער זעלבער ליכט און פאַרב. דער טאָג האָט זיך פונאַנדער־געבליהט אין דער סטעפּ און די זון האָט צוגליהט יעדעס גרעזעל. די סטעפּ האָט פאַרשמעקט מיט איהרע ריחות. זיסער האָניג־געשמאַק האָט זיך געגאָסען פון די ווייסע האָניג־בלומען און אָנגעפילט די ביינער פון יעדער באַשעפעניש מיט אַ זיסער שלאָפענדיגער לוסט און בענקשאַפט.

אָפטמאָל האָט דאָס טאָפּען פון די פערדישע פיס אויפגעוועקט אַ שלאָפענדיגע מחנה פויגעל. פון צווישען די הויכע גרעזער אַרויס האָט זיך אָנגעהויבען צו טראָגען אין דער לופטען שאַרען שוואַרצע פויגעל, געקרייזעלט זיך איבער דער בויד, אויפוועקענדיג יעדעס

שלאָפענדיגע באַשעפעניש פון די גרעזער אַרוים מיט זייערע גע־שרייען און געפליגעל־רוישען. דאַמאָלסט איז די גאַנצע סטעפּ וואַך געוואָרען. די סטעפּ האָט גערעדט מיט לשונות פון געפליגעל און קריכענדעס, פון בליהענדעס און שפּראָצענדעס. פון אַלע בושען און בלומען קשאַקעס האָבען זיך אָנגעהויבען צו טראָגען פאַר־שיעדענפאַרביגע וואָלקענדלעך געפליגעל ווערים, וואָס זיינען אויפגעוואַכט געוואָרען פון דעם געשריי פון די פויגעל, און מען האָט שוין מעהר נישט געקענט זאָגען, וועלכעס עס זיינען בלומען און וועלכעס געפליגעל...

טיילמאָל האָט די בויד אָנגעטראָפען אויף אַ פאַרהוילען סטאַ־וועל. אַ קוועלכעל האָט זיי פלוצים איבעראַשט פון צווישען די גרעזער אַרוים, אַן איינזאַמער רויב־פויגעל, וואָס האָט געלויערט אויף אַ פיש אָדער אויף אַ וואָרעם, וואָס האָט זיך געקרייזעלט איבער דעם געגרונצעלטען וואַסערעל. דערשראָקען איז געוואָרען דער איינ־זאַמער רויב־פויגעל פון די פערדישע טריט און האָט זיך אָנגעהויבען צו טראָגען צו די וואָלקען צו, אויפוועקענדיג די גאַנצע סטעפּ מיט זיין ליאַרם־געשריי. עס האָבען איהם אָפּגעענטפערט אונזעהבאַרע ברואים, וואָס זיינען ערגעץ־וואו פאַרבאָרגען געווען אין דער טיע־פעניש פון די גרעזער, אַזוי ווי זיי וואָלטען איינער צו דעם אַנדערען געטראָגען די שלעכטע בשורה: אַנטלויפט, אַנטלויפט, דער מענש קומט די סטעפּ צו באַזיעגען!...

אָבער אונזערע פּאַסאַזשירען האָבען דאָס אַלץ ניט געזעהען. פאַרטהאָן זיינען זיי געווען מיט זיך. הלל, דער פערדס־יונג, וועלכער האָט זיך גוט אָנגעגעסען מיט דעה איבערגעבליבענער געפילטער קישקע פון די שבת מלוה מלכה'סדיגע סעודה, וואָס יוכבד האָט איהם מיטגעגעבען אויפ'ן וועג, איז אַ ביסעל שווערליך געוואָרען. דער האָניג־געשמאַק האָט אין די ביינער געגאָסען, אין מויל איז טרוקען געווען און עס האָט זיך געוואָלט שלאָפען פון די ריחות פון סטעפּ וואָס האָבען אין קאָפּ געשלאָגען. איז נאָכדעם ווי די פערד אין סטעפּ האָבען מעהר ניט גערדאַרפט זייער וועג־ווייזער, איז ער איינגעשלאָפען. אָבער דאָך די פערד האָבען געפיהלט אויף זיך די וואַכעדיגע נאָז פון זייער שומר אָנשטאָט זיין שלאָפענדיגעם אויג...

זיין שנאָרכען האָט אָנגעשטעקט דעם „שומר ישראל" חיים

פֿאַטשטאַרש, וואָרים אַזוי ווי הלל איז געווען אַ גרויסער עסער, אַזוי איז חיים געווען אַ גרויסער טרינקער. „ער האָט אַנדערש ניט געקענט אַרויסווייזען זיין גבורה, אין וועלכער קהל האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט נייערט ער האָט געמוזט צוערשט אָנציינדען זיין כעס מיט אַקעוויט" (אַזוי ווערט אַפּיציעל דערצעהלט פֿון איהם אין פּנקס פֿון זלאָטשאָוו). אַ איד אַ מיושב׳דיגער מיט אַ ווייב און אַ פּאָר קינדער־לאַך האָט אַנדערש ניט געקענט „איינשטעלען זיין לעבען" צו נעהמען דעם „משחית" די ביקס אין האַנד אריין סיידען ער האָט זיך פֿריהער אָנגעטרונקען. ניכטערערהייט האָט ער מורא געהאַט פֿאַר אַ ביקס, פֿאַר אַ פֿערד און פֿאַר אַ הונד, ווי יעדער איד. און אַז מען האָט געדאַרפֿט איהם שיקען מיט אַ שליחות איבער׳ן סטעפּ אין צווייטען שטעדטעל, אָדער שיקען איהם אַרונטערבר׳ענגען דעם תקיף צום בית־דין, אָדער אימיצען מלקות שלאָגען, אָדער אין פּאָליש פֿאַרשפּאַ־רען אויף די קיוט, האָט ער אַנדערש ניט געקענט אויספֿיהרען זיין שליחות סיידען ער האָט זיך פֿריהער אָנגעטרונקען. אויך יעצט בעפֿאָר ער איז געגאַנגען זיך אונטערנעהמען די נסיעה קיין לובלין איבער דער סטעפּ האָט איהם מענדעל פֿריהער גוט אָנגעטרונקען און איבער דעם גאַנצען וועג אויפֿגעהאַלטען זיין קריעגערישען גייסט און העלדישען מוטה מיט׳ן ביטערען טראָפּען, וואָס מענדעל האָט מיטגענומען אין זיין בויד. קוים האָט דער אידישער סטראַזשניק געטרונקען פֿון דעם אויפֿמינטערענדען טראָפּען, אַזוי האָט ער זיך אָנגעקליידעט מיט גבורה ווי אַ פּוילישער חראַנזע. און אויך איצט, ווען ער האָט זיך אַרויפֿ־געזעצט אויף דער בויד, האָט ער מאַניפֿעסטירט זיין גבורה דערמיט, וואָס ער האָט גלאַט אַזוי גישט מיר, נישט דיר, געהאַלטען די ביקס אויפֿ׳ן פּלייצע, צוליעב וואָס מענדעל האָט זיך זעהר געשראָקען, אַז דער „משחית" זאָל ניט פֿון דער העלער הויט אויסשיסען... נור אַזוי ווי חיים האָט געזעהען, אַז זיין גבורה בעדאַרף מען נאָך ניט, קיין גזלנים בעווייזען זיך ניט, און דער קריעגערישער מוטה, וועלכען דער אַקעוויט האָט אַזוי געוועקט, געהט פֿערלאָרען אין ניוועץ — האָט ער איהם אָנגעווענדעט אויף זיין שנאַרכען. זיין שנאַרכען, וואָס האָט זיך געהערט פֿון זיינע ברייטע נאָז־לעכער, וואָס האָבען אַרויס־געשטאַרט פֿון זיין בעהאָרט פּנים ווי צוויי קוימענס פֿון אַ שטרויענעם דאַך, איז געווען ווי דאָס כאָרכלען פֿון אַ הייזעריג־געוואָרענעם יעגער־

האָרן.

דער אַנטרייבער און דער שומר האָבען זיך אזוי לאַנג געשאָקעלט אויפ'ן קאַרשעל פון בויד ביז זיי זיינען איינגע דאָס אנדערע געפאַלען אין די ארעמס און ארומגעהמענדיג זיך ווי א געטרייע פּאָר, האָבען זיך זייערע נעז־טענער פעראייניגט אין הארמאָניע, און זיי האָבען מיט זייערע נעזער אויפגעשראָקען די האָזען פון זייערע פארבאָרגענישען ארוים.

דערפאַר אָבער האָט מענדעל מיט ר' יונה'ן גערעדט פאַר די שלאָפענדע. נאָך דעם ווי מענדעל האָט זיך אביסעל בערוהיגט איבער דעם פחד פון די יונים האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומצוקוקען איבער גאָט'ס וועלט, און געזעהן ווי גרויס זי איז און ווי לעער פון מענשען זי איז, האָט זיך איהם פארגלוסט די גאַנצע סטעפּ צו בעזייען מיט אידישע ישובים. וויפיעל אידישע שטעדט און שטעדטלאָך וואָלט מען געקענט אויסזעצען איבער דער סטעפּ, שוהלען בויען, בתי מדרשים, מקוות, און ישיבות. און טאַקע האַנדעל אויך. יעדען חודש אין אַנ־אַנדער שטאָדט אַנאַנדער יאָהר־מאַרק. די פעלדער זיינען פול מיט תבואות און אויסגעפּאָהרענע וועגען פיהרען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער אריין און אידען פאָהרען איבער די וועגען מיט בוידען סחורה און האַנדלען. און די תורה איז פארשפּרייט איבער גאַנץ אוקראַינע. וואָרים וואו ברויט דאָרט איז תורה. און טאַקע מענדעל איז א גרויסער סוחר און א פּרנס פון א גאַנצען ישוב... ער האָט זיינע געדאַנקען מיטגעטהיילט ר' יונה'ן.

— גרויס איז גאָט'ס וועלט, ר' יונה — האָט מענדעל געזאָגט מיט א קרעכץ — און די ערד וואו מיר פאָהרען דאָ איז גוט, ר' יונה, שוואַרצע ערד, מען דערקענט זי לויט די גרעזער. וואו מיר פאָהרען דאָ, ר' יונה, וועלען אמאָל אידישע ישובים זיין. אידישע שטעדט־לאָך וועלען זיין אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצען לאַנד. אידען וועלען האַנדלען, פיהרען סחורות פון איין שטאָדט אין די אַנדערע, און ישיבות מאַכען, און די תורה וועט זיין פערשפּרייט.

א מינוט האָט ר' יונה שטיל געשוויגען, אויסגעהערט וואָס מענדעל זאָגט, דערנאָך האָט ער זיך אָבגערופען:

— די ערד איז דאָ גוט, דאָס לאַנד גרויס, נור קיינער איז נישטאָ ווער עס זאָל גאָט'ס נאָמען דערמאָהנען, א ברכה מאַכען, דאַווענען אויף

איהר. דורך דעם איז זי פול מיט שדים און רוחות רעות. און דו מיינסט, פרנס, אז דאָס זיינען פּראָסטע פויגעל וואָס לויפען אונז נאָך דער בויד, פּראָסטע גרעזער, אָדער ביהנען, אָדער ווערים? דאָס זיינען אַלץ נשמות, פאַרפאַלענע, פאַרבלאָנדזשעטע אין די וועלדער, אין די מדבריות, וואַרטען אויף אַ תיקון, געזעהן אַ בויד מיט אידען לויפען זיי נאָך, ווילען כאַפּען אַ וואָרט תורה, אַ ברכה, כדי זיי זאָלען קריגען דורך אונז אַ תיקון און צוקומען צו זייער רוה... אם ירצה השם, ווען אידען וועלען דאָ קומען און זיך בעזעצען, שוהלען און בתי מדרשים בויען, דאַוונען און לויבען גאָט, וועלען זיי די רוחות רעות פאַרטרייבען. עס וועט ווערען אַ ריין מקום און אַ ישוב.

— מיינט איהר, ר׳ יונה, אז דאָ וועט אמאָל אַ ישוב זיין, אידישע שטעדטלאַך און בתי מדרשים?

— אודאי אזוי! — ווי אַנדערש? דאָס מקום איז דאָך אָנגע־גרייט פאַר אידען. ווען די גויים האָבען די אידען זעהר שטאַרק גע־פּלאָגט אין גלות, און די שכינה כביכול האָט געזעהן, אז עס נעהמט גאָר נישט קיין קץ און קיין ענד, דאָס ביסעלע אידעלאַך קען, חלילה, אונטערגעהן, אזוי איז זי געקומען, די שכינה, פאַר׳ן רבונו של עולם זיך אויס׳טענה׳ען מיט איהם, און האָט צו איהם אזוי געזאָגט: ווי לאַנג איז דער שיעור? די טויב אז דו האָסט ארויסגעשיקט פון די תיבה, ווען דער מבול איז געווען, האָסטו געגעבען אַ אויילבערט צווייגעל, אז זי זאָל האָבען וואו איהרע פיס אָפּצורוהען אויפ׳ן וואַסער, און דאָך האָט זי ניט געקענט אויסהאַלטען דאָס וואַסער פון מבול און איז צוריקגעקומען אין דער תיבה אריין, און מיינע קינדער האָסטו ארויסגעשיקט פון דער תיבה אין אַ מבול אריין און גאָרניט האָסטו בעשאַפען אויף וואָס זייערע פיס זאָלען זיך האָבען אָבצורוהען אין גלות? אזוי האָט גאָט גענומען אַ שטיק ארץ־ישראל, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך באַהאַלטען אין די הימלען ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען און עס אראָבגעשיקט אויף דער ערד אראָב און גע־זאָגט: זיי אַן אָברוה פאַר מיינע קינדער אין גלות. דורך דעם הייסט עס פּוילין. פּה—לין, דאָס מיינט מען, אז דאָ זאָלסטו נעכטיגען אין גלות. דורך דעם האָט דאָ דער שטן איבער אונז קיין שליטה ניט, און די תורה איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער מדינה: שוהלען, בתי מדרשים און ישיבות, גאָט צו דאַנקען.

— און וואָס וועט זיין לעתיד לבוא, אז משיח וועט קומען ? וואָס וועלען מיר טהאָן מיט די שוהלען און די ישובים וואָס מיר האָבען געבויט אין פוילען ? — האָט זיך מענדעל פּלוצים דערמאָנט אין זלאָטשאָוו.

— ווי הייסט ? לעתיד לבוא, אז משיח וועט קומען וועט אודאי גאָט איבערפיהרען פוילען מיט אלע איהרע ישובים, בתי מדרשים און ישיבות קיין ארץ־ישראל. ווי דען אנדערש ?

מענדעל האָט זיך אין גאנצען בארוהיגט. נישט נור בלויז פאר זיין זלאָטשאָוו נור פאר גאנץ פוילען וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט צורעכט מאכען אין זיין מוח וואָס וועט ווערען דערמיט ווען משיח וועט קומען.

און נאָך דעם ווי מענדעל האָט בארוהיגט זיין גייסטיגען הונגער, האָט זיך אָנגעהויבען צו וועקען זיין קערפּערליכער הונגער. דער יונג הלל האָט איהם געהאָלפען דערמאָנען מיט בעטלענדיגע בליקען, און דער שומר ישראל האָט זיך געקראצט אין קאָפּ, אין באָרד און די פאות דורך דער גאנצער צייט וואָס דער מגיד האָט גערעדט און די לופט פון סטעפּע האָט גערייצט. און באלד האָבען זיי געפונען א קוואלכעל, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט די הענד וואשען.

יוכבד'ס פעטע געטריקענטע קעזלאך, שווארצע רעטאך און שטאר־קע אָקעוויט האָט געקוויקט דעם קערפּער, ווי ר' יונה'ס ווערטער — דעם גייסט. און ווען קערפּער און גייסט האָבען זיך געזעטיגט האָבען זיך אלע איבערגעגעבען אין די אָרעמס פון שלאָף, און איבערגעלאָזט די פערד אליין זיך צו געפינען דעם וועג נאָך אומאן. און די פערד האָבען אויסגעשמעקט דעם אומאנער וואלד פון סטעפּ ארוים און ווען די זונן האָט זיך אָנגעהויבען צו זעצען און פעראייניגט דעם הימעל מיט'ן סטעפּ אין איין רויטען פייערדיגען פלאם, האָט זיך אָנגע־הויבען אויפ'ן עק־האָריזאָנט צו שווארצען דער אומאנער וואלד און אינאיינעם מיט'ן שטילען אבענד זיינען זיי ארייגעפאָהרען אין די בראהמע פון אומאן.

## אכטער קאפּיטעל

# די אסיפה פון די פרנסים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מענדעל'ס בויד פאַרפאָהרען פאַר ר' ברוך שענקער'ס אכסניא אין דער אידישער גאַס אין נעמיראָוו. הלל האָט אָנגעטראָפען דעם אַריינפאָהר פון דער אכסניא באַלעגט מיט בוידען און פוהרען.

— העי, מאַכט פּלאַץ פאַר דעם פרנס פון זלאַטשאָוו; רוק זיך דו פאַרך־יונג, מצרים'ס מכות אויף דיין קאָפּ. מאַכט פּלאַץ, דער פרנס פון זלאַטשאָוו פאָהרט, געהערט? — האָט דער פערדס־יונג געשריען.

— שריי ניט אַזוי, „מלך אביונ'ס" משרת; מצרים'ס מכות מיט די קללות פון דער תוכחה צולעגט אויף דיין קאָפּ. ר' זכריה סאַבילענקי, דער פרנס פון טשיהרין, זיין בויד שטעהט, דרך ארץ!— האָט מען געשריען פון דער צווייטער בויד.

געהערט וועמעס בויד די צווייטע איז, האָט מענדעל בעפוילען דעם פערדס־יונג אָבשטעלען זיך, איז אַליין אַראָב פון דער בויד, צוגעגאַנגען צו דער אַנדערער:

— איז ר' זכריה דאָ?

— יאָ, געקומען מיט זיין ברודער ר' יעקב, פאָהרען נאָך לובלין צום יריד, זיינען פאַרפאָהרען צום ראש הישיבה ר' יחיאל מיכל, אַליין געהייסען דאָ שטעהן מיט דער בויד איבער נאַכט.

ר' זכריה, דער פרנס פון טשיהרין, איז געפאָהרען מיט פיער פערד נאַ־שפּיץ, ווי די גרויסע שררים, און זיין בויד איז געווען אַ גרויסע, פול אָנגעלעגט מיט קישענס און מיט דעקען און זי האָט פאַרנומען דעם גאַנצען אַריינפאָהר. מענדעל האָט געהייסען זיין יונג זיך אָבשטעלען אין אַ זייט. די פערד אַריינפיהרען אין שטאַל אַריין און זיי געבען גוט אָפּצועסען. אַליין איז ער אַריין אין דער אכסניא, וואוהין דער יונג און דער שומר האָבען איהם אַריינגעטראָגען די פעקלאַך און די קישענס. מענדעל האָט אָנגעטהאָן די נייע קאַפּאָטע, אויסגעפּוצט זיין אינגעל, שלמה'ן, און איז אַרונטער זיך מעלדען צום ראש הישיבה, ר' יחיאל מיכל, דעם רב פון נעמיראָוו.

אין בית־דין שטוב ביי ר׳ יחיאל מיכל האָט ער שוין געטראָפפען די פרנסים פון אומאַן און קאַרסון, די צוויי ברידער ר׳ זכריה און ר׳ יעקב סאַבילענקי פון טשיהרין און די פרנסים און די שעהנע בעלי־בתים פון דער שטאָדט נעמיראָוו, וועלכע זיינען געקומען מקבל פנים זיין די פרנסים פון דער פרעמד. ר׳ יחיאל מיכל איז ניט געווען. ער איז נאָך געווען אין דער ישיבה, וואו ער האָט געזאָגט זיין שעור פאַר די תלמידים. און די שמשים האָבען דערווייל מכבד געווען די פרנסים מיט האָניג־קיכלאַך און רויטען בראַנפען פון דער רבי׳צין.

ר׳ זכריה סאַבילענקי, דער פרנס פון טשיהרין איז געזעסען ברייט אויף דער הילצערנער באַנק. די סאַבילענקים האָבען זיך געהאַלטען פאַר גרויסע תקיפים און איבערהויפט איז עפּעס געווען דער מעהר מיט ר׳ זכריה׳ן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים חראַנזע קאַניץ־פּאָלסקי, דעם שר פון טשיהרין, וועלכער איז אויך געווען דער שר פון זלאַטשאָוו, און מענדעל איז געווען אונטער זיין ממשלה. מענדעל האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר זכריה׳ן, אַלס אַן עלטערען פרנס. מענדעל האָט געוואוסט, אַז ער וועט ניט אַזוי לייכט צוגעלאָזען ווערען צו די פרנסים, און ער האָט זיך געשראָקען אַ ביסעל. ער האָט געקוקט מיט דרך־ארץ אויף ר׳ זכריה׳ן, וועלכער איז געזעסען מיט דער גרוי־סער, לאַנגער געלער באָרד פערשפּרייט אויף דער ברוסט, און זיינע אויגען זיינען געווען באַהאַלטען אונטער די הויך־פאַנאַנדערגעוואקסענע געלע ברעמען. און דאָס פנים, כאָטש אָבגעברענט פון דער זון, איז געווען פול מיט געלע זומער־שפּרינקלאַך, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט ווי אינזלען אין אַ גרויסען געלען ים. ר׳ זכריה האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף איהם. ער האָט גאָר ניט באַמערקט דעם נייעם פרנס פון זלאַטשאָוו.

— שלום עליכם, דעם פרנס פון זלאַטשאָוו, — האָט ר׳ שלום יעקב, דער פרנס הגליל פון נעמיראָוו, אָבגעגעבען שלום עליכם מענדלען.

— עליכם שלום.

— וואָס הערט זיך אין זלאַטשאָוו? מען זאָגט, אַז זלאָטשאָוו וואַקסט אַן עיר ועם בישראל. וועט באַלד שוין זיין אַזוי גרויס ווי טשיהרין, — האָט דער נעמיראָווער פרנס געזאָגט, וועלענדיג אַ שטאָך טהאָן דעם גרויסען זכריה.

— מיט׳ן רבונו של עולם׳ס הילף. אונזער ישוב האָט אין וואַקסען.

זכריה האָט אויפגעהויבען זיינע הויכע געלע ברעמען און אַרומגעקוקט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך, וואָס שלום יעקב, דער נעמיראָווער פרנס, האָט איהם געוואָלט געבען, פאַרגלייכענדיג דעם דאָרף זלאָטשאָוו צו דער קהלה טשיהרין, וועלכע איז געווען אַ גרויסער באַזעסענער ישוב. אָבער ניט אַזוי לייכט נעהמט מען זכריה׳ן אַרויס פון זיין רוהיגקייט. ער האָט נור איין מאָל אויפגעהויבען זיינע ברעמען, באַלד זיי צוריק אַראָבגעלאָזט.

צווישען דעם פריץ פון טשיהרין, חראַנזשע קאַניץ־פּאָלסקי און דעם פריץ פון נעמיראָוו, דעם פירשט ווישניוויטצקי, איז אָנגעגאַנגען אַ בעשטענדיגע מחלוקה איבער דער הערשאַפט פון אוקראַינע. צום חראַנזשע האָט באַלאַנגט דער גאַנצער סטעפּ וואָס איז געלעגען ביים „געלען וואַסער" ביז אַרויס צום סעטש צו. ווישניוויטצקי אָבער האָט געהאַט דעם טיטעל דער פירסט פון „רוס". די מחלוקה איז ניט דורכגעגאַנגען אָהן ווירקונג אויך אויף די אידען פון די צוויי פריצים. אָבער אַם מעהרסטען האָט זיך די מחלוקה אָבגעשפּיגעלט אויף די פרנסים פון די צוויי שטעדט, וועלכע זיינען די שתדלנים פאַר די אידען ביי זייערע פריצים. די פרנסים זיינען געווען אַזוי פאַרקאָכט אין זייערע פריצים׳ס מחלוקה, אַז זיי האָבען עס געמאַכט פאַר זייערע אייגענע. זיי האָבען זיך געגרויסט מיט׳ן פריץ׳ס רייכטהום און גיטער, און יעדעס מאָל, ווען די צוויי פרנסים פון די צוויי פריצים האָבען זיך צונויפגעטראָפען, האָט די מחלוקה פון זייערע פריצים אויפגעפלאַמט.

— וואָרים וואָס איז אייגענטליך טשיהרין, אַ גרויסע קהלה פון בלאָפּעס. זלאָטשאָוו וועט עס איבערוואַקסען, מיט גאָט׳ס הילף — האָט ר׳ שלום יעקב געגעבען אַ שטאָך זכריה׳ן.

דאָס האָט זכריה שוין ניט געקענט איבערטראָגען. ער, וואָס איז דער גרויסער חשוב ביים חראַנזשע, און דער חראַנזשע איז זיך מיט איהם מיעץ וועגען אַלע זיינע עסקים — און וואָס איז זלאָטשאָוו, און ווער איז דער גאַנצער מענדעל? ער האָט ווידער אויפגעהויבען זיינע ברעמען און געוועגעדט זיך צו מענדלען:

— דאָס זייט איהר, דער מענדעל פון זלאָטשאָוו, וואָס האָט געקראָגען רשות אויף דער שוהל? דער חראַנזשע האָט מיר פערצעהלט

דערפון. שלום עליכם — האָט זכריה אויסגעשטרעקט צו איהם זיין האַנד פון דערווייטענס, בלייבענדיג זיצען אויף זיין אָרט, אויבענאָן, אויף דער האַלצערנער באַנק.

— און ווער איז דער בחור ? — פרעגט זכריה אויף שלמה׳ן.

— דאָס איז מיין זוהן. א בעל־הבית׳ל, מיט גאָט׳ס הילף. פאָהרט נאָך לובלין אין דער ישיבה.

— נאָך לובלין? וועניג ישיבות פאַראַן דאָ אין פּאָדאָליען, אין קרעמענעץ, אין לבוב און טאקע דאָ ביי ר׳ יחיאל מיכלען, אין אייגע־נעם גליל. וואָס אזא גרויסער למדן איז ער אויסגעוואקסען, דער בעל־הבית׳ל אייערער אין זלאָטשאָוו, אז איהר האָט שוין פאר איהם ניט קיין ישיבה אין גאַנץ פּאָדאָליען, נור איהר מוזט איהם פיהרען אזש קיין לובלין.

— דער רב, זיין שווער, האָט איהם מיטגעגעבען כתבים צו מורנו ר׳ נפתלי כ״ץ, דעם רב פון לובלין. דאָס איינגעל האָט א גוטען קאָפּ,— האָט זיך מענדעל פארענטפערט — און אגב אורחא וויל איך, אז דאָס בעל הבית׳ל זאָל לערנען דברי חול אויך, חשבונ׳ען און מיט שררים קענען רעדען, ווייל זלאָטשאָוו וואקסט, בעזרת השם, און מיר וועלען דאַרפען האָבען א שתדלן, וואָס זאָל קאָנען פּויליש רעדען.

די לעצטע ווערטער האָבען נאָך מעהר געערגערט זכריה׳ן. ער האָט זיך שוין אָנגערופען מיט כעס:

— מיט די כלאָפּעס אין זלאָטשאָוו וועט ער זיך קענען אויך פּויליש אויסלערנען.

מענדעל האָט שטיל געשוויגען און דרך־ארץ געהאַט פאר אַן אַלטען פרנס. אָבער דאָס איז שוין געווען צופיעל פאר ר׳ שלום יעקב׳ן:

— וואָס מיינט דער פרנס פון טשיהרין, אז ער נור אליין האָט געקראָגען רשות פון ועד צו זיין א שתדלן ? איהר טהוט זעהר גוט, ר׳ מענדעל, וואָס איהר שיקט אייער בעל־הבית׳ל נאָך לובלין — האָט ר׳ שלום יעקב בארוהיגט מענדלען — מיר דאַרפען האָבען אין אונזערע מקומות כשר׳ע פרנסים, עוסקי בצרכי צבור באמונה, ניט ווי מאַנכע, וואָס נעהמען אראָב פון די פּרוכת׳ען די פּעריל און לעגען עס אויף האָניג־לעקאך און מאַכען פון זיי די פּריצים מתנות, כדי נושא חן צו זיין אין פּריץ׳ס אויגען.

— מיין ברודער האָט חלילה ניט צוגענומען די פּעריל פאר זיך—

האָט ר׳ יעקב סאַבילענקי פאַרענטפערט זיין ברודער — דער פּרנס פון טשיהרין האָט אַראָבגענומען די פּעריל פון אידישע ווייבער פון טשיהרין און געמאַכט דערפון אַ טייערע מתנה פאַר׳ן פריץ חראַנזשע קאָניץ־פּאָלסקי, ירום הודו, אונטער וועמעס חסד מיר אַלע לעבען בשלום ושלוה, צו זיין חתונה מיט די רייכע חראַבינע זאַמויסקי.

— אוודאי, אז אַן אביון האָט חתונה מיט די זאַמויסקים, מוז ער אַראָפּקומען צו די אידעלאַך אין די שטעדטלאַך נאָך „שלובנע" געלד. וואָס איז ער, אַ ווישניוויטצקי? די ווישניוויטצקים באַדאַר־פען ניט אָנקומען צו אידישע פּעריל, אַז זיי האָבען חתונה.

זיין חרפּה האָט ר׳ זכריה געקענט פאַרשווייגען. נור זיין פּריץ׳ס בעליידיגונגען האָט ער ניט געקענט אויסשטעהן.

— נעמיראָווער פּרנס, איהר שפּיעלט זיך מיט פייער, איהר באַ־ליידיגט דעם חראַנזשע.

— און אַז יאָ, וואָס איז? וואָס האָב איך מורא פאַר אייער חראַנזשע? וואָס, איהר וועט מיך לאָזען נעהמען אין תפיסה, ווי דעם סאַטניק כמעלניצקי? מיר לעבען דאָ, ברוך השם, ביי דעם פירסט ווישניוויטצקי, וואָס איז אַ מושל חסד. האָב איך גאָר ניט קיין מורא פאַר אייער פריץ, טשיהרינער פּרנס.

ווער ווייס, מיט וואָס דער קריעג וואָלט זיך געענדיגט, ווען דער שמש וואָלט ניט פּלוצים די טיר אויפגעעפענט און אָנגעזאָגט: — ר׳ יחיאל מיכל געהט!

אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער — ר׳ יחיאל מיכל איז אַריינגעקומען. ר׳ יחיאל מיכל איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן. אָבער ער איז שוין בעריהמט געווען אין גאַנץ פּאָדאָליען און וואָהלין אַלס דער גאון פון אוקראַינע. אַלע האָבען פאַר איהם דרך־ארץ געהאַט. דער רב איז צוערשט אריין אין אַנדער שטוב, און האָט פון דאָרט אַרויסגעפיהרט זיין אַלטע מוטער, וועלכע ער האָט אוועק־געזעצט אויבענאַן אין אַ פאָטער־שטוהל ביים טיש, אַליין זיך אוועק־געזעצט אויף אַ קלענערען שטוהל נעבען איהר, און האָט פאַר דער מאַמע פאָרגעשטעלט די פּרנסים און אַלע בכבוד׳ע לייט, און האָט די גאַנצע צייט באַדיענט די מאַמע מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ.

דער רב האָט אויסגעפרעגט די פּרנסים וואָס מען הערט ביי זיי אין די מקומות, און ווי עס וואַקסען די ישובים, און ווי עס האַלט מיט

דער תורה. געהערט פון מענדל'ען, אז מענדעל פיהרט זיין זוהן אין לובלינער ישיבה, האט ער זיך זעהר געפרעהט, וואס זלאטשאוו האט שוין די זכיה צו שיקען א תלמיד אין דער גרויסער לובלינער ישיבה. ער האט אויסגעפרעגט שלמה'לען עפעס אין לערנען, וואס שלמה'לע האט איהם גלייך אבגעענטפערט, און דעם רב איז עס געפעלען און געהייסען דעם שמש ער זאל איהם געבען האניג־קיכעל, און מענדעל האט זיך געווישט די אויגען פאר שמחה.

— שרייבט מיר אייער מרא דאתרא אז איך זאל איהם שיקען בחורים פון מיין ישיבה קיין זלאטשאוו כדי זיי זאלען לערנען מיט די אינגלאך. די שטאדט־לייט וועלען זיי עסען געבען און נאכטלעגער. געלויבט דער רבונו של עולם, די תורה וואקסט אומעדום וואו אידען וואוינען. אפילו אין ווילדען סטעפ, — ווענדט ער זיך צו דער מאמען.

די אלטע אידענע האט געבויגען מיט איהר הויכע יום־טוב'דיגע, ווייס־שפיצענדיגע הויב, וואס זי האט אנגעטהאן לכבוד די פרנסים, און זי האט געשעפטשעט צום זוהן:

— זיי מכבד, זוהן, די פרנסים מיט לעקאך און בראנפען.

דער רב האט זיך אליין אויפגעהויבען, כדי מקיים צו זיין דער מאמע'ס שליחות, און האט אנגעגאסען בראנפען פאר די פרנסים.

— און ווי לעבט איהר מיט די שכנים, האט איהר שלום? איהר וואוינט אזוי אין נאקעטען פעלד.

— ווי ווייט מיר קענען מיהען מיר זיך צו לעבען אין שלום. די פריצים זיינען נישטא א גאנץ יאהר, מיר לעבען נאר צווישען די יונים. זיי זיינען אונזערע שכנים, מיהען מיר זיך צו לעבען מיט זיי אין שלום. פיעל מאל צאהלען זיי נישט אפ דעם צערקווע־מס, וואס די פוילישע גלחים האבען ארויפגעלעגט אויף זיי. זיי האלטען דאס פאר א פחיתת הכבוד, זיינען מיר ניט גובר פון זיי, נאר מיר נעהמען צונויף צווישען אונז דעם מס און מיר באצאהלען פאר זיי. זיינען דערפון די פוילישע גלחים געוואהר געווארען, האבען זיי אונז זעהר שטארק געשטראפט, און נויטען אונז גובר צו זיין דעם מס. און דאס איז א גרויסער מכשול פאר אונז. מיר האבען מורא, אז די יונים זאלען אונז חלילה ניט שלעכטס טהאן. און דאס בין איך געקומען זאגען דעם רב פון נעמיראוו. עס וואלט געווען א יושר גדול, אז

די פּרנסים פון אוקראַינע מיט די רביים זאָלען זעהן פועלין ביים ועד אין לובלין, אַז דער ועד הגדול זאָל זיך אַריינלעגען דערינען און מען זאָל אַראָבנעהמען דעם צערקווע מס פון די יונים, אָדער אידען זאָלען עס ניט אויפמאַהנען, ווייל דאָס קען חלילה ברענגען צו אַ גרויס מכשול פאַר אונז. מיר וואוינען נאָהענט פון סטעפּ און מיר הערען רעדען אַז די יונים וועלען פון אונז אַמאָל נקמה נעהמען דערפאַר חלילה.

דער רב האָט אָבגעזיפצט און שטיל געשוויגען.

— מכח דעם וויל איך אויך רעדען, — האָט זיך אָבגערופען ר׳ שלום יעקב, דער פּרנס פון נעמיראָוו. עס זיצט דאָ דער פּרנס פון טשיהרין, ר׳ זכריה סאַבילענקי. דער פּרנס פון זלאָטשאָוו, ר׳ מענדעל, האָט מורא צו זאָגען, ווייל ער בעלאַנגט מיט דעם פּרנס פון טשיהרין אונטער דעם קאָניץ־פּאָלסקי. אָבער מיר זיינען דאָ, ברוך השם, אונטער דעם שר ווישניוויעצקי, וואָס ער איז אַ מושל חסד פאַר אַלע. מיר האָבען ניט קיין מורא. און איך וויל דאָ זאָגען בפני הרב פון נעמי־ראָוו, אַז עס איז דערגאַנגען צו אונזערע אויערען, אַז דער פּרנס פון טשיהרין ר׳ זכריה טהוט זעהר שטאַרק דריקען די אידען און, להבדיל, די יונים. ער לעגט אַרויף אויף זיי גרויסע מסים פאַר מתנות פאַר׳ן שר. ער האָט אויסגערעדט פאַר׳ן שר אויף זייערען אַ סאָטניק מיט׳ן נאָמען כמעלניצקי, אַז דער סאָטניק הנ״ל וויל זיך בונטעווען, האָט מען דעם סאָטניק גענומען אין תפיסה. און פאַר דעם זיינען די יונים זעהר שטאַרק ברוגז אויף די יהודים, און עס קען דערפון אַרויס־קומען אַ מכשול פאַר׳ן גאַנצען כלל, — האָט דער פּרנס פאַרענדיגט זיין אנקלאַגע געגען ר׳ זכריה׳ן.

ר׳ זכריה איז געזעסען די גאַנצע צייט וואָס ר׳ שלום יעקב האָט געמאַכט אויף איהם די אנקלאַגע פאַר׳ן רב ר׳ יחיאל מיכל אַ שטאָלצער און אַ שווייגענדיגער. ער האָט זיין לאַנגע געלע באָרד צוקעמט מיט צוויי פינגער און געהויבען מיט זיינע געלע הויכע ברעמען, וועלכע זיינען געזעסען ווי צוויי אויפגעשטעלטע פעבערס אויפ׳ן ראַנד פון זיין שטערען איבער זיינע אויגען, און פון צייט צו צייט געוואָרפען אַ בליק פון אונטער זיי אויף זיין געגנער און געשוויגען.

— נעמיראָווער רב — האָט זיך ר׳ זכריה אָנגערופען — איך נעהם חלילה ניט צו דעם מס פאַר מיר. מיר אידען לעבען נאָר אין זכות פון די שררים, וואָס באַשיצען אונז מיט חסד פון אַלעם שלעכטען,

און גיבען אונז פּריווילעגיעס צו בויען שוהלען און צו מאכען ישובים און מיר זיצען מיט אונזערע ווייבער און קינדער בשלום ושלוה, ווי אין קיין לאנד ניט. דורך דעם דארפען מיר זיין זעהר געטריי צו די פּוי־לישע שרים, וואס קיניגען איבער אונז מיט פיעל חסד — און צו דעם גרויסען שטארקען קעניג וולאדיסלאוו, ירום הודו, וואס האט באנייט די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע קעניגען צו אונז און האט צוגעגעבען נאך נייע. מיר דארפען זיי זיין אונטערטעניג און דיענען געטריי, ווארים ווען ניט זיי, וואלטען מיר חלילה געוועזן ווי די כלאפּעס רחמנא לצלן. און אז זיי הייסען אונז אויפמאנען מס פון די כלאפּעס פאר די צערקוועס, מוזען מיר מקיים זיין זייערע זאקאנעס, ווארים די כלאפּעס געהערען צו די פּוילישע שרים לעולם ועד. און ווער איז עס דער גאנצער כמעלניצקי, איבער וועלכען דער פּרנס פון נעמיראוו האט אויפגעהויבען אזא געוואלד? ער קומט אריין צו מיר אין קרעטשמע. און איך הער ווי ער סוד׳עט זיך מיט די כלאפּעס צו שרייבען א בריעף צום טאטרישען כאן, אז ער זאל קומען העלפען די כלאפּעס זיך בעפרייען פון די פּוילישע שרים. ער מיינט אז איך הער גאר ניט, און איך זיץ הינטער דעם קרעטשמע־טיש און מאך זיך, אז איך הער ניט, אבער איך פארצייכען אלעס, וואס ער זאגט, מיט א קרייד. אודאי דארף איך דעם סאטניק איבערגעבען אין די הענד פון די שררים. דער הראנזשע, ירום הודו, האט מיר רשות גע־געבען, אז ווען איך וועל הערען פון דעם סאטניק כמעלניצקי אזעלכע מרידה־רייד, זאל איך איהם לאזען שמייסען פאר דער טיר פון מיין קרעטשמע.

ר׳ יחיאל מיכל האט די גאנצע צייט געשוויגען און נאכקלערען, נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צו דער מאמע, פארבויגען זיך פאר איהר און אזוי געזאגט:

— מיט דער מאמעס רשות וועל איך ענטפערן דעם פּרנס פון טשיהרין, דהיינו. אז עס איז אמת, אז מיר לעבען ברשות פון די פּוילישע שרים און דעם קעניג וולאדיסלאוו, ירום הודו, וואס האט בענייט די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע קעניגען, עליהם השלום, נאר מיר לעבען ניט אין זייער זכות, נאר אין דעם זכות פון רבונו של עולם און פון דער תורה הקדושה. און ניט זיי זיינען מגין אויף אונז, נאר דער רבונו של עולם מיט זיין גרויסען חסד. אונזערע הייליגע

ספרים הייסען אונז, אז מיר זאָלען לעבען בשלום מיט די שכנים, און מכל שכן נאָך מיט אַזעלכע שכנים וואָס זייגע געפּלאָגט און געיאָגט פון זייערע נושכים ונוטרים און זייער אמונה ווערט פער־שעהמט. זייער אמונה איז ניט קיין עבודת כוכבים, זיי גלויבען אין דעם איינציגען לעבעדיגען גאָט, און עס איז אַ מצוה מסייע זיי צו זיין, אַז זיי זאָלען קענען דיענען גאָט לויט זייערע וועגען. מיר אידען דאַרפען פיהלען און וויסען וואָס עס מיינט גע'רודפ'ט צו ווערען פאר דער אמונה. דורך דעם געפעהלט מיר זעהר די עצה טובה פון דעם פּרנס פון זלאָטשאָוו, אַז דער ועד הגדול זאָל זעהן עפּעס צו טהאָן מכח דעם ענין, אַז די שתדלנים זאָלען פּועל'ען, אַז מען זאָל מבטל זיין די גזרה פון צערקווע־מס, און ווען חלילה נישט, זאָלען מיר אידען דערמיט ניט האָבען צו טהאָן. זלאָטשאָווער פּרנס, איך וועל אייך, אם ירצה השם, מיטגעבען אַ בריעף צום לובלינער רב מכח דעם ענין.

דאַרויף האָט זיך געהערט דעם שמש'ס קלאַפּען מיט אַ האָלצער־נעם האַמער אין די לייסטלעך פון דער טיר. האָט זיך דער רב אָנגערופען:

—רבותי, עס איז צייט מנחה צו דאַוונען — און ווענדענדיג זיך צו דער מוטער, האָט ער געזאָגט:

— מיט דיין רשות, מאַמע, וועלען מיר זיך אויפהויבען.

יחיאל מיכל, נאָכ'ן דאַוונען וועסטו פאַרבעטען די פּרנסים צו אונז אויף וועטשערע, — האָט די מוטער געזאָגט און זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט. און דער זוהן האָט זי מיט גרוים כבוד און דרך־ארץ אָבגעפיהרט ביז צו דער שוועל פון דער צווייטער שטוב.

---

## ניינטער קאַפּיטעל.

## דער מגיד פון פאַלנאָ.

גאָט'ס שטילקייט און ריינקייט האָט גערוהט איבער די בערגלאַך ארום דער שטאָדט נעמיראָוו, ווען די אידישע בוידען, אָנגעשטאָפּט מיט בעטגעוואַנד און אידען, האָבען זיך פרעהליך געקוילערט איבער

דעם געל־זאמדיגען וועג. די פייכטקייט פון דער נאכט האט נאך טיעף געדוהט איבער די פעלדער און איבער דעם וועג צום טייך באהה צו. נאר ווען זיי זיינען אויף דעם צווייטען ברעג טייך געקומען, האט שוין די זון צוגאסען זיך א קלארע און יונגע איבער דעם לויטערען און בלויען הימעל, און זי האט געטריקענט די פייכטע גרעזער, און די טהוי־בארעקטע בלעטער פון די הויכע ליפע־בוימער, וועלכע זיינען געשטאנען אויפ׳ן וועג. די געל־גאלדענע פעלדער זיינען שוין אלע געוועזען געשניטענע, אראבגענומענע, און דא און דארט האט זיך געגרויט א פויעריש פלאקסען־העמד, האט איבערראשענד אויפגעפלאמט א קאלירטע פאטשיילע אויף א פויערטעם קאפ, וועלכע האט אין דעם פריהען פריה־מארגען געארבייט אין פעלד. פעטע שעפסען, באוואקסען מיט שווארצע וואל האבען זיך געקייקעלט ווי די רונדיגע טינטלאך איבער די לאנגע ברייטע פעלדער און געגריזשעט די שטעכעדיגע, אבגעשניטענע שטרויען פון ברויט. זיי האבען מפסיק געוועזען פון זייער עסען און נאאיוו נאכגעקוקט מיט זייערע תם־עוואטע אויגען די דורכפאהרענדיגע בוידען און נאכגערופען זיי מיט זייער קינדיש־צערטליכען „מעעע". פון צייט צו צייט האבען זיי אנגעטראפען א פארזארגטען בעטלער, וועלכער איז געזעסען פאר זיך אויף א שטיין אויפ׳ן וועג, און האט פאר זיך אליין געגרימפעלט אויף א קליינע האנד־געמאכטע „לירע", ברומענדיג א ליעד. באלד האט דער וואלקען שטויב, וואס די בוידען האבען איבערגעלאזען נאך זיך, צוגעדעקט דעם בעטלער, נאר זיין ליעד האט אנגעשטעקט די אידישע בעלי־עגלות, און עס האט זיך באלד איבער גאט׳ס פרעהליכער וועלט צוגאסען אידיש־חזנ׳ישע נגונים:

לכה דודי, לכה דודי,
לכה דודי לקראת כלה,
פני שבת נקבלה...

---

געפאהרען איז מען שוין נישט אליין. צוערשט איז אויסגעפאהרען, זעלבסטפארשטענדליך, ר׳ זכריה׳ס גרויסע בויד מיט פיער פערד נאשפיץ און אויפגעהויבען אזא וואלקען שטויב פאר זיך און הינטער זיך, אז עס האט פארשטויבט די וועלט. דערנאך די אנדערע

בוידען. אין די בוידען האָבען זיך געפונען אידען לומדים פון פאַרשיעדענע שטעדטלעך. טייל זיינען געפאָהרען צום וער מיט שאלות, טייל צו באַקומען אַ רשות אויף ספרים, וואָס זיי האָבען מחבר געווען. די אידען, וואָס האָבען געקענט לערנען, האָבען זיך פאַרקליבען אין איין בויד. זיי זיינען געזעסען אויסגעבעט אין קישענס און דעקען און האָבען זיך געשפאַרט אין לערנען. איינער האָט דעם אַנדערען געהאַלטען ביי דער באָרד, ביי די לאַצען און גע־צוואונגען איהם אויסצוהערען זיין פשט׳ל, אויף וועלכען יענער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגען פאַר׳עקשנ׳ט זיך אויף ניט, און באין אופן נישט געוואָלט נאָכגעבען. און די קולות פון דער תורה האָבען זיך געהערט פון די וועגען אַראָפּ, און האָבען אויפגעוועקט די שלאָ־פענדיגע האָזען אין פעלד, וועלכע זיינען אויף מיילען־ווייט אנט־לאָפען פון די געוואַלדען פון די אידען.

---

דורכ׳ן גאַנצען לאַנגען ווינטער אַרבייטען די אידען פון פּאָדאָליען אוים לעדער, כאַליאַוועס אויף שטיוועל, זוילען, און פיהרען עס אַנגעלאָדען אויף בוידען אין לובלין אויפ׳ן יאַהרמאַרק. די פעלצען־נעהער פיהרען געוואַשענע שעפּסענע פעלצען אָנגעלאָדען אויף די בוי־דען. פוטערנרע היטעל־מאַכערם, טעפּ־קנעטערם פיהרען כלים, אַנדערע בוידען זיינען מיט הויז־זאַכען, אַנדערע בוידען מיט טליתים, ארבע כנפות און ציצית. די אַרבייט פון אַ גאַנץ יאָהר פיהרט מען צום הערבסט יאַהרמאַרק, ווען דער פּריץ האָט דעם פּויער׳ס תבואה אין די שייערם אַנגעזאַמעלט און פאַהרט אויפ׳ן יאַהרמאַרק איינקויפען זיך אויפ׳ן ווינטער. עס לויפען די אידען סוחרים פון איין בויד צו דער אַנדע־רער, האַנדלען איינער מיט׳ן אַנדערען, טוישען געלד, קויפען בינטלעך פּויערשען פלאַקס, זעקלעך וואָל, קאַלבס־לעדער, אָקעווים, ווי אויף אַ בערזע, און שדכנים לויפען איבער פון איין בויד אין די אַנדערע און פיהרען צונויף שידוכים, פאַר׳קנס׳ען קינדער, נישט געזעהענע כלות, נישט געזעהענע חתנים, און מחותנים גיבען זיך די הענד, און מען שטעלט זיך אָפּ אין די קרעטשמעס טרינקען לחיים, און די בעלי־עגלות פּרוואָווען איבעריאָגען איינער דעם אַנדערען, און שטיק־

לעך תפלות, קדושות, יקום פורקנ׳ס, לכה דודי׳ס זיינען פארפאלען געווארען צווישען די קנאלען פון די בייטשען און די וואלקענם שטויב.

געדאווענט האט מען אין פעלד, ביי די וואסערלעך צווישען די שטעהענדיגע בוימער. צום ערשטען מאל האבען די נאקעטע פעלדער געהערט די קדושה׳לעך און די פויגעל זיינען געקומען צופליהען נאך די קרישקעלעך פון אידישע עסענס.

אין באר האט מען איבערגענעכטיגט. א גרויסע אידישע קהלה געווען, און דארט זיינען זיך צוזאמענגעפאהרען די בוידען פון וויני־צע, פון סטאראגראד, פון קארסון, פון אנדערע קהלות. נייע אידען, נייע לומדים מיט נייע סוחרים. און קיין קאנסטאנטינאוו איז שוין ארייגגעפאהרען א קאראוואן מיט בוידען, אנגעפאקט מיט קא־לירטע קישענס און דעקען, אין וועלכע עס זיינען געזעסען אידען אויסגעבעטט. מען האט אויסגעזונגען אלע חזנ׳ישע שטיקלעך אויפ׳ן וועג, אויסגעשפארט זיך די גאנצע תורה און אויסגעהאנדעלט א האלבע מדינה. די ישובים זיינען שוין איצט געווען געדיכטער. דאס לאנד באוואהנט, די שטעדטלעך מיט אידען און די דערפער, להבדיל, מיט כלאפעס. אויף יעדען וועג א אידישער ארענדאר, וואו מען שטעלט זיך אפ די פערד צו פאיען און, להבדיל, א ברכה צו מאכען. עס שטעהען פאר די שענקען די אידישע ארענדארען מיט די קאלירטע הויזען און ברייטע ארבע כנפות׳ען און בעטען אריין די למדנים צו זיך. ווילען די זכיה האבען אונטער זייער דאך א מנחה במנין צו דאווענען, א לחיים צו הערען.

און די ארענדארקע שלעפט פון די קעלערס די גרויסע טעפ מיט זויערמילך און סמעטענע, פרעגעלט ציבעלעס, און אגב פאר־הערט מען דעם ארענדאר׳ס קינדער, און מען זאגט מוסר דער ארענ־דארקע, אז זי זאל זיין אפגעהיט מיט אידישקייט. און שדכנים פרעגען זיך אויף כלות און נדן... און אלע טרינקען צוזאמען פון איין גאנשער, עסען צוזאמען און לעגען זיך איינער אין אנדערענ׳ס בעטגעוואנד אריין, ווי דאס גאנצע אידישע פאלק וואלט געווארען איין גרויסע משפחה.

נאר באלד קומט מען אן אין די גרויסע ווישניוויטצער וועלדער. די בוידען האלטען זיך געדיכטער איינע נעבען דער אנדערער, און די שומרים נעהמען ארוים די „משחיתים“, פאר וועלכע מען שרעקט

זיך. אין ווייטען וואַלד, צווישען די טרוקענע בלעטער, שאַרכט וועֶר, און מען האַלט אויף דעם אָטעם, און מען פרעגט איינער דעם אַנדע־רען — געהערט?

און אידען דערצעהלען זיך מעשיות פון שדים און רוחות, וואָס רוהען אין די וועלדער און וואַרפען אַן אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס פאָהרען מיט אין די בוידען אין די ישיבות אריין. און דער וואַלד ווערט וואָס אַ מאָל געדיכטער, טונקעלער און פאַרהוילען. עס רוישען די אַלטע בוימער, ווי זיי וואָלטען זיך פאַרוואונדערט און געשראָקען פאַר די אידישע בוידען, וואָס זיינען אריינגעקומען אין זייער מיטען אריין און זיי אויפגעוועקט פון זייער פאַרהוילענעם לאַנג־יעהריגען שלאָף... עס דערשרעקען די טריט פון די פערד די שלאָפענדע חיות אין וואַלד. פון דער ווייטענס הערט זיך זייער געברום און זייערע שווערע טריט שאַרענדיג צווישען די טרוקענע בלעטער. עס לוישען די מקובלים נאָך די טריט אין וואַלד און שעפטשען מיט די ליפען אונפאַרשטענדליכע תפלות. די טאַטעס הענגען אָן אויף די העלזער פון די קינדער קמיעות, גיבען זיי סדורים׳לעך אין די הענד אריין. די אידען האַלטען זיך אָן ביי די ציצית צו פאַרטרייבען די רוחות, וואָס לויפען אַרום די בוידען, און עס ברעכען דורך די בוידען דעם אונבאַטרעטענעם וואַלד, עס שמעקט דער זשעגעכץ, וואָס גיסט זיך פון די בוימער, און עס שמעקט דער וואַלד מיט פייכטקייט פון שוואָמען. עמיץ ווער ברעכט בוימער אין וואַלד, עמיץ ווער שרייט און רופט נאָך הילף אין וואַלד, די מקובלים פאַרשטאָפען זיך די אויערען, אַז זיי זאָלען נישט הערען די רוחות רופען... די אַלטע אידען זאָגען תהלים און די קינדער שלאָפען איין אין שרעק.

שבת האָט מען געהאַלטען אין פאַלנא. געוואָלט הערען ר׳ שמעון אסטראָפּאָליער דרש׳ענען. צייט יאָהרען האָט דער אסטראָ־פּאָליער אָנגעזאָגט וועגען פורעניות, וואָס וועלען קומען. ער האָט געשראָקען דעם עולם מיט זיינע דרשות, ביז דער ועד האָט אַרויס־געגעבען אַן איסור, אַז ער זאָל נישט שרעקען דעם עולם. דעם אסטראָפּאָליער דרשות האָבען גע׳שם׳ט איבער דער וועלט. האָט מענדעל גענומען שלמה׳לען און איז אוועק שבת נאָכמיטאָג אין בית־המדרש, וואו ר׳ שמעון האָט גע׳דרשנ׳ט. דאָס בית־המדרש האָט זיך שוין געבראָכען מיט אידען פון דער גאַנצער געגענד אַרום. פון

אומעדום, אז מען איז געפאָהרען אויפ׳ן יאָהרמארק, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט שבת אין פּאָלנא צו הערען ר׳ שמעון׳ען. די ווענד פון בית־מדרש זיינען נאַס געוועז פון די פּארעס און מען שטעהט קעפּ איבער קעפּ, און אין דער הויך, פאר׳ן ארון הקודש, שטעהט ר׳ שמעון אין א ווייסער קאַפּאָטע אָנגעטהאָן, א גרויסער טלית הילט ארום זיין הויכען דארען קערפּער, פון וועלכען עס ברענען ארויס זיינע צוויי שווארצע אויגען פון זיין בלייך געזיכט. דאָס בלייכע געזיכט, וואָס קוקט ארויס פון זיין שווארצער באָרד, ווי פון א ראַם, איז אויסגעמאַטערט. און ציטערענדיג שטרעקט אויס דער בלייכער איד זיינע צוויי ביינערדיגע הענד פון דער ווייסער קאַפּאָטע ארויס און שיט מיט פייער פון זיין מויל, שילדערענדיג פאר דער שווארץ־קעפּיגער מאַסע דאָס פייער פון גיהנום.

ער פיהרט זיי דורך אַלע זיבען געצעלטען פון גיהנום. דאָ ווייזט ער, ווי די מלאכי חבלה כאַפּען דעם מענשען, ווען ער פארמאַכט נאָר די אויגען און טראָגט איהם אוועק אין די וויסטע מדבריות, זיי ווארפען איהם אריין אין זומפּען צווישען שלאַנגען און עקדעשען, און באַלד פיהרט ער איבער זיין קרבן און לאָזט איהם שווימען אין א פייערדיגען ים מיט אנדערע קרבנות. און באַלד שילדערט ער פאר דעם שרעקענדיגען עולם, ווי די מלאכי חבלה ווארפען זייערע קרבנות אין די קאָכעדיגע טעפּ, וואָס שטעהען אויף די גיהנום־פייערען. אברים פון מענשען שווימען ארום אין די זידענדע טעפּ. און אָט באַלד מאַכט ער צוריק לעבעדיג זיין קרבן, כדי ער זאָל איהם קענען אויפ׳ס ניי פּייניגען, מיט אייזערנע צוואַנגען איהם רייסען די האָר פון קאָפּ, אָפּקעמען די הויט מיט אייזערנע קאַמען און צופּען די נעגעל מיט פייערדיגע צוואַנגען. און דאַן ברענגט ער זיין קרבן צוריק אויף דער וועלט אין א גלגול פון א פערד, וואָס ארבייט אָפּ זיינע יאָהרען ביי א מענשען, וועמען ער האָט שלעכטס געטהאָן אין זיין פריהערדיגען לעבען אָדער ער לאָזט מגולגל ווערען זיין קרבן אין א וויינענדיגען הונד, וועלכער שלעפּט זיך אין וויסטע מדבריות ארום און קען נישט צוקומען צו קיין ישוב. א פּחד פאַלט אָן אויפ׳ן עולם. הייסע אנגסטען שלאָגען ארויס פון די געזיכטער. אין דער ווייבערשער שוהל הערט זיך א פארשטיקט כליפּען...

און די ווייסע קאפאטע מיט די דארע ביינערדיגע הענד איבער די שווארצע קעפ שטעהט אלץ און שרעקט און שרעקט, שיט פייער פון גיהנום איבער די קעפ פון די אידען. קיינער איז פאר איהם נישט גוט גענוג, אז ער זאל פריי זיין פון די גיהנום׳שע יסורים, אלעמען איז ער מגלגל און ברענגט זיי צוריק אויף דער וועלט אין דער גע־שטאלט פון בהמות און חיות, וואס זוכען א תקון.

באלד אבער הויבט ער אן נביאות צו זאגען וועגען א שרעקליכען יום הדין, וואס שטעהט פאר צו קומען אויף אידען. ער שיט מיט פסוקים, וואס טייטען אן אויף דער צייט, אויף מלחמת גוג ומגוג, וואס דארף באלד קומען. מיט לעבעדיגע פארבען מאלט ער א גרויסע מלחמה, ווי אן אונדערבארעמדיגער שונא פאלט איבער דאס לאנד אזוי ווי א היישריק און פארניכטעט מיט שווערד און פייער אלעס, וואס ער טרעפט אין זיין וועג. גאר ניט האלט איהם אפ, קיין געוויין, קיין געבעט, קיין טרעהרען. ער טראגט זיך, אזוי ווי א פייער פון שטאדט צו שטאדט, פון לאנד צו לאנד, און לעקט אויף אלצדינג מיט זיין פייערדיגער צונג, ווי דער אקס לעקט אויף דאס גראז. קיינער ווייס נישט, וואס דער מגיד מיינט דערמיט. פינסטערע שרעק, ווי א כמארע וואלט דעם הימעל פארדעקט, פאלט אן אויף די אידען, א ציטער געהט דורך די לייבער, ווען ער מאלט גאט׳ס כעס. נאר איין זאך קען אפהאלטען די שרעקליכע גזרה: תשובה, תפילה וצדקה. באלד אבער פארמאכט ער דעם שער הרחמים, מיט אייזער־נע טויערען פארשליסט ער איהם און לעגט אוועק פייערדיגע שווער־דען און פייערדיגע חיות אויפ׳ן שער הרחמים צו פארטרייבען די אידען׳ס תפילות, וואס שלאגען אן אין טויער. אלעס איז שוין צו שפעט, דער גזר דין איז שוין אונטערגעשריבען און ער לאזט נישט איבער קיין איין שטראהל האפנונג, נאר פינסטערניש, פינסטער־ניש און פינסטערניש...

## צעהנטער קאַפּיטעל.

# דער לובלינער יאַהרמאַרק.

נאָך צוויי וואָכען נסיעה איז הלל ארייננעפאָהרען מיט דעם שומר ישראל אויפ'ן קארשעל דורך דעם קראָקאָווער טויער אין דער פּיעל־באַריהמטער שטאָדט לובלין. שוין פון דער ווייטענס האָט די שטאָדט געוואונקען מיט איהרע הויכע טורעמס פון איהרע קירכען און שלעסער. מענדעל האָט נאָך פון גאַנץ ווייט געוויזען שלמה'לען דעם שפּיץ פון דעם רמ"א'ס שוהל. דער יאַהרמאַרק איז שוין גע־ווען אין פולען גאַנג. מיט שוועריגקייטען האָט זיך דער פּערדס־יונג געקירעוועט אַ וועג דורך די פיעלע אָנגעשטעלטע פאַנסקע קאַטשען. הלל האָט זיך פארנומען אָן אַ זייט און איז פארפאָהרען אין די אידי־שע גאַסען, וואו דער יאַהרמאַרק איז געווען אין העכסטען ברען. שטעלען מיט פארשיעדענע סחורות האָבען פארשטעלט די גאַסען. דאָ זיינען אויסגעלעגען שטויסען מיט פעלצען, דאָרט אויף דרענגער זיינען געהאַנגען שטיוועל; שטעלען מיט וואָלענע סחורות; פוי־ערישע קאָלירטע בענדער האָבען אויפגעפלאַקערט אין דער זון אויף די קעפּ פון די אידישע ווייבער, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר זייערע שטעלען און פארקויפט די סחורות; עלפאַנט־ביין קאָליר אינאיינעם מיט געל־גאָלד־פארב. און אַ שטורם פון געשרייען און שפּראַכען האָט זיך געטראָגען אין דער לופטען; נירענבערגער דייטשע מיים־טערס האָבען פארקויפט זילבערנע און מעשענע כלים. אפילו פּער־סיער זיינען אראָפּגעקומען מיט אָריענטאַלישע פארביגע שטאָפען, קאָלירען פון בורשטין־שטיין און קאָלירען פון עלפען־ביין; פאַר־בען פון צוגאָסענעם קופער און די בלויע קלאָרע ליכט ווי די בלויקייט פון הימעל; טונקעל־בלויקייט פון נאַכט־קאָליר און ווייסקייט פון שנעע, און שעמעדיגע קאָלירען, ווי דער שוים, און די צנועה'דיגע ליכט פון פערעל אינאיינעם מיט די רויט־ברענענדיגע פאַרב פון די קרעל — אַלע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין ברענענדיגען ים פון טיבער, קליידער און טעפּיכען.

די פארבען האָבען זיך באַוועגט ווי אויף א מאסקען־באַל. עס האָט געברענט אויף די קעפּ פון די וואָיעוואָדעס, קאסטעלאנען, אויף די קעפּ פון ד׳ הוזארען און חראנזעס בושען פון פארשיעדען־פארביגע פעדערען. דאָ און דאָרט האָט אויפגעברענט דאָס ליכט פון א טייערען שטיין פון א טורבאַן אויף א קאָפּ פון א טאטאר אראָפּ, וואָס האָט זיך געהויבען איבער דעם ים קעפּ און געוואונקען פון דער וויטענס.

דערשראָקען איז געוואָרען מענדעל, דערשראָקען דער קליינער בעל־הבית׳על שלמה׳לע, דערשראָקען אפילו דער שומר ישראל, חיים פּאָטשטאַרזש פאר די פיעלע מענשען. נאָר איינער, הלל דער פערדס־יונג, האָט זיך נישט געשראָקען. איינגעקופּיעט אויפ׳ן קארשעל האָט ער פעסט איינגעהאַלטען די פערד, אויסקירעווענדיג זיך אוועק צווישען די שטעלען, מענשען און פוהרען. ער האָט זיך אויף גאָר־נישט אומגעקוקט, גאָר נישט איז איהם אָנגעגאַנגען. ער איז געווען פארנומען מיט קירעווען די פערד, וואָרים דער וועג איז ווירקליך געווען א שווערער.

שווער איז אָנגעקומען מענדלען צו קריעגען אן אכסניא. לובלין איז פול געווען מיט אידען. פון פיער עקען פון פוילען זיינען אָנגע־פאָהרען אידען קיין לובלין פארקויפען אָדער איינקויפען אויף דעם יאָהרמאַרק. פון די וויטסטע געגענדען זיינען געקומען רבנים און פרנסים מיט שאלות און דין־תורות צום „ועד ארבע הארצות“, לאָדען זיך איין קהלה מיט דער צווייטער און פאָרברענגען זייערע טענות פאר די רבנים. אַלע גאַסען, בתי מדרשים, שוהלען און אכסניות זיינען פול געווען מיט אידען. יעדער רב איז געקומען מיט זיינע תלמידים. מקובלים אין ווייסע קאַפּאָטעס זיינען מיטגעקומען מיט׳ן פּויזנער רב, ר׳ שעפּטעל הורוויטץ, וואָס איז געווען א גרויסער בעל־מקובל. שאַרפע קעפּ, למדנים, זיינען מיטגעקומען מיט דעם לבוב׳ער רב, שפּעטערדיגען מחבר פון ט״ז, וואָס איז געזעסען אין ועד. אויס־לענדישע אידען, דייטשען, אין גרויסע סאַמעטענע היט, פּראַגער אין ברייטע שוואַרצע זיידענע מאַנטלען, איטאַליענישע אידען, וועלכע עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי זיי זיינען אידען, זיינען געווען געקליידעט אין קורצע פארביגע קליידער, ווי די איטאַליענער, מיט שווערדען אין דער זייט. פיעלע פון זיי זיינען געקומען האנדלען אָדער לערנען אין דער ישיבה. באריהמט זיינען געווען די ישיבות פון

פוילען, ווי אַ מאָל די ישיבות פון בבל, און פון דער גאַנצער וועלט האָבען די אידען געשיקט זייערע קינדער צו לערנען אין די פּוילישע ישיבות. עס זיינען אָנגעקומען פיעל יונגע לייט פון פאַרשיעדענע קאַנטען און מדינות צו קריגען סמיכות אויף הוראה פון דעם און דעם גרויסען רב, וואָס וועט זיך געפינען ביים ועד. מחברים מיט ספרים זיינען געקומען זוכען פון די רבנים הסכמות, אַנדערע אַ רשות צו ווערען אַ שוחט אָדער אַן אַנדער כלי קודש.

און דאָס אַלעס האָט זיך אָרומגעדרעהט אין בית־המדרש־געסעל, וואו עס האָט געוואָהנט דער רב, וואו עס איז געווען די גרויסע ישיבה, און וואו עס איז געווען פאַרזאַמעלט דער ועד. דאָרטען אין דעם געסעל איז געווען דער אידישער יאָהרמאַרק. די גאַסען זיינען געווען באַלעגט מיט שטענדערס ספרים. דאָרטען האָבען די שדכנים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע די בעלי בתים, וואָס האָבען געוואָלט נעהמען תלמידי חכמים פאַר איידעמס, זיינען אַריינגעקומען צו די שדכנים און האָבען זיך אויסגעקליבען איידעמס ישיבה־בחורים, למדנים, לויט דעם נדן, וואָס זיי זיינען געווען ביכולת צו געבען. דאָרט האָבען אויך געהאַט פאַרשיעדענע בעלי מקובלים, בעל־שם־טוב׳ים זייערע קרעמלעך אין וועלכע זיי האָבען פאַרקויפט פאַרשיעדענע קמיעות אָפּצוהיטען פון שלעכטע רוחות און שדים, קוויטלעך אויס־צוהענגען אויף די ווענד געגען די לילית. נשים צדקניות האָבען אין געוועלבלעך פאַרקויפט תחינות, מענה־לשון׳ס און סגולות פאַר געווינערינס, הירשען־ציין, וואָרצלען פאַר זויג־קינדער, וואַקסענע הענט־לעך און פּיסלעך און רפואות פאַר ציין־וועהטאָג און אָפּצושפּרעכען עין־הרע׳ס. סופרים זיינען געזעסען אין געוועלבלעך, געשריבען פאַר־שיעדענע שטר־מכירות פאַר סוחרים, שטרות און קוויטלעך פאַר הלואות. בחורים האָבען אויסגעצייכענט מיט פאַרבען קונציגע אויסצייכנונ־גען, תנאים, כתובות, מגילות — דאָס איז געווען די חזקה פון די ישיבה־בחורים. (דאָס געלד איז געגאַנגען אין איין קופּה און האָט באַלאַנגט צו די בחורים פון דער ישיבה). גאָלדשמיעדען האָבען פאַרקויפט טייערע כלי־קודש, אויסגעהאַמערטע קדוש־בעכערס, אתרוגים־פּושקעס און בשמים־ביקסען, חנוכה־לאָמפּען, וואָס האָבען געשפּיעלט אַליין. נאָר דער עיקר איז דאָרט אָנגעגאַנגען דער האַנדעל מיט ספרים. די לובלינער דרוקערייען, וואָס האָבען געמעגט דרוקען

ספרים אָהן צענזור, זיינען געווען בעריהמט איבער דער וועלט, און אידען פון דער גאַנצער וועלט זיינען געפאָהרען אין לובלין איינקויפען אידישע ספרים. אויף גרויסע טישען זיינען אויסגעלעגט געווען די ספרים אין די בתי־מדרשים, אין די ספרים־געוועלבער, דאָס באַריהמ־טע לובלינער ש"ס. די טלית־אידען האָבען דאָרט געהאַט זייערע שטענדערס מיט די וואָלענע טליתים און כפול־שמונה'דיגע ציצית. די גאָלדענע און זילבערנע עטרות האָבען אַראָפּגעגלאַנצט פון די שטענ־דערס. דאָרט, אין דעם געסעל ביים אַריינגאַנג צו דער מקוה, האָבען די אידישע רופאים געהאַט זייערע געוועלבלעך, אין וועלכע זיי האָבען שלעכט בלוט אָפּגעלאָזען, רפואות פאַרשריבען, ציינער געריסען, און ווייבער טיקערינס האָבען דאָרט פאַרקויפט סודות צו עקרות, ווי אַזוי קינדער צו האָבען, און „סמנים" אויף אינגלעך און „סמנים" אויף מיידלעך; בשמים און קרייטעכצער צו געווינען דעם מאַנ'ס האַרץ... און אידען פון גאַנץ פּוילען, וואָס זיינען אַ גאַנץ יאָהר פאַרוואָרפען אין די קרעטשמעס, האָבען זיך איינגעקויפט אידישקייט פאַר גאַנצע ווינטערס. און צווישען די סוחרים זיינען אַרומגעגאַנגען די נשים צדקניות, וואָס האָבען גענומען אויף זיך די מצוה צו באַזאָרגען די בחורים פון דער ישיבה מיט נאַכטלעגער און וועש, זיינען זיי אַרומ־געגאַנגען מיט גרויסע פּושקעס, פאַר'חתמ'עט מיט דער חתימה פון דער ישיבה און אויסגערופען: „נאַכטלעגער פאַר די בחורים! העמד־לעך, שטיוועלעך פאַר די לומדי תורה!"

נאָכדעם ווי מענדעל האָט אַריינגעגעבען זיין אינגעל אין דער ישיבה, האָט ער זיך געווענדעט צום ועד מיט זיין עסק וועגען דעם צערקווע־שטייער, וואָס די פּוילישע פּריצים צווינגען די אידישע אַרענ־דאַרען אויפצומאָהנען פון די קאָזאַקישע פּויערים. מיט דעם בריעף, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם נעמיראָווער רב צום ט"ז, האָט מען איהם צוגעלאָזט צום ועד. דער ועד איז געזעסען אין דער גרויסער שטוב פון לובלינער קהל. דער יושב ראש איז געווען ר' נפתלי כ"ץ, אַ גרוי־סער בעל יחוס, אַן אייניקעל פון דעם לובלינער רב, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מיוחס און אַן אייניקעל פון דעם פּראַגער גאון פון דער מאַמעס צד. אין ועד זיינען געזעסען גרויסע רבנים פון פּויזען, לבוב, קראָקוי, און שתדלנים מיט פּרנסים ווי ר' אברהם פּרנס הועד פון לובלין און ר' משה מונטאַלטים, וואָס איז געווען פון די יוצאי היש־

פּאַניא און אַ גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף. עס זיינען אַרומגעזעסען דרייסיג גרויסע רבנים און פּרנסים. פאַר זיי האָט מענדעל פאַרגעבראַכט זיין בקשה, אַז די שתדלנים זאָלען זעהן אויסצופּועל'ען, אַז מען זאָל אַראָפּנעהמען די גזרה פון די אידישע אָרענדאַרען אויפצומאַהנען דעם צערקווע־מס פון די קאַזאַקען, ווייל פון דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה פאַר אידען. דער ועד האָט אויסגעהערט מענדלען, און דער לובלינער רב האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ גלייכע זאַך. נאָר דאָרט פאַר'ן ועד איז אויך געווען געלאַדען זכריה סאָבילענקי, ווייל ער איז געווען אַ פּרנס פון דעם זעלבען מקום און אַ גרויסער שתדלן.

ר' זכריה האָט געזאָגט, אַז מען וועט חלילה דורך דעם אַרויפציהען דעם צאָרן פון די גלחים מיט די יעזואיטען. זיי וועלען זאָגען, אַז אידען רעדען אָפּ די כלאָפּעס זיי זאָלען ניט ווערען קיין קאַטאָליקען, און דורך דעם קען אַרויסקומען אַ גרויסע צרה אויף אידען. און אַזוי ווי דער ועד האָט דערהערט דערמאַהנען דאָס וואָרט גלחים, אַזוי איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלען אויף אַלע גרויסע רבנים און פּרנסים. ר' שעפּטעל הורוויטץ, דער רב פון פּויזען, האָט אָנגעהויבען צו קרעכצען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם עלילת דם, וואָס איז געווען פאַר צוויי יאָהר אין זיין גליל אין לענטשיץ און די קדושים, וואָס די גלחים האָבען פאַרפּייניגט צום טויט. זיין אויסגעבלייכט געזיכט איז פינסטער געוואָרען, די אויגען האָבען זיך באַהאַלטען אונטער דעם שטערען־ביין, און ער האָט געזיפצט:

— אָן עת צרה רוקט זיך אָן אויף יעקב.

און די פּרנסים האָבען געענטפערט:

— אַז ביי די „שוועטסקי" רעגיערונג קענען זיי אַלץ פּועל'ן, נאָר מיט די גלחים און דער קירכע האָבען זיי זיך מורא אָנצורירען, ווייל אַ גרויסע צרה קען חלילה דערפון אַרויסקומען פאַר'ן כלל.

אַזוי האָט מען מענדלען אָבגעפאַרטיגט מיט אַ קרעכץ, און אָבגעשיקט צום רבונו של עולם'ס הילף.

און מיט דעם איז מענדעל אַהיים געפאָהרען.

און ווען מענדעל איז שוין געזעסען אויף דער בויד אַהיים צו פאָהרען מיט חיים שומר ישראל און הלל דער פערדס־־יונג, האָט ער געזעהן צווישען די ביידלעך און קראָמען, אין בית המדרש געסעל שטעהט אויף דער שוועל פון אַ קרעמעל דאָס הייליגע שניידערל,

שלמה׳לעס דרדקי מלמד, און רופט אריין קונים. איז ער אראָפּ פון דער בויד און איז אריין אין געוועלב עפּעס קויפען, זעהט ער אז דאָס געוועלבעל איז גאָר לעער, פיער לעדיגע ווענד, פרעגט ער דעם שניי־דער:

— וואָס האָט איהר צו פערקויפען? איהר שטעהט דאָך אין א לעדיגען געוועלבעל?

האָט איהם דער שניידערל געענטפערט:

איך פערקויף — תשובה, תפילה וצדקה!

ענדע ערשטער טייל.

# צווייטע טהייל

## ערשטער קאַפּיטעל.

# עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען.

זעקס יאָהר איז שלמה'לע אָפּגעווען אין דער לובלינער ישיבה און פאַרגעבריים זיך פאַר דער שטעלע, וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַר־נעהמען אין לעבען, צו זיין אַ פּרנס ביי אידען. ער האָט געלערענט ביים ראש־הישיבה, ביים לובלינער רב, און געוואָהנט האָט ער אין אכסניא מיט אַנדערע בעל־הבית'לעך ביי דער גברת האשה שרה יפה, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען דרוק פון ספרים אין לובלין. ביי איהר האָט ער אויך געגעסען שבתים און ימים טובים, און ביי איהר טיש האָט ער זיך אָפּגעלערענט מדות טובות ומנהגים טובים, ווייל זי איז געווען אַ גרויסע גברת און אַ בת נדיבים.

פון דער היים פלעגט איהם די מאַמע צושיקען מיט סוחרים, וואָס זיינען געפאָהרען אויף דעם יאָהרמאַרק, געטריקענטע קעזלעך, אַ טינטעל האָניג, און דער טאַטע — אַ פּאָר נייע שטיוועלעך, אַ פּעלצעל אויף ווינטער, אַ בריוועל מיט אַ גרוס פון „זוגתך“, וואָס האָט אָנגעהויבען אַרויסצורופען ביי איהם אויסטערלישע געפיהלען אין זיין הארץ, און אַ רויטעל אויף זיינע באַקען.

נאָך זעקס יאָהר, ווען שלמה'לע האָט געענדיגט די הוראה, און האשה מרת דבורה, זיין ווייבעל אין דער היים, איז שוין געוואָרען

אויסגעוואקסען, זיינען זיך די מחותנים צוזאמענגעקומען און באַ־שטימט: היות, עס איז ניט גוט וואס „מאן און ווייב" זיינען צו־שיידט, אזוי זאל מען שלמה׳לען אהיים ברענגען פון דער ישיבה.

מענדעל איז געפאהרען אויפ׳ן יריד קיין לובלין, אהיים ברענ־גען זיין זוהן. דער טאטע האט איהם ניט דערקענט. שלמה׳לע איז דורך דער צייט אויסגעוואקסען, אויסגעזעהן ווי א יונג רב׳ל, מיט שטריימעל און פאות, און דער טאטע האט אנגעהויבען דרך ארץ קריגען פאר איהם. שלמה׳לע האט זיך נאכגעפרעגט אויף אלעמען, אויף דער מאמען און, אפילו, להבדיל, אויף דער דיענסט מארושא, נאר נישט אויף זיין ווייבעל.

— און פארוואס פרעגסטו נישט אויף זוגתך? — האט דער טאטע געשמייכעלט.

שלמה׳לע איז רויט געווארען.

— זי איז אהן עין הרע אויסגעוואקסען, א פארשוין, וועסט זי נישט דערקענען. זי איז אין דער היים ביי איהרע עלטערען.

— פאר וואס נישט ביי דער מאמען? — פרעגט שלמה׳לע.

— זי האט מורא פאר דיר, אז דו וועסט אהיים קומען זאלסטו איהר נישט די הייבעל פון קאפ רייסען, ווי דו פלעגסט עס טהאן, ווען דו ביזט געווען א קינד.

שלמה׳לע האט געשוויגען. דעם פאטער האט באנג געטהאן, וואס ער האט איהם פארשעהמט.

— עס איז דער מנהג אזוי, בעפאר יום טוב, איידער דער מאן קומט אהיים, געהט דאס ווייבעל צו טאטע־מאמע. אם ירצה השם ווען דו וועסט אהיים קומען וועט זי קומען צו אונז וואהנען.

שלמה האט שוין געוואלט רעדען וועגען עפעס אנדערש, נאר דער טאטע האט איהם ווידער דערמאהנט:

— נא דיר געלד און קויף עפעס מיט אהיים דיין זוגתך א שעהנע מתנה אויף יום טוב.

שלמה האט גענומען געלד פון פאטער, עפעס אהיים קויפען פאר׳ן ווייבעל. איז ער געגאנגען אויפ׳ן יאהרמארק, האט ער גע־טראפען א אידען שטעהן אויפ׳ן יאהרמארק, וואס האט אויסגערופען:

— ווארשעווער גאלדענע שיכלעך צו פארקויפען, מתנות אויף יום טוב פאר די נשים צדקניות.

שלמה האָט זיך דערמאָהנט אָן די גאָלדענע שיכלעך, וואָס ער האָט צוגעזאָגט זיין ווייבעל בעפאָר ער איז אוועקגעפאָהרען אין ישיבה אריין.

ער האָט בעצאָהלט דעם סוחר פאר די שיכלעך, און דער איד האָט איהם צוגעוואונשען:

— גאָט זאָל העלפען, אז די צדיקת, וואָס וועט טראָגען די שיכלעך, זאָל זוכה זיין צו טראָגען זיי בקדושה ובטהרה!

ער האָט דעם אידען אָנגעקוקט. דער איד איז איהם פאָרגעקומען באַקאַנט, ווי ער וואָלט איהם ערגעץ וואו געווען געזעהן.

דערנאָך האָט זיך שלמה דערמאָנט, אז דער איד איז געווען דאָס שניידעריל, און די זאַך האָט איהם פארוואונדערט.

---

עס איז געווען אין יאָהר ת"ח צו פורים צו. איבער די ווייסע פעלדער האָט זיך פרעהליך געגליטשט א פויערישער שליטען מיט פארשוינען. די שאָטענס פון די פארשוינען, פערד און שליטען זיינען געקראָכען איבער דעם פעלד נאָכ'ן שליטען נאָך. דער בלאָטיגער וועג האָט זיך געשלענגעלט באַרג ארויף און טהאָל אראָפּ אין דעם ווייסען ים־פעלד. דאָ און דאָרט האָבען שוין פון ווייסען ים ארויסגעקוקט ברייטע און גרויסע שווארצע פעלדער ווי אינזלען. עס איז שוין געווען פארנאַכט־צו, נאָך א שעהנעם זונענדיגען טאָג. דער הימעל איז געשטאַנען איבער די קעפּ א קלאָרער און א בלויער, ווי ער וואָלט געווען אויסגעוואשען און אויסגעצוואָגען פון אלע ווינטערדיגע כמאַרעס אויף פּסח. בלויע, קלאָרע שטיקער הימעל־וואָלקענס האָבען זיך פרעהליך געבאָדען, און די זון א רויטע און א גאָלדענע איז געשטאַנען הינטער דעם ברעסלאַווער וואלד און זי האָט ארויסגעקוקט מיט גאָלדענע בליקען דורך די נאַקעטע ריטער פון די בוימער. א מחנה שווארצע גאפּעס זיינען נאָכגעלאָפען נאָך די מענשען. נישט האָבענדיג קיין פּלאַץ, וואו זיך אָפּצושטעלען, האָבען זיי זיך געקרייזט אין דער לופטען ארום דער בויד, אראָפּגיעדרענדיג און אָנריהרענדיג קוים דעם שנעע, וואו זיי האָבען איבערגעלאָזט שפּורען פון זייערע פיסלעך. אין דער לופט איז געשטאַנען א פיאָלעט־רויטער קאָליר, וואָס האָט זיך געוואָרפען פון ווייסקייט פון שנעע און בלויקייט פון

די הימלען. עס האָט זיך געהערט דער פייכטער געשמאַק פון די צופוילטע וואָרצלען און די געזונדע נאַקעטע ערד. אַפטמאָל האָט דער שליטען דורכגעקרייצט אַ שטיק שנעע־פעלד, אויף וועלכען עס האָבען זיך אָנגעזעהן וואָלפישע טריט, און יעדעס מאָל ווען די שליטען־בויד האָט אָנגעטראָפען אויף די וועלפישע געטאָקטע טריט אין שנעע, האָט זיך געהערט אַ שטימע פון בויד:

— הלל, מיר זיינען אין נאַקעטען פעלד צווישען חיות רעות, און די נאַכט פאַלט צו, הלל.

— מיר׳ן באַלד זיין, בעל־הבית לעבען. אַט זעהט זיך שוין די תיפלה פון ברעסלאַוו.

— וואָס טויג מיר די תיפלה, הלל? מיר דאַרפען דאַוונען מנחה, און עס ווערט שפעט. אין פעלד איז אַ סכנה זיך אָפּצושטעלען.

— מיר׳ן באַלד זיין, בעל הבית לעבען.

— מיר וועלען פאַרשפּעטיגען שמונה עשרה, הלל.

— מיר׳ן נישט פאַרשפּעטיגען שמונה עשרה, חלילה, מיר וועלען נאָך זיין בעפאַר מנחה.

און הלל האָט זיך גענומען יאָגען די פערד אויף פאַרשיעדענע לשונות, וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט גערעדט צו זיי אויף יונ׳יש: „סטופּייטי, בראַטי, סטופּייטי“. ער האָט גערעדט צו זיי אויף אידיש: „ברידערלעך קליינע, טהוט אַ טובה, איילט זיך צו, דער בעל הבית דאַרף דאַוונען מנחה“, נאָר אַם בעסטען האָבען זיי פאַרשטאַנען, ווען הלל האָט גענומען דאַוונען אַ שטיקעלע שחרית. הלל האָט זיך צולאָזט אויפ׳ן קול איבער די נאַקעטע פעלדער. די פערדלעך האָבען אונטערגעשפּרונגען איבער דער פרישער נאַסער ערד — דער וועג האָט זיך גערוקט אונטער זייערע פיס און באַלד זיינען זיי אריין אין די בלאָטיגע גאַסען פון ברעסלאַוו.

אין אכסניא ביי ברכיה׳ן אין ברעסלאַוו האָבען זיך אָנגעטראָפען פיעל בוידען און שליטענס. די אכסניא איז פול געווען מיט אידען פון גאַנצען קאַנט. פיעלע זיינען געקומען פון יריד און האָבען געוואָלט אריבער מיט׳ן פּאַראָם דעם טייך קיין נעמיראָוו. דאָס אייז אָבער האָט שוין געלאָזט און גרויסע קריהעס זיינען געגאַנגען איבער׳ן טייך. האָבען פיעל אידען, אָהן עין הרע, פון גאַנצען געגענד

פאַרזאַמעלט זיך ביים קרעטשמער ברכיה'ן און געוואַרט מען זאָל קענען אַריבער דעם טייך.

מענדעל האָט באַגעגענט באַקאַנטע, ר' גדילה'ן פון טשיהרין און ר' יחזקאל פון קאָלניק, און נעמיראָווער אידען, און ר' יונה דעם מגיד און ר' משה פון נעמיראָוו, און נאָך פיעלע אידען. אַלע זיינען געווען בגלופין, אויפגערוימט, און חאַסקעל ברוך דער שענקער האָט געקלאַפּט ברכיה'ן אויפ'ן פּלייצע און געשריען מיט'ן קול:

— זאָג זוגתך, אַז זי זאָל אָפּקאָכען אויף וועטשערע קליסקעס.

— און געפּילטע קישקע — האָט יוחנן אַרון, דער פישער פון נעמיראָוו, צוגעלעגט.

— מיט שמאַלצענע גריוועגס.

— און צימעס, צימעס ווי שבת.

נאָר זיי האָבען נישט געדאַרפט זאָגען. ביים פּיעקעליק איז געשטאַנען די אידענע, ביי אַ גרויס פייער האָט זי אין אַ גרויסען קעסעל געקאָכט וועטשערע. און דער געשמאַק פון די קישקע מיט דעם געפּיהלעכטס און די קליסקעס האָט זיך שוין געהערט אין שטוב.

וואָס איז די שמחה? — פרעגט ער.

— גאָר נישט. גלאַט אַזוי. משנכנס אדר מרבין בשמחה. פאַר דעם זיינען מיר דאָך אידען. עס איז דאָך אַ פּשוט'ער קל־וחומר: מה־דאָך די גוים, וואָס דינען צו האָלץ און צו שטיין, פרעהען זיך, הייגט מיר, אידעלעך, וואָס דער רבונו של עולם איז אונזער פאָטער, דאַרפען מיר דאָך על אחת כמה וכמה! — האָט ר' חאַסקעל פון קאָלסק מיט'ן גרויסען פינגער אַריינגעשטעקט אין מענדעל'ס באָרד אַריין.

— און מנחה האָט איהר שוין געדאַוועגט?

— פון מיטען טאָג אָן מיט הלל!

— וואָס איז די שמחה? — פרעגט מענדעל פאַרוואונדערט.

— שוטה, האָסט פאַרגעסען אין וואָס פאַר אַ יאָהר מיר לעבען? מיר לעבען אין יאָהר „זאת“, אין — ת"ח. און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען.

— וואָס האָט זיך אָנגעהויבען?

— האָסט ניט געהערט? מלחמת גוג ומגוג, ווי דער האר"י הקדוש האָט בנביאות געזאָגט — האָט ר' יונה געזאָגט מענדלען.

— איך קום פון לובלין, ווייס פון גאָר נישט.

— במעלניצקי הרשע, דער סאַטניק פון טשיהרין, האָט צונויפ־געגומען כמה וכמה אלפים יונים און זיינען אַרוים אין מלחמה ביים געלען וואסער מיט די פּוילען.

— וואָס הערט זיך מיט זלאַטשאָוו? — האָט מענדעל געפרעגט דערשראָקען.

— שוטה, עס איז אתחלתא דגאולה, מלחמת גוג ומגוג, און ער געהט אַרום און פרעגט זלאַטשאָוו? פּרנס, עס האָרץ! — האָט זיך יונה פון איהם אָפּגעקעהרט און איז אַריין אין אַ צווייטער שטוב, וואו עס זיינען פאַרזאַמעלט געווען פיעל אידען אין טליתים. טייל האָבען געדאַווענט, טייל האָבען געזונגען, טייל האָבען געלערענט. און די פרעהליכע קולות האָבען אַריינגעדרונגען פון דער צווייטער שטוב.

— וואָס הערט זיך מיט זלאַטשאָוו? — איז מענדעל אַריין צווישען עולם אַ דערשראָקענער, און אַלעמען געפרעגט:

— וואָס זלאַטשאָוו? זיי זיינען ביים „געלען וואסער". די שרים פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי האָבען צונויפגענומען כמה וכמה אלפים זעלנער און זיינען אַרוים געגען זיי אין מלחמה, — האָט איהם ר' חאַסקעל פון קאַלסק בארוהיגט.

— געלויבט השם יתברך, — האָט מענדעל אָפּגעאָטעמט. ער וועט אַזאַ שוואַרצען סוף האָבען ווי פּאָוליק פאַריגעם יאָהר. מ'וועט איהם קעפּען אין וואַרשא, — האָט מענדעל זיי בארוהיגט. — אָבער וואָס איז די שמחה? — האָט מענדעל זיי געפרעגט.

— שוטה, דאָס איז דאָך די שמחה. דער אר"י הקדוש האָט דאָך דאָרויף נביאות געזאָגט, און עס איז אַ וואונק דאָ אין דער תורה, אַז היי־יאָהר וועט משיח קומען. מען זעהט עס דאָך בעשיינ־פּערליך, „אם תקום עלי מלחמה ב„זאת" אני בטוח", אַז עס וועט אויפשטעהן אויף מיר אַ מלחמה בין איך ב„זאת" זיכער. וואָס מיינט ב„זאת"? ב„זאת" מיינט בגמטריא ת"ח. דאָס הייסט, אַז אין שנת ת"ח וועט אויפשטעהן אויף מיר אַ מלחמה — און איך בין זיכער — אַט האָסטו עס פון אויבען אויף! — האָט איהם חאַסקעל פון קאַל־ניק ווידער געשטעקט דעם פינגער אין באָרד אַריין. — און דו, שוטה, געהסט אַרום און פרעגסט זיך פּאַר וואָס אידען פרעהען זיך? העי, ברכיה, הייס דיין זוגתך אַריינלעגען אין טאָפּ נאָך אַ קישקע

מיט שמאַלץ פּילעכטס על חשבון הפּרנס מזלאַטשאָוו, — האָט חאַס־קעל פון קאַלניק געשריען צום אַרענדאַר.

— צוויי קישקעס! — האָט מענדעל אויסגעשריען, אַנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער שמחה.

— און ווער איז דער בחור? — האָט חאַסקעל געוויזען אויף שלמה׳לען.

— אַ בעל־הבית׳ל, קומט צוריק פון לובלינער ישיבה מיט היתר הוראה אין דער טאַש. מיין זוהן, אַהן עין הרע.

— דיין זוהן מיט היתר הוראה אין טאַש — אַ שטיק מילץ אין טאָפּ אריין על חשבון הבעל־הבית׳ל ר׳ שלמה בן ר׳ מענדעל פאַר דער היתר הוראה אין טאַש! — האָט חאַסקעל ווייטער געשריען.

— און מנחה האָט איהר שוין געדאַווענט, אידען? וואו דאַ־ווענט מען דאָ מנחה ביי אייך? — האָט מענדעל זיך דערמאָנט אין דער מנחה.

— דאַוונען? דאָ איז מען עוסק באכילה; דרינען דאַווענט מען, — האָט חאַסקעל אָנגעוויזען מענדלען.

מענדעל האָט נאָך פאַרכאַפּט די לעצטע קדושה פון מנחה.

נאָך מעריב האָט ברכיה געגרייט דעם טיש. אין שטוב איז שוין געוועזן טונקעל. פון דרויסען האָט זיך געהערט דער גערויש פון קריהעס אייז אויפ׳ן וואַסער. ער האָט אין שטוב אויפ׳ן פּיעקעליק אָנגעצונדען אַ פּאָר שטיקלעך קיהן. און צוויי־דריי פלעמלעך האָבען געברענט אין דער שבת־מנורה. די בעלי־עגלה יונגען האָבען אריינ־געבראַכט די סמאָלענע שטולקאַצען פון די וועגען און אָנגעצונדען. מען האָט צונויפגעשלעפּט אַלע טישען און בענק און געמאַכט איין גרויסען טיש צום עסען. די אידען האָבען זיך געוואַשען און זיך ארומגעזעצט ארום דעם טיש. ברכיה׳ס ווייב האָט דערלאַנגט אויפ׳ן טיש די גרויסע מיסקע מיט די קישקעס און די מילצען און די לעבערס, פון וועלכע עס איז אַ גרויסער רויך אויסגעגאַנגען. און ברכיה האָט ארויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ באַטשקע מיט אָקעוויט און אַ כלי. צוערשט האָט מען גענומען צו „קאַפּעטשקעס“ אויף אַ לחיים. דער־נאָך האָט מען געצויגען די קישקעס פון דער מיסקע און געריסען שטיק־לעך מיט די הענד און מכבד געווען איינער דעם אַנדערען. און צווישען קישקע און בראַנפען האָט מען מכבד געווען דעם אומאַנער

חזן ער זאָל זאָגען אַ שטיקעל — האָט ער געזונגען אַ ויגדל. דערנאָך האָט זיך דאָרט געפונען אַ אומאַנער איד, אַ קלעזמער, וועלכער איז ארומגעפאָהרען אויף די יאָהרמערק און ער האָט געקענט גאַנץ שעהן שפּיעלען אויף אַ פידעלע, האָט ער משמח געווען דעם עולם מיט׳ן פידעלע. אויך איז דאָרט געווען אַן „אַלטער", פון די יונים, להבדיל, וועלכער האָט געקענט שפּיעלען אויף אַ האַרפע, וואָס די אידען האָבען איהם מכבד געווען, ווייל ער איז געווען זעהר אַלט. ער פלעגט אָפט געהן צווישען די אידען, אויף אידישע חתונות און שמחות, און מהנה זיין אידען מיט זיין האַרפע און געזאַנג, האָט ער געזונגען אַ שעה־נעם געזאַנג פון אַן אַלטען קעניג, וואָס די קינדער האָבען פון איהם דאָס מלכות אויסגענאַרט און איהם פון זיין קעניגרייך פאַרשטויסען. און צווישען די געזאַנגען מיט דעם שפּיעלען האָבען אידען גערעדט וועגען משיח׳ן, וועגען דער גאולה, וואָס איז נאָהענט, וועגען מלחמת גוג ומגוג. און דערנאָך, ווען דער עולם איז געוואָרען אַ ביסעל בגלופין, זיינען די ווייבער אַוויך אַריינגעקומען אין שטוב. און מתוך חדוה, וואָס משיח קומט באַלד, האָט מען זיך מתיר געווען, און די ווייבער האָבען אַ שעהנעם טאַנץ אויסגעפיהרט. די כלי זמרים מיט דעם זקן דעם שפּיעלער האָבען זיי צוגעשפּיעלט, און די אידען האָבען זיי צוגעפּאַטשט, און מתוך חדוה ושמחה, האָבען אידען זיך פאַרגעסען און טייל האָבען גענומען האַנדטיכער, טיכער און געגעבען די ווייבער אין האַנד אריין און געטאַנצט מיט די ווייבער.

און די אַלטע און פרומע אידען זיינען געזעסען און האָבען צוגע־זעהן און האָבען גאָר נישט געזאָגט, ווייל די חדוה איז געווען זעהר גרויס, און מען האָט שוין געמיינט, אַז משיח קומט באַלד.

אַזוי האָבען זיך אידען געפרעהט אַ גאַנצע נאַכט. פיעלע נגונים זיינען געזונגען געוואָרען, און פיעל מעשיות נסים ונפלאות פון משיח׳ן זיינען דערצעהלט געוואָרען, און פיעל רמזים, פסוקים, און גמטריות איז געלערענט געוואָרען אויף דעם יאָהר ווען משיח וועט קומען. און דער „אַלטער", דער שפּיעלער, האָט זיך אויך אָנגערופען, אַז צווישען די יונים רעדט מען אויך זעהר שטאַרק, אַז אין דעם יאָהר וועלען גרויסע זאַכען געשעהן. „אין קיעוו איז ער געווען, האָט ער געהערט דערצעהלען, אַז אין די צערקווע האָט דער פּאָפּ אויפ׳ן בע־לעמער אַ שריפט געפונען, געווען צוגעשיקט פון זייער גאָט ישוע

הנוצרי, אַז זיי זאָלען זיך ריכטען אויף דעם יאָהר..."

נאָר ביי דער וואַנד, אין אַ ווינקעל, זיינען געזעסען דריי בעלי־מקובלים, וואָס האָבען נישט גענומען קיין חלק נישט אין עסען און נישט אין דער שמחה: איינער אַ דיקער, איינער אַ יונגער און איינער אַן אַלטער. דער דיקער האָט געפאַסט, כדי לייכטער צו מאַכען זיין גוף, וואָס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען, ווייל זיין גוף איז געווען אַ גרויסער בעל־כח, און זיין נשמה פלעגט זיך אָפט פאַר־ליערען אין גרויסען גוף. אַז מען האָט אויפגעגעבען די גרויסע טעפּ מיט די קישקעס און די לונגען, האָט ער נישט געקענט אויסהאַלטען, ווייל די תאוה האָט זיך זעהר געשטאַרקט אין איהם, האָט ער צוגע־מאַכט די אויגען, איז די תאוה געקראָכען דורך די נאָז און מויל, און ער האָט אָפטמאָל געעפענט זיינע אויגען און געפרעגט זיין שכן:

— וואָס עסט מען דאָרט, האַ?

— קישקע, — האָט איהם דער שכן אָפּגעענטפערט.

— אַזוי? — האָט ער ביטער אָפּגעזיפצט. און כדי זיך צו פּייניגען האָט ער געקוקט אויף דער קישקע.

דער זקן האָט געהאַט אַ גרויע באָרד, און דער יונגער איז געווען אַ דאַרער, הויט און ביינער. זיי האָבען אויך געפאַסט צוליעב אַן ענין, וואָס קיינער ווייסט נישט. האָט דער יונגער נישט געקענט צוזעהן די שמחה פון די אידען, איז ער אויפגעשפּרונגען און אויס־געשריען:

— וואָס פרעהט איהר זיך בחנם? אין דער מגילה שטעהט „ותכתוב", איז דער אות פון „ת" מיט אַ גרויסען כתב און דער אות „ח" פון „חור" און אויך מיט אַ גרויסען כתב, וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז די גזרה פון המן איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף שנת ת"ח.

דער עולם איז געבליבען אַ דערשראָקענער, און האָט זיך אומ־געקוקט ווער עס זאָגט די ווערטער.

— רשע, האָסט נישט געקענט צוזעהן ווי אידען פרעהען זיך. אַזוי פיעל דיענען אידען דעם רבונו של עולם דורך עצבות, און טאָמער ווילען זיי איהם אַ מאָל דיענען מתוך שמחה, לאָזטו נישט! — האָט דער זקן אָנגעשריען אויף דעם יונגען־מאַן — פרעהט אייך, אי־

דען, פרעהט אייך. עס שטעהט אין דער תורה, „ב„זאת“ יבוא אהרן אל הקודש“, וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט ב„זאת“, וואָס מאכט בגמטריא אין שנת ת“ח וועט אהרן אריינקומען אין בית־המקדש אריין, אין שנת ת“ח וועט די ישועה קומען.

שלמה האָט געקוקט אויף דעם אַלטען. ער האָט איהם דערקענט. עס איז געווען דאָס הייליגע שניידעריל.

אין דער צווייטער שטוב זיינען געשטאַנען אידען איבערגעצויגען די טליתים איבער די קעפּ, ווי יום טוב און האָבען געדאַווענט, זינגענ־דיג הויך אויפ׳ן קול די קדושה מיט אַ יום־טוב׳דיגען נגון.

---

## צווייטער קאַפּיטעל.

# שלמה׳לע קומט אַהיים.

פאַר דער טיר האָט די מאַמע און די אַם אָפּגעוואַרט דעם אַהיים קומענדען זוהן פון דער ישיבה. נישט די מאַמע און נישט די אַם האָבען איהם דערקענט. געענדערט האָט זיך שלמה׳לע, אויסגע־וואַקסען אַ יונגערמאַן. עס האָט שוין געשפּראָצט דאָס שוואַרצע בערד׳על, וועלכעס איז באַהאַפטען געוואָרען מיט די לאַנגע געקרייזעלטע פּאות. דאָס בערדעל האָט געגעבען זיין פּנים אַן עלטער אויסזעהן. די מאַמע האָט דרך ארץ געהאַט פאַר איהר זוהן. דער כבוד פון דער תורה האָט גערוהט אויף איהם און זי האָט נישט געוואוסט, אויב זי מעג איהם דוצען... און מאַרושא, וועלכע איז געשטאַנען הינטער דער מאַמע׳ס רוקען, האָט זיך די אויגען געווישט און געכליפּעט:

— אויסגעוואַקסען איז דאָס קעלבעל און דערקענט נישט די קוה, וואָס האָט איהם געקאָרמעט.

די שעהנסטע שטוב פון דער קרעטשמע איז געוואָרען אָפּגעגעבען פאַר׳ן יונגען פּאַר־פאָלק. צוויי שלאָף־בענק, וואָס דער טאַטע האָט באַשטעלט ביים דרעקסלער פאַר׳ן יונגען פּאָר פאָלק, זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנד אין דעם ניעדריגען שטיבעל באַלעגט מיט בעטגעוואַנד

ביז א האלבן באלקען ארויף. אפגעשיידעט זיינען די בעטען געווען איינע פון די אנדערע און פארהאנגען מיט א גרין צייגען פארהענגעל. א גרויסער קאסטען, באשלאגען מיט אייזערנע רייפען און ארויפגע־זעצט אויף אייזערנע רעדלעך, איז געשטאנען אין ווינקעל שטוב פול אנגעפאקט מיט מלבושים און העמדער און ציערונג. און א לעדערנער רימען איז געווען צוגעבונדען צום קופערט, כדי ער זאל שטענדיג גרייט זיין, אין אן עת צרה, ווען עס וועט חלילה קומען א בהלה, זאל מען זיך קענען איינשפאנען אין איהם און מיטשלעפען מיט זיך. א טיש צום עסען און צום לערנען, א הילצערנע שלאף־באנק און א וויעגעל מיט א שטענדער אנגעגרייט פאר דעם קינד, וואס וועט קומען. דאס וויע־געל און שטענדער האט בעלאנגט צום „גארניטור" מעבעל, וואס דער טאטע האט באשטעלט פאר'ן יונגען פאר־פאלק. נאר דאס וויכטיג־סטע מעבעל־שטיק אין שטוב איז געווען די פאליצע מיט ספרים. די ספרים זיינען געווען דער וויכטיגסטער פונקט, וואס איז געווארען איינגעשריבען אין די תנאים און דער שווער, דער רב, האט זעהר אויפגעפאסט, אז דער פונקט פון די תנאים זאל ווערען ריכטיג אויס־געפיהרט. ספרים זיינען געווען טייערער ווי ציערונג, ווי דער נדן. און נישט נאר בלויז מיט געלד אליין איז דער אוצר ספרים געווארען איינגעשאפט, לאנגע יאהרען מיהען זיך פון רב, און די ליעבע און נחת פון מענדלען האבען דעם אוצר ספרים צוזאמענגעבראכט.

שטעהט שוין די נעסט פארטיג פאר'ן יונגען פאר פאלק און די „זי" איז נישטא. ביי דער שוויגער איז דאס ווייבעל אפגעזעסען זעקס יאהר און געווארט אויף איהר מאן, ווען ער וועט צוריקקומען פון דער ישיבה א גרויסער תלמיד חכם ווי איהר פאטער איז. שוין איז דער מאן צוריק דא, און דאס יונגע פאר פאלק האבען זיך נאך נישט געזעהן. ביי דער מוטער אין שטוב האלט זי זיך אויף ביז ערב פסח, דאן וועלען די שוויגער מיט דער מאמען זי ארייגפיהרען אין דעם נעסט, וואס זיי האבען אויסגעבויט פאר'ן יונגען פאר פאלק.

אויף שבת הגדול איז שלמה'לע פארבעטען געווארען צום שווער צום טיש. פרייטאג פארנאכט, ווען ער איז אריינגעקומען נאך דער מקוה מקדש השבת צו זיין, אין זיין נייעם מלבוש מיט פוטער באנעהט, וואס ער האט זיך פון לובלין מיטגעבראכט, האט ער צום ערשטען מאל זיין ווייבעל דערזעהן. געשטאנען איז זי אין דער צווייטער שטוב

אינאיינעם מיט דער רבי'צין, איהר מוטער און די שבת־ליכט גע־
בענשט. איז דאָס דבורה זיין ווייב? געדיינקט האָט ער זי אַלס
דאָס קינד, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט. און דרינען, ביי די שבת־
ליכט מיט דער מאמען, שטעהט אַ יונגע אידישע בת־מלכה, אַ הויכע
שלאַנקע געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ אויסגעהאַפטענעם שלייער
מיט זילבער באַנעהט, די געהאַפטענע הויב מיט ציערונג באַפוצט,
באַדעקט איהר הויכען ווייסען שטערען ווי אַ קרוין אויפ׳ן שלאַנקען
מיידעלשען קאָפּ. איהרע ווייסע איידעלע פינגער פאַרשטעלען איהרע
אויגען, איהר געזיכט, און ער זעהט נאָר איהר בויגזאַמע יונגע פיגור
שטעהן שטאָלץ, ווי אַ יונגער ציפּרעס־בוים איבער די ברענענדיגע
ליכט. איהרע ווייסע פינגער צושפּרייטען זיך, און פון צווישען די
דורכזיכטיגע לויכטענדע פינגער אַנטפּלעקען זיך צוויי גרויסע שווארצע
אויגען, קוקען אויף איהם שטיל מיט טיעפער בענקשאַפט און מיט אַ
צניעות׳דיגער פאַרשעהמטקייט. זיין הארץ שלאָגט שטארק, און אַ
בענקשאַפט ערוועקט זיך אין איהם. איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט
שטענדיג געטראָגען אין זיך די אויגען. ער האָט זיי געזעהן אין די
לאַנגע ווינטער־נעכט ביי דער גמרא אין דער ישיבה. אַ ציטערענדע
איידעלקייט ציהט דורך זיינע גליעדער, און ער קוקט צו איהר, אָבער
ער קען נישט אויסהאַלטען איהר פייכטען בענקענדען בליק, און לאָזט
אראָפּ זיינע אויגען. אַ מינוט שפּעטער דערהויבט ער זיי ווייטער.
אָבער איהרע אויגען זיינען שוין איצט פאַרשטעלט, און ער זעהט
נאָר איהרע לויכטענדע עלפענביין־פינגער און ער שטעהט אַ פאַר־
טראַכטער.

ער הערט שוין נישט דאָס חריפה׳דיגע פּשט׳ל, וואָס דער שווער
האָט מחדש געווען. עס קלערט שוין נישט דער יונגערמאַן וועגען דעם
רמב"ם, מיט וועלכען ער האָט געפּלאַנט צו שטורמען די פעסטונגען,
וואָס זיין שווער האָט אַזוי קונציג צונויפגעשטעלט. עס קלערט שוין
דער יונגערמאַן וועגען גאַנץ אַנדערע זאַכען. די אויגען, די שווארצע,
די שטאָלצע קארשען־אויגען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט דורך די דינע
פינגערלעך ביים ליכט־בענשען, שטעהען יעצט פאַר איהם, און ער
דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זיי געזעהן אַזוי אָפט דורך דער צייט פון
זיין לערנען אין דער ישיבה, ווען עס איז טרויעריג געוואָרען אין די
פאַרנאַכטען און די גרויסע שאָטענס פון די ווענד, פון די ספרים,

האבען איינגעשלונגען די ישיבה, האט ער געזעהן די אויגען. אזוי האט געקוקט רבקה אויף יצחק'ן, ווען ער האט זי באגעגענט אויפ'ן וועג. אזוי האט רחל געקוקט אויף יעקב'ן, ווען ער האט זי אנגעטראפען מיט די שעפסען ביים ברונען. און אזוי קוקט די שכינה צום רבונו של עולם, ווען זי קומט יעדען תשעה באב אויף די חורבות פון בית־המקדש און טרעפט איהר פריינד דעם רבונו של עולם זיצענדיג אין טרויער און צוויי גרויסע טרערען רינען אראפ פון זיינע אויגען און זידען אויף די וואסערען פון ירדן. און אזוי קוקט די שבת מלכתא, ווען זי ניעדערט אראפ פון די הימלען און קומט אריין אין אידישע שטובען אריין, ווען די מאמעס בענשען די שבת־ליכט.

און ווי דער יונגערמאן קלערט אזוי, דערזעהט ער פלוצים, ווי עס נעהרט זיך פון דער צווייטער שטוב א הייליגע געשטאלט. ער פיהלט, ווי איהרע טריט דערנעהנטערען זיך, כאטש ער זעהט זי נישט. ער האלט די אויגען געבויגען צו דער ערד, נאר אינווענינ אין איהם ווערט ליכטיג, און עס שימערט מיט זילבער.

אין דער טיר פון שטוב שטעהט דבורה. ער האט איהר נאך נישט אין פנים געקוקט, נאר עס שיינט א ליכט מיט א זילבערנעם גלאנץ אין די אויגען.

— שלמה'לע, זוגתך וויל דיך זעהן, — זאגט די רבי'צין.

שלמה האט געעפענט די אויגען און געזעהן דבורה'ן פאר זיך. זיי זיינען געוועזן אליין.

די ערשטע איז געוועזן דבורה, וואס האט אנגעהויבען צו רעדען צו איהר מאן:

— שלמה — האט זי געזאגט — ווען דו ביזט אין ישיבה גע־פאהרען, האב איך זעהר געוויינט. איך האב נישט געוואלט, אז דו זאלסט אין ישיבה פאהרען, ווייל איך בין א קינד געוועזן און האב נישט געטהאן פארשטעהן, אזוי האסטו מיין געוויין אנגענומען, א־האסט מיר געטהאן עפעס פארשפרעכען. אזוי בין איך געקומען יעצט מאהנען פון דיר, אויב דו דיין פארשפרעכען געהאלטען האסט?

שלמה האט נישט געענטפערט, נאר ער איז צוגעגאנגען צום קאסטען, אויפגעעפענט און געזאגט:

— דא האסטו וואס איך האב דיר געטהאן פארשפרעכען.

דאס מיידעל איז געבליבען שטעהן פאר'ן קופערט א פארוואונ־

דערטע און איבערראשטע. פון קאסטען האבען ארויסגעשיינט די גאלדענע שיכלעך. זי האט זיי ארויסגענומען און באקוקט די הויכע אפצאסען, לויט ווארשעווער ארט געמאכט, און דאס סלוצקער זיידען געוועבטע קאפטענדעל מיט עטרה־זילבער באנעהט.

לאנג האט דבורה באטראכט דעם מאנ׳ס מתנות. דאן האט זי זיך פון קאסטען אויפגעהויבען און געזאגט:

— אזוי, האסטו מיר נישט געטהאן פארגעסען. אזוי גאר, ווען דו ביזט אזוי ווייט געוועזן פון דאנען און אזוי לאנג, האסטו דאך גע־טהאן אין מיר גערענקען און דיין לייטזעליגקייט מיר געשאנקען.

— דו ביזט דאך, מיין ווייב, מקדש געווארען צו מיר כדת משה וישראל, — האט דער מאן אפגעענטפערט.

— איך ווייס נישט, אויב איך בין ראוי צו זיין דיין ווייב, שלמה, איך בין א זינדיגע אשה, ווייס נישט ווי מיט גאט און לייטען אומ־צוגעהן. איך בין אומגעלערענט און דו ביזט דאך א גרויסער תלמיד־חכם, פיעל תורה האסטו דאך אין דער ישיבה געלערענט און פיעל לייטישקייט ביי מענשען אין דער פרעמד.

— גאט האט דיר געטהאן באשענקען מיט זעהר פיעל חן, דבורה, אזוי ווי די מאמע רחל, — האט שלמה געזאגט אין דער שטיל.

דבורה האט איהם אנגעקוקט מיט איהר פייכטען בליק, וואס שלמה האט נישט געקענט אויסשטעהן. א מינוט האט זי געשוויגען. דערנאך האט זי געזאגט:

— אויף דעם האב איך ביי גאט געטהאן בעטען בייטאג און ביינאכט, אז ער זאל מיר חן געבען אין דיינע אויגען. היינט, אז גאט האט מיר געהאלפען, וואס דארף איך נאך מעהר?

— וואס האסטו געטהאן דורך דער גאנצער צייט, ווען איך בין אין ישיבה געוועזן, דבורה?

— די מאמע האט מיך געלערענט ווי א גוט פרום ווייב צו זיין, און די שוויגער האט מיך געלערענט ווי אונזערע קינדער צו ערציהען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

שלמה איז צוגעגאנגען צו איהר, אנגעריהרט מיט דער האנד איהר הייבעל, נישט קוקענדיג אויף איהר.

— גאָט זאָל אונז געבען נחת און פרייד אַלע אונזערע טעג דבורה.

— אָמן! — האָט דבורה אָפּגעענטפערט.

## דריטעס קאַפּיטעל.

# שבועות.

איבער דער וועלט איז געקומען דער שעהנער יום־טוב פון קבלת התורה און אינאיינעם מיט׳ן יום־טוב דער פריהלינג אין סטעפּ. זלאָ־טשאָוו איז פאַרפלייצט געוואָרען אין אַ טייך פון פייכטען גרינעם סאַמטענעם גראָז, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט פון סטעפּ אין שטעד־טעל אריין. דאָס גרינס האָט געשפּראָצט פון אַלצדינג אויף וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און נישט נאָר די ערד איז באַפּלאַנצט געוואָרען מיט דעם פייכטען גרינס, נאָר די דעכלעך פון די הייזער האָבען גע־בליהט און די ווענד פון די הייזער. עס האָט אויסגעזעהן ווי די הייזלעך וואָלטען ארויסגעוואַקסען פון דער ערד, באַציערט און באַבלימעלט מיט ווילדען וויין, וואָס האָט געקלעטערט אויף די ווענד. און איבער זייערע קעפּ האָבען באַשיצט קרוינען גרינע צווייגען פון די ליפּע־בוימער, וואָס זיינען געקראָכען איינער צום אַנדערען און איינגע־פלאָכטען זיך און געהאַנגען איבער די הייזלעך ווי אַ חופּה. יעדער רינשטאָק אין זלאָטשאָוו איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בלומען־קאָרעטע, און יעדער זומפּ איז צוגעדעקט געוואָרען מיט „פאַרגעס־מיך־ניט"; געל־גאָלדענע „אויגעלעך" האָבען אַראָפּגעוואונקען פון די מאָך־באַוואַקסענע דעכער. אין יעדען פענסטער פון זלאָטשאָוו האָבען אַריינגעקוקט הויכע בושעס פון יאַסמין, און ווייסער בעז האָט בע־שמעקט די שטיבלעך.

און איבער זלאָטשאָוו האָבען גענומען יאָגען די פריהלינגס־ווינ־טען פון סטעפּ, ווינטען פון בעפרייטע קוועלענדע וואַסערען, וואָס זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון געפרוירענעם אייז, ווינטען פון דעם

גרויסען גרינעם ים וואָס גיסט זיך ארום זלאָטשאָוו מיט זיינע בערגלעך און טהאָלען, מיט זיינע בליהענדע וועלדער און באַבלומטע סטעפּעס, און עס זיינען געקומען די פּארנאַכטען ווען די בוימער און דאָס גרינס האָט זיך אָנגעהויבען צו הילען אין טונקעלע שאָטענס, איז זלאָטשאָוו געווען אין סכנה אין גאַנצען פארפלייצט צו ווערען אין גרינעם סטעפּ און קיינמאָל ניט מעהר ארויסצוקומען.

ערב שבועות, ווען די קינדער פון זלאָטשאָוו האָבען זיך געשפּיעלט ארום דעם קלאָץ ביים שטאָדט ברונען, וואָס איז געשטאַנען אין מארק, איז פון וועג אָנגעקומען אַן אַלט אידעל מיט אַ קליין וויים רונדיגען בערדעל און האָט געטראָגען אַ גרויסען זאַק און אַ גרינעם צווייג שטעקען אין האַנד. די קינדערלעך האָבען זיך צוגעקוקט מיט נייגיעריגקייט צום פרעמדען, וואָס קומט אָן אין שטעדטעל, ווייל זעלטען־ווען האָט זלאָטשאָוו געהאַט אַן אורח. פּלוצים האָט זיך אַ אינגעל מיט געקרייזעלטע פּאות׳לעך און באָרפעסע פים אויפגעכאַפּט פון קלאָץ און געשריען:

— דאָס שניידעריל געהט, דאָס שניידעריל געהט!

די קינדער האָבען דערקענט דאָס שניידעריל, און זיינען איהם אנטקעגען געלאָפען, מיט ארויסגעשאַרטע העמדער און מייטקעס און פון יאַגדעס איינגעשמירטע פּנים׳ער.

— שניידערל, שניידערל, האָפּ! האָפּ!

— אוועק! אוועק! — האָט דאָס שניידערל געמאַכט מיט׳ן שטעקען.

— קומט צו אונז אהיים, שניידערל.

— צו אונז, צו אונז!

— ניין, צו אונז! איהר וועט שלאָפען אויף דער שלאָפבאַנק.

אָבער דאָס שניידעריל האָט געהאַט זיין אייגענע אכסניא אין שטעדטעל, דאָס איז געווען אין פּאָליש ביים שוהלכעל. די קינדער האָבען איהם באַגלייט מיט פרייד אין שוהלכעל אריין. דאָרט אין פּאָליש האָט ער אוועקגעלעגט זיין גרויסען זאַק, פון וועלכען ער האָט ארויסגענומען מתנות און געטיילט די קינדערלעך: איינעם אַ פייפעל אויסגעשניטען פון אַ צווייגעל; אַ צווייטען אַ האָניג־קיכעל וואָס ער האָט באַהאַלטען פאר איהם פון לעצטען שטעדטעל, און אַ דריטען, וואָס האָט שוין געקענט לייענען, אַ ספר׳ל. און אַזוי ווי עס

איז נאָך געווען גענוג צייט אין מקוה צו געהן, האָבען זיך די קינדער געקליבען ארום איהם, און ער האָט זיי גאָר א שעהן געזאנג אויסגע־לערענט צו זינגען לכבוד יום־טוב.

יום־טוב אין אָוועגד האָבען זיך די זלאָטשאָווער בעלי־בתים געריסען איבער דעם שניידער, ביי וועמען ער זאָל יום טוב עסען. אלע האָבען געוואָלט פאַרדיענען די מצוה פון הכנסת אורחים, ווייל זעהר זעלטען האָבען זיי געקענט מקיים זיין די מצוה אין זלאָטשאָוו.

דעם ערשטען טאָג יום טוב האָט ער געגעסען ביי מענדלען, וואָס איז זיין חזקה געווען, ווייל ער איז געווען דער פּרנס. און ביים טיש איז דער שניידעריל גאָר פרעהליך געווען, געזונגען און גערעדט, וואָס איז גאָר נישט זיין מנהג געווען. ער האָט זיך זעהר געפרעהט איבער שלמה׳לען, וואָס איז שוין פון לובלינער ישיבה גע־קומען, און געפּאָדערט פון איהם שכר־למוד־געלד, וואָס ער האָט איהם אויסגעלערענט דאַוונען, און שלמה׳לע האָט איהם מכבד געווען דער־פאר מיט א כוס מעד. אז דאָס שניידעריל האָט געטרונקען דעם מעד, האָט ער געקרעכצט:

— אויסגעוואַקסען זלאָטשאָוו אַן עיר וואס בישראל נעבעך.

האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען זיין קרעכצען און זיין „נעבעך“. מען האָט זיך זעהר געוואונדערט דעריבער, און קיינער האָט איהם נישט איבערגעפרעגט, ווייל וואונדערליך זיינען געווען די וועגען פון שניידעריל.

צומאָרגענס באַגינען, דעם צווייטען טאָג יום טוב, איז שלמה׳לע געזעסען ביי זיך אין שטיבעל און האָט געלערענט זיין שיעור. די פענסטערלעך זיינען געווען אָפען און עס האָבען אריינגעקוקט אין דעם ניעדריגען שטיבעל אריין די בוימער, וואָס האָבען געוואַקסען הינטער׳ן פענסטעריל. א זים קול פון די פויגעל האָט זיך געהערט פון דרויסען. און א זיסער האָניג־גערשמאַק האָט זיך געטראָגען פון די ווייסע האָניג־בלומען פון דעם סטעפּ און האָט אָנגעפילט דאָס קליינע ניעדריגע שטיבעל פון דעם יונגען פּאָר פּאָלק. דאָס ווייבעל איז געשטאַנען איבער׳ן קופערט און האָט פון דאָרט ארויסגענומען איהרע שעהנע קליידער און איהרע ציערונג־שטיקער, און מיט זיי זיך אויסגעפּוצט און אויסגעציערט צו געהן מיט דער שוויגער אין שוהל אריין. א גרויסער חן איז געלעגען אויף איהר אין דעם יום־טוב׳דיגען פריהלינג

פריהמאָרגען. איהרע באַקען זיינען איידעל געווען. עס האָט נאָך גערוהט אויף זיי די פרייד פון דער נאַכט, און איהרע גרויסע אויגען זיינען באַצויגען געווען מיט אַ גלענצענדען טהוי, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך נאָך נישט אויפגעוועקט פון דעם נאַכט־חלום, פון וואַנען זיי קומען. און אַ גרויס ליעבשאַפט האָט אין דעם יונגעמאַנ׳ס הארץ זיך אָנגעצונדען צו זיין ווייב, און אַ גרויס רחמנות און איידעלקייט האָט ער געפיהלט צו איהר. און איהר הארץ איז אויך פול געווען מיט ליעבשאַפט צו איהם, ווייל זיין קול התורה יום טוב אין דער פריה האָט געקלונגען זעהר זיס אין איהרע אויערען, ווי דאָס קול פון די פויגעל, וואָס זיינען גליקליך. וואָרים זיי האָבען זיך ביידע זעהר ליעב געהאַט, אַזוי ווי עס איז די טבע פון יונגע מענשען די ערשטע צייט נאָך דער חתונה. אַזוי האָט ער נישט מעהר לערנען געקענט, האָט ער זיין שטריימעל אויף דער גמרא אַרויפגעלעגט און האָט זיך אין שטוב אַרויף און אַראָפּ געדרעהט. און זי, דאָס יונגע ווייבעל, האָט זיך געטהאָן פוצען און ציערען פאַר איהם מיט איהרע שעהנע זאַכען. און ווען זי איז שוין געווען גאַר שעהן אויסגעציערט, האָט זי זיך פון קאַסטען אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו איהר מאַן, אַז ער זאָל זי בענשען פאַר׳ן שוהל־געהן. אַזוי האָט ער זיינע צוויי הענד אַרויפגעלעגט אויף איהר שעהנעם קאָפּ און אַזוי געזאָגט:

— דיין שעהנער חן זאָל קיינמאָל נישט ווערען אָפּגעטהאָן פון דיר, ווי פון אונזער מאַמע רחל.

און דאָס ווייבעל האָט גענומען איהר קרבן־מנחה־סדור, מיט די זילבערנע טאָוולען, וואָס דער שווער האָט איהר געשאָנקען, און איז מיט גרויס פּאַראַד, אויסגעציערט אין איהרע יום־טוב׳דיגע קליידער, אין שוהל געגאַנגען.

דער עולם איז געווען אין שוהל פאַרזאַמעלט, אויסגעציערט לכבוד יום טוב שטעהען די ווייבער אין דער ווייבערשער שוהל, און דורך די קליינע פאַרהאַנגענע שטאַכעטלעך קוקען זיי אַראָפּ אין דער מענער־שוהל אַריין. צווישען דער מאַמע און דער שוויגער שטעהט דבורה׳לע, אויסגעפּוצט אין דעם נייעם שטערען־טיכעל, וואָס דער שווער האָט איהר געשאָנקען מיט דעם גרויסען שמוק־שטיק באַהאַנ־גען ווען זי איז געקומען צו איהם לכבוד יום טוב, אָנגעטהאָן אין די גאָלדענע שיכעלעך, וואָס שלמה׳לע האָט איהר פון דער ישיבה גע־

בראכט. זי קוקט אראָפּ און זי זעהט דורך די שטאַכעטלעך ווי שלמה׳־לע איינגעהילט אין גרויסען טלית שטעהט אויפ׳ן בעלעמער און האלט דאָס ספר תורה אין דער האנד מיט זעהר פיעל ליעבע און זינגט א ליעד לכבוד יום־טוב. מיט זיין זיסער שטימע צערטעלט ער ווי א זינג־פויגעל דעם נגון פון הקדמות און לעגט אין וואָרט אריין אלע טעמים פון „טראָפּ“. און ווי דבורה הערט זיך אזוי איין אין שלמה׳לעס קול, קומען זעהר זיסע געדאנקען און ציהען דורך ווי זיסע געזאַנגען דורך איהר הארץ. געדאנקען, וועלכע גנב׳ענען זיך אריין, און רופען ארויס צערטליכע רויטליכקייט אויף דעם ווייבעל׳ס באַקען און א פייכטען שעמעדיגען בליק אין די אויגען. זי באהאלט איהרע אויגען אין די פלאכקייט פון איהרע הענד, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אז די מאַמע זאָל נישט אראָפּלעזען פון איהר פּנים דעם זיסען געדאַנק, וואָס זי קלערט...

און נאָך חלום׳ט דער געזאַנג פון איהר מאַנ׳ס שטימע, ווען פון דרויסען רייסט זיך אריין א געוואַלד פון גאַס און פארטויבט דעם יום־טוב געזאַנג. נאָך וואָגט קיינער נישט דעם טלית אָפּצולעגען, אר־יסגעהן זעהן וואָס עס איז געשעהן. און שלמה׳לע מיהט זיך העכער אויפצוהויבען זיין שטימע און נאָך מיט מעהר טעם צו באזיסען זיין געזאַנג, אָבער דער רעש פון גאַס קומט נעהנטער אריין אין שוהל און פארטרייבט דעם יום־טוב. דאָ און דאָרט רוקט זיך שוין ווער ארויס פון שוהל. עס קלאַפּט דער גבאי אויפ׳ן בעלעמער, און באַלד רייסען זיך אין שוהל אריין ווייבער, קינדער און מענער, און א געמור־מעל געהט דורך:

— שלוחים געקומען.

— פון קארסון צוויי שלוחים געקומען.

— אויף פערד געקומען צו רייטען, יום טוב מחלל געווען.

— עס איז סכנת נפשות.

עס הערט שוין נישט קיינער שלמה׳לעס צערטלען זיך, פארשטומט איז געוואָרען דער יום־טוב־געזאַנג. מענדעל קלאַפּט אויפ׳ן בעלעמער, דער עולם לויפט אריין און ארויס פון שוהל.

מיט א מאָל דערהערט זיך א וויינען.

— וואָס איז געשעהן?

— שאַ, שאַ, — קלאַפּט מענדעל אין בעלעמער.

אין דעם רייסט זיך די טיר פון שוהל אויף און אַ שרעקעדיג קול רופט:

— אידען, זייט אייך מציל דאָס נפש!

---

פיערטער קאַפּיטעל.

## גלות זלאָטשאָוו.

אויפ׳ן יום־טוב׳דיגען בעלעמער באַפּוצט מיט גרינס לכבוד יום טוב, צווישען די זילבער־באַקליידעטע ספר־תורות, שטעהען צוויי וואָנ־בערינגע אידען, פאַרשטויבט פון וועג, וואָס זיינען אום יום טוב געקומען צו רייטען.

— כמעלניצקי הרשע האָט די צוויי פוילישע גענעראַלען פּאָטאָצקי און קלינאָווסקי מנצח געוועזן, — דערצעהלען די אידען — און ער ציהט מיט זיינע חיילות אויף גאַנץ אוקראַינע. דער כאַן פון טאַטארען געהט מיט איהם, די קהלה פון קארסון האָט ער חרוב ומחריב געמאַכט. פיעל אידען זיינען אומגעקומען. עס זיינען נאָר ניצול געוואָרען די רייטער, וואָס זיינען אום יום טוב געקומען אריינצוריייטען נאָך זלאָטשאָוו, כדי אָנצוזאָגען אחינו בני ישראל פון זלאָטשאָוו, אַז די סכנה איז זעהר גרויס, און זיי זאָלען נישט קוקען אויף דעם יום־טוב נאָר מציל זיין זיך דאָס נפש, וואָרום כמעלניצקי מיט די יונים און טאַטערען ציהען אהער צו דער שטאָדט צו.

איז געוואָרען אַ גרויסע בהלה אין שוהל. די ווייבער האָבען גע־כאַפּט די קליינע קינדער אויף די הענד און נישט געוואוסט וואו צו לויפען. טייל האָבען געשריען, אַז מען זאָל די פערד שפּאַנען צו די בוידען און אַנטלויפען פון שטאָדט אום יום טוב. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט דאָס צו טהאָן. זיי האָבען זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלען, אַז זייער לעבען זאָל אונטערגעשניטען ווערען אַזוי אומ־געריכט. קיינעם האָט זיך נישט געהויבען די האַנד צו באַוועגען אַ זאַך אין דעם שעהנעם יום־טוב, און דערווייל זיינען וואָס אַ מאָל

מעהר פרויען, מענער און קינדער געקומען אין שוהל צו לויפען, אזוי ווי זיי וואָלטען געזוכט זיך צו באהאַלטען אין גאָט׳ס הויז. קיין איינער איז אין שטאָדט אין שטוב נישט געבליבען, אַלע האָבען געפיהלט צו זיין צוזאַמען אין דער שוהל.

איז דער פּרנס, מענדעל, אַרויף אויפ׳ן בעלעמער אַ בלייכער, און געקלאַפּט אויפ׳ן טיש און געזאָגט אזוי:

— אידען, מיר וועלען נישט געהן פון דאַנען. מיר האָבען אַ ישוב געבויט, אַ שוהל — אויף וועמען וועלען מיר דאָס אַלעס לאָזען? עס קען דאָך נישט זיין, אַ וועלט קען דאָך נישט חרוב ווערען. אַ טאָג, צוויי, און הילף וועט קומען. דער שר וויסניוועצקי וועט אָנציהען מיט פּוילישע חיל, אויך אַנדערע שררים, מיר וועלען זיך דערוויל אויסבאהאַלטען, איינשליסען זיך אין שוהל, און אפשר האָט כמעלניצקי אָפּגעצויגען מיט זיינע חיילות קיין טשיהרין, ער האָט דאָרט זיין היים — וואָס האָט ער צו אונז? מיר האָבען איהם קיין שלעכטס נישט געטהאָן. נעהמען אַ שטאָדט און חרוב מאַכען בידים, לאָזען אַלצדינג אויף הפקר — מיר וועלען נישט געהן.

מענדעל׳ס רייד האָבען באַרוהיגט פּיעלע. די אידען, וואָס זיינען דאָ געווען לכתחילה, ווי מען האָט געבויט דעם ישוב, איז זלאָטשאָוו אזוי טייער געווען, אז זיי האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שטראַהל האָפנונג, וואָס דער פּרנס האָט זיי געגעבען, אז כמעלניצקי האָט אָפּגעצויגען קיין טשיהרין, וויל דאָרט האָט ער זיין היים. דאָס אונגליק איז געקומען איבער זיי אזוי פּלוצלונג, אזוי אונגעריכטערהייט, אז זיי האָבען גאָר נישט געקענט פאַרשטעהן די סכנה. און באַלד האָבען זיך אַרום מענדלען געקליבען אַן עולם אידען, בעל־מלאכות, פערד־סוחרים, וואָס זיינען אַרומגעפאָהרען אין סעטש און האָבען געהאַנדעלט מיט די קאָזאַקען, אָפטמאָל זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט און זיינען געווען גבורים, אידען מיט אָפּגעברענטע פּנים׳ער פון דער סטעפּישער זון, מיט שטאַרקע שוואַרצע בערד און הויכע ברעמען, אידען מיט ברייטע אַקסלען און גרויסע שווערע הענד — הענד, וואָס האָבען געבויט שטעדט, און זיי האָבען מיטגעשטימט מיט׳ן פּרנס:

— ווער עס וויל געהן, זאָל געהן. מיר וועלען מיט אונזער פּרנס בלייבען.

— מיר וועלען מיט אונזער שוהל בלייבען.

M. B. CANTOR



— די שוהל, אויף וועמען וועט איהר פארלאָזען די שוהל? די יונגים וועלען זי דאָך פארברענגען!

אין שוהל איז שטיל געוואָרען. דער רב האָט זיך אויפגעהויבען, ארויף אויפ'ן בעלעמער און געקלאפּט אין בעלעמער:

— אידען טאָרען זיך נישט איינשטעלען דאָס לעבען בחנם. ושמור את נפשך, שטעהט אין דער תורה. און אַ מאבד את עצמו לדעת האָט קיין חלק לעולם הבא. און פקוח נפש איז אפילו דוחה שבת, אפילו יום כפור. דורך דעם בין איך גוזר בתור רב אויפ'ן פרנס הקהל, אַז ער זאָל דער ערשטער נעהמען און שפּאַנען דעם וואָגען און גלייך ארויס פון דער שטאָדט. וואָרום עס איז גרויס סכנת נפשות.

דער פרנס האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט. ער איז געבליבען זיצען אויפ'ן בעלעמער.

— ווער עס וויל געהן, זאָל געהן. איך וועל דאָ איבערבלייבען מיט דער שוהל. גאָט האָט געבויט אַ שוהל, וועט ער זי באשיצען, און אויף הפקר איבערלאָזען אַ שטאָדט וועל איך נישט.

דער עולם, דערזעהענדיג, אַז דער פרנס בלייבט, האָט זיך נישט געאיילט אויסצופיהרען דעם רב'ס געבאָט. ארום מענדלען האָבען זיך צונויפגעקליבען די אידען קצבים, פערדס־הענדלער, סוחרים פון סעטש — און קיינער האָט נישט געוואָגט דער ערשטער מחלל צו זיין דעם יום טוב.

אין שוהל איז געוואָרען זעהר שטיל. אלע האָבען געקוקט אויפ'ן רב, וואָס דער רב וועט טהאָן. נאָר דער רב האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט, איז ארויפגעגאנגען צום אָרון, ארויסגענומען צוויי ספרי תורות אויףביידע הענד, און האָט גענומען ארויסטרעטען פון שוהל.

— אידען, ראַטעוועט די ספרי תורות! — האָט דער רב געזאָגט.

נאָר דער רב האָט עס שוין נישט געדאַרפט זאָגען. געזעהען, אַז דער רב טראָגט ארויס די ספרי תורות פון שוהל, איז געוואָרען אַ גרויסע יללה. ערשט יעצט האָבען זיי פארשטאַנען דעם אונגליק. זיי האָבען זיך דערמאָנט, ווען מען האָט די ספרי תורות אריינגעשטעלט אין שוהלכעל. האָבען זיי שרעקליך אָנגעהויבען צו וויינען. קיינער האָט גאָר נישט געקענט רעדען. קיינער האָט גאָר נישט געקענט דענקען. מען האָט גענומען די ספרי תורות און דער עולם איז ארויס פון שוהל נאָכ'ן רב.

M. E. CHEF CO.



דער אַלטער ר׳ שמואל האָט שוין נישט געלעבט. אַזוי האָט זיין ספר תורה׳לע גענומען אַן אַנדער איד אונטער׳ן אָרעם און האָט עס אַרויסגענומען פון שוהל.

און דער רב האָט זיך אָנגערופען:

— אידען, זייט מחלל יום טוב, איך בין גוזר אויף אייך! שפּאַנט די וועגען און ראַטעוועט דאָס ביסעל גוטס. איך וועל עס אויך טהאָן.

דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט נאָכ׳ן רב פון שוהל. עס איז שוין געוואָרען אַ געלאַף. דאָ און דאָרט האָט מען שוין פערד צו די בוידען געשפּאַנט. מען איז פאַרפאָהרען מיט די בוידען, קינדער אויפגעזעצט, גוטס פון הייזער געשלעפּט, ספרים און בעטגעוואַנד. טייל האָבען פון די הייזער אַרויסגעצויגען די קאַסטענס, אין וועלכע זיי האָבען געהאַט זייערע פאַרמעגענס, איינגעשפּאַנט זיך אין די רייד מענס און געשלעפּט די קופערטס אויף די רעדלעך איבער דער גאַס נאָכ׳ן בית עולם. אַנדערע האָבען געכאַפּט וואָס עס איז זיי צום ערשטען אין האַנד געקומען: אַ כלי, אַ בגד, אַ שטיק מעבעל, אַנדערע אין די טליתים אָנגעטהאָן פון דאַוונען. און זלאַטשאָוו איז אַרויס נאָך זייער רב פון שטאָדט אויפ׳ן וועג קיין נעמיראָוו.

און אין שוהל אויפ׳ן בעלעמער איז אַליין געזעסען דער פּרנס הקהל, אַזוי ווי אַ שטיין, האָט געהערט די טריט פון די פערד, דאָס גערויש פון די רעדער, דאָס לויפט זלאַטשאָוו, זלאַטשאָוו רינט אויס — און ער האָט זיך נישט גערוהרט פון אָרט. אַרום איהם זיינען געווען פאַרזאַמעלט די בעלי מלאכות און די פערדס־סוחרים און האָבען געשוויגען.

שלמה׳לע איז געשטאַנען נעבען פאָטער. ער האָט אויך געהאַלטען מיט׳ן רב, אַז פּקוח נפש איז דוחה אַלעס, און געבעטען דעם פאָטער, ער זאָל פאַרלאָזען די שוהל און מיטגעהן מיט די אידען. נאָר דער פאָטער איז אַליין געזעסען ווי אַ שטיין:

— גאָט האָט געבויט אַ שוהל, וועט ער זי באַשיצען, — האָט דער פאָטער געברומט אין באָרד אַריין.

געזעהן, אַז דער פאָטער בלייבט, איז ער אויך געבליבען ביים פאָטער. און אינאיינעם מיט איהם דבורה מיט דער גאַנצער מענדעל׳ס משפּחה. און די אַלטע גויה מארושא איז געשטאַנען ביי דער טיר פון שוהל און געוויינט.

— פאַניטשו, אַנטלויף, די ברידערלעך וועלען קומען פון סטעפּ, זיי וועלען קיינעם נישט שוינען, ראַטעוועט זיך דאָס לעבען.

נאָר קיינער האָט זי נישט באַמערקט, ווייל זי האָט נישט גע־וואַגט אין שוהל אַריינצוגעהן, נאָר געשטאַנען ביי דער טיר און געוויינט פאַר זיך.

די געוואַלדען און דער געלאַף פון דרויסען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען איינצושטילען. זלאָטשאָוו איז געוואָרען לעער און אויס־גערונען. דער סטעפּ האָט צוריקגעקראָגען זיין חלק, וואָס מענשען האָבען גערויבט פון איהם. אין שוהל איז איצט שטיל געוואָרען. אַ קאַלטקייט האָט געבלאָזען פון די באַהאַלטענע ווינקעלעך. דורך די צוויי רויט־בלויע פענסטערלעך, וואָס זיינען געווען אין באַלקען, האָבען אַריינגעדרונגען צוויי שטראַהלענדע זיילען און האָבען זיך איבערגעוואָרפען איבער דער שוהל, באַלייכטענדיג דעם אָפענעם אָרון מיט די נאַכט־שטערען, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אין איהם. פאַר'ן עמוד האָט זיך געברענט איינזאַם אַ ליכט, וואָס דער שמש האָט געהאַט אָנגעצונדען צום יום טוב'דיגען דאַווענען. אַרום דעם בעלעמער האָבען נאָך געהאַנגען די גרינע קוויטשערס און גרינס, וואָס איז געווען דער מנהג צו באַפּוצען די הייזער און די שוהל לזכר דעם באַרג סיני. אויפ'ן בעלעמער זיינען געזעסען די איינזאַמע וועכטער, דער פּרנס מיט די אידען, וואָס זיינען איבערגעבליבען מיט איהם צו היטען די שוהל.

פּלוצים האָט זיך ווער אויפגעהויבען פון אַ ווינקעל און איז צוגעקומען צום בעלעמער. עס איז געווען דאָס שניידעריל. קיינער האָט ביז איצט נישט באַמערקט, ווי ער איז געזעסען די גאַנצע צייט אין אַ ווינקעל און זיך געזאָגט זיינע קאַפּיטלעך תהלים. מענדעל מיט די אידען האָבען זיך פאַרוואונדערט איהם צו זעהן. דאָס שניי־דעריל האָט זיך צוגעקוקט צו די אידען און אַזוי געזאָגט:

— איהר היט די שוהל? מיט וואָס וועט איהר זי באַשיצען? מיט גבורה? באַדאַרף דען גאָט אייער גבורה? איז דען נישט אַ שטיין, אַ שטיק האָלץ שטאַרקער פון אייך? פעהלט דען גאָט גבורה?

קיינער האָט איהם נישט אָפגעענטפערט.

האָט זיך פּלוצים געזעהן פון ווינקעל, פון וואַנען דאָס שניידעריל

איז־אַרויסגעקומען, אַ בלאַס פייער אויפפלאַמען. דאָס פייער האָט אונטערגעכאַפּט דאָס פּרוכת׳ל, וואָס האָט געהאַנגען פאַר׳ן ארון וואָס איז געווען דערבײַ. און באַלד האָט דער אין אויל דורכגעווייקטער עמוד געפלאַקערט אין פייער.

— פייער, פייער, די שוהל ברענט!

— ווער האָט עס געטהאָן? — האָבען זיך די אידען אויפגעכאַפּט און געוואָלט צולויפען צום פייער:

— שטעהט, איך האָב עס געטהאָן, — האָט דאָס שניידעריל צוריקגעהאַלטען דעם עולם. — אַז דער רבונו של עולם איז געגאַנגען די אידען אַרויסטרייבען פון ארץ ישראל, זאָגט די גמרא, זיינען די אידען חייב מיתה געווען. אַזוי האָט גאָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף שטיינער און אויף העלצער. ער האָט דאָס בית־המקדש פאַרברענט און אידען מציל געווען. וואָס ווילט איהר בעסער זיין פון רבונו של עולם? וואָס זיינט איהר געגאַנגען באַשיצען, שטיינער און העלצער? באַהאַלט אייער גבורה, גאָט וועט דאַרפען אייער גבורה פאַר אַ העכערען ענין, ווען עס וועט קומען די צייט, ווען מיר וועלען זוכה זיין דערצו. זייט מציל די נפשות, זיי באַלאַנגען נישט צו אייך, זיי באַלאַנגען צו גאָט!

די אידען האָבען זיך דערשראָקען פאַר דעם שניידער׳ס רייד. איינציגווייז האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אַרויסצורוקען פון דער שוהל, און עס איז שוין נישט געווען וואָס צו באַשיצען אויך. די מיט אויל און ליכט דורכגעזאַפּטע פּרוכת׳ער און האָלץ האָבען זיך געצונדען ווי קיהנעלעך.

— גלייכער אַזוי! מיר האָבען זי פאַרברענט אַליין איידער די גוים האָבען זי אומריין געמאַכט. קומט, אידען, לאָמיר שפּאַנען די וועגען! — האָט דער פּרנס געשריען, און האָט גענומען די אייגענע און איז אַרוים פון דער שוהל.

— שטעה אויף, אַלטע, העלף בינדען די זאַכען, עס ווערט שפּעט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין הלל צוגעפאָהרען מיט דער בויד פאַר דער קרעטשמע, און פון שטוב האָט מען אָנגעהויבען צו טראָגען די ספרים אין די קופערטס. עס איז שוין געווען די העכסטע צייט, וואָרום אין קרעטשמע האָבען זיך אַריינגעכאַפּט דער פּאָפּ מיט אַ פּאָר קאָזאַקישע פּויערען און האָבען אָנגעהויבען צו ראַבעווען דעם

בראנפען פון קרעטשמע.

— איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט, אז די ברידערלעך וועלען קומען פון סטעפּ. אויף לייכטע פערדלעך קומען זיי צו פליהען, דער אנזשעל מיכאאיל באגלייט זיי — האָט דער פּאָפּ, א שכור'ער שוין פון בראנפען געוואקעלט זיך און געשריען גוטמוטיג צו מענדלען.

— דו הונדען־זוהן, — קלאַפּט די מארושא מיט א פאנטאָפעל דעם שכור'ען פּאָפּ איבער'ן קאָפּ — אז דער פּאַן איז ניטאָ, קריכען די חזרים פון דער כרובע ארויס.

און ווען דעם פרנס'ס בויד האָט די לעצטע פארלאָזען זלאָטשאָוו, האָט זיך מענדעל אומגעקוקט צום לעצטען מאָל אויף זלאָטשאָוו. ער האָט געזעהן ווי די שוהל ברענט זיך אן איינזאמע, און עס האָט איהם דערמאָנט אָן א ברענענדיג ליכט נאָך א טויטען...

## פינפטער קאַפּיטעל.

# נעשה ונשמע

איבער דעם סטעפּ האָבען זיך געצויגען לאנגע קאראוואנעז בוידען מיט אידישע ווייבער, קינדער און בעטגעוואנד, וואָס האָבען אָנגעצויגען פון דער גאנצער געגענד ארום — קיין נעמיראָוו. ביי נאכט האָט מען מורא געהאט ווייטער צו פאָהרען פאר חיות־רעות, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי א וואסער. די ווייבער און די קינדער זיינען געפאלען אין שלאָף, און די מענער האָבען זיך געשטעלט אויף דער וואך, אָפּצוהיטען די בוידען פון חיות־רעות און שלעכטע טאָטערען.

האָבען זיי אָנגעלעגט א פייער. די אלטע אידען זיינען געזעסען ארום פייער און האָבען געזאָגט פרומע קאפּיטלען תהלים, און די יונגע זיינען געשטאנען אויסקוקען.

עס איז געווען דער צווייטער טאָג שבועות אויף דער נאכט, ווען אידען פלעגען זיך משמח זיין מיט דער תורה. דאָס פרומע

שניידעריל האָט נישט געלאָזט דעם עולם אריינפאַלען אין עצבות.

— אידען, לאָמיר זיך משמח זיין מיט דער תורה!

דער עולם האָט איהם ניט אָפּגעענטפערט. יעדער איז געווען פארנומען מיט זיינע אייגענע ענינים. דער צער פון פארלאָזען די שטאָדט איז ביי זיי געווען זעהר גרויס, און זיי האָבען פארגעסען אין יום־טוב, אין בטחון אין רבונו של עולם, דורך דעם האָט איהם קיינער נישט אָפּגעענטפערט.

— קליינע אידען, שוין ביים ערשטען נסיון פארליערט איהר דעם בטחון, — האָט ווער געזאָגט צווישען עולם.

— און אפשר איז עס א דרך אזעלכער. ער וויל זעהן די אידען משמח זיין זיך מיט דער תורה נישט אין די הייזער אין שטאָדט אין די שוהלען, נאָר אויפ׳ן נאַקעטען פעלד.

— און די אידען, וואָס האָבען מקבל געווען די תורה אויפ׳ן הר סיני, האָבען אויך נישט געהאַט קיין שטאָדט און קיין הייזער, און קיין שוהלען נאָך נישט, נאָר זיינען געלעגען אין נאַקעטען פעלד ווי מיר — און דאָך האָבען זיי געזאָגט „נעשה ונשמע".

— „נעשה ונשמע"! — האָט זיך ווער אָנגערופען צווישען עולם.

און עס איז געווען — ווי א טרייסט וואָלט אריינגעפאַלען אין עולם, ווי א פונק פון האָפנונג האָט אָנגעצונדען זייערע הערצער און עס האָט זיך צופלאַקערט דער בטחון. אידען האָבען אָנגעהויבען צו פארשטעהן, צו זעהן דעם טעם, און באלד האָט ווער פון זיי דאָס ספר־תורה׳לע ארויסגענומען, דאָס זלאָטשאָווער ספר־תורה׳לע, וואָס איז געגאַנגען מיט די אידען אין גלות אריין, און האָט הויך אויפ׳ן קול אויסגעשריען — נעשה ונשמע.

און דער עולם נאָך איהם האָט שוין אָפּגעענטפערט מיט א הילכיג קול:

— נעשה ונשמע!

אימיצער האָט אָנגעהויבען צו זינגען הלל, קאַפּיטלעך תהלים, דער עולם נאָך איהם. די קינדער האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געזעהן דאָס ליכטיגע פייער וואָס ברענט זיך אין סטעפּ, און די אידען טאַנצען מיט זייערע ספר־תורה׳לעך ארום פייער.

— נעשה ונשמע.

און דער סטעפּ איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין א באַרג סיני

— הויך האָט געקנאַקט דאָס פייער, און די אידען מיט די ספרי־תורות אַרום פייער, און ווייט און ברייט האָט אָפּגעקלונגען אין סטעפּ:
— נעשה ונשמע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען אַריינגעקומען קיין נעמיראָוו. נעמיראָוו איז געווען פול מיט פרעמדע אידען פון גאַנצען קאַנט, וואָס זיינען אָנגעקומען צו לויפען צו ראַטעווען זיך אין דער באַפעסטיגטער שטאָדט פון כמעלניצקי'ס קאָזאַקען. די קהלה נעמיראָוו מיט איהר פּרנס ר' ישראל און דער רב ר' יחיאל מיכל האָבען געטהאָן פאַר די גרושים אַלעס, וואָס זיי האָבען געקענט. די פרעמדע אידען האָבען געוואָהנט אין בתי־מדרשים; די ווייבער מיט די קינדער אין ווייבער־שוהלען. און די שטאָדט־ווייבער האָבען צונויפגעשלעפּט בעטגעוואַנד, מלבושים, און אויסגעבעט פאַר די ווייבער מיט די קינדער. אין שוהל־הויף, אין אידישען געסעל, האָבען זיך נעברענט גרויסע פייערען אונטער גרויסע קעסלען עסען פאַר די הונגעריגע. דער, וואָס האָט געהאַט אַ קרוב, צי אַ באַקאַנטען, אַ ווייטען צי אַ נאָהענטען — האָט איהם אויפגעזוכט, און באַלד איז נעמיראָוו געוואָרען איין גרויסע קהלה. סיי די היימישע, סיי די פרעמדע זיינען געשלאָפען אַלע אינאיינעם אין קהל'ישע שטיבער און געגעסען בשותפות פון די קהל'ישע קעסלען.

געהערט האָט מען, אַז כמעלניצקי האָט אָפּגעצויגען קיין טשיהרין, אין זיין מקום אַריין. דאָרט האָט ער נהרג געווען די גאַנצע אידישע קהלה מיט ר' זכריה'ן בראש, וועלכען ער האָט אָנגעטהאָן גרויסע ענוים פאַר דעם טויט. ר' זכריה מיט דער גאַנצער קהלה טשיהרין זיינען געשטאָרבען על קדוש השם, ווי עס פּאַסט פאַר אידען. האָבען זיך אַליין אָנגעטהאָן אין טליתים, אין קיטלען און זיינען זיך צונויפגעקומען אין שוהל — און דאָרט זיינען זיי אַלע אומגעקומען. געהערט האָט מען אויך, אַז ער האָט אייניגע אידישע קהלות פאַרברענט, דאַרונטער אויך זלאָטשאָוו. נאָר איין בטחון איז געווען אין שר ווישניוועצקי, וועלכער האָט אהער געצויגען פון יענער זייט דניעפּער מיט פיעל חיל, מלחמה צו האַלטען מיט כמעלניצקי'ן. האָט מען געוואַרט ביז דער שר ווישניוועצקי, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער אוהב־ישראל, וועט בעזרת השם מנצח זיין דעם רשע און אידען וועלען קענען צוריקקעהרען אין זייערע חרוב־געוואָרענע

קהלות.

אָבער באַלד איז באַקאַנט געוואָרען, אַז כמעלניצקי האָט מנצח געווען דעם שר אוהב ישראל. פירשט ווישניוועצקי האָט אָפּגעצויגען אין דער ליטא — און דאָס גאַנצע לאַנד איז איבערגעבליבען אָהן א באַשיצער, הפקר פאַר׳ן שונא, און פון וואַרשא האָט מען אויך קיין הילף נישט געקענט ערוואַרטען. וואָרים נאָך קעניג וולאַדי־סלאַוו׳ס טויט האָבען זיך די שררים נישט געקענט אייניגען, וועמען מען זאָל אויסקלייבען פאַר קעניג איבער פּוילען. און דאָס קעניגרייך פּוילען איז איבערגעבליבען ווי א שיף אָהן א רודער.

האָט דער רב ר׳ יחיאל מיכל פון נעמיראָוו פאַררופען א אסיפה פון אַלע פּרנסים און נכבדים, וואָס האָבען זיך געפונען אין נעמי־ראָוו מיעץ זיין זיך, וואָס מען זאָל טהאָן. וואָרים די סכנה איז גע־ווען זעהר גרויס.

אויף דער אסיפה איז געווען חלוקי דעות. טייל האָבען געזאָגט, אַז מען זאָל פאַרלאָזען די שטאָדט און נעהן קיין טולטשין — וואָס איז א שטאַרקערע פעסטונג. אַנדערע האָבען געראַטען דאָ צו פאַר־בלייבען.

— וואו אהין וועלען מיר געהן? וואו אהין וועלען מיר לויפען? א גאַנצע מדינה אידען וועלען אַנטלויפען. וואו וועלען מיר זיך אָפּשטעלען? און נאָך טולטשין וועלען זיי נישט קומען? אַז עס וועט נישט קומען קיין הילף חלילה וועלען זיי דאָך די גאַנצע מדינה איינגעהמען ביז לבוב, ביז צו די ווייכסעל. עס קען דאָך נישט זיין, אַז פּוילען זאָל אונטערגעהן. די שררים וועלען דאָך ניט לאָזען פאַר־ברענען זייערע אייגענע שטעדט מיט די דערפער מיט כל טוב. עס מוז דאָך אָנקומען הילף. א מדינה קען דאָך נישט איבערבלייבען אויף הפקר!

אַלע האָבען זיך צוגעהערט צו די רייד פון׳ם פּרנס פון זלאָטשאָוו און האָבען געפונען, אַז עס איז טאַקע נישטאָ וואו צו אַנטלויפען; אַז נעמיראָוו מיט איהרע רבנים און פּרנסים און איהרע גבורים און מיט דער גרויסער קהלה אידען זאָלען דאַרפען אַנטלויפען, איז דאָך עק וועלט, און עס קען דאָך נישט זיין, אַז די שררים זאָלען איבער־לאָזען גאַנץ אוקראַינא אויף הפקר.

— נאָר וואָס דען זאָלען מיר טהאָן? — האָבען די אידען גע־

פרעגט.

— נעמיראָוו האָט אַ פעסטונג. פון איין זייט דער טייך און ארום די וואַלען. מיר זיינען ברוך השם אין נעמיראָוו אַ פּאָר טויזענד אידען פאַרזאַמעלט. קודם כל לאָמיר זיך באַפעסטיגען אין דער פעסטונג, כדי די יונים פון מקום און די פּוילען זאָלען נישט קענען זי ארויסגעבען צו די קאָזאַקען, ווען זיי וועלען צוקומען צו דער שטאָדט. און מיר וועלען זיך אַזוי לאַנג וועהרען ביז הילף וועט אָנקומען פון פּוילען. עס קען דאָך נישט זיין, אַז אַ מלוכה זאָל לאָזען אַ גאַנצע מדינה אונטערגעהן.

די עצה איז אַלעמען געפעלען, און עס איז געבליבען, אַז מען זאָל זיך צוהערען צו דער עצה טובה פון זלאָטשאָווער פּרנס.

נאָר אין אַ ווינקעל פון בית־דין־שטוב איז געזעסען דאָס שניידעריל און האָט געבריהט פאַר זיך: — גבורה, מיט גבורה ווילען זיי העלפען דעם רבונו של עולם? באַהאַלט די גבורה פאַר זיך. עס וועט קומען אַ צייט, ווען איהר וועט דאַרפען די גבורה פאַר זיך, פאַר אַ העכערען ענין.

נאָר קיינער האָט איהם יעצט נישט געהערט. די פּרנסים פון די קליינע שטעדטלעך וואָס זיינען געווען פאַרזאַמעלט ביים רב, זיינען אַלע געווען אידען אין דעם ערך וואָס מענדעל, וואָס האָבען אַליין געבויעט זייערע שטעדט, פון וועלכע זיי זיינען געווען די פּרנסים און זיי האָבען ליעב געהאַט דאָס מקום, פון וואַנען זיי זיינען געקומען און נישט געוואָלט עס לאָזען אויף הפקר — האָבען זיי אַלע מסכים געווען צו מענדעל'ס עצה, און גענומען באַלד זי אויספיהרען.

נעמיראָוו איז פון איין זייט אַרומגערינגעלט מיט'ן טייך און פון די אַנדערע פרייע זייטען האָט אַ געמויערטער וואַל אַרומגערינגעלט די שטאָדט. אין די ווינקלען פון די וואַלען זיינען געווען הויכע געמויערטע באַשטעס, אויף וועלכע עס האָבען זיך געפונען אַ פּאָר אַלטע פאַרראָסטעטע קאַנאָנען, צו וועלכע עס זיינען נישט געווען קיין קויהלען און קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי זיי צו באַנוצען. אָבער די אידען האָבען נישט געטראַכט פון שיסען, נאָר ווי זיך צו באַשיצען. האָבען זיי ערשטענס פאַרשטאַרקט די טויערען פון דעם מויער. די אידישע קאָוואַלעס האָבען געשמיעדט לאַנגע

אייזערנע פּרענטען, ריגלען און אייזערנע קייטען, מיט וועלכע זיי האָבען באַפעסטיגט די טויערען. און ארום דעם מויער האָבען זיי אויסגעשטעלט טישען, לייטערם און געבויעט א הילצערנע באַפעסטי־גונג, אָנגעזאַמעלט א מאַסע שטיינער, שטעכעדיגע העלצער און טעפּ געזאָטען וואַסער.

אין שטאָדט האָט זיך אויך געפונען אייניגע הונדערט פּאָליאַ־קען, א פּאָר צעהנדליג דייטשע בעלי־מלאכות, וואָס האָבען געקענט שיסען מיט ביקסען. די אידען אָבער האָבען זיי נישט געוואָלט אנפּארטרויען די מויערען פון דער פעסטונג און נישט די באַשטעם. זיי האָבען זיי געלאָזט שטעהן אויף די לייטערם אויף דער מויער — העלפען אוועקטרייבען די קאָזאַקען, ווען זיי וועלען זיך דער־נעהנטערען. דאָס ערשטע וואָס די אידען האָבען געטהאָן, זיי האָבען באהאַלטען די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך און זייערע פּארמעגענס אין די באַשטעם, און אליין ארויף אויף די מויערען.

אין נעמיראָוו איז וואָס א מאָל ענגער געוואָרען. וואָס א מאָל זיינען מעהר אידען געקומען אָנצוציהען פון די קליינע שטעדטלעך און האָבען געבראַכט די טרויעריגע בשורה, אז כמעלניצקי האָט ארויס־געשיקט זיין גענעראַל קריווע־נאָס מיט א גרויסער צאָהל קאָזאַקען און טאָטערען און זיי ציהען אויף נעמיראָוו. איז א שרעק אָנגעפאַלען אויף די אידען. האָט דער רב ר׳ יחיאל מיכל ווידער צונויפגעזאַמעלט דעם עולם שבת אין דער נעמיראָווער שוהל און האָט זיך אָנגעטהאָן אין טלית, און אוועקגעשטעלט זיך דרשנ׳ען פאַר דעם עולם.

— רבותי! מיר ווייסען נישט וואָס עס שטעהט אונז פאָר, — האָט דער רב געזאָגט. — אָן ערנסטע צייט קומט אויף נעמיראָוו. אפשר פארלאַנגט פון אונז דער רבונו של עולם, אז מיר זאָלען מקדש השם זיין, זיינען מיר מוכן ומזומן. אפשר קומט דער שונא גאָר נישט איינצונעהמען אונזערע גופים, נאָר אונזערע נשמות? פאַר אונזערע גופים האָבען מיר אָנגעגרייט א שוץ: מיר האָבען באַפעסטיגט די וואַלען. האָבען מיר אויך אָנגעגרייט א שוץ פאר אונזערע נשמות? ווען דער רשע וועט קומען און וועט חלילה זאָגען: „תני לי את הנפש“, וועל איך אייך לאָזען לעבען, וועט איהר געניג שטאַרק זיין ניט קיין רחמנות האָבען אויף אייערע לעבענס, אויף אייערע ווייבער און אויף אייערע קינדער, און מקדש השם זיין ווי די עשרה

הרוגי מלכות האָבען געטהאָן, ווי די אַלע הקדושים והטהורים?

אין שוהל איז שטיל געוואָרען. די ווייבער האָבען אויפגעהערט צו כליפען, און די מענער צו קרעכצען. מען האָט נאָר געזעהן גלאַנ־צענד׳גע אויגען און בלייכע שוויינענדיגע געזיכטער.

האָט ווער פון עולם אויסגעשריען:

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

האָט דער עולם נאָך איהם אויסגעשריען ווי איין מאן:

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

דער רב איז שטיל געוואָרען. ער האָט שוין מעהר נישט גע־רעדט פון קדוש השם. זיין שטימע איז ווייכער געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען צו טרויסטען דעם עולם:

— און אפשר איז עס א נסיון, און געדענקט „ושמור את הנפש". יעדער איד איז זיך מחויב צו ראַטעווען ווי ער קען, און דער וואָס ברענגט אונטער זיין לעבען בידים, דער איז אַ מאבד עצמו לדעת און ער האָט קיין חלק לעולם הבא נישט. פאַר גאָר נישט זאָלט איהר זיך חלילה אָפּשטעלען, נישט פאַר קיין פאַרמעגענס, פאַר גאָלד און זילבער אָדער ספרים קדושים. וואָרים איהר באַלאַנגט נישט צו זיך, נאָר צום רבונו של עולם, און פאַר גאָר נישט זאָלט איהר זיך חלילה דאָס לעבען איינשטעלען, נאָר פאַר דער אמונה הקדושה אַליין.

אַ גרויס געוויין איז געוואָרען אין שוהל נאָך דעם רב׳ס רייד. די משפחות זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. די ווייבער מיט די מענער, יעדע משפחה איז געזעסען באַזונדער מיט די קינדער און מען האָט זיך געזעגענט איינער מיט׳ן אַנדערען, און איינער האָט דעם אַנדערען געטרייסט — און דער עולם האָט מעהר בטחון געקראָגען נאָך דעם רב׳ס רייד.

---

אויף מאָרגען האָבען די אויסקוקערס אויף די באַשטעם געזעהן ווי פון סטעפּ הויבט זיך אויף אַ גרויסער וואָלקען פון שטויב. זיינען זיי אַראָפּגעקומען און האָבען אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז די רשעים קומען. זיינען די מענער גלייך געלאָפען און געשטעלט זיך אויף די לייטערס ביי די וואַנד, מיט שטיינער און העק און שטיקער

אייזענס, וואָס זיי האָבען זיך געהאַט אָנגעגרייט אויף דער מויער, און די ווייבער האָבען געבראַכט טעפּ מיט קאָכענדיגען חלב און הייסע קאַשע, וואָס זיי האָבען אָנגעגרייט. איז געקומען צו לויפען פאַן קאַשניטצקי, דער פירשט ווישניוויטצקי׳ס פּאָרטרעטער פון שטאָדט, און מיט איהם זיינען געוועזן נאָך פּאָליאַקען מיט שווערדען אין די הענד, און האָבען געשריען צו די אידען:

— וואָס טהוט איהר? אויף וועמען גרייט איהר אָן די שטיינער און אויפגעקאָכטע קאַשע, אויף די סאָלדאַטען פון גראַף ווישניוויטצקי, וועלכע קומען אייך ראַטעווען פון די קאָזאַקען? דערקענט איהר דען נישט דעם פּוילישען ווייסען אָדלער אויף די רויטע פאָהנען? דערקענט איהר דען נישט די פּאַווע פּושעס אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטען? געהען דען כלאָפּישע קאָזאַקען אָנגעטהאָן אין קעניגליכע גאַרנאָסטאַיענע קאַנטושען? און קענט איהר גאָר ניט פון דער ווייטענס דערזעהן די שטאַרקע וואָנסעס פון אויער צו אויער, נישט די ראַקען וואָנסעס פון די קאָזאַקען? עפענט אויף דעם טויער פאַר די העלדען פון פירשט יערעמיאַש, און געהט מיט האָניג־לעקעכער און פּערעל אַנטקעגען די העלדען, וואָס קומען ראַטעווען אייערע לעבענס, אייערע ווייבער און קינדער פון די קאָזאַקען!

און ווירקליך האָט מען דערזעהן פון וואָלקען שטויב אַרויסרייטען אַ וואַלד מיט רויטע פאָהנען, אויף וועלכע עס האָט געשיינט אין דער זון דער ווייסער פּוילישער אָדלער. דאָ און דאָרט האָבען ווייסע פאָהנען געפלאַטערט און פאַראויס געלאָפען, ווי זיי וואָלטען געוועזן אָנגעזאָגט הילף און ערלעזונג. און באַלד איז די גאַנצע מויער פאַרהילכט געוואָרען אין אַ גרויסען פריידען־געשריי:

— הילף קומט! הילף!

די ווייבער זיינען אַרויס פון דער פעסטונג מיט די קינדער אויף די הענד, אַרויף אויף די לייטערס, אויף דער מויער, און דערזעהענדיג פון דער ווייטענס די פּוילישע פאָהנען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו רופען:

— גאָט׳ס נס, גאָט׳ס וואונדער. זעהט, זעהט, גאָט שיקט פון הימעל!

און נעמיראָוו איז אַרויס אויף די גאַסען, פון די באַהאַלטענסטע לעכער, פון די קעלערס און די מויערען. ווער עס האָט זיך

נאָר געהאַט באַהאַלטען פון די קאָזאַקען איז געקומען צו דער טויער פון מויער זעהן די אַריינציהענדע פּוילישע זעלנער, וואָס זיינען זיי געקומען העלפען. דאָ און דאָרט האָבען זיך שוין געקליבען דעפּוטאַציעס פון אידען, יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן, מיט ספרי תורות אין די הענד, וועלכע זיינען געקומען מקבל פנים זיין דעם פירשט'ס זעלנער. מוטערס האָבען באַהאַלטען זייערע טעכטער פאַר דעם חיל, וואָס קומט אָן... און בחורים און אינגלעך האָבען זיך געקליבען אויפ'ן טויער צו זעהן אַריינמאַרשירען די העלדען.

נאָר אַט זיינען שוין די סאָלדאַטען נאָהענט ביי דעם מויער, און די אידען איילען זיך נישט אויפצועפענען דעם טויער. שוין קומט אָן פאָראויס צו רייטען אַ שטאַפעט מיט אַ ווייסער פאָהן און שטעלט זיך אָפּ ביי דעם טויער און טראָמפּייטעט אויס:

— עפענט אויף די בראַהמע פאַר דעם פירשט ווישניוויעצקי'ס זעלנער!

— אידעלעך, אָן אַ זייט, אָן אַ זייט! די „בראַהמע" עפענט, פּוילישע זעלנער קומען — שרייט פאַן קאַשניטצקי.

— דאָס וועלען מיר זעהן, ווען זיי וועלען אָנקומען צו דעם מויער וואָס פאַר אַ זעלנער זיי זיינען — האָבען די אידען ביי דעם טויער געענטפערט.

דאָס חיל איילט זיך נישט צוצוקומען צום טויער. די מחנה שטעהט אַלץ פון דער ווייטען, רוהען אין וועלדעל, וואָס איז הינטער דער שטאָדט, און האַלטען אין איין שיקען שטאַפעטען מיט טראָמפּייטערס, טראָמפּייטען אויס, אָבער די אידען ווילען פון גאָרנישט הערען.

— מיר ווייסען נישט ווער דאָס זיינען אַזעלכע. זאָלען זיי צוקומען נעהנטער צו דער בראַהמע, וועלען מיר זיי דערקענען, וואָס פאַר אַ זעלנער דאָס זיינען.

— אָ, אידעלעך, פּחדנים, ווי איהר האָט מורא! עפענט אויף די בראַהמע, לאָזט מיך אַרויס צו זיי. וועל איך נישט צוריקקומען — זיינען עס קאָזאַקען — מיין טויט. קום איך צוריק, איז עס פּאָליאַקען. איך באַדאַרף קיינעם נישט פון אייך. איך אַליין וועל געהן מיין לעבען איינשטעלען, און איהר געהט און באַהאַלט זיך אונטער די ווייבער'ס קאַפּטענעס! — האָט דער פריץ זיי גערזידעלט.

די אידען האָבען אויפגעעפענט די פאָרטקע און אַרויסגעלאָזט

דעם פאן קאשניטצקי. דער שטאפעט האט דעם פאן אוועקגעפיהרט צו דעם חיל, וואס האט גערוהט אין וועלדעל. דער פאן האט זיך געזאמט דארט א לאנגע ווײלע. דערנאך איז ער צוריקגעקומען רײ־טענדיג אויף א ווײס פערד מיט א פוילישער פאהן אין דער האנד. בײ איהם זײנען געװען צװײ טראמפײטערס. די טראמפײטערס האבען געבלאזען און די אידען האבען זיך געשטעלט אויפ'ן מויער. דער פאן האט געלעזען פון א שריפט און אויסגערופען מיט א הויך קול:

„אין נאמען פון זײן הערליכקײט, דעם פירשט פון רוס, יע־רעמיאש װישניאוויטצקי, דער פאן און באזיצער פון נעמיראװ, באַ־פעהל איך די נעמיראװער אײנװאהנער אויפצועפענען די בראהמע פאר די זעלנער פון זײן הערליכקײט".

— זאל לעבען אונזער באשיצער, פאן װישניאוויטצקי! — האבען די אידען אפגעענטפערט און ברײט אויפגעעפענט די בראהמע.

די דעפוטאציעס האבען זיך אויסגעשטעלט. פון װעלדעל האט זיך דאס חיל געלאזט הענדום־פענדום צום טויער פאכענדיג מיט די פאהנען אהן ארדנונג און שרײענדיג „הוררא!" די אידען זײנען דערשראקענע געװארען.

נישט אזוי ציהט ארײן פרײנדליכע חיל אין אן אײגענער שטאדט. נאר עס איז שוין געװען צו שפעט. די ערשטע רײטערס זײנען שוין ארײן אין דער שטאדט.

אין די לאנגע אראפהענגענדע ראקען־װאנסעס האבען זײ די אידען דערקענט, און א גרױס געשרײ האט זיך געהערט אין שטאדט:

— די קאזאקען! די קאזאקען!

## זעקסטער קאפּיטעל.

# נעמיראָוו.

„כל זאת באתנו ולא שכחנוך ולא שקרנו בבריתך“.
(תהלים).

אין דער שטאָדט איז געוואָרען א בהלה. די מענער האָבען גע־כאפּט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, די ווייבער די קינדער אויף די הענד, און מען האָט זיך געלאָזט לויפען. מען האָט אָבער נישט געוואוסט וואו צו אנטלויפען. טייל האָבען געשריען צום בית־עולם, דער רב איז געלאָפען אויפ׳ן בית־עולם — אז שטאַרבען זאָלען מיר קומען צו קבר ישראל. אנדערע האָבען געשריען: „צום וואסער, דער רב איז געלאָפען צום וואסער“. נאָר די קאָזאקען זיינען שוין געווען היג־טער זיי. יונגע שרעקענדיגע געשרייען האָבען זיך געהערט אין די גאַ־סען פון די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך, וואָס די קאָזאקען האָבען געכאפּט אויף די פערד. דאָ און דאָרט האָט א געשריי אויפגעפלאַמט און איז פלוצים אויסגעלאָשען געוואָרען. און באלד איז אלעס פאר־שטומט געוואָרען, נאָר עס האָט זיך געהערט טעמפּע טריט פון פערד.

איבער די ענגע געסלעך פון נעמיראָוו איז שטיל געווען און לעער פון מענשען, ווי נעמיראָוו וואָלט געווען אויסגעשטאָרבען. עס האָבען זיך ארומגעוואלגערט איבער די גאַסען צוריסענע בלעטער פון ספרים, פאַרפלעקטע בגדים, שטריימלען, הויבען, הויז־זאכען, א צור־בראָכענער מעשענער לייכטער, שטיקער טליתים און קערפּערס פון מענשען. מען האָט ניט מעהר געוואוסט וועלכעס איז א קערפּער און וועלכעס איז א בגד. אלעס איז געווען אויסגעמישט, צוזאמענ־געקאָפּיעט פון די טריט פון די פערד. פון די טיר און לאָדען פאר־שלאָסענע הייזלעך האָבען זיך געהערט געוואלדען, יונגע, אלטע און קינדער־געשרייען, וועלכע זיינען אין מיטען אָפּגעהאקט געוואָרען, כאָרכלען פון גוסס׳דיגע און לאַנגע, לאַנגע געשרייען פון יונגע שטאַרקע שטימען... אָפּטמאָל האָט זיך געוויזען א קאָזאק פון א הויז ארויס, האלב־נאַקעט, מיט א צוריסען העמד אויפ׳ן לייב, טראָגענדיג אויף

איין האנד אַ זילבערנעם אָדער מעשענעם לייכטער, אין דער צווייטער האנד, אונטער'ן אָרעם, אַ יונג מיידעל, האלב נאַקעט, מיט צופלאַשענע האָר. דאָס מיידעל רייסענדיג זיך פון קאָזאַק האָט געקעמפפט און געשלאָגען דעם קאָזאַק אויף זיין נאַקעטען רוקען מיט די פויסטען, פון וואָס דער קאָזאַק האָט פארשפרייט זיינע ליפּען און געלאַכט. אַן אַנדערער איז ארויסגעקומען פון אַ צווייטער הויז מיט אַן אַנדער מיידעל האלב טויט, פארשמאַכט ליגענדיג אויף זיינע ברייטע נאַקעטע אַקסלען. האָבען זיך ביידע קאָזאַקען אָפּגעשטעלט, אוועקגעלעגט זייערע קרבנות אויף דער ערד צו זייערע פיס, ווי די קעלבלעך, און געטוישט זיך מיט די מיידלעך, צוזאַהלענדיג אייגער דעם אַנדערען זילבערנע לייכטער, שטיקער זייד־געצייג, מלבושים, שטיוועל אָדער פעלצען. אָפּגעמאַכט דעם טויש, זיינען זיי זיך צוגאַנגען, מיטשלעפּענדיג יעדער זיין קרבן. פון אַן אַנדערער גאַס זיינען אָנגעקומען דריי שכור'ע סאָלדאַטען, האלב נאַקעטע, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ און לאַנגע קאָלטאָנעם האָבען ארויסגעשטאַרט פון זייערע פעלצענע היטלען איבער'ן שטערען, די פּנים'ער און די לייבער באַגאָסען מיט שוויים פון דער פלאַמענדיגער זון, און האָבען געשלעפּט אויף זייערע רוקענס נאַקעטע קינדער, טייל טויט און טייל נאָך לעבעדיג, און האָבען אויסגערופען אין די גאַסען, נאָכמאַכענדיג דעם אידישען קצב: פריש קאַלב־פלייש צוועלף גראָשען אַ פונט; כשר געשחט'ען, כשר!...

נאָר באַלד איז אַלעס שטיל געוואָרען. די געוואַלדען פון די פארמאַכטע הייזער האָבען אויפגעהערט, נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ געלאַף און אַ געשריי פון אַ ווייטען געסעל, וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרען. איבער די גאַסען פון נעמיראָוו האָבען זיך געוואַלגערט שכור'ע קאָזאַקען, האַלב־נאַקעטע, ארומגעוויקעלט מיט ווייבערשע זיידענע טיכער, אין אידישע פעלצען. טייל זיינען געווען צוגעדעקט מיט צוריסענע טליתים, שטיקער זיידענצייג. עס זיינען געלעגען נאַקעטע אידישע פרויען, מיידלעך, קינדער, טויטע און לעבעדיגע, צוטראָטענע כלים, כלי־קודש שטיקער. דאָ און דאָרט אַ צוריסען פארמעט פון אַ ספר תורה, לעדערנע בינדען פון ספרים, באַטשקעס פון בראַנפען, צינענע טעלער מיט צוטראָטענע עסענס, כלי־זיין, שטיקער טערקישע דיוואַנען אויסגעמישט צוזאַמען מיט מענשען־בלוט

און אויסגעגאַסענעם בראַנפען. קיינער האָט שוין מעהר נישט גע־וואוסט ווער עס איז טויט און ווער עס לעבט. עס האָט זיך אויס־געוויזען, אז אַלעס איז שכור, סיי די לעבעדיגע, סיי די טויטע...

לאַנג האָט זיך געצויגען דער הייסער זומער־טאָג. עס האָט זיך געדאכט, אז ער וועט זיך גאַרנישט ענדיגען. אייביג האָט גע־דויערט די אנגסט־שרעק. אין דרויסען איז אַלעס געווען טאָג, ליכטיג און הייס. נאָר ענדליך האָט אָנגעהויבען אָנצורוקען פון דער סטעפּ די שאָטענס, און די נאכט האָט זיך אָנגעהויבען צו וועבען פון הויז צו הויז. און באַלד איז שוין דאָס אַלעס צוגעדעקט געווען מיט דער נאכט. שטיל און שוואַרץ איז געווען אַרום, די שטערען אין דער הויך, און אַ זשומען און אַ קוואַקען פון די זומפּען ווי אין יעדען אָוועגד. נאָר פון די שוואַרצע, איינזאַמע הייזלעך האָט די טויטע שטילקייט אַרויסגעקוקט. און אין דעם אַלעס האָט ווער געגרימפּעלט אויף אַ לירע־האַרפּע, און ווער געזונגען אַ ליעד און געוויינט אויף וועמעס דאַליע...

---

אויפ'ן שטאָדטישען בית־עולם איז אין דער שטילקייט פון דער נאכט געווען אַ באַוועגונג. פון הינטער די מצבה־שטיינער האָבען אָנגעהויבען אַפּירקריכען לעבעדיגע מתים. טייל זיינען געווען אין טליתים איינגעהילט, אַנדערע אָנגעטהאָן אין ווייסע קיטלען, און גאָר אַנדערע, וועלכע האָבען נישט קיין צייט געהאַט צו כאַפּען זייערע טויטען־קליידער, האָבען זיך באהאַלטען אויפ'ן בית־עולם, כדי נאָר צו שטאַרבען אויפ'ן אידישען בית־עולם, וואו זיי וועלען קענען קומען צו קבר־ישראל צווישען אידען. אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי אָפּגעוואַרט דעם טויט אויפ'ן בית־עולם, אָבער דער טויט איז נישט געקומען. פון דער שטאָדט האָבען זיי געהערט די געוואַלדען פון די פאַרפּייניג־טע, און זיי האָבען אָפּגעזאָגט ודוי ברבים. און יעדער האָט אָפּגע־זוכט דעם קבר פון זיין נאָהענטסטען און אַנידערגעלעגט זיך אָפּוואַר־טען דעם טויט. דער טאָג איז אָבער דורכגעגאַנגען און פון דער שטאָדט האָט זיך קיינער נישט געוויזען. די געוואַלדען אין שטאָדט האָבען אויפגעהערט. דאַן האָט זיך דערוועקט מעהר האָפנונג אין די

לעבעדיגע. זיי האָבען געוואַגט אפירצוקריכען פון הינטער די מצבה־שטיינער און איין טויטער האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַן אַנדערען:

— געלויבט צו גאָט, עס איז סוף חודש. קיין לבנה נישטאָ. די נאַכט איז טונקעל.

— וועלען זיי אפשר אָפּציהען?

— איז דאָ עפּעס הילף?

— ש־ש־ש...

פיעלע האָבען זיך געהאַט אָנגעגרייט תכריכים ביים לעבען. און אַז זיי זיינען געלאָפען אויפ'ן בית־עולם האָבען זיי פון זייערע פאַרמעגענס מיטגענומען זייערע טויטען־קליידער, אָנגעטהאָן זיך אין די תכריכים צוליעב צוויי טעמים: אַז די קאָזאַקען וועלען קומען זאָלען זיי מיינען, אַז זיי זיינען טויט און טאָמער, חלילה, איז בע־שערט צו שטאַרבען, זאָלען זיי קומען צו קבורה אין זייערע תכריכים. איצט, ביי נאַכט, צווישען די גרופען מצבות, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי טויטע וואָלטען פון די קברים ארויסגעקראָכען, און דרעהען זיך צווישען די לעבעדיגע. אָפּטמאָל איז אַזאַ „טויטע", אָנגעטהאָן אין תכריכים אריינגעקראָכען צווישען אַ גרופּע לעבעדיגע און געבעטעלט:

— ווער האָט אַ שטיקעל ברויט? דאָס חיות געהט אויס, — האָט אַן אַלטע אידענע אין תכריכים געבעטעלט.

— זי געהט אין תכריכים און קלערט נאָך וועגען עסען, — האָט ווער געזאָגט.

— וואָס קען מען זיך העלפען, כל זמן די נשמה איז אין גוף, וויל מען עסען, — האָט זיך די אידענע אָנגערופען.

---

צווישען די פאַרשידענע גרופּען האָט זיך אויך געפונען מענדעל מיט זיין משפחה. אַז דאָס אונגליק איז געקומען, האָט ער זיך מיט זיין משפחה, ווי אַנדערע אידען, געוואָלט ראַטעווען איבער'ן וואַסער, אַז זיי זאָלען לויפען נאָך טולטשין. נאָר געזעהן די בהלה ביים וואַסער, האָבען זיי שוין גערעכענט, אַז אַלץ איינס איז דאָך שוין זייער לעבען פאַרלאָרען, זיינען זיי געלאָפען אויפ'ן בית־עולם, כדי צו שטאַרבען

צווישען אידען. א גאנצען טאג איז די משפחה געווען צוזאמען, און האבען געווארט אינאיינעם אויפ'ן טויט, אויף וועלכען זיי האבען זיך געריכט יעדע מינוט. זיי האבען זיך געזעגענט איינער מיט'ן אנדערען. זיי האבען צוזאמען ודוי געזאגט, און שלמה'לע, וועלכער איז דאך געווען א תלמיד חכם, האט זיי געטרייסט און געשטארקט. ער האט זיי מבטיח געווען, אז זיי וועלען קומען גלייך אין גן־עדן, ווארים די, וואס שטארבען פאר זיין ליעבען נאמען, קומען אין גן־עדן, און ער האט פאר זיי געשילדערט, ווי דער גן־עדן זעהט אויס, מיט אלע מדרגות און מעלות, און די זיבענפאכע זון, און די פמליא של מעלה, מיט דער אייביגער רוהיגקייט, ווי די צדיקים זיצען מיט זייערע קרוינען אויף די קעפ, און די מלאכים שפיעלען אויף גאלדענע הארפען, און דער רבונו של עולם לערענט מיט זיי תורה. ער איז מעהר באקאנט געווען אין יענער וועלט ווי אין דער וועלט. געלערענט האט ער דאס אין די הייליגע מוסר־ספרים און קבלה־ספרים פון דעם גרויסען הייליגען לעבען פון יענער וועלט, וואו אלע אבות און הייליגע אידען פון אלע דורות געפינען זיך. און וואס איז די וועלט געווען מיט איהרע שרעקען מיט דער הערשאפט פון די רשעים געגען דעם גרויסען אייביגען תכלית פון דער אייביגער וועלט?

אויפגעהויבען האט ער מיט זיינע רייד דעם טאטען מיט דער מאמען און דאס יונגע ווייבעל און האט זיי פארגעברייט צו דעם גרויסען נסיון, וואס שטעהט זיי פאר. רוהיג זיינען זיי געווארען און גליקליך, וואס זיי האבען געהאט זייער זוהן נעבען זיך פאר א וועגווייזער און טרויסטער אין זייער גרויסער נויט. זיי האבען פארגעסען די אנגסטען פון טויט, זיי זיינען באפרייט געווארען פון דער שרעק פון דער וועלט און נאר געזעהן די גרויסע טיעפע רוהיגקייט, וואס ערווארט זיי א שריט נאכ'ן טויט, און האבען געווארט אויף איהם ווי אויף אן ערלעזונג.

און אונטער א מצבה איז געזעסען דאס יונגע פאר פאלק — שלמה'לע מיט זיין ווייבעל. די נאכט איז געווען ארום זיי. די שטערען גרויס אין הימעל, און פון ברעג טייך הינטען פין טהאל געהט אויף דער ליארם און געברום פון די קאזאקען, פלאקערט אויף א פולווער־שאס, פייערלעך ווינקען און לעשען זיך אויס, און טיילמאל רייסט זיך דורך דער לופט א פארשטיקט געוויין. קלאמערט

זיך דאָס ווייבעל אָרום איהר מאַן. נישט פאַר'ן טויט האָט זי זיך געשראָקען, נאָר פאַר די צושיידונג פון איהר פרייד, וואָס זי האָט אָנגעהויבען צו געניסען, און טיעפער און פעסטער האָט זי זיך גע־קלאַמערט אָרום איהם, ווי זי וואָלט געוואָלט ביי איהם און מיט איהם שטאַרבען צוזאַמען, אַז זיי זאָלען קיינמאָל נישט קענען צושיידט ווערען.

— שלמה, מיר האָבען ערשט אָנגעהויבען צו לעבען, און מיר מוזען זיך שוין צושיידען. גאָט האָט מיר נישט מזכה געווען צו ווערען די מוטער פון דיינע קינדער.

— דבורה, מיר זיינען שוין באַהאַפטען פון גאָט. ער וועט אונז מזווג זיין, ווען מיר וועלען די זכיה האָבען צו קומען פאַר איהם בקדושה ובטהרה. דאָרט, אין פמליא של מעלה, וועלען מיר שוין זיין אייביג צוזאַמען און נהנה זיין מזיו השכינה ביז משיח וועט קומען, ביז דער שופר המשיח וועט אונז אויפוועקען צו תחית המתים.

און פּלוצים איז זייער אַנגסט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויסער פרייד. זיי האָבען אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשעהן. זיי האָבען געפיהלט, ווי אַ גרויסער שבת קומט אָן אויף דער וועלט און זיי טרעטען אַריין אין דעם שבת אַריין מיט גרוים פרייד. און פאַר פרייד האָבען זיי ביידע צוריקגעפונען די טרעהרען, וואָס זיינען דורך די אַנגסט פון טויט פאַרלאָרען געוואָרען ביי זיי, און דאָס ווייבעל האָט געזאָגט מיט אַ ליכטיגען שמייכעל, באַשיינט דורך די טרערען.

— אַז דו רעדסט, איז מיר אַזוי לייכט צו שטאַרבען, שלמה. פאַר וואָס קומען זיי נישט און באַפרייען אונז שוין. עס וואָלט דאָך מיר געווען אַזוי זיס צו שטאַרבען, ווי עס וואָלט מיר זיס געווען איצט מיט דיר אונטער דער חופה צו געהן.

נישט אַזוי, דבורה. כל זמן מיר לעבען, דאַרפען מיר בעטען אויפ'ן לעבען, ניט אויפ'ן טויט.

ביי זיין ליעבען נאָמען איז אַלעס מעגליך. יאָ, שלמה, מיר וועלען בלייבען לעבען. איך וויל אַזוי לעבען פאַר דיר, פאַר דיר, שלמה, אַז איך זאָל די זכיה האָבען, שלמה.

— שווייג, דבורה'לע, שווייג.

— אָה, איך וויל אזוי לעבען מיט דיר צוזאַמען — אָדער אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט. אָ, לעבען און וויסען, אז דו ביזט ביי מיר, — איז דאָס ווייבעל געפאַלען אויף זיינע הענד און פאַר זיס־קייט איינגעשלאָפען.

שלמה איז געזעסען נעבען איהר און געקוקט אויף איהר. איהר שוואַכקייט און איהר שעהנקייט האָט געמאַכט ציטערען זיין הארץ. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער דערקענט זי נישט מעהר. עס איז אויסגעטהאָן געוואָרען פון איהר יעדעס ערדישעס, און זי איז לייכט געוואָרען, זי איז געוואָרען אזוי איידעל ווי א בת־השמים, ווי איינע פון די הייליגע אמהות, ווי יענע געטליכע ווייבליכקייט, די שכינה, וואָס וויינט ביינאַכט אויף די חורבות פון בית־המקדש, ווי די טויב פון די כנסת ישראל...

---

## זיבענטער קאַפּיטעל.

# איבער'ן וואַסער.

מיט דער נאַכט איז געקומען דער ווילען און די האָפנונג צום לעבען. מענדעל האָט פאַרגעסען אָן טויט. זיין גאַנצער חשק און ענערגיע זיינען אויפגעוועקט געוואָרען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע גלאַנצענדיגע אויגען. אַלע האָבען געוואוסט זיינע געדאַנ־קען. ער האָט געקוקט אויף דער שלאָפענדיגער דבורה'לע.

דבורה איז געווען יונג און שעהן. און אז די קאָזאַקען וועלען זי כאַפּען, וועלען זיי איהר לאָזען לעבען און שלעכטס טהאָן, און דאָס איז ערגער פון טויט. מען האָט נישט גערעדט דערפון, נאָר אַלע האָבען געוואוסט און געקלערט דערפון.

דערוויילע האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען צו באַוועגען. דאָ און דאָרט זיינען אַרויסגעקראָכען קופּקעלעך, געמורמעלט און גע'סוד'עט זיך. דאָס האָט נאָך אין מענדלען מעהר דערוועקט די ענערגיע. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט.

— און וואָס געהסטו טהאָן, מענדעל?

— איך וויל צוגעהן זעהן צום פּלויט — אפשר —

— מענדעל —

— ש־שוויינ.

— וואוהין געהסטו? איך וועל דיך נישט לאָזען, — האָט איהם דאָס ווייב אָנגעהאַלטען — אז שטאַרבען, זאָלען מיר אינ־איינעם שטאַרבען.

— איך וועל צוגעהן צום פּלויט, אפשר איז דאָ אַ האָפנונג...

דבורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט זיך אַרומגעקוקט דערשראָקען און געפרעגט:

— ווער שפּיעלט אַזוי שעהן? אין חלום האָב איך געהערט שפּיעלען.

און ווירקליך האָט זיך פון דער ווייטענס געהערט אַ שפּיעלען פון אַ פּויערישער לירע. אַ טרויעריגען נגון האָט געשפּיעלט די לירע און האָט געוויינט. אַ שרעק איז אָנגעפאַלען אויף די אידען. טייל האָבען געזאָגט, אַז זיי קומען אָן, און דער עולם איז אַנטרונען צווישען די מצבות, איינגעהאַלטען דעם אָטעם. די מוטערס האָבען צוגעדעקט די קינדער און געשראָקען זיי, אַז זיי זאָלען נישט שרייען. באַלד איז אויפ׳ן בית־עולם געוואָרען שטיל. מען האָט נאָר געהערט ווי די איינזאַמע ווערבעס ציטערען אין זייערע לאַנגע צווייגען, און דאָס שפּיעלען פון דער לירע איז וואָס אַ מאָל נעהענטער צוגעקומען צום בית־עולם.

ענדליך האָט ווער באַטראָטען דעם בית־עולם. דאָס שפּיעלען האָט אויפגעהערט. און אַ אידישע שטימע האָט גערופען:

— אידען, אידען, עת לעשות להשם, אויף וואָס וואַרט איהר?

דער עולם האָט געוואָגט זיך אויפצוהויבען און צוצוקומען נעהע־טער צו דעם פרעמדען. זיי האָבען געזעהן ביי דעם שיין פון די שטערען אַן אַלטען בעטלער שטעהן מיט אַ לירע אין האַנד.

— ווער ביזטו?

— איהר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך דאָס שניידעריל. איך קען רעדען יונ׳יש, האָב איך זיך פאַרשטעלט פאַר זייערס אַ זקן און האַלט זיך אויף צווישען די גוים. זייט אייך מציל דאָס נפש. איך האָב געהערט רעדען צווישען זיי, אַז אויפ׳ן בית־עולם האַלטען זיך אויף פיעל יהודים מיט זעהר פיעל גאָלד און זילבער, און אַז עס

וועט טאָג ווערען, וועלען זיי אהער קומען. זייט אייך מציל דאָס נפש.

— וואוהין?

— דאָס וואסער איז שטיל, די רשעים זיינען זיך משמח אין דער שטאָדט, טרינקען און טהוען אל דאָס בייז. וועה צו די אויגען, וואָס זעהען דאָס. אנטלויפט דורכ'ן וואסער, ווער עס קען, ווארום די סכנה איז זעהר גרויס.

דער עולם האָט אָנגעהויבען זיך צו באַוועגען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאמענצוקלייבען שווארצע שאָטענס פון הינטער די מצבות און געמורמעלט, געברומט. מיט א מאָל איז געוואָרען א געלאַף. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט אויפשרייען, קרעכצען.

— ש־ש־ש — מען וועט דערהערען, — האָבען אייניגע געוואָרענט.

— וואָס טהוט איהר? די גוים וועלען דאָך אייך דערזעהן.

— איינציגווייז, איינציגווייז צושפּרייט זיך איבער'ן גאנצען פעלד האָט ווער קאָמאנדעוועט.

און דאָ און דאָרט איז ווער געקראָכען, באַוואויגען, ארויסגערוקט זיך.

נאָר מענדעל איז אלץ געזעסען, געקוקט מיט אָפענע אויגען אויף דבורה'ן, און האָט זיך נישט באַוואויגען פון אָרט, געקלערט עצות. אלע האָבען געוואוסט וועגען וואָס ער קלערט, און דבורה האָט עס אויך געוואוסט, און געשוויגען ווי א שולדיגע.

דער בית־עולם האָט זיך אָבער וואָס א מאָל מעהר אויסגעליי־דיגט. און מענדעל איז אלץ געזעסען און האָט זיך נישט באַוואוי־גען.

פלוצים איז ווער צוגעקראָכען צו זיי, און געוואָרפען זיך צו מענ־דעל'ס פיס:

— פאניטשו, ראַטעווע דיר דאָס לעבען. די נאַכט איז טונקעל, אנטלויף. — און ארויפפאלענדיג אויף דבורה'ן, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען: טאָכטערעל מיינס.

מענדעל און די משפחה זיינען פארוואונדערט געוואָרען צו זעהן די אלטע מארושא, די קאָזאַצקישע דיענסט פון דער קרעטשמע נעבען

זיי. זיי האָבען אויף אַ מינוט פאַרגעסען אָן דער סכנה און געפרעהט זיך מיט איהר.

— וואָס טהוסטו דאָ? פאַר וואָס ביזטו נישט אין שטאָדט? דיר וועלען זיי דאָך קיין שלעכטס נישט טהאָן.

— וואָס מיינסטו, איך וועל לאָזען מיינע בעלי־בתים, און אַליין וועל איך געהן הוליען מיט די קאָזאַקען? אַז שטאַרבען, זאָלען מיר אינאיינעם שטאַרבען. מיט וועמען איך האָב געגעסען מיין שטיקעל ברויט, מיט דעם וועל איך לעבען און שטאַרבען.

אָבער ווי אַזוי ביזטו אַהער געקומען?

— איך בין געגאַנגען מיט אייך. געזעהן מיינע בעלי־בתים לויפען אויפ'ן בית־עולם, בין איך אויך געלאָפען. מורא געהאַט איהר זאָלט מיך נישט פאַרטרייבען, ווייל איך בין פון אַן אַנדער גלויבען. בין איך געלעגען רוהיג ווי אַ קעצעל אונטער אַ שטיין, און געטראַכט זיך: כ'וועל ליגען און אָפּוואַרטען ביז די ברידערלעך וועלען קומען, אַזוי וועל איך נעהמען מיינע צוויי קינדערלעך און באַשיצען זיי מיט מיין לייב און זאָגען: ברידערלעך, מיך הרג'עט, מיינע קינדערלעך לאָזט לעבען. כאָטש פון אַן אַנדער גלויבען, דאָך מיינע קינדערלעך.

— געה צוריק אין שטאָדט אריין. זעהסט דאָך, מיר זיינען אַליין אין סכנה. געה צוריק צו דיינע, אַז נישט וועלען זיי דיך אויך פּייניגען ווי אונז.

— פּאַניטשו, פּאַרטרייב מיך נישט, — האָט זיך די גויה געבעטען — איך האָב אייך עהרליך געדיענט, און איך האָב ליעב מיינע קינדערלעך. און איך בין געקומען ראַטעווען דבורה'לען. אָט האָב איך איהר געבראַכט קאָזאַצקישע קליידער, איך וועל זי פאַר־שטעלען פאַר אַ אונזער איינע. איך וועל זאָגען, אַז זי איז מיין טאָכ־טער, און כדי די ברידערלעך זאָלען נישט קוקען אויף איהר, וועל איך זי מאַכען פאַר אַן אַלטע, פאַר אַ מיאוס'ע. דו נעהם די בעל־הבית'טע, דעם יונגען פּאַניטש און שווים אריבער דעם טייך. אפשר וועט אייך גאָט העלפען. די יונגע פּאַניע נעהם נים מיט. איך קען מיינע ברוי־ז'ערלעך, די קאָזאַקען. זיי דערשפּירען אַ יונג ווייבעל פאַר מיילען ווייט ווי דער הונד דעם האָז. און פאַר אַ ווייב וועלען זיי אפילו אין גיהנום שפּרינגען, נישט נאָר אין וואַסער. איך וועל זי פאַרשטעלען פאַר אַ קאָזאַצקע און פיהרען זי צו אַ פישער דאָ נישט ווייט. איך

קען איינעם. מיר וועלען זאָגען, אז מיר זיינען קאָזאַצקישע פויערטעס. איך וועל איהם אייער געבען, וועט ער אונז אריבערפיהרען מיט א שי־פעל. דאָרט אויף דער צווייטער זייט וועלען מיר זיך טרעפען. אָדער איך וועל זי דיר ברענגען אין טולטשין, גאָט וועט העלפען. מיט מיר איז זי זיכערער ווי ביי דיר. ווי די נשמה מיינע וועל איך זי אָפּהיטען, ווי מיין לעבען, מיין הינדעלע, מיין קליינס.

א מינוט האָט אויפגעפלאַמט די האָפנונג אין מענדלען. דער גויה׳ס עצה איז איהם געפעלען. ער האָט אָבער ניט געקענט ברענגען איבער זיך צו שיידען זיך מיט דבורה׳ן, כאָטש ער האָט פארשטאַ־נען, אז זי איז מעהר זיכער ביי דער קאָזאַצקע ווי ביי איהם. נור דאָס געפיהל „צו שטאַרבען אינאיינעם״ איז אזוי שטאַרק געווען ביי איהם, אז ער האָט געשוויגען און נאָכגעקלעהרט. קיינער האָט ניט געוואָגט עפּעס צו זאָגען, צו ראַטהען, און זיי האָבען געוואַרט אויפ׳ן פאָטער, ער זאָל ענטשיידען.

נור מאַרושאַ האָט איהם ניט געלאָזט קלערען, ווידער האָט זי זיך געוואָרפען צו איהם און געבעטען זיך:

—— פּאַניטשו, ראַטעווע דיר דאָס לעבען. איך בין געווען אין שטאָדט, איך האָב געזעהן וואָס די ברידערלעך האָבען געטהאָן צו די אידען. די ברידערלעך פון סטעפּ זיינען ווילד געוואָרען, גאָט פאַר־געסען, שלעכטע צייטען געקומען. די קאָזאַקען האָבען גאָט פארגע־סען, אנטלויפט, אנטלויפט.

— קומט נאָך מיר. וואָס איז דער חילוק ווי דער טויט וועט אונז טרעפען, — האָט מענדעל געצוויגען זיין משפחה.

זיי זיינען ארוים פון בית־עולם, וואָס איז געלעגען אין טהאָל, און ארויסגעקומען אויפ׳ן בערגעל. ערשט אויפ׳ן בערגעל האָבען זיי דערזעהן דעם טאַבון קאָזאַקען ליגען אויסגעשפּרייט איבער דער לענג פון וואַסער. בעלויכטען אין דער טאַבון געווען פון די פייער־לעך וואָס האָבען זיך געברענט אונטער די קעסלען. איינציגע שטאָל־קאַצען. דער טאַבון איז נאָך ניט געשלאָפען. דאָ און דאָרט האָט זיך דערהערט שפּיעלען, א געזאַנג אָדער א שכור׳ס שרייען. רעדלעך האָבען זיך ארומגעקופּיעט ארום טאַנצענדע פאַרלעך. אָפטמאָל האָט דער טאַבון אויפגעפלאַמט מיט א געשריי. און דאָס אַלץ האָט מען גע־קענט זעהן פון בערגעל צום ברעג טייך.

מארושא האָט זיך געוואָרפען צו מענדעל׳ס פיס און געבעטען זיך:

— פאַניטשו, גערה ניט, זעהסט וואָס עס טהוט זיך. עס איז דער טויט. די ברידערלעך וועלען אונז דערזעהן. זיי וועלען דער־שפּירען דאָס ווייב.

— מיר מוזען זיך צושיידען. סיי ווי סיי שטעהט טויט פאַר אונזערע אויגען. עס וועט טאָג ווערען וועלען זיי אונז דערזעהן. אפשר, אַז מיר וועלען זיך ראַטעווען, וועט אונז גאָט העלפען, אַזוי ווי ער האָט אונז ביז איצט געהאָלפען. און מיר וועלען זיך אַלע צוריק זעהן אין טולטשין. און טאָמער, חלילה, איז אונז באַשערט צו שטאַרבען, לאָמיר שטאַרבען פאַר זיין ליעבען נאָמענ׳ס וועגען, — האָט מענדעל געזאָגט צו זייניגע.

און מענדעל האָט אַרומגענומען די זייניגע און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל:

— רבונו של עולם, העלף אונז!

קיינער פון זיי האָט ניט געוויינט. זיי האָבען זיך אַלע צום לעצטען מאָל אַרומגענומען אין שווייגען.

— געזעגען דיך, שלמה׳לע, מיט דיין ווייב, אפשר וועט גאָט אונז העלפען, אַז מיר וועלען זיך צושיידען.

מאַן און ווייב זיינען אַ מינוט אַליין געבליבען. שלמה האָט דבורה׳ן געגלעט איבער׳ן קאָפּ און האָט אַזוי געזאָגט:

— דבורה, גלויב אין גאָט, דער רבונו של עולם קען אַלעס טהאָן. אפילו ווען דאָס מעסער ליעגט אויפ׳ן האַלז.

דאָס ווייבעל האָט געשוויגען און געקוקט איהם אין די אויגען אריין.

— און מיר וועלען זיך נאָך זעהען, דבורה, אין דיין זכות. דו ביזט דאָך אַ צדקת.

— אין דיין זכות, שלמה. און ווען חלילה ניט, וועל איך קומען פאַר׳ן רבונו של עולם בקדושה ובטהרה, אַזוי ווי דו האָסט מיך גע־לערענט.

— היט דיין לעבען, דבורה, און האָב האָפנונג אין גאָט!

— אין דעם זכות פון אונזערע קינדער. וואָס גאָט וועט אונז

מזכה זיין, — האָט דאָס ווייבעל שטיל געזאָגט. און דאָס איז גע־ווען איהר לעצטעס וואָרט צום מאַן.

מאַן און ווייב האָבען זיך צושיידט.

— גאָט זאָל דיר באַצאָהלען פאר דיין גוטסקייט, מארושאַ, וואָס דו טהוסט מיט אונז, — האָט יוכבד געזאָגט צו דער קאָזאַצקע. אין דיין האַנד גיב איך איבער אַלעס וואָס איז מיר טהייער, מיין לעבען און מיין זוהנ׳ס לעבען. און גאָט זאָל דיר באַצאָהלען וואָס דו טהוסט מיט אונז. איך ווייס ניט, אויב איך וועל אימשטאַנד זיין דיר צו באַצאָהלען.

— בעט גאָט פאַר אונז, און מיר וועלען בעטען פאַר אייך, — האָט געזאָגט די אַלטע קאָזאַצקע, און איז פאַרשוואונדען מיט רבורה׳ן צווישען די קשאַקעס.

א מינוט האָט נאָך מענדעל געוואַרט. יוכבד האָט געטרונקען די טרערען, וועלכע האָבען ערשט איצט געפונען אַן עפענונג פאַר זייער קוואַל. א מינוט האָט שלמה נאָך צוגעהערט זיך צו דעם רוי־שען פון די צווייגען און טרוקענע גרעזער — דאָרט איז פאַרשוואונ־דען זיין פרייד.

מענדעל האָט זיך אָנגערופען:

— נו, אין גאָט׳ס נאָמען.

און מענדעל האָט אָנגעהויבען צו קריכען אויף אַלע פיער צווי־שען די קוסטעס און גרעזער, אַראָפּ בערגעל, צום ברעג טייך, און דאָס ווייב און דער זוהן נאָך איהם.

לאַנג זיינען זיי געקראָכען צווישען די קוסטעס און גרעזער. די שטימען פון די קאָזאַקען זיינען וואָס אַמאָל נעהנטער געקומען צו זיי. זיי האָבען שוין געהערט זייער לאַכען און זייערע רייד. נישט איינ־מאָל האָבען זיי געמיינט, אַז זיי זיינען שוין פאַרלוירען. אָבער גאָט האָט זיי געהאָלפען. זיי זיינען צוגעקראָכען צום ברעג אונבאַמערקט. עס האָבען זיי פאַרשטעלט די הויכע גדעזער. אין טאַבון איז שוין איצט אויך שטילער געוועזן. די פייערלעך אונטער די קעסלען האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצולעשען און דאָס גערודער זיך איינצושטילען. די שטורקאַצען אויף די וועגען האָבען נאָך געברענט, און דאָ און דאָרט האָט אַ קאָזאַק געפיהרט זיין פערד צום וואַסער אָנצוטרינקען. מענדעל מיט זיין ווייב און זוהן זיינען געלעגען צווישען גראָז אין

א זייט און געווארט ביז דער טאבון וועט זיך נאך מעהר איינשטילען, אז קיינער זאל ניט דערהערען זייער פליעסקען אין וואסער. זיי האָבען מורא געהאט צו רעדען צווישען זיך, געלעגען און איינגעהאלטען דעם אָטעם.

— דער רבונו של עולם וויל אונז העלפען, — האָט מענדעל זיך אָנגערופען — איך וועל נעהמען די מאַמע אויף מיין רוקען און דו, שלמה, נאָך מיר. און טאָמער ועסטו, חלילה, שוואך ווערען, כאפּ דיך אָן אין מיר.

דאָס וואסער האָט איינמאָל נאָכ'ן אַנדערען געגעבען אַ שטילען גאָס, און צוויי שווארצע פלעקען האָבען זיך געטראָגען איבער דער אויבערפלעך פון וואסער, אויפרודערענדיג די שטילע גערונצעלטע וועללען. דער טייך האָט זיך געגעבען אַ וויעג צוריק, און שטילע וועללען איינע נאָך דער אַנדערער, האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען אויפ'ן זאמדיגען ברעג.

אויפ'ן ברעג איז געלעגען אַ קאָזאַק אויף זיין זאָטעל און גע־קוקט אין די גרויסע שטערען אין הימעל אריין, צוזינגענדיג זיך אַ לאַנג־מעלאַנכאָלישען נגון. עס האָט איהם אויפגעוועקט פון זיין וואָ־בענדיגען דרימעל דאָס וויעגען זיך פון די וועללען אויפ'ן ברעג. ער האָט זיך פלינק אומגעקוקט, און זיין שארף סטעפּישעס אויג האָט גלייך בעמערקט די צוויי שטראָמעלעך וואָס ציהען זיך איבער דער גערונצעלטער רוהיגער אויבערפלעך פון וואסער. זיין נייגיעריגקייט האָט אריבערגעוואויגען זיין פוילקייט, וועלכע האָבען ביידע אַ מינוט מלחמה געהאלטען אין זיין גערדאנק. ער האָט גענומען זיין פּיקע, באַר־פוס איז ער געוועזן, די תמוז־נאכט איז געוועזן אַ ווארעמע און דאָס וואסער האָט אַ פליעסקע געגעבען.

אין אימפּעט פון שווימען האָט זיך מענדלען געדוכט צו פאַר־נעהמען אַ רופען „שמע ישראל“, און אויס געוואָהנהייט האָט מענ־דעל אין טויט־אנגסט שווימענדיג פאַראויס מיט'ן ווייב אויפ'ן רוקען אָפּגעענטפערט: — שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

און ווען ער האָט זיך אויפ'ן צווייטען ברעג אָבגעשטעלט, האָט ער זיך געפונען מיט'ן ווייב אַליין, און איבער'ן אויבערפלעך פון וואסער האָט ער אין שטערן־ליכט באמערקט אַ שטראָמעל שווימען צוריק צום אַנדערען ברעג.

## אכטער קאפיטעל

„תמכר עמך בלא הון
ולא רבו במחיריהם".
(תהלים).

וואס האסטו געכאפט, קאזאקעל?
— א אידעל, א יונגס. כ'האב געמיינט ס'איז א ווייב, אזוי האט עס זיך אויסגעדוכט פון דערווייטענס. אקארשט איך זעה, עס איז א בחור מיט ציטערדיגע פאות, — האט געזאגט דער קאזאק, וואס האט שלמה'ן ארויסגעשלעפט פון וואסער, צו א צווייטען קאזאק, וועלכער האט איהם אבגעווארט ביים ברעג.
— וואס וועסטו טהאן מיט איהם? — האט דער קאזאק געפרעגט.
— איך ווייס ניט. איהם טויטען איז א שאד, בחנם אין וואסער געקראכען און גאר ניט געהאט.
— לעבען לאזען, וועסטו איהם מוזען צו עסען געבען.
— דאס איז אויך וואהר, — האט דער קאזאק געזאגט מיט א קרעכץ.
נעבען דעם קאזאק איז געלעגען שלמה א נאסער, א צוזאמענגעדרעהטער. ער האט זיך איינגעהערט צו די קאזאקען'ס רייד. און עס איז איהם גאר ניט אנגעגאנגען. ער איז גרייט געווען צו שטארבען, און ער האט יעצט ודוי געזאגט פאר זיך. א מינוט האט ער אפשר בעדויערט זיין יונג לעבען און דאס גליק וועלכעס ער האט ערשט אנגעהויבען צו געניסען. נור ער איז געווען אזוי זיכער, אז ער וועט זיך אויף דער צווייטער וועלט צוזאמענטרעפען מיט דבורה'ן און זיי וועלען אנהויבען לעבען דאס גרויסע און אייביגע לעבען אין אייביגער רוהיגקייט, אז ער איז גליקליך געווען וואס ער קומט אזוי נאהענט דערצו. און האט ער עפעס בעדויערט, איז עס געווען וואס דבורה איז ניטא דא נעבען איהם און זיי שטארבען ניט ביידע צו־

זאמען. די אונבעוואוסטקייט, וואס קען זיין מיט דבורה׳ן, און פאר וואס ער האט זיך צושיידט מיט איהר האט איהם אין דער לעצטער מינוט געפייניגט. נור באלד איז איבער איהם געקומען די רוהיגקייט פון בטחון אין רבונו של עולם וואס זעהט און ווייסט אלעס.

דער קאזאק האט איהם געהאלטען ביי דער קאפאטע, און ארום זיי האבען זיך צונויפגעזאמעלט אנדערע קאזאקען. די נאכט איז געווען א טונקעלע און א רוהיגע. דער סטעפ און דאס וואסער זענען ערגעץ וואו געווען ביידע צוזאמען פארפאלען אין די נאכט. נור דער ברעג פון וואסער איז בעלויכטען געווען מיט פייערלעך. די קאזאקען זיינען איינס נאכ׳ן אנדערען צוגעקומען צום קאזאק. אלע זיינען געווען נייגעריג צו וויסען וואס דער קאזאק האט ארויסגעשלעפט פון וואסער.

— א יונגע צי אן אלטע באבע? און גענומען דעם שטאלקאץ און באלויכטען דערמיט שלמה׳ס פנים. דערזעהן גאר די לאנגע צי־טערדיגע פאות אויפ׳ן בלייכען יונגען פנים, האבען זיי אנגעהויבען הויך צו לאכען מיט ווילדע קולות.

— הא־הא־הא! דער אידענע האט ער געלאזט אריבערשווימען דעם טייך און דעם איד האט ער ארויסגעצויגען. זעהט, קאזאקען, וואס ער האט געפאנגען. זעהט דעם פאנג. א, דו פישער יונג איינער.

דער קאזאק, א יונגער, מיט א גוט געזיכט און שארפע קליינע צוויי אויגעלעך, האט באקוקט זיין קרבן. ער האט שוין א פאר מאל געקאפיעט שלמה׳ן מיט די פיס ניט פון בייזקייט, נור ניט וויסענדיג וואס פאר אן עצה זיך צו געבען מיט׳ן אידען. צום סוף האט ער באשטימט:

— איך וועל איהם שמד׳ען, צו די צערקווע וועל איך איהם געבען. כאטש עפעס זיך פארדיענען ביי גאט פאר מיין ארבייט.

דאס זאגענדיג האט דער קאזאק אראבגענומען פון הארץ א קליי־נעם מעטאלענעם צלם, און האט איהם צוגעשטופט צו שלמה׳ס פנים.

— קריסטוס בעט, אויף די קניען פאר איהם, וועל איך דיך לאזען לעבען.

— שלמה האט איהם ניט געענטפערט. אזוי ווי ער איז געלעגען צוזאמענגעוויקעלט ארום זיך, איינגענארעט דאס פנים אין קערפער, אזוי איז ער געבליבען ליעגען.

— שטעה, איד, — האָט איהם דער קאָזאַק אויפגעהויבען — נו, דאָ געה איך טהאָן מיט דיר אַ חסד. אי אין די הייליגע צערקווע וועל איך דיך אריינברענגען אי לעבען וועל איך דיך לאָזען, דערפאַר ווייל די קאָזאַקען האָבען געלאַכט אוים מיר. גאָט בעט, בויג דיך אויף די קניען אראָב פאַר איהם און קוש דעם צלם, און זאָג מיר נאָך די ווערטער אָט אַזוי: „אין דעם נאָמען פון פאָטער, פון זוהן“. זאָג, פאַרשאָלטענער איד, אַז ניט וועל איך דיך הרג׳ענען. אַזוי ווי גאָט לעבט, איך וועל דיך הרג׳ענען.

נאָר אַזוי ווי דער קאָזאַק האָט נור אָבגעלאָזט זיין קרבן, האָט ער זיך וויעדער געוואָרפען צו דער ערד, איינגעגראָבען זיין פנים אין די הענד, און געשוויגען.

— מיט איהם וועסטו גאָר ניט מאַכען. איך קען אַזעלכע לייט־לעך. אָט האָב איך איינעם געכאַפּט אין קארסון, אַ יונגען, אַ שעה־נעם, אַ שאָד געוועזן צו הרג׳ענען. די טאָכטער האָב איך איהם גע־וואָלט געבען פאַר אַ ווייב. „שמד זיך, זאָג איך איהם, און די טאָכ־טער וועל איך דיר פאַר אַ ווייב געבען, וועסטו מיט מיר אין סעטש געהן, אַ קאָזאַק וועסטו ווערען“. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען, גע־מוזט איהם צו׳הרג׳ענען. האַרטע לעדער דאָס. די רבנים טהוען זיי בשוף אָן. אַזאַ רויטען ווין געבען די רבנים זיי צו טרינקען ווען זיי אידישען זיי, און דער רויטער ווין לאָזט זיי ניט פאַרגעסען אָן זייער אמונה. וועסט גאָר ניט מאַכען מיט איהם. הרג׳ע איהם צו.

— די רבנים זייערע גיבען זיי בלוט צו טרינקען ווען מען באַ־שניידט זיי. און דאָס בלוט האָט זיך אַזאַ קראַפט, אַז יעדעס מאָל, ווען זיי ווילען זיך שמד׳ען קומט דאָס בלוט און שטערט זיי, — זאָגט אַ צווייטער.

— מען זאָגט, אַז זיי זעהן עפּעס אַזאַ ליכט, איידער זיי שטאַר־בען, אין דעם ליכט זעהען זיי זייערע מוטערס, און דאָס לאָזט זיי ניט זייער גלויבען איבערטווישען. אָבער ווען מען פאַרשטעלט זיי די אויגען קענען זיי דאָס ליכט מעהר ניט זעהען.

— וואָס איז דער חילוק, וועסט גאָר ניט מאַכען מיט איהם, הרג׳ע איהם צו.

— שענק איהם מיר! — בעט זיך ביי איהם אַ צווייטער קאָזאַק.

— וואָס וועסטו טהאָן מיט איהם?

— איך וועל איהם מיין באבע א געשענק מאכען.
די קאזאקען לאכען.

— הרג'ע איהם צו, לאז איהם זיך ניט מוטשען, אן עברה אוים גאט'ס באשעפעניש צו לאכען, — זאגט אן אלטענקער.

— דו האסט רעכט, פעטערל, בעסער איהם הרג'ענען — באשטימט דער קאזאק, וועלכער האט שלמה'ן געפאנגען.

פון דער וויטענס הערט זיך א לירע שפיעלען. אן אלטיטשקער קומט צו צו די קאזאקען, אונטערגעלעהנט אויף זיין שטעקען, גרימפעלדיג אויף די סטרונעס.

— אך, קאזאקען, וואס לאכט איהר דא?

— זעהסט דאך, אלטער, א אידעל געפאנגען, און מען ווייסט ניט וואס צו טהאן מיט איהם.

— פארקויף איהם צו מוראד כאן. ער קויפט אלע אידעלעך אויף. פאר אן אלטען צאהלט ער א זילבער־שטיק און פאר א יונגען — א גאלדשטיק. אפשר וועסטו קענען אויסהאנדלען נאך א טאפ טאטעריש ביער פאר חברה קאזאקען צו טרינקען. א כיטרע יונג, דער מוראד כאן. א שלל פון פערזישע דיוואנען און טערקישע כלי־זיין וועט ער קריגען פאר די אידעלעך דארט אין טערקיי. און אונזערע ברידערלעך, די קאזאקען, ווייסען ניט צו שאנעווען זייער אייגענע סחורה. הרג'ענען אוועק די אידעלעך. אין קאנסטאנטינאפאל גיט מען פאר זיי געלד.

— קלוג רעדסטו, אלטיטשקער. זיי ווייסען ניט, אונזערע ברידערלעך קאזאקען, ווי אומצוגעהן מיט זייער אייגענער סחורה, — שטימט מיט איהם איין אן אנדער קאזאק.

— העי, אלטיטשקער, ברענג אונז צו מוראד כאן. וואו איז ער? זאגט דער קאזאק, אנגעהמענדיג שלמה'ן ביים רוקען און שלעפענדיג איהם נאך זיך.

— דו לאז איהם אפ, ליעבער, שאנעווע איהם. פאר א טויטען אידען וועט מוראד כאן גאר ניט וועלען געבען, — זאגט דער אלטיטשקער.

— מאך איהם אונטערשפרינגען א ביסעל, ווי א פערדעל. אקוויט גיב איהם צו טרינקען, ער זאל אויסזעהן לעבעדיגער.

איינער פון די קאָזאַקען האָט גענומען אַ קופּערנע כלי פון אַקע־ווייט און צוגעבויגען צו שלמה'ס מויל און גענויט דעם האַלב־טויטען יונגענמאַן צו טרינקען.

— שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד! — האָט שלמה געהערט אין זיין אויער רופען.

האַלב אין חלום, האַלב אויפגעוואַכט פון בראַנפען, האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזעהן דעם אַלטיטשקען, וועלכער האָט איהם אָנגעיונומען ביי דער האַנד און גערופען צו איהם:

— אַך, וואָס, דו אידעל, דו שלאָפסט, וואַך אויף, גאָט לויב.

שלמה'ן איז די שטימע פאַרגעקומען באַקאַנט, זעהר באַקאַנט, נור ער האָט ניט געדענקט וואו ער האָט זי געהערט.

זיי זיינען אָנגעקומען פאַר אַ גרויסען הויף מיט אַ פּלויט אַרומגערינגעלט און פון איבער דעם פּלויט האָט זיך געהערט אַ מורמלען, אַ אידישער רעש, ווי עס וואָלט וועך דאָרט געדאַוונט. פאַר דער טהיר פון הויף איז מוראד כאַן געזעסען אויף אַ דיוואַן און נעבען איהם האָט זיך געברענט אַ טינטעל סמאָלע. אויפ'ן דיוואַן פאַר איהם זיינען אויסגעלעגט געווען קופּקעלעך קופּערנע און זילבערנע מטבעות, פאַרשיעדענע טערקישע כלים, דיוואַנען, חפצים צו טוישען זיך. מוראד כאַן מיט זיינע לאַנגע, אַראָפּהענגענדע וואָנסעס און שטילע אויסגעלאָשענע אויגען איז געזעסען אַ שווייגענדיגער, אַ קרענקליכער, און נעבען איהם זיינען געשטאַנען צוויי טאָטערען מיט באַדעקטע קעפּ און האָבען אויסגערופען אויף קאָזאַקיש:

— ברידערלעך קאָזאַקען, ברענגט אייערע געפאַנגענע צו מוראד כאַן. מוראד כאַן, דער גרויסער סוחר, קויפט שקלאַפען אויף.

— קאָזאַקען, קאָזאַקען, מוראד כאַן באַצאָהלט מיט גוטע טערקישע געלד פאַר שקלאַפען.

אַ קליינער טאָטער איז צוגעקומען צו דער גרופּע קאָזאַקען, באַקוקט שלמה'ן, באַטאַפּט איהם, און האָט אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף צוויי שטיקלעך מטבעות.

— מיט אַ טינדעל טאָטעריש ביער, — האָט דער קאָזאַק געדונגען זיך. דער טאָטאַר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— אַזוי וועל איך איהם צו'הרג'ענען, ווי גאָט לעבט — צו'־

הרג׳ענען. א טינדעל טאַטעריש ביער אַז דו גיסט פאַר די קאַזאַקען צו טרינקען איז גוט, אַז נישט — צו׳הרג׳ענען.

דער טאַטער איז צוגעגאַנגען צו מוראַד כאַן, וועלכער איז געזע־סען די פיס אונטער זיך, אַ טרויעריגער און אַ שטומער, ווי אַ מענש וואָס וואָלט געוועז געליטען פון אַ קרענק. דאָס פּנים גלייכגילטיג, און זיינע לאַנגע קאַלעמוטנע אויגען האָבען קיין אויסדרוק ניט געהאַט.

מוראַד כאַן האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— אַזוי וועלען מיר איהם צו׳הרג׳ענען און די טאַטערען נישט פאַרקויפען.

— שטעהט, קאַזאַקענדלעך, שטעהט — זאָגט דער אַלטער ליריק, און צוגעהענדיג צום טאַטער, זאָגט ער צו איהם אין אויער אַריין, האַלב צומאַכענדיג מיט די הענד:

— אַ וואַזשנע אידעל אַט דער געפאַנגענער, — ווייזט ער אויף שלמה׳ן — איך קען איהם, אַ ראַבין איז ער. די אידעלעך אין סמיר־נא וועלען אַ סך אויסלייז־געלד געבען פאַר איהם, אַ ראַבין איז ער.

דער טאַטער איז ווידער צוגעגאַנגען צו מוראַד כאַן און איבער־געגעבען איהם, וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט.

מוראַד כאַן האָט געגעבען אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. דער טאַטער האָט גענומען אַ גאַנשער מיט טאַטעריש ביער, וואָס איז געשטאַנען נעבען מוראַד כאַן, און צוגעטראָגען עס צו די קאַזאַקען. דער טאַטער האָט גענומען פון זיי שלמה׳ן און איהם אַריינגעלאָזט אין הויף אַריין צו די געפאַנגענע.

פון דער צווייטער זייט פּלויט האָט זיך געהערט תהלים זאָגען:

„לדוד ה׳ אורי וישעי ממי אירא...“

— קומט, פּאַני ברידערלעך, טרינקען — האָבען די קאַזאַקען גערופען, און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער לאַנקע טרינקען דאָס טאַ־טערישע ביער.

— און דו, ליריק, שפּיעל אונז עפּעס אַ פרעהליכעס, און עפּעס אַ טרויעריגעס — האָבען זיך אַנדערע געבעטען.

די קאזאקען האבען זיך ארומגעזעצט ארום לירין. דער לירין האט גענומען זיין הארפע, אנגעהויבען צו גראמפלען און צוזינגען:

„וו׳נאשו זעמליו נאס,
וו׳נאשו זעמליו נאס"...
טינקו, טינקו ביע בעדוי,
סוואיע סערדצע ביע זאפסוי,
בענדזשע מאטקא וויקופליאנא,
בענדזשע כאטקא וויבודאוואנא.
באנזשי מאנדרי, פאטשאי קאנצא!
אברהמניו, אברהמניו, אברהמניו,
סטארשיק טי נאש,
יצחק׳ניו, יצחק׳ניו, יצחק׳ניו,
דזשיעדזשעק טי נאש,
יעקב׳ניו, יעקב׳ניו, יעקב׳ניו,
אטיעץ טי נאש,
טשוואזש ווי ביע פראסיטע,
טשוואזש ווי ביע פראסיטע,
טשוואזש ווי ביע פראסיטע
פאנא באגו זא נאס?
וו׳ זשע נאשי כאטקי וויסטראאילי,
נאשו זעמליו וויקופילי,
נאס בי וו׳זעמליו אטוויזילי,
וו׳נאשו זעמליו נאס...
וו׳נאשו זעמליו נאס

און נאך זיי האט דאס גאנצע פעלד קאזאקען מיטגעזונגען אין כאר:

„וו׳נאשו זעמליו נאס,
וו׳נאשו זעמליו נאס".

און פון דער צווייטער זייט פלויט האט זיך געהערט א געזאנג מיט זינגען נאך אלטען:

„וו׳נאשו זעמליו נאס,
וו׳נאשו זעמליו נאס".

## ניינטער קאפיטעל

# גורל

אין דער סטעפ האט געברענט א פייערל פון צווייגען. נעבען פייער זיינען געזעסען דריי קאזאקען און געדונגען זיך:

— איך האב זי דער ערשטער דערזעהן, דורך דעם געהער זי צו מיר, — האט געזאגט איינער פון זיי, אן אלטער. זיין אויסגע־טריקענט געזיכט איז באלויכטען געוועזן פון די קנאקענדיגע ברע־נענדיגע צווייגען, און עס האט אין דער נאכט ארויסגעשיינט זיינע קליינע אויגעלעך, וועלכע זיינען געזעסען אין זיין גרויס, ברייט גע־זיכט, ווי צוויי ראזשינקעס אין א גרויסען טייג. ער האט זיך אראפ־געבויגען צו דעם מיידעל, וואס איז געלעגען א ביסעל ווייטער אפגע־רוקט פון זיי אויפ'ן נאקעטען פעלד, און איז געווען צוגעדעקט מיט א ווייסען קאזאצקישען כאלאט. ער האט זי געפרואווט גלעטען מיט זיין אלטער באהארטער האנד, נאר עס האט איהם אוועקגע־שטופט אן אנדערע האנד פון אן אלטער, וואס האט געקניעט נעבען איהם, געווען אין דרייען איינגעבויגען און געוואכט איבער דעם מיידעל.

— דאס איז גאר נישט וואס דו האסט זי דערזעהן צוערשט, באהאלטענדיג זיך צווישען די גרעזער — האט געזאגט דער צוויי־טער. געזעהן האסטו אן אלטען עזעל און צום סוף איז דאס געווען א זשרעבעקעל א יונגס. אן אלטע באבע האסטו געזעהן, א קאזאטש־קעלע אן אלטס, און מיר האבען זי פון די קשאקעס ארויסגעפלא־שעט. ערשט איך האב דערקענט אין איהר די יונגע אידישקע. איך האב דאס טוך פון קאפ געצויגען, און די בלאטע פון פנים אבגעוואַ־שען, מיט וואס די אלטע מכשפה האט זי פארשטעלט. דו האסט געזעהן אן אלטע, בלינדע שקאפע, א לאהמען אלטען אייזעל — דאס האסטו געזעהן, און איך האב געפונען א אדעריל א יונגס, א טייבע־

לע — נו, צו וועמען געהערט זי, צו מיר אָדער צו דיר? — האָט זיך געקריגט מיט דעם אַלטען אַ יונגער קאָזאַקישער שגץ. דער פלאַם האָט בעלויכטען זיין רונדיג פול פנים, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין הויכען פוטערנעם הוט, מיט אַ פּאָר שווארצע נאַאיווע אויגען, וואָס האָבען געקוקט גוטמוטיג אפילו אין געבייזער.

— און איך זאָג: אַלע דריי האָבען מיר זי געפונען, געהער זי צו אַלע דריי. אַזוי איז עס חבר'יש און קאָזאַקיש, — האָט זיך אָנגערופען דער דריטער קאָזאַק, וואָס איז געזעסען נעבען פייער. ער האָט זיך נישט אויפגערעגט און נישט געשריען, ווי די אנדערע צוויי, נאָר ער האָט גערעדט פעסט און זיכער. זיינע צוויי וואָנצעס זיינען איהם אראָפּגעהאָנגען איבער'ן מויל, ווי צוויי שנירלעך ביי אַ ראָק. ער איז געווען האַלב נאַקעט, און דאָס ליכט פון פייער האָט באַלויכטען דעם קופערנעם קאָליר פון זיין לייב. ער האָט געשמאָל־צען אַ שטיק חזיר־פעטס אויף אַ שפּיעז אין פלאַם־פייער. פון חלב האָט געטריפט טראָפּענס צולאָזען פעטס אין פייער אריין, פון וואָס דאָס פייער האָט אויפגעקנאַקט. דאָס פייער האָט געגאָסען אַ רויטען שיין אויף זיין קופערנעם געזיכט, וואָס האָט יעצט אָנגענומען אַן אַש־קאָליר, מיט זיינע לענגליכע שווארצע איינגעגראָבענע אויגען. זיין פנים איז געווען לענגליך, זיינע באַקען־ביינער האָבען זיך הארט אַרויסגעשניטען פון זיין געזיכט, און איבער זיין גאָמבע האָבען גע־וואַקסען איינצעלנע שטייפע שווארצע האָר. אַ לאַנגער לאָק, וואָס איז איבערגעבליבען אויף זיין שטערען פון זיין געגאָלטען קאָפּ, האָט זיך פאַרוואָרפען איבער דער באַק, און דאָס האָט געגעבען זיין געזיכט אַן ענערגישען שטום־טויטען אויסדרוק, ווי עס וואָלט קיינמאָל דאַרויף קיין שמייכעל געשיינט.

— אַלע דריי? אָ, ניין, פּאַני בראַט, אָדער איינעם, אָדער קיינעם נישט, — האָט איהם אָפּגעענטפערט דער יונגער.

— הע־הע, יונגער שמויסעל, רעד נישט אנטקעגען אַן אַלטען קאָזאַק. צייטען אָנגעקומען, — האָט דער ערשטער אַלטער געקרעכצט.

— אַזוי טויטען זי, — האָט זיך אָנגערופען דער זיצענדער קאָ־זאַק.

— אַ שאָד צו טויטען, פּאַני בראַטצי, — האָט זיך אָנגערופען

דער ערשטער קאָזאַק. בעסער זי צו ברענגען צו די טאַטערען, דער כאַן האָט אַזעלכעס נישט אין זיין האַרעם. ער וועט אונז געבען אַ זעקעלע מיט גאָלד פאַר איהר, און מיט׳ן גאָלד וועלען מיר זיך צו־טיילען.

— און וואָס נאָך וועסטו פיהרען צום כאַן? דיין אייגען ווייב און דיינע טעכטער? אַך, צייטען אַנגעקומען, קאָזאַקען זיינען גע־וואָרען די משרתים פון דעם כאַן. כמעלניק האָט אונז אין גאַנצען פאַרקויפט צו די טאַטערען. אַ קאָזאַק טאָר זיך שוין אַליין נישט פאַרגינען אַ שעהנע אידישקע — אַלעס פיהרען צום כאַן. ניין, פאַני בראַטצי, אָדער זי וועט צו איינעם פון אונז געהערען, אָדער טויטען — האָט זיך אַנגערופען דער האַלב־נאַקעטער קאָזאַק, און זאָגענדיג דאָס, האָט ער ארויסגענומען פון הינטער זיין גאַרטעל אַ גענעהט טאָרבעלע און דערפון אויסגעשיט ביינערנע ווערפעל. — פאַני בראַ־טצי, זאָלען מיר טהאָן ווי קאָזאַקען, מיר וועלען גורל וואַרפען, אויף וועמען די שטיינער וועלען ווייזען, צו דעם וועט זי געהערען — יענעמס גליק, און קיין קנאה זאָל נישט הערשען צווישען קאָזאַקען איבער אַ שעהנע אידישקע.

— רעכט. גערעדט ווי אַ חבר און ווי אַ קאָזאַק. אויף וועמען די שטיינער וועלען ווייזען, צו דעם האָט זי גאָט באַשערט, און קיין קנאה זאָל נישט הערשען צווישען קאָזאַקען איבער אַ אידישקע.

דער יונגער קאָזאַק איז געשטאַנען אין שטילען נאָכדענקען, און האָט געקוקט מיט זיינע סאַמעטענע אויגען אויף דעם ווייסען כאַלאַט, אונטער וועלכען עס איז געלעגען דער קרבן.

— ברודערל, גיב נאָך, צוליעב אַ אידישקע זאָלען זיך קאָזאַקען צושלאָגען? צו דעם, וואָס גאָט וועט געבען, וועט זי געהערען, און טאָמער נישט די, וועסטו קענען האָבען אידישקעס דיין מאָמעס שטאָל אָנצופילען. קריווע־נאָס וועט אונז נאָך טולטשין פיהרען, דאָרטען זיינען זיך צונויפגעלאָפען אידישקעס פון גאַנץ אוקראַינאַ, און וועסט דיר קענען אויסקלייבען וויפיעל דיין האַרץ געלוסט.

דער יונגער קאָזאַק האָט זיך פלוצים אַראָפּגעבויגען צום פייערל, גענומען די ווערפעל און געוואָרפען:

— דריי, אכט, פינף, — האָבען זיי אָנגעהויבען צעהלען.

—זעקס, דריי, צעהן.

— גוט געטראָפען!

— פינף, אכט, צוועלף!

האָט ווער אויסגעשריען און געלאכט און דאָס געלעכטער האָט אָפּגעשלאָגען זיין עכאָ אין ראנד פון דער נאכט אין פעלד.

אונטער דעם ווייסען קאָזאצקישען מאנטעל איז געלעגען דבורה און איהרע גלאנצענדיגע אויגען האָבען צוגעקוקט צו דעם שפיעל פון ווערפעל ביים שיין פון פייער. זי האָט געוואוסט, אז דאָס שפיעל געהט וועגען איהר. זי שטעהט אין קאָן. נאָר איין מינוט האָט זי נישט פארצווייפעלט. עפּעס אַן אינערליכע זיכערקייט, אז גאָט וועט איהר העלפען, האָט אָנגעפילט איהר הארץ. זי האָט געגלויבט אין דעם, וואָס שלמה האָט איהר געזאָגט בעפאָר דעם אוועקגעהן, אז גאָט וועט זיי נאָךביידען צוזאמענברענגען און זיי וועלען לעבען צוזאמען. דאָס גליק פון איהר לעבען מיט איהר מאַן די צייט, וואָס זיי זיינען געווען צוזאמען, האָט זי געדענקט אין איהר נויט און געדענקט נאָך דעם. — פון דעם האָט זי זיך בארוהיגט, און מיט זיכערהייט געגלויבט, אז די צייט וועט קומען, אז גאָט וועט זי פון אלע נויטען ארויסנעהמען און צוריקברענגען צו איהר מאַן. און דער גלויבען האָט איהר מוט געגעבען צום לעבען.

נאָך אמאָל האָט מען געשריען ביים פייערל.

— דריי, זעקס, פינף.

— זיעבען, דריי, אכט.

— כא־כא־כא.

— פיער, אכט, צוועלף, — האָט אַ הוילע שטימע שווער געלאכט אין דער נאכט אריין.

נאָר דאָ האָט זיך פּלוצים פון דעם גראָז אויפגעהויבען דער שווארצער פּלעק, וואָס האָט געקניעט נעבען דבורה׳ן, און וואָס אלע האָבען געמיינט, אז זי איז שוין פארשווינגען אויף שטענדיג, פון דעם קלאָפּ, וואָס זי האָט געקראָגען פון דעם טאָטערישען קאָזאָק.

— אויף אייערע נשמות ווארפט גורל, אויף אייערע מוטערס, נישט אויף מיין אָדערל, אויף מיין יונגס, נישט אויף מיין אויס־געוועהטאָגטס, אויף מיין אייגענס, — האָט די אלטע מארושא געשריען

צו די קאזאקען. און אראפבויגענדיג זיך צום יונגען ווייבעל, האט זי זי ארומגענומען און געטרייסט:

— נשמה'לע מיינס, גאט וועט אונז העלפען. וועסט זעהן. א פייער וועט גאט שיקען אויף זיי. א, די קאזאקען זיינען ווילד גע־ווארען, אין גאט פארגעסען, אייגענע טאטע־מאמע פארגעסען. פאר'ן קעניג האט עס נישט קיין מורא, און קיין געזעץ היט עס נישט. א, עס וועט אייך פארטיליגען גאטס כעס, מיט א דונער און מיט א בליץ. די בריקען וועט ער ברענען אונטער אייך, די ערד שפאלטען, אין גיהנום וועט איהר איינגעזונקען ווערען, איהר הינד'ס זיהן.

— שווייג, אלטע מכשפה, שווייג, וואס דו האסט זיך צום טייוועל פארקויפט.

— די צונג איהר אויסשניידען.

— ניין, בעסער דעם קאפ, וועסטו פארשפארען די צונג באַ־זונדער.

פון אונטער דעם ווייסען כאלאט האבען יעצט די גלאנצענדיגע שווארצע אויגען געעפענט זיך צום הימעל און געקוקט אין די שטערען אריין, און געגלויבט, אז דארט, אין די שטערען, זיצט דער, וואס ווייסט און זעהט אלעס.

איין זאך האט זי געוואוסט, אז זי וויל נישט שטארבען. ניין, זי וועט אזוי לאנג לעבען און קעמפפען פאר איהר לעבען ווי ווייט זי וועט קענען, אזוי ווי זי האט צוגעזאגט שלמה'ן. נישט פאר זיך, נאר פאר איהר מאן, אז זי זאל די זכיה האבען צו זיין א מוטער פון זיינע קינדער —

די קאזאקען האבען געווארפען גורל צום לעצטען מאל.

— צום לעצטען מאל.

— דריי, זעקס, פינף.

אויפ'ן געדאנק איז איהר יעצט געקומען יענער שבועות אין דער פריה בעפאר דער אונגליק איז געקומען, ווי די גרינע בוימער און די גרינע לאנקעס קוקען דורך די קליינע פענסטערלעך אין זייער קליין שטיבעל אריין. זי זעהט איהם איצט זיצען ביי דער גמרא, זי זעהט, ווי ער שאקעלט זיך איבער דער גמרא, און לערענט הויך. זי הערט זיין שטים, עס קלינגט איהר אין די אויערען זיין שטים, ווי א געזאנג.

און זי שטעהט ביים קאסטען און זי פוצט זיך אוים פאר איהם, נייז.
פאר גאט אין שוהל אריין, אין די יום־טוב׳דיגע ציערונג, וואס ער
האט איהר פון לובלין מיטגעבראכט, און זי געהט צו צו איהם מיט׳ן
שטערען־טיכעל, און ער לעגט איהר די הענד אויפ׳ן קאפ ארויף,
און קוקט איהר אין די אויגען אריין.

פון פייערל האט איצט אויפגעקנאלט א רעש, א פאטשען מיט
די הענד, א ווילד חיה׳דיג לאכען. זי האט נישט פארשטאנען, וואס
דאס איז, נאר זי האט געוואוסט,אז יעצט קומט די ריכטיגע מינוט,
און יעצט וועט איהר גאט העלפען.

פון פייערל האט זיך ווער אויפגעהויבען. דער שווייגענדיגער
נאקעטער קאזאק איז צוגעגאנגען צום ווייסען פלעק מיט שארענדע
טריט, און ארפגעריסען דעם ווייסען קאזאצקישען מאנטעל, עס איז
אנטפלעקט געווארען פאר דער נאכט און די שטערען א מיידעלשער
קערפער, האלב פארהילט אין אפגעריסענע שמאטעס, וועלכער האט
זיך איינגעקארטשעט און איינגעגארעט אין זיך ווי א ווארעם.

— דו וועסט נישט צוגעהן, דו וועסט מיין קינד קיין שלעכטס
נישט טהאן, די אויגען וועל איך דיר אויסדראפען, — איז ווי א
צורייצטע קאץ אויפגעשפרונגען די אלטע מארושא צווישען דעם קאזאק
און דעם ווייבעל, און אויסגעשטרעקט צו איהם די צוויי פינגערדיגע
הענד.

זי האט נאך געוואלט עפעס זאגען, ווי א געבעט און א געוויין.
נאר מיט א מאל האט א קנאק געטהאן, און די אלטע מארושא האט
זיך אויסגעשיט אויף דער ערד ווי א בינטעל צובראכענע ביינער און
געקרעכצט:

— דערבארם דיך, פאטער.

דער קאזאק האט אויסגעשטרעקט די האנד און געזוכט אנצונעה־
מען דבורה׳ן, נאר פלינק ווי א קאץ האט דבורה געגעבען א שפרונג
אפ פון איהם, זי האט געזוכט מיט איהרע אויגען הילף, און עס האט
איהר א שיין געגעבען די ווייכע פיגור פון יונגען קאזאק, וואס איז
יעצט באלויכטען געוועזן פון פייער, ביי וועלכען ער איז געשטאנען.
זיין סאמעטענער טרויעריגער בליק האט איהר געגעבען א גלעט, און
א שטראהל פון רעטונג האט געגעבען א לייכט אויף אין איהר געדאנק.

— ראטעווע מיך פון איהם, איך וויל נישט געהערען צו איהם,
— האט זי זיך איינגעקארטשעט אין דעם יונגען קאזאק און באהאלטען זיך אין איהם, ווי א קינד אונטער א בוים, ווען עס רעגענט.

דער יונגער קאזאק האט א צאפעל געטהאן. איהר מיידעלשע שטימע, וואס ער האט צום ערשטען מאל געהערט זייט ער האט זי געפאנגען, האט אין זיין הארץ א ציטער געגעבען. און ווען זי האט געקוקט איהם אין פנים אריין מיט איהרע בעטענדיגע, פייכטע אויגען, האט ער איהר בליק נישט געקענט איבערטראגען, און האט איהם אויסגעמיעדען. דאך איז ער געבליבען שטעהן ווי א בוים, ער האט זיך נישט באוואויגען, זיין געזיכט איז בלייך געווארען, און זיין הארץ האט איהם אונפארשטענדליך אנגעהויבען צו קלאפען.

א מינוט האט דער צווייטער קאזאק צוגעקוקט, וואס דער יונגער וועט טהאן. באלד איז ער צוגעגאנגען מיט שווערע טריט צום ווייבעל און אויסגעשטרעקט די האנד נאך איהר.

— ער האט פאלש געשפיעלט, איך וויל נישט צו איהם,— האט דבורה געשריען, ווען דער קאזאק האט זיך אנגעהויבען צו איהר צו דערנעהנטערען.

דער יונגער איז נאך אלץ געשטאנען שטום און שטייף ווי א בוים. נאר אין זיינע אויגען האט שוין אויפגעבליצט א פייערל.

— שווייג, פארשאלטענע, צו דיין געביעטער קום! — האט ער געוואלט אננעהמען דבורה'ן ביי דער האנד און שלעפען זי צו זיך.

דער יונגער קאזאק האט זי א רוק אפ געגעבען אין א זייט, און געשטעלט זיך דעם צווייטען אין פנים אריין.

צוויי שארפען פון מעסער האבען אויפגעפלאמט אין דעם שיין פון דעם פייער.

— קאזאקען, וואס טהוט איהר? צוליעב א אידישקע וועט איהר זיך אויס׳שחט׳ען? ווענינ אידישקעס דא אין אוקראינע? קאזאקען, באדענקט זיך, וואס איהר טהוט! — האט דער דריטער געשריען.

אבער ער האט שוין מורא געהאט צוצוגעהן. ביידע קאזאקען זיינען געשטאנען איינער דעם אנדערען אין געזיכט, געקוקט זיך אין די אויגען אריין, און די רונדע טערקישע מעסערם האבען זיך געפינקעלט אין ליכט.

און פלוצים איז דער יונגער ווי א ווילדע חיה געגעבען א שפרונג ארויף אויף דעם אלטען מיט׳ן מעסער, און אין א מינוט ארום איז ער שוין געלעגען, און עס האט שוואך געכארכעלט אין דער נאכט.

— פארשאלטען זאלסטו ווערען, דו זינדיגע נשמה, צוליעב א אי־דישקע האסטו א קאזאק אומגעבראכט. עס זאל ליעגען די זינד אויף דיר, ווי א שווערע לאסט וואו דו וועסט זיך קעהרען און ווענדען, — האט דער צווייטער אלטער געשאלטען, אויסגעשפיגען און איז אוועק איינער אליין אין די טיעפעניש פון דער נאכט.

א מאמענט איז דער יונגער געשטאנען און האט ווי עפעס נאכ־געקלערט. באלד האט ער זיך ווי אן עפעס דערמאנט און גערופען צום אפגעשענדעטן קאזאק אין דער נאכט אריין:

— העי, אלטער, וואו געהסטו?

— איך וויל מיט דיר נישט הויזען. האסט די נשמה דעם טייוועל פארקויפט — האט א שטימע איהם אפגעענטפערט פון דער טיעפעניש פון דער נאכט.

א מינוט איז ער נאך געשטאנען און נישט געוואוסט וואס צו טהאן. ער האט זיך אומגעקוקט און געזוכט מיט די אויגען די אידישקע. ער האט זי געפונען ליעגענדיג אויפ׳ן גראז א פאר׳חלש׳טע.

ער האט זיך אראפגעבויגען, אויפגעהויבען זי און צוגעטראגען צום פייערל. גענומען זיין קאזאקישען מאנטעל און צוגעדעקט זי. אליין האט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר. דער שיין פון פייער האט באלויכטען איהר געזיכט. ער האט געזעהן דעם ווייסען בליי־כען קאליר פון איהר פנים, און די הייטלעך, וואס האבען זיך אריבער געצויגען איבער איהרע אויגען־אפעל, ווי ביי א טויב, און א ווייך געפיהל האט איהם ארומגענומען צום שוואכען באשעפעניש, וואס ליעגט נעבען איהם.

## צעהנטער קאַפּיטעל

# אין נאַקעטען פעלד

— ווי רופט מען דיך, אידישקע? — האָט דער קאָזאַק געפרעגט.
— דבורה.
— און מיך יערעם, — ווייזט דער הויכער קאָזאַק זיינע ווייסע ציינער אין שמייכעל.
דבורה האָט געציטערט.
— וואָס ציטערסטו? איז דיר קאַלט, אידישקע?
דבורה האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.
— קום נעהנטער צום פייער.
אָבער דבורה האָט זיך יעצט דערמאָנט אָן דער ניאַנע און האָט זיך אָנגעהויבען ארומקוקען.
— וואָס זוכסטו, די אַלטע? — האָט דער קאָזאַק געפרעגט.
ער איז צוגעגאַנגען און גענומען די אַלטע מארושא, וועלכע איז געלעגען אויף דער ערד אונבאַוועגליך פון דעם קלאַפּ, וואָס זי האָט געקראָגען און צוגעשלעפּט זי צו דבורה'ן. דבורה האָט געכאַפּט איהר אַלטען קאָפּ אין די הענד אריין, און צוגעדריקט דעם אַלטערם קאָפּ צו איהר האַרץ.
— דו וואַרט, איך וועל זי שוין געזונד מאַכען, — האָט יערעם געזאָגט — העי, אַלטע, גיב נאָר אַ נעהם פון דעם האָרן, — האָט דער קאָזאַק איהר צוגעלעגט צום מויל דעם האָרן מיט אָקעוויט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך — גיב אַ גוטען טרונק, זשאַלעווע נישט, די ברוי־דערלעך האָבען גענוג.
נאָכ'ן טרונק האָט מארושאַ געעפענט די אויגען, ארומגעקוקט זיך, און דערזעהענדיג נעבען זיך דבורה'ן, האָט זי זי אַרומגעכאַפּט.
— דו לעבסט, מיין פויגעלע, אָ, דאַנקען גאָט, און צוקריכענדיג אויף אַלע פיער צו יערעם האָט זי אָנגעכאַפּט זיינע הענד און געקושט:

— דו אָדלער, דו שטאַרקער, וואָס דו האָסט אונז געראַטעוועט פון שאָטענס הענד. ראַטעווע אונז, אין גאָט'ס נאָמען ראַטעווע דאָס פויגעלע. אָה, דו מלאך פון גאָט צוגעשיקט.

— און וואָס איז זי דיינע, א טאָכטער דיינע?

— מעהר פון א טאָכטער, אַלעס מיין, מיין לעבען, מיין נשמה, — האָט זי אריינגענומען דבורה'ן, ווי זי וואָלט זי געוואָלט באשיצען.

— זי איז דאָך א אידישע און דו א קריסטליכע.

— איך וויים אַליין נישט. אין הארצען איינגעבאקען כאָטש פון א פרעמדען גלויבען, ווי א פויגעל פון א פרעמדען נעסט. איך האָב דאָך דאָס ערצויגען פון קליינערהייט אָן. זי מיט איהר מאַן, ווען זיי זיינען נאָך פיצינקע געוועז.

— זי האָט א מאַן?

— יא, אָדלער, נישט לאַנג חתונה געהאַט, פון די שקאָלעס צוריק־געקומען, חתונה געהאַט, אין נעסט זיך באזעצט, קינדערלעך אוים־צובריהען, און דאָ איז דאָס אונגליק געקומען.

— און וואו זיינען די איהריגע?

— איין גאָט וויסט, געראַטעוועט זיך אָדער אין די קאָזאַ־קענס הענד אריינגעפאַלען. ווער ווייסט אויב זיי לעבען.

— ווי אַזוי לעבען זיי, צווישען די קאָזאַקען פארפאַלען, — באַשטימט דער קאָזאַק און, צוגעהענדיג צו דבורה'ן, נעהמט ער זי ביי דער האַנד און פרעגט זי:

— און מיינע ווילסטו זיין, אידישקע?

דבורה איז געבליבען שטום.

— ווי אַזוי דיינע, אָדלער? זי האָט דאָך א מאַן, — זאָגט די אַלטע מארושא.

— שוויינ, אַלטע, די איהריגע לעבען שוין נישט. די קאָזאַקען האָבען אַלע אידען אויסגע'הרג'עט. איז קיין מאַן האָט זי נישט מעהר. וועסטו זיין מיינע, אידישקע, אַזוי וועסטו לעבען, אז נישט וועסטו שטאַרבען. ווי דו ווילסט.

דבורה איז שטום געבליבען.

— נו, פאַר וואָס ענטפערסטו נישט, אידישקע? שלעכט וועט זיין, אז דו וועסט נישט ענטפערען. נאָכ'ן רעכט האָסטו באַלאַנגט

צו יעפרעם סקוואַז. ער האָט דיך אין די שטיינער געוואונען. ער האָט פאַלש געשפּיעלט, האָב איך איהם דער׳הרג׳עט און דיך האָב איך גערעטעוועט. פאַר מיר האָב איך דיר געראַטעוועט. ווייל דו ביזט מיר געפעלען, און איך האָב דיך ליעב געקראָגען, אַזוי ווי איך האָב דיך דערזעהן. אַ נו, זאָג, אידישקע, און מיינע וועסטו זיין? דו האָסט דאָך צוגעזאָגט?

דבורה איז ווידער שטום געווען.

— דו ביזט דאָך אַ גוטער, דו ביזט דאָך אַ מלאך. אַ מוטער האָט דיך געבוירען, נישט אַ הונד, ווי די אַנדערע דאָרט. דו האָסט דאָך גאָט אין הארצען. דו וועסט דאָך נישט טהאָן אַזאַ זאַך. וועסט זיך דאָך נישט פאַר גאָט פאַרזינדיגען. זי האָט דאָך אַ מאַן — האָט מארושא גע׳טענה׳ט.

— שווייג, אַלטע, אַז נישט צושלאָג איך דיר ווי יעפרעם. געזאָגט האָט מען דאָך דיר, אַז דער מאַן איהרער לעבט נישט מעהר, צו׳־הרג׳עט, אַלע אידען צו׳הרג׳עט.

— און טאָמער האָט ער זיך געראַטעוועט? — פרעגט די אַלטע.

— דער׳הרג׳עט, אַז נישט — וועל איך איהם דער׳הרג׳ענען. און דו, אַלטע, שווייג, טייוועלשע נשמה. דו ביזט אַ קאַזאַטשקע, דאַרפסטו האַלטען מיט׳ן קאָזאַק, נישט מיט׳ן אידען. דו האָסט פאַרקויפט דיין נשמה צום טייוועל איד, היט דיך, אַלטע! — האָט דער קאָזאַק געזאָגט בייז, אָוועקגעזעצט זיך ביים פייער, ביי דבורה׳ן, האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד און געזאָגט צו איהר ווייך, ווי ער האָט נאָר געקענט: דו געהערסט צו מיר, איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערקענט, אַז דו ביזט יונג און שעהן. פון די לאַכעס, וואָס די אַלטע האָט דיך פאַרקליידט, האָב איך דיך דערקענט. און ווי איך האָב נאָר געגעבען אַ קוק אויף דיר, אַזוי האָט דאָס הארץ מיר באַלד אַ ציטער געגעבען, און באַלד האָב איך דיך ליעב געקראָגען און רחמנות געקראָגען אויף דיר ווי אויף אַ טייבעל אַ יונגס. קיינעם וועל איך דיך נישט אָפּגעבען, נישט דעם העטמאַן און נישט דעם כאַן. איך וועל אַלע צו׳הרג׳ענען, און דיך באַהאַלטען פאַר מיר.

אַ מינוט האָט דבורה געשוויגען. פּלוצים האָט זי דעם קאָזאַק געקוקט גלייך אין די אויגען אריין און געזאָגט:

— איך בין דאָך ביי דיר אין האנד. און דו קענסט טהאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט. און דאָך האָב איך נישט קיין מורא פאַר דיר. אַ שטאַרקערער פון דיר היט מיך. דו קענסט מיך שלאָגען, און איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר. אַז איך וועל וועלען, וועל איך ליעב האָבען, און אַז איך וועל נישט וועלען — וועל איך נישט ליעב האָבען.

— אַז איך וועל וועלען וועל איך ליעב האָבען, און אַז איך וועל נישט וועלען וועל איך נישט ליעב האָבען, — גוט געזאָגט, אידישקע, גוט. און איך וועל דיך נישט נויטען, אַז דו זאָלסט מיך ליעב האָבען, אַז נישט וועל איך טהאָן אָט וואָס, — זאָגט דער קאָזאַק און געהט צו צו דער אַלטער — איך ווייס נישט וואָס זי איז דיינע: אַ מוטער, צי וואָס? אַלץ איינס, זאָג אידישקע, וועסט זיין מיין, לאָז איך זי לעבען, אַז נישט, הרג'ע איך זי צו.

דבורה'ס אויגען האָבען אַ פינקעל געגעבען. נאָר איין ווייל'ע האָט זי געצווייפעלט. באַלד איז איהר עפּעס קלאָר געוואָרען, אַז זי מוז ראַטעווען די אַלטע. ווי אַזוי האָט זי נאָך נישט געוואוסט, כאָטש זי איז גרייט געווען אויף אַלעס.

דבורה האָט זיך אָנגערופען ווי מיט פאַרשעהמטקייט:

— דיין ווייבעל וועל איך זיין, דיין ליובאָווניצע נישט.

— דאָס איז רעכט, דאָס האָסטו גוט געזאָגט. דאָס געפעלט מיר, מיין ווייבעל וועסטו זיין, מיין ליובאָווניצע נישט.

— וואָס האָסטו געטהאָן, טאַכטער, צוליעב מיינע אַלטע טעג האָסטו דיר פאַר גאָט פאַרזינדיגט. וואָס האָסטו געטהאָן? — האָט מאַרושאַ אויסגעשריען.

— שווייג, אַלטע, איך האָב זי דאָך ליעב, — זאָגט דער קאָזאַק געריהרט. — אַנדערש נישט זי האָט מיר אַ כשוף אָפּגעטהאָן. דעם בעסטען ברודער האָב איך דאָך פאַר איהר גע'הרג'עט. ער איז דאָך געווען מיין פעטער, — ווייזט ער מיט'ן פינגער אויפ'ן טויטען קאָזאַק, — מיין לעהרער געווען, אויף פערד האָט ער מיך געלערענט רייטען, מיטן ביקס שיסען, און איך האָב איהם צוגע'הרג'עט צוליעב אַ אידישקע. די אייגענע מאַמע וואָלט איך געקענט צוליעב איהר הרג'ע־נען... סיידען נאָר אַ כשוף האָט זי מיר אָנגעטהאָן.

דבורה'ן איז עפעס איינגעפאלען. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון פייערל, אין שיין פון פלאם האָט זי זיך אויסגעצויגען און געבליבען שטעהן ווי אן ערשיינונג פון א פרעמדער וועלט.

— דאָס האָב איך אזוי געמאכט.

— ווי אזוי האָסטו דאָס געמאכט?

— מיט דעם כשוף, וואָס איך באזיץ.

— און דיין שבועה געבראָכען, וואָס דו האָסט דיין מאן געשוואָרען, און גאָט פארגעסען, דו אונגליקליכע! — האָט די אלטע זי געשאָלטען.

דבורה האָט איהרע שלאנקעביינערדיגע הענד צום הימעל אויסגעצויגען, איהר בלייך פנים צו די שטערען פארוואָרפען.

— אזוי האָט מען מיר געהייסען.

— ווער?

— דער וואָס זיצט אויבען, און מיט זיין מאכט.

דער נאאיווער קאָזאק איז דערשראָקען געוואָרען פאר איהר געזיכט. ער האָט זיך געווענדעט צו דער ניאנע:

— וואָס רעדט זי?

— איך וויים נישט, — האָט די ניאנע געשטאמעלט אויך פאר שרעק. איך דערקען זי נישט. דאָס רעדט זי מיט איהר גאָט אזוי.

— איך האָב מיינע ביינער מיט דעם כשוף־זאלב אויסגעשמירט, וואָס ער האָט מיר געגעבען, און קיינער קען מיר קיין שלעכטס ניט טהאָן. אָט שטעה איך פאר דיר, פּרוביר דיין מעסער אין מיר און זעה אויב איך זאָג ליגען.

דער קאָזאק איז דערשראָקען געוואָרען. זיינע נאָזדרעס האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען, זיין מעסער האָט געבריהט זיין האנד.

— וואָס טהוסטו? וואָס רעדסטו? — האָט זי די ניאנע ארומגענומען.

— דו נארין איינע. אָ, דו אלטע נארין! וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? ווייסטו ניט, אז ווען גאָט באשיצט מיר קען מיר קיין שלעכטס ניט געשעהן?

די ניאנע האָט זיך אראָבגעבעגען אויף די קניע פאר איהר, געכאפּט איהרע הענד און איינגעגראָבען אין זיי איהר אלט פנים

וואָס איז פּייכט געווען פון טרערען.

פון דערוויילטענס איז געשטאַנען דער קאָזאַק. ער האָט געציטערט. אַ שרעק האָט דעם הויכען שטאַרקען גוי אַרומגענומען פאַר דער אידישקע.

— קום צו דער מאַמע אַהיים, אידישקע. ביי דער מאַמע וועל איך דיך האַלטען ביז צום שלוב.. די קאָזאַקען קענען קומען, דיך זעהען און אַוועקנעהמען דיך פון מיר.

— איך וועל ניט פריהער געהן מיט דיר ביז דו וועסט מיר ניט ביי דיין נשמה שווערען, ביי דיין אמונה, איידער איך געה מיט דיר.

— אַלעס וועל איך דיר שווערען, שעהנע אידישקע. זאָג, וואָס ווילסטו אַז איך זאָל דיר שווערען ביי מיין נשמה, ביי מיין אמונה?

— איך וויים, יערעם, אַז דו ביזט אַ גוטער, דו האָסט מיך פון שלעכטע הענד געראַטעוועט. דו האָסט ניט דערלאָזט מיר קיין בייז טהאָן. גאָט וועט דיר דערפאַר באַצאָהלען. זאָג מיר יעצט צו יערעם, איידער איך געה מיט דיר, אַז ביז'ן שלוב וועסטו מיך שאַנעווען, מיין ריינקייט היטען און מיר קיין שלעכטעס ניט טהאָן.

דער הויכער קאָזאַק האָט געשמייכעלט.

— ביי גאָט זאָג איך דיר צו, מיין שעהנע אידישקע, אַז ביז צום שלוב וועל איך דיר שאַנעווען, דיין ריינקייט היטען און דיר קיין שלעכטעס ניט טהאָן.

— געדענק, יערעם, דו האָסט מיר צוגעזאָגט ביי דיין אמונה און ביי דיין נשמה געשוואָרען. און טאָמער וועסטו שלעכטע געדאַנקען האָבען און מיר וועלען שלעכטעס טהאָן, וועל איך דורך דעם כשוף וואָס איך באַזיץ גלייך וויסען דיינע געדאַנקען. און אַזוי ווי דו וועסט מיר נאָר וועלען שלעכטעס טהאָן, אַזוי וועט גלייך קומען די העכערע מאַכט וואָס באַשיצט מיר און מיך צונעהמען פון דיר. און דו וועסט גאָר ניט קענען העלפען.

— ביי גאָט שווער איך, — ציטערט דער קאָזאַק — ווי אַ הייליג בילד דיך אָבהיטען, ווי אַ הייליגע, — שווערט דער קאָזאַק. און ער האָט זי אין זיין לאַנגען ווייסען קאָזאַצקען מאַנטעל איינגעוויקעלט און אַרויסגעפיהרט זי פון פעלד צו דער מוטער אַהיים. די אַלטע מאַ־

רושא איז נאָך זיי נאָכגעגאַנגען, און דער מאָרגען האָט זיך אָנגעהויבען צו גרויען, בעלויכטענדיג די שפּיצען בוימער וואָס האָבען אָנגעהויבען ארויסצוקוקען איבער דער וועלט ווי פון א נעבעל ארויס...

---

עלפטער קאַפּיטעל

# פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה

נאָך האָט כמעלניצקי אונטערהאַנדעלט מיט דעם פּוילישען פעלד־מאַרשאַל דאָמיניק, וועגען אונטערגעבען זיך צוריק צו דער פּוילישער קרוין, און ער האָט אַלץ געהאַלטען אין איין שיקען זיינע האָרדעס קאַזאַקען חרוב צו מאַכען אונבאַשיצטע שטעדט, כדי מיט רויב צו באַצאָהלען זיינע קאַזאַקען. אַנצוהאַלטען די פריינדשאַפט פון די טאָטערען האָט ער באַדאַרפט באַרייכערען די האַרעמס פון כאַן מיט שעהנע אידישע ווייבער און טעכטער, איז א האָרדע פון צעהן טויזענד קאַזאַקען, אָנגעפיהרט פון איינעם פון זיינע רויבער, קריווע־נאָס, אָנגעפאַלען אויף די שטעדט און שטעדטלעך פון אוקראַינע, און אָבגעווישט זיי פון דער ערד. נאָך האָרדעס קאַזאַקען זיינען נאָכגעגאַנגען באַנדעס טאָטערען ווי שאַרען שוואַרצע רויב־פויגעל.

בחנם האָט דער עדעלער פירסט ווישניוויעצקי געבעטען ביי די פּוילישע שררים און מאַכטהאַבער הילף פאַר זיין קליינע מחנה פּוילישע סאָלדאַטען וואָס האָבען געקעמפּט געגען די קאָזאַקען און טאָטערען. זיין שטימע, וואָס האָט געוואָרענט געגען די קאָזאַקישע געפאַהר, איז געבליבען אונבעאַנטוואָרטעט. דער פעלדמאַרשאַל דאָמיניק האָט נאָך אַלץ געדעכענט אויף כמעלניצקי׳ס יושר און ווילינקייט זיך איבערצוגעבען צו פּוילען. ער האָט געהאַלטען אַלץ אין איין מאַכען קאָנצעסיעס צו די קאָזאַקען און באַשענקען כמעלניצקי׳ן מיט נייע טיטולען, מיינענדיג אַזוי ארום איינצושטילען דעם קאָזאַק. די שררים זיינען געווען פאַרנומען מיט די וואַהלען פאַר א נייעם קעניג אויף דעם אָרט פון פאַרשטאָרבענעם קעניג וולאַדיסלאַוו. קיינעם איז נישט אָנגעגאַנ־

גען דער גורל פון דער ווייטער אוקראַינישער פּראָווינץ. צום סוף האָטווישניוויעצקי אַליין אויך געמוזט אויפגעבען זיין קליינע פּוילישע אַרמעע און איז געפאָהרען קיין ווארשא זוכען הילף ביי די פאַרהור־לעטע פּריצים פאַר דער אונגליקליכער אוקראַינישער באַפעלקערונג.

דערוויל איז דאָס גאַנצע לאַנד פריי און אָפען געלעגען פאַר די קאָזאַצקישע האָרדעס. ווי אַ טייך וואָס פאַרפלייצט, אַזוי האָבען זיי זיך געטראָגען פון שטאָדט צו שטאָדט און אָפּגעמעקט אַלעם לעבעדי־גע, שטעדט פאַרברענט און פאַרמעגענס באַרויבט. און די באַפעלקערונג, סיי אידישע סיי פּוילישע, אויסגעשאָכטען מיט'ן שווערד יונג און אַלט. אַ חוץ די, וואָס האָבען זיך געטויגט פאַר די שקלאַפען־מערק, האָבען די טאָטערען געלאָזט לעבען. און מיט די שעהנע ווייבער און מייד־לעך האָבען זיי באַרייכערט זייערע האַרעמס.

נאָך נעמיראָוו האָבען זיי זיך געלאָזען קיין טולטשין. אין טולטשינער פעסטונג האָבען זיך באַהאַלטען די אידען פון די אַרומיגע שטעדטלעך און די ענטרונענע פון נעמיראָוו. האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין טולטשין אַ אידישע באַפעלקערונג פון צעהן טויזענד נפשות מיט זעהר פיעל אידישע רייכטום, וואָס די אידען האָבען מיטגענומען מיט זיך. און אויף דעם פאַרמעגענס האָבען זיך געלאָזט די קאָזאַקען, און אויף די ווייבער און מיידלעך די טאָטערען.

נאָר אַזוי לייכט איז קריווע־נאָס מיט זיינע האָרדעס קאָזאַקען נישט אָנגעקומען טולטשין צו נעהמען. טולטשין איז געווען אַ פעס־טונג, און די אידען, וועלכע זיינען מייסטענס געווען אַנטלאָפענע פון חרוב־געוואָרענע שטעדטלעך, האָבען געוואוסט וואָס עס הייסט אַריינ־צופאַלען אין קאָזאַצקישע הענד. האָבען זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז בעסער אין דער שטאָדט פאַר הונגער אויסגעהן, בעסער אין קאַמפף צו שטאַרבען, איידער צו די קאָזאַקען אין די הענד אַריינצופאַלען.

אין דער שטאָדט האָט זיך אויך געפונען אַ רעכט ביסעל פּאָליאַ־קען, אייניגע הונדערט פּוילישע זעלנער. האָבען די אידען מיט די פּאָליאַקען אָפּגעמאַכט אַ בונד, געשוואָרען זיך, און דער רב ר׳ אהרן, דער ראש הישיבה פון טולטשין, און דער דוכס טשווערטשינסקי, האָבען זיך אויף אַ כתב אונטערגעשריבען, אַז זיי זאָלען ביז צום

לעצטען מאן, ביז צום לעצטען טראָפּען בלוט קעמפּפען זייט ביי זייט און די שטאָדט באַשיצען פון קאַזאַצקישע הענד.

און אַ גרויס ברודערשאַפט איז געוואָרען צווישען די פּאָליאַקען און די אידען. די אידען האָבען זיך אין די שוהלען פאַרזאַמעלט, די פּאָליאַקען אין די קירכען, און גאָט געבעטען, אַז ער זאָל זיי מציל זיין פון די קאַזאַצקישע הענד, און געשוואָרען זיך צו באַשיצען איינער דעם אַנדערען. מען האָט זיך „פאַן בראַטעוועט". די פּאָליאַקען האָבען געשריען צו די אידען: „קאָכיימע זשע", און די אידען האָבען זיך געטיילט מיט זיי דאָס עסען, וואָס זיי האָבען אין שטאָדט אָנגעזאַמעלט אום אויסצוהאַלטען די באַלאַגערונג ביז הילף וועט קומען פון די פּוילישע שררים.

די פּאָליאַקען און די פּוילישע זעלנער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון פּריץ טשווערטשינסקי, וועלכע זיינען געווען מעהר געלערענט אין מלחמה־טאַקטיק ווי די אידען, און געוואוסט ווי אומצוגעהן מיט געווער, האָבען גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיגען די פעסטונג פון טולטשין. און די אידען, וואָס זיינען געווען אין אַ פיעל גרעסערער צאָהל פון די פּאָליאַקען און מעהר מוטהיג פון די פּאָליאַקען, ווייל זייער געפאַהר איז געווען אַ גרעסערע, האָבען גענומען אויף זיך צו פאַרטיידיגען די שוואַכערע און אונבאַשיצבאַרע טיילען פון דער שטאָדט.

זיי האָבען זיך באַלאָדען מיט טערקישע כלי־זיין, מיט פּולווער־שיסענדע ביקסען, וואָס זיי האָבען באַקומען פון דער פעסטונג. זיי האָבען אַרום דער מויער אויפגעשטעלט הויכע רישטאָוואַניעס, ליי־טערס, באַשטעלט זיי מיט געשטעלען און אָנגעזאַמעלט אויף זיי מאַסען שטיינער, געוויכטען. די ווייבער האָבען אָפּגעקאָכט גרויסע טעפּ מיט צולאָזענעם חלב, בריהענדע קאַשע, געזאָטענעם וואַסער און געבראַכט צו די מויערען. אָפטמאָל האָבען די אידען געלאָזט די קאַזאַקען נאָהענט צוקומען צו דער מויער און אונטערשטעלען זייערע אייזערנע ווידלעס אונטערצוברעכען די מויערען, און פּלוצים מיט אַמאָל האָבען זיי אָנגעהויבען צו רעגענען אויף זיי מיט שטיינער, צו באַגיסען זיי מיט טעפּ געזאָטענע חלב אויף די קעפּ. און די קאַזאַקען זיינען אַנטלאָפען, איבערלאָזענדיג די ווידלעס מיט זייערע טויטע

ארום די מויערען. און נישט איינמאָל האָבען זיך די אידען, ווי אמאָל ביי דער באַלאַגערונג פון ירושלים, ארויסגעלאָזט זיך פון דער שטאָדט, און מיט א פאַראַכטונג צום טויט געוואָרפען זיך אין די מחנות קאָזאַקען, געטויטעט פיעלע פון זיי און די איבעריגע צוריק־געיאָגט אין זייערע לאַגערען.

אין שטאָדט איז אָבער וואָס אמאָל געוואָרען ווינציגער עסען. דאָס עסענוואַרג, וואָס די אידען האָבען אָנגעזאַמעלט אין שטאָדט, איז דורך א פאַרוואַלטערשאַפט צוטיילט געוואָרען אויף גלייכע חלקים צווישען די אידען און די פּאָליאַקען. צוערשט האָט מען געשפּייזט די קינדער און די פרויען, די מענער פלעגען אָפט אַליין זיך איינ־שאַפען שפּייז פון די קאָזאַקען. די אידען האָבען דורך זייערע אויס־קוקערס אויסגעפונען ווען די קאָזאַקען פלעגען צונויפטרייבען סטאַ־דעס שעפּסען, בהמות, אָקסען, פלעגען די אידען זיך ארויסרייסען פון שטאָדט אין די קאָזאַצקישע מחנות אריין און אוועקנעהמען פון זיי די סטאַדעס בהמות און זיי טרייבען אין שטאָדט אריין און באַזאָרגען די שטאָדט מיט שפּייז אויף וואָכען לאַנג.

צווישען די אידישע קעמפפער האָט זיך אויך געפונען מענדעל, דער פּרנס פון זלאָטשאָוו. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָרען זיין זוהן פּאַ׳ זיינע אויגען, שווימענדיג איבער דעם טייך, און נישט הערענדיג גאָרנישט פון זיין שנור, וועלכע איז אוועק מיט דער אַלטער מאַרושא, האָט ער גענומען זיין ווייב און איז מיט איהר געגאַנגען קיין טולטשין, ווי אַנדערע אַנטרונענע, מיט דער האָפנונג, טאָמער האָט זי די אַלטע מאַרושא געבראַכט קיין טולטשין דורך אַן אַנדערען וועג. אָבער נישט געפינענדיג זי אין טולטשין און זייענדיג זיכער, אַז זיין זוהן, נאָכדעם ווי ער איז אריינגעפאַלען אין די הענד פון די קאָזאַקען, לעבט נישט מעהר, איז איהם זיין אייגען לעבען מיאוס געוואָרען. ער האָט נישט געהאַט מעהר פאַר וואָס צו לעבען, און נישט געוואָלט מעהר לעבען. אָבער מענדעל האָט צופיעל געזונ־טען אינסטינקט געהאַט, און די אמונה אין גאָט האָט איהם נישט געלאָזט פון זיך אַליין אַן ענדע מאַכען. ער, ווי פיעלע אַנדערע, פאַר־ליערענדיג יעדע האָפנונג אויף אייגען גליק, האָט איבערגעטראָגען זיין פּערזענליכען גליק און האָפנונג אויף דעם קיום פון דער גאַנצער

ערה. די ערה פון טולטשין איז געוואָרען זיין קינד, זיין שלמה, זיין צוקונפט, זיין אייגען לעבען. אין דער ערה האָט ער צוריקגעפונען זיין אייגען קראפט, און פאר איהר קיום האָט ער מיט א פאראכטונג פון טויט, פון פערזענליכען גליק, וועלכען ער האָט נישט מעהר גע־פיהלט, זיך אריינגעוואָרפען אין קאמפף. ער האָט געוואָלט שטארבען פאר דער אידישער אמונה, האָט ער דערשטער זיך אריינגעריסען אין קאמפף, אין די געפעהרליכסטע אונטערנעהמונגען, מיטשלעפענ־דיג מיט זיך אנדערע, אָנצינדענדיג אין זיי א הייליגע באגייסטערונג מיט זיינע ווערטער.

— אידען, — פלעגט ער זאָגען מיט באגייסטערטע, שטראהלענדע אויגען, — אונזערע קינדער האָבען זיי געטויט, אונז וועלען זיי טויטען. אָבער אונזער גאָט לעבט אייביג, טאָ לאָמיר מלחמה האלטען פאר זיין כבוד וועגען, פאר דער אמונה און פאר דער תורה.

און עס האָבען נישט פארשטאנען און נישט דערקענט די קאָזא־קען די אידען. זיינען דאָס די אידען, וואָס פלעגען זיך צונויפקלייי־בען אין די שטעדטלעך ווי געבונדענע שעפסען, ווי עופות געשאָכ־טענע? זיינען דאָס די דערשראָקענע און ציטערענדע אידען? ווי ווילדע טיגערס פלעגען זיך די אידען ארויסלאָזען צו די קאָזאקען פון די מויערען, מיט בלויזע הענד, מיט שטעקענס און אייזענס, און מיט א געשריי „פאר דער אמונה און פאר דער תורה" פלעגען זיי זיך אריינלאָזען אין די הארדעס קאָזאקען. זיי האָבען נישט גע־קוקט אויף די פיילען, וואָס פאלען צו זיי, נישט אויף די קוילען פון די ביקסען, נישט דער רעש פון הארמאטען האָט זיי אָפגעשטעלט. מיט געשרייען און מיט פלאמענדע אויגען האָבען זיי צוריסען די וואָל־קענס רויך, וואָס האָט געדויכערט דורך די רעהרען פון די הארמאַ־טען, און אריינגעלאָזט זיך אויף די קאָזאקען, געביסען זיי מיט די צייהן, ארויסגעריסען מיט די פינגער די אויגען, און מיט די לאנגע חלפים פלעגען זיי שניידען העלזער און קעפּ. אָפטמאָל האָט זיך א איד איינגעוויקעלט אין א קאָזאק, און מיט אידישער עקשנות זיך אזוי לאנג איינגעביסען מיט די צייהן אין קאָזאק'ס האלז, ביז זיי זיינען ביידע געפאלען, און אידיש בלוט און גוי'ש בלוט האָט זיך אינאיינעם אויסגעמישט.

פיעלע אידען, זייענדיג גרייט צו שטארבען, האָבען זיך אָנגעטאָן די תכריכים, די קיטלען, טליתים, און מיט חלפים אין די הענד זיינען זיי אריין צווישען די קאָזאקען. די האָרדעס, דערזעהענדיג די ווייס־באקליידעטע געשטאַלטען טראָגען זיך אין דער נאכט מיט פלאַמענדי־גע אויגען און הייליגע באשיינטע פנים׳ער, איז אויף זיי א גרויס שרעק אָנגעפאלען. זיי פלעגען זיך אראָפּלאָזען אויף די קניען פאר די ווייסע אידען און בעטען צו זיי ווי צו מלאכים:

— גאָט, האָב רחמנות!

אנדערע זיינען דערשראָקען געוואָרען פון שרעקליכען כעס, וואָס שיינט ארויס פון די ווייסע אידישע פנים׳ער, און זיינען אנטלאָפען מיט ווילדע געשרייען, ווי געטליכע ערשיינונגען וואָלטען זיי נאָכגע־יאָגט, און האָבען א שרעק אונטערגעצונדען מיט זייערע געשרייען אין די מחנות. און גאנצע פּאָלקען סאָלדאטען זיינען אנטלאָפען פאר די תכריכים־באקליידעטע אידען, איבערלאָזענדיג אלצדינג הינטער זיך.

וואָכען לאנג זיינען געשטאנען די קאָזאקען הינטער די טול־טשינער מויערען און די שטאָדט נישט געקענט נעהמען. בחנם האָט קריווע־נאָס געשאָלטען און געזידעלט זיינע סאָטניקעס, די קאָזאקען זיינען אנטלאָפען פאר די ווייסע אידען, ווי דער שרעק פון גאָט וואָלט אויף זיי אָנגעפאלען. קריווע־נאָס האָט אָבער באשטימט די שטאָדט מיט שטורם צו נעהמען. ער האָט זיך געשעהמט פאר די טאָטערען, וואָס זיינען געווען מיט איהם אין לאגער, וואָס די קאָזאקען אנטלויפען פאר די אידען, און מורא געהאַט פאר כמעלניצקי׳ן און געשראָקען זיך, אז דער כאן פון די טאָטערען זאָל דערפון נישט געוואָהר ווערען. ער האָט צונויפגענומען גרויסע מחנות קאָזאקען און פויערים פון דער גאנצער געגענד ארום. אין די צעהנדליגע טויזענדע זיינען אָנגעקומען די פויערים, וואָס האָבען זיך באפרייט פון די שטעדט און דערפלעך. פערד און וועגען און מחנות האָבען באשווארצט דאָס גאנצע לאנד ארום טולטשין. אין שטאָדט האָט מען געהערט דאָס ברומען און הירזשען פון די מחנות, וואָס באלאגערען די שטאָדט. ביינאכט האָט מען געזעהן די פייערען פלאקערען איבער דער גאנצער סטעפּ. און פיעל זיינען געווען די פייערען פון די לאגערען ווייט ווייט אין סטעפּ אריין. די אידען האָבען זיך נישט געשראָקען, זיינען גרייט

געוועז אַלע ביז איינער צו שטאַרבען, אָבער נישט ווי שאָף שטאַרבען, נאָר אין מלחמה, אין מלחמה פאַר גאָט און זיין תורה — דאָס וואָרט, וואָס דער פּרנס פון זלאָטשאָוו האָט אַריינגעוואָרפען אין דער עדה, האָט פאַרוואַנדעלט טויט־פּאַראַורטיילטע אין גבורים, האָט אויפגעפלאַ־קערט צוריק אין אידען דעם אַלטען אידישען גייסט, אַ פרייד איז געווען פאַר זיי דער טויט. און ווי אַמאָל הינטער די טויערען פון ירושלים, אַזוי האָבען זיי יעצט געקעמפּפט. אַ גאַנצע נאַכט האָבען די ווייבער געטראָגען די שטיינער אויף די לייטערס, געקאָכט דעם חלב, טעפּ בליי, און געשלעפּט גרויסע טונען מיט סמאָלע אַרויף אויף די געשטעלען אונטער דער מויער און געגרייט זיך צו דער מלחמה.

טשווערטינסקי מיט זעקס הונדערט פּוילישע סאָלדאַטען מיט קאַנאָנען און ביקסען זיינען געווען איז פעסטונג. מיט איהם איז אויך געווען די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג פון טולטשין, און אַלע זיינען באַלאָדען געווען מיט געוועהר די שטאָדט צו באַוואַכען.

ווען דער ערשטער בלאַסק פון מאָרגען האָט אָנגעהויבען צו באַקרוינען די שפּיצען פון די טורעמס פון טולטשין, האָט קריווע־נאָס געשיקט זיינע ערשטע רייהען צו דער מויער מיט אייזערנע בויערערס. די ערשטע רייהען זיינען באַשטאַנען פון פּויערען פון דער אַרומיגער געגענד, וועלכע קריווע־נאָס האָט באַוואָפענט. ער האָט געוואָלט, אַז די אידען זאָלען אויף זיי אויסשיטען אַלע שטיינער און אויסגיסען די סמאָלעס, כדי ווען די געניטערע קאָזאַצקישע זעלנער וועלען צו־קומען, זאָלען זיי שוין זיין אָפּגעשוואַכט. אָבער אונערוואַרטעט האָבען די אידען אויסגעשאָסען מיט קאַנאָנען איידער די רייהען זיינען צו דער מויער אָנגעקומען. זיי האָבען די קאַנאָנען אַראָפּגענומען פון דער פעסטונג און צושטעלט אויף געביידעס אַרום דער מויער ביינאַכט, און ווען די פּויערים האָבען דערהערט דעם קאַנאָנען־שאָס און זיינען איינגעוויקעלט געוואָרען אין וואָלקענס רויך, זיינען זיי זיך צולאָפען אויף אַלע פיער זייטען ווינד. קריווע־נאָס האָט געשיקט איין רייהע נאָך דער אַנדערער, און די אידען האָבען זיי געהאַלטען אין איין פאַרטרייבען מיט קוילען און קאַנאָנען־שאָסען. אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי געהאַלטען די קאָזאַקען אין איין פאַרטרייבען פון דער מויער, און ווען עס איז געוואָרען נאַכט זיינען ענדליך די קאָזאַקען צוגעקו־

מען צו דער מויער און אָנגעהויבען אונטערצושטעלען זייערע בויערערס, האָבען זיי די אידען באַגעגענט מיט אַ רעגען פון שטיינער, זיי האָבען געגאָסען אויף זיי געקאָכטען בליי און געזאָטענע קאַשע, פייערדיגע שטיקער סמאָלע איז געפאַלען פון דער מויער אויף די קעפּ פון די קאַזאַקען. פיעלע זיינען פאַרברענט געוואָרען אונטער דעם פייער און געבליבען ליעגען אויף זייערע בויערערס, טליהענדיג זיך. אָבער וואָס אַמאָל זיינע מעהר רייהען קאַזאַקען צוגעשפּרונגען אויף די פערד צו דער מויער, און וואָס אַמאָל מעהר האָט דער פייער, וואָס האָט זיך געגאָסען פון די מויערען, פאַרברענט און פאַרניכטעט די רייהען אונטער דער מויער.

די קאַזאַקען האָבען געהירזשעט, געשריען און געליאַרעמט, איינער האָט דעם אַנדערען אונטערגעיאָגט מיט געוואַלדען און הורא־געשריי־ען, אָבער דער פייערדיגער רעגען האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גיסען פון דער מויער, און די קופּעס לייבער טליהענדיג זיך אין ברע־נענדע סמאָלע זיינען אַלץ מעהר אָנגעוואַקסען אין הויפענס ביי דעם גרונד פון דער וואַנד. ענדליך האָט זיך די בראַהמע פון טויער אויפ־געעפענט און מחנות ווייסע אידען האָבען זיך געגעבען אַ לאָז ארויס פון טויער, און מיט דעם געשריי „פאַר גאָט און פאַר זיין תורה" זיינען זיי ווי די רוחות, מיט חלפים אין די הענד, אריין אין די האָרדעס, און ווי די פויערים האָבען דערזעהן די ווייסע מחנות אידען, אַזוי איז גאָט'ס שרעק זיי באַפאַלען, זיי זיינען זיך צולאָפען אויף אַלע זייטען, און די אידען זיינען צוריק אין שטאָדט אריין זינגענדיג קאַפּיטלעך תהלים.

ענדליך איז נאַכט געוואָרען, און די קאַזאַקען האָבען זיך גע־זאַמעלט ארום די פייערען אין זייערע לאַגערס. פון יענער זייט טויער האָט זיך אַלץ געהערט דאָס געזאַנג פון די חזנים. דאָס געזאַנג האָט זיך געהערט אַ גאַנצע נאַכט פון דער שטאָדט ארויס, דאָס האָבען די חזנים געזונגען קאַפּיטלעך תהלים און געשריען צו גאָט. און עס איז נישט געווען קיין געשריי פון באַלאַגערטע, נאָר אַ גרויס לויב־געזאַנג צו גאָט, פון די, וואָס זיינען גרייט צו שטאַרבען פאַר זיין כבוד, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה.

און עס האָבען גערעדט צווישען זיך די קאַזאַקען ביי די פלאַמען פייערען אין די אויסגעשטערענטע נאַכט:

— דער אַלטער אידישער גאָט האָט זיך אויפגעוועקט און איז צוריקגעקומען פון ירושלים, איז מיט די אידען אין שטאָדט. וועה צו אונז! וועה צו אונז!

---

צוועלפטער קאַפּיטעל

# דער בריעף

אין געצעלט איז געלעגען אויף א פּאַק קאָזאַצקישע דיוואַנען דער פיהרער פון די קאָזאַקען קריווע־נאָס צוגעדעקט מיט א שעפּסענעם פּעלץ, כאָטש די נאַכט איז געוועזן א הייסע אָב־נאַכט. אין געצעלט איז געשטאַנען א שטיקענדער ריח פון אזא מין פערד־חלב, מיט וועלכען א קאָזאַצקישע באָבע, האַלב א כשוף־מאַכערין און האַלב א רפואה־געבערין האָט דעם פיהרער אַלע נאַכט אויסגעשמירט די פיס. דער פיהרער איז קראַנק געוועזן אויף רהומאַטיזם. דער חלב האָט געדראַפּעט אין האַלז, געביסען די נאָז. אין געצעלט איז געוועזן אזא געניסעריי, אזא הוסטעריי פון די קאָזאַצקישע סאָטניקעס, וואָס זיינען געזעסען אַרום דעם פיהרער, אז זיי האָבען מיט׳ן ניסען און הוסטען פונאַנדערגעבלאָזען די פלאַמען פון די חלב׳נע ליכט, וואָס האָבען געשטעקט אויף די שפּיצען פון די הויכע טערקישע לייכטערס. קריווע־נאָס איז געוועזן שלעכט אויפגעלעגט. עס האָט איהם זעהר דאַקוטשעט דער רהומאַטיזם. די ביינער און די פיס זיינען איהם פייכט געוואָרען, און אזוי שווער ווי שווערע שטיינער וואָלטען איהם געוועזן צוגעבונדען צו די פיס. און דאָ איז אזוי ווארים געוועזן און איגוועניג אין די פיס איז אזא דינער וועהטאָג, וועלכער נאָגט און נאָגט ווי א וואָרעם און לאָזט פון קיין זאך נישט קלערען, נאָר וועגען זיך. און עס זיינען דאָ וויכטיגע און ערנסטע געשעפטען צו פאַרהאַנדלען. שוין פיער וואָכען ווי מען שטעהט ביי טולטשין און מען קען נישט נעהמען די שטאָדט. זיי האָבען שוין געדאַרפט זיין לאַנג אין באַר, אין לבוב האָבען זיי שוין באַדאַרפט זיין, און דערווייל קען נאָך אונטערקומען דער קניאַז ווישניוויעצקי, און צוליעב וואָס? —

איבער די אידען! נישט קיין סאָלדאַטען האַלטען זיי אָפּ, נאָר די אידען! וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבען ביי כמעלניצקי'ן? קענען נישט נעהמען טולטשין צוליעב די אידען! קאָזאַקען אַנטלויפען פאַר אידען. ער האָט די סאָטניקעס געשאָלטען, געזידעלט, און דעם נאָהענטסטען, וואָס ער האָט געקענט דערגרייכען, האָט ער מיט דער בולאַווע אַ לאַך אין קאָפּ געשלאָגען:

— אָ, איהר כאַמעס, כלאָפּעס, פון ווען אָן אַנטלויפען דאָס קאָזאַקען פאַר אידען? די טאָטערען וועלען דערפון געוואָהר ווערען, דער כאַן וועט שפּאָטען, אין די פּויסטען לאַכען, אַ שאַנד און אַ שפּאָט וועט זיין, די קאָזאַקען וועט ער פאַרלאָזען, נאָך אַסטראַכאַן אָפּציהען, און די ברידערלעך קאָזאַקען וועלען אַליין איבערבלייבען, פאַר אַ שפּיעל פון די פּאָליאַקען, נאָך וואַרשא צו פיהרען, די קעפּ אַראָפּצוהאַקען.

— און דו, פּאַטערל, בייזער זיך נישט. פאַר די אידען וואָלטען מיר שוין נישט קיין מורא געהאַט. דאָס האָבען מיר מורא פאַר'ן שאַטען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען צו „פּאַני־בראַט'ן" מיט'ן אידען. אַזוי ווי ער קומט נאָר פון די טויערען אַרויס, דער איד, אַזוי באַווייזט זיך שוין דער שאָטען צווישען איהם, אין ווייסע קיטלען געהט ער אָנגעטהאָן און לאַנגע חלפים האַלט ער אין די הענד. און אַזוי פיעל איז דער שאָטען, אַז דער טייוועל ווייסט איהם. אָט אַמאָל איז ער דאָ און אַמאָל איז ער דאָרט. און אַזוי ווי די קאָזאַקען דערזעהען איהם, דעם שאָטען, צווישען די אידען, אַזוי וועט שוין גאָר נישט העלפען — וואַרפען אַלץ און אַנטלויפען, אַז מיט אייזערנע קייטען וועסטו זיי נישט צוריקהאַלטען.

— דאָס איז נישט דער שאָטען. דאָס איז דער גאָט זייערער, וואָס באַווייזט זיך אין די קיטלען, — דערצעהלט אַן אַנדער סאָטניק — מען זאָגט, דער גאָט זייערער איז צוריקגעקומען און נעהמט זיך אָן פאַר זיי. דאָן ווער איז צו אונז, קאָזאַקען.

— גאָט אָדער דער שאָטען — אייך, סאָטניקעס, דאַרף מען די קעפּ אָפּהאַקען פאַר די שאַנד, וואָס איהר האָט געבראַכט אויף די קאָזאַקען. דעם כאַן האָבען מיר צוגעזאָגט צוויי הונדערט מיידלעך און ווייבלעך פון טולטשין, און שקלאַפען אַ סך. און דאָ שטעהען מיר, די אידען נעהמען אונז די בהמות אַוועק. וואו איז דאָס געהערט

געוואָרען ? קאָזאַקען זיינט איהר ? הינט אזעלכע, פאַרשיווע, ווייַ־בערשע ספּאָדניצעס ! — האָט דער פיהרער געשאָלטען און געשלאָגען זיך.

— אָ, ברודערעל, וועסט דאָ גאָר נישט מאכען, א פּאַרטעל מוז מען אויסקלערען, א גוט פּאַרטעל, ווי אזוי אין שטאָדט אריינצוקומען, אזוי ווי מיר האָבען געטהאָן אין נעמיראָוו. דאָס איז אַלעס — זאָגט איינער פון זיי.

— מיט פּוילישע פּאָהנען וועסטו זיי מעהר נישט נאַרען. נעמי־ראָוו האָט ביטרע געמאכט דעם טייוועל איד.

אין א ווינקעל איז געזעסען א שווייגענדיגער קאָזאַק, א דאַרער און א הויכער, מיט א פּאָר ניכטערע שווארצע אויגען, וואָס האָבען צו אַלצדינג צוגעקוקט און געשוויגען. כאָטש דאָס פּנים זיינס רויה און ווילד, דאָך האָט ער אויסגעקוקט ווי א „גראַמאָטנע", ווי א גע־לערענטער פון די קאָזאַקען. ער איז געווען טרויעריג, און פאַרנומען מיט לויזען זיך אונטער די אָרעמס...

— און דו, וואָס שווייגסטו ? וואָס ביטרעסטו ? הערסט, הערסט און רעדסט גאָר נישט, — האָט דער עלטסטער צוגערופען דעם שוויי־גענדיגען קאָזאַק.

— וואָס איז צו רעדען, גאָר נישט איז צו רעדען. דאָ איז צו טהאָן, — רופט זיך אָן דער קאָזאַק, נישט שטערענדיג זיך זיין לויזען, וואָס אין זיין פּנים האָט מען געזעהן, אז עס האָט איהם פיעל פאַר־גניגען פאַרשאַפט, און עס איז איהם א שאָד געווען צו אונטערברעכען די אנגענעהמע באַשעפטיגונג.

— און וואָס איז דאָ צו טהאָן ?

— א בריעף צו שרייבען.

— וועמען, דעם אידען ? — וואונדערען זיך אַלע.

— שווייגט, קאָזאַקען ! — באַפעהלט דער עלטסטער.

— דעם ליאַך.

— וואָס שרייבען ? — פרעגט דער עלטסטער.

— מען דאַרף זיי אין גאָט קריסטוס דערמאָנען. הינטער אידען באַהאַלטען זיי זיך ! ווי אזוי שעהמען זיי זיך נישט ? עס איז א שאַנד פאַר א קריסט ביי א אידען שוץ צו בעטען. לאָזען זיי אונז דעם

אידען ארויסגעבען, וועלען מיר זיי לאָזען לעבען, ווי קריסטען, און מיט׳ן פארמעגען זיך טיילען.

— וואָס נאָך? דעם פּאָליאַק־פיינד לעבען לאָזען, אום דער־נאָך פון קאָזאַק נקמה צו נעהמען?

— און דאָס פארמעגען זיי אָפּגעבען?! — שרייען די קאָזאַקען.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז קאָזאַקען זאָלען זיך ביי ליאַכען בעטען?

— לאָזען זיי נאָר די טויערען פון שטאָדט עפענען, זאָלען מיר נאָר אָקאָרשט אין שטאָדט זיין, דערנאָך וועלען מיר שוין זעהן, — רופט זיך אָן דער קאָזאַק.

— אָה, דו כיטראַק, וואַסיל.

— און וואָס וועט זיין, אַז דער פּאָליאַק וועט נישט הערען?

— מען דארף אַזוי שרייבען, אַז ער זאָל יא הערען. אין שטאָדט איז קיין ברויט נישטאָ. דאָס עסען וועט זיך באַלד אויסלאָזען, און דערנאָך, אַז זיי וועלען אין די קאָזאַקענס הענד אריינפאַלען —

— גוט.

— זעץ דיך און שרייב, שרייבער, און איך וועל דיר זאָגען, — האָט דער עלטסטער באַפוילען.

דער הויכער קאָזאַק, וואָס איז געווען דער עצה־געבער און דער איינציגער „גראַמאָטנע" צווישען די קאָזאַקען, האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, וואָס איז אין גאַנצען באַגאָסען געווען מיט בראָנפען און באוואָרפען מיט רעשטלעך פון עסען, האָט אָפּגעראַמט דעם טיש, ארויפגעוואָרפען אויף איהם אַ קאָזאַצקישען מאַנטעל, פון אַ קעסטעל האָט ער ארויסגענומען אַ פּארמעט מיט אַ גענזענע פעדער און אַזאַ מין טינט, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט דעם צוועק, מען האָט צוגע־רוקט צו איהם די לייכטער, און די קאָזאַקען האָבען זיך ארומגעזעצט ארום איהם, געשטאַנען ארום איהם און געהאָלפען דיקטירען דעם בריעף צו די ליאַכעס.

קריוווע־נאָס האָט אָבער גאָר נישט געקענט דענקען וועגען בריעף. דער פּיין איז זיינע פּיס איז געוואָרען וואָס אַמאָל שאַרפער און נאָ־גענדער. דאָס פּנים זיינס, וואָס איז געווען פינסטער און בייז, האָט זיך פארקרימט פאַר שמערצען, און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— די באָבע ברענגט אריין, די באָבע.

אַ קאָזאַק איז אַרויס, אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין אַן אַלטע קאָזאַטשקע.

— בּלוט דאַרף מען, פרישינקע, יונגע בּלוט דאַרף מען, אַז עס זאָל נאָך וואַרים זיין, אַזוי וועט עס דיר, פּאַטעריל, דעם ביין דער־וואַרימען און דער וועהטאָג וועט אויפהערען, — האָט די באָבע גע־זאָגט, טאַפּענדיג די קראַנקע פיס ביים פיהרער.

די קאָזאַקען זיינען שטיל געוואָרען. איינער האָט דעם אַנדערען אָנגעקוקט ערנסט און פאַרטראַכט, און אַ געוויסע שרעק איז געווען צו מערקען אויף זייערע געזיכטער. זיי האָבען נישט איין מאָל געזעהן יונג, פריש, צאַפּעלדיג בלוט פון צוריסענע קינדער אין נעמיראָוו און אַנדערע שטעדט. נאָר אַליין האָבען זיי דאָס נישט געטהאָן. דאָס האָבען די טאָטערען געטהאָן. די קאָזאַקען האָבען נאָר עלטערע גע־הרג'עט, נישט קיין קינדער.

— ווי אַזוי מיינסטו, פרישינקע בלוט — אידישע? — פרעגט דער עלטסטער.

— ציגענע וועט אויך גוט זיין, — רופט זיך אָן די אַלטע, — געה, זוהנדעלע, ברענג מיר אַ ציגעלע, אַ יונגס, מיט די פערד מוז זיך אויפהאַלטען אַזעלכעס, אַז נישט געה אין טשערעדע, און ברענג אַ שעפּעלע אַ קליינס, נאָר אַ יונג מוז עס זיין, נישט לאַנג געבאָרען, — האָט די אַלטע זיך געווענדעט צו אַ קאָזאַק.

אַ קאָזאַק איז אַרויס, און אין אַ לאַנגע ווייַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען און געהאַלטען אויף דער האַנד אַ ווייס יונג ציגעלע, וועלכע האָט פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט, געשראָקען זיך פאַר דעם ליכט, פאַר די מענשען, און מיט אַ ציטערענדער שטימע גערופען ווי אַ קינד.

— צוריים עס, פּאַטערל, און לאָז דאָס בלוט רינען אויף די קראַנקע פיס — האָט די אַלטע געזאָגט צו קריווע־נאָס'ן — מיט דעם צוריסע־נעם לייבעלע דעק צו דיינע פיס און דער וועהטאָג וועט זיך באַלד איינשטילען.

קריווע־נאָס האָט אויסגעשטרעקט די קראַנקע נאַקעטע פוס. דער קאָזאַק האָט גענומען דאָס ציגעלע. דאָס ציגעלע האָט אַ ציטער גע־טהאָן, זיין ציטערדיגער געשריי האָט זיך אין מיטען איבערגעריסען. באַלד האָט אַ טייכעל יונגע פרישע וואַרימע בלוט אָנגעהויבען צו רינען

אויף דעם פיהרער׳ס פוס, און דאָס וואַרימע אויפגעריסענע לייב פון ציגעלע האָט איהם צוגעדעקט די פיס.

— און איצט דעק דיך גוט צו, פּאַטערל, לאָז אַזוי דאָס בלוט וואַרימען דיך. האָסט דעם שטן דעם האַלז נאָכגעגעבען, ער וועט זיך איצט איינשטילען.

און ווירקליך האָט דער פיהרער געפיהלט אַן ערלייכטערונג פון דעם וועהטאָג. דאָס יונגע, פרישע, צאַפּלדיגע לייבעל האָט איהם אַנגענעהם געוואַרימט, ווי דאָס לייב פון אַ קינד. דער וועהטאָג איז אַוועק און קריווע־נאָס האָט געקענט דיקטירען דעם בריעף:

„אין דעם נאָמען פון יעזוס קריסטוס, זאָל ער זיין געלויבט אויף אימער און אויף אייביג, אָמן.

„פאַר אונזערע פאַני ברידער פּאָליאַקען שלאָגען מיר זיך מיט די שטערען אָן דער ערד, און מיר שיקען אייך גרוסען. מיר בעטען פאַר אייך טאָג און נאַכט צו אונזער הערר גאָט, אַז ער זאָל אייך אָפּהיטען פון הונגער, מלחמה און מגפה היינט און אייביג, אָמן.

„געהערט האָבען מיר, ווי דער נאָמען פון אונזער הערר גאָט ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט, און געזעהן האָבען מיר, ווי קריסטען, אונזערע פאַני ברידער, פּאָליאַקען, ווערען פאַרשעהמט, מיט דעם וואָס זיי זוכען שוץ און רעטונג פון קריסטוס פיינד, פון די אידען, אַזוי האָט אונזער קריסטליך האַרץ זעהר וועה געטהאָן. איז דאָס שעהן און פּאַסענד, אַז קריסטען, אונזערע פאַני ברידער פּאָליאַקען, זאָלען פאַני־בראַט שליסען מיט קריסטוס־פיינד, די אידען, געגען קריסטען? און איז דאָס שעהן און פּאַסענד, אַז די העלדען פּאָליאַקען זאָלען זיך לאָזען באַשיצען פון אידען? אַזוי האָבען מיר געטראַכט, מיר ווילען צו אייך שיקען שלוחים מיט גרוס און פריעדען, און מיר בעטען אייך, פאַני ברידער פּאָליאַקען, אַז איהר זאָלט אונזערע שלוחים גוט אויפ־נעהמען, ווי עס פּאַסט זיך, און אויסהערען אונזערע רייד.

„פאַני ברידער פּאָליאַקען!

„נישט אויף אייך, און נישט אויף אייערע ווייבער און קינדער; און נישט אויף אייער פאַרמעגענס און אַלעס, וואָס באַלאַנגט צו אייך, זיינען די קאָזאַקען אַרויס מלחמה האַלטען. נישט געגען קריסטען האַלטען מיר מלחמה, נאָר געגען קריסטוס פיינד, געגען די אידען, וואָס האָבען אונזער הערר יעזוס געקרייציגט, אונזערע פאַרמעגענס

געריבט, גענגען זיי און אלצדינג, וואס באלאנגט צו זיי, זיינען די קאזאקען ארויס, אנצונעהמען זיך קריסטוס קריוודע. איהר, פאליאקען, זיינט אונזערע ברידער, און ווי מיט ברידער וועלען מיר זיך מיט אייך באגעהן, ווען איהר וועט אונז די אידען ארויסגעבען, אזוי וועלען מיר אייך און אייערע ווייבער און קינדער און אלצדינג וואס באלאנגט צו אייך שאנעווען. און כדי די אידען זאלען זייערע פארמעגענס נישט באהאלטען, אזוי לאזט אויסרופען צווישען די אידען, אז מיר, קאזאקען, זיינען גרייט די שטאדט צו פארלאזען, ווען די אידען וועלען זייער גאנץ פארמעגען, גאלד און זילבער, זייד און קליידער צונויפנעהמען, צוזאמענלעגען און דאס אלס אויסלייז־געלד געבען. די פארמעגענס זאלען די אידען צו אייך אין פעסטונג צוזאמענטראגען, און ווען זיי וועלען שוין האבען דאס גאלד און זילבער צו אייך אין פעסטונג צוזאמענגעבראכט, אזוי זאלט איהר פאר אונז די בראהמעס פון דער פעסטונג עפענען און די קאזאקען אריינלאזען. אין קריסטוס פיינד וועלען מיר נקמה נעהמען, ווי זיי האבען גאט געקרייצט. און אייך מיט אייערע ווייבער און קינדער און אלעס, וואס באלאנגט צו אייך, וועלען מיר שאנעווען און מיט'ן פארמעגען זיך טיילען. אזוי זאל אונז העלפען גאט יעזוס קריסטוס, אמן.“

צוויי רייטער האבען אין די טונקעלע נאכט געפיהרט דעם פארמעט, וואס איז געשריבען געווארען אונטער דעם ווארימען בלוט פון צוריסענעם ציגעלע צו די קריסטען פון טולטשין. א ווייסע פאהן האט זיך געבלייכט אין דער באלייכטונג פון די שטערען. און אז די אויסקוקער פון דער פעסטונגס־טהורם האבען אראפגעשריען צו די רייטערס:

— ווער געהט?

האבען די רייטער אויפגעהויבען אין דער הויך די ווייסע פאהן און דעם פארמעט, און האבען גערופען:

— אין דעם נאמען פון יעזוס קריסטוס!

## דרייצעהנטער קאַפּיטעל

# דער נסיון

דער פּריץ טשווערטינסקי האָט געלאָזט וויסען די אידען, אַז די קאָזאַקען זיינען גרייט אָפּצוטרעטען פון שטאָדט פאַר דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, זיידענצייג, פּעלצען און מלבושים, וואָס די אידען וועלען געבען אויסלייז־געלד. ר׳ אהרן, דער ראש הישיבה און רב פון שטאָדט, האָט צוזאַמענגערופען די פּרנסים און די ראשי העיר און גע־האַט אַן אסיפה, און מען האָט באַשטימט, אַז מען זאָל כופר נפש זיין מיט די פאַרמעגענס. האָט מען געלאָזט אויסרופען אין די שוהלען, אין די מאַרקען און אַרום די מויערען, אַז די אידען זאָלען ברענגען זייער האָב און גוטס צום גראַף אין שלאָס אַריין, פאַר׳ן קאָזאַק אויס־לייז־געלד.

האָבען די אידען צוזאַמענגעבראַכט זייערע פאַרמעגענס, האָבען זיך געטראַכט, „זאָל גאָלד און זילבער אַ כפּרה זיין פאַר׳ן לעבען", און געגלויבט איז גאָט, וואָס ער שיקט אַ רעטונג.

זעהר פיעל טייערע כלים זיינען דאָרט געווען צווישען די חפצים, וואָס די אידען האָט געבראַכט אין שלאָס. זילבער־געטריבענע בעכערס, נירענבערגער אַרבייט, וואָס די אידען האָבען געהאַט געבראַכט פון די יאַרידען, און אתרוגים־באָקסעס אין די געשטאַלטען פון כל המיני פּירות, און בשמים־ביקסען אין געשטאַלט פון הויכע טהורמס מיט דגלים און מזלות, און חנוכה־לייכטער מיט די סמנים פון די שבטים, און כל׳ערליי מינים ציערונג פון גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, און רייכע פּעלצען סאָבעלנע און נעלקען, וואָס זיי האָבען געקויפט פון די רוסישע סוחרים, און זעהר פיעל זיידענגעצייג אויף מלבושים, איטאַליענישע בראָקאַט, וואָס זיי האָבען איינגעקויפט אויף פּרוכת׳ער און אויף כלה־מתנות, און מיט זילבער און מיט גאָלד געפלאָכטען זיידענס פון סלוצק, וואָרים זיי האָבען אויף גאָר נישט חס געווען, נאָר אויסצולייזען דאָס נפש. און זיי האָבען די רייכטימער

אָנגעוואָרפען אין גרויסע קופּעס אין דער פעסטונג פון טולטשין. די זילבערנע ברייטע עטרות האָבען געבלישטשעט פון די טונקעלע שטאַרקע פוטערען און דאָס גאָלדענע ציערונג מיט די שטיינער האָבען געבלישטשעט צווישען די וועלען זיידענס, סאַמעט און אטלעס, וואָס איז געלעגען אין גאַנצע הויפענס אויפ׳ן הויף פון דער פעסטונג און געווארט אויפ׳ן קאָזאַק.

און ווי די אידען האָבען שוין געהאַט געבראַכט זייערע פאַר־מעגענס, האָט דער פריץ געזאָגט:

— גיט ארויס אייער געוועהר און ברענגט עס אהער.

האָבען די אידען געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף דער קאָזאַק אונזער געוועהר. ער האָט דאָך געוועהר גענוג און ער ווייסט וואויל, אז מיר וועלען איהם נישט נאָכ־יאָגען ווען ער וועט אָפּטרעטען פון דאַנען, און מיר האָבען נאָר גע־האַלטען די געוועהר כדי צו וועהרען זיך, אָבער נישט חלילה אָנצור־פאַלען אויף איהם, און היינט, אז ער טרעט אָפּ פון דאַנען און וויל מיט אונז נישט מעהר מלחמה האַלטען, צו וואָס דאַרף ער ווייטער אונזער געוועהר?

האָט דער פריץ געענטפערט:

— אזוי וויל דער קאָזאַק, און אזוי האָב איך מיט איהם אָפּגע־מאַכט.

האָבען די אידען באַלד איינגעזעהן, אז די פּאָליאַקען האָבען גע־מאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקען זיי צו פאַרטיליגען.

האָט זיך אָנגערופען מענדעל, דער פרנס פון זלאָטשאָוו:

— אונזערע פאַרמעגענס האָבען מיר אייך געבראַכט, און אונזער געוועהר וועלען מיר אייך נישט ארויסגעבען. וואָרים אז איהר פאַר־לאַנגט אונזער געוועהר איז, נישט אַנדערש, נאָר סיידען איהר האָט געמאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקען אונז ארויסצוגעבען און איבער־צוליפערען אין זייערע הענד. וואָרים, וואָס קען דען אַנדערש זיין, וואָס איהר פאַרלאַנגט פון אונז דאָס געוועהר, מיט וועלכען מיר האָבען באַשיצט און מציל געווען די שטאָדט?

האָבען זיך אַנדערע אידען אָנגערופען נאָכ׳ן פרנס:

— דאָס פאַרמעגענס וועלען מיר געבען, און דאָס געוועהר וועלען מיר אייך נישט ארויסגעבען.

און נאָך אַנדערע אידען האָבען געשריען און געענטפערט דעם פריץ:

— אז שטאַרבען זאָלען מיר אַלע שטאַרבען — די פּאָליאַקען מיט די אידען!

און עס איז דאָרט געווען אַ יונגערמאַן פון קארסון, אַ דאַרער און אַ הויכער, און זיינע אויגען האָבען געברענט מיט נקמה פאַר גאָט, זיינע פאות האָבען זיך געטרייסעלט, און די צייהן און גאָמבע האָבען געקלאַפּט פאַר כעס, וואָרים עס האָט אין איהם געברענט גאָט׳ס כעס. האָט ער געכאַפּט אַ חלף אין האַנד און געשריען צו די אידען:

— די גוים האָבען אונז פאַררַאטען, אַזוי ווי אין נעמיראָוו אַזוי דאָ, לאָזען מיר זיך נוקם זיין אין זיי, נקמת ה׳, פאַר גאָט און פאַר זיין תורה.

ווי אַ פלאַקער פייער זיינען די ווערטער פון יונגענמאַן אַריינגע־לאָפען אין דעם אויפגערעגטען עולם. זיי האָבען שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרליערען. מיט׳ן טויט האָבען זיי שוין לאַנג שלום געמאַכט, נאָר זיי האָבען געוואָלט אַ טייערען פּרייז פאַר איהם. עס האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעצונדען דער אַלטער אידישער כעס. די אויגען האָבען געברענט און די פאות און די צייהן האָבען זיך געטרייסעלט, די כלי־זין האָבען זיך געוויזען אין זייערע הענד, און אַ געברום איז געגאַנגען צווישען עולם ווי אַ שטילער דונער פון איינעם צום אַנדערען:

— די גוים האָבע אונז פאַרקויפט!

— פאַר נעמיראָוו!

— פאַר אידיש בלוט!

— פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

און דער עולם, מענער יונג און אַלט, מיט די חלפים און די הענד, צוויי טויזענד מאַן שטאַרק, האָבען זיך אָנגעהויבען צו רוקען אַרום די פּאָליאַקען און באַלד איז דער פּריץ מיט זיינע סאָלדאַטען און די פּאָליאַקען מיט די ווייבער און קינדער, וואָס האָבען זיך גע־פונען אין דער פעסטונג, געוואָרען אַרומגערינגעלט פון צורייצטען אידישען עולם. די עדה האָט זיך גערוקט נעהנטער און נעהנטער, אין אַ קרייז אַרום זיי, אַריינגעהמענדיג די פּאָליאַקען אין מיטען אַריין.

טייל פון די אידען זיינען שוין געהאַט צוגעלאָפען מיט די חלפים צו די גוים און נאָך אַ מאָמענט און די שרעקליכסטע שחיטה וואָלט געשעהן, וואָרים די אידען זיינען זעהר פאַרביטערט געווען. פּלוצים האָט ווער גערופען צווישען עולם:

— אידען, בני ישראל, רחמנים בני רחמנים, וואָס טהוט איהר?

דער עולם האָט זיך אַ מינוט אָבגעשטעלט און פון זייער מיטע האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַלטער, מיט אַ ליכטיגע קליינע ווייסע באָרד. ער איז געגאַנגען אין גאַנצען אָנגעטהאָן אין ווייסען, און מיט זיינע ביינערדיגע נאַקעטע הענד, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען פון זיין קיטעל אַרויס, האָט ער צוגעהאַלטען דעם צורייצטען עולם:

— וועה צו די אויגען, וואָס זעהען דאָס! — האָט דער אַלטער געשריען — זיינען דאָס רחמנים בני רחמנים? ווי פאַרגעסט איהר זיך אַ מינוט פאַר'ן טויט, איידער דער גרויסער נסיון קומט!

דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר דער אַלטער ווייסער באָרד מיט די נאַקעטע הענד און גרויסען קיטעל. און, אַז מענדעל האָט איהם געקוקט אין פּנים אַריין — האָט איהם אַ שרעק אַרומגענומען, „דאָס הייליגע שניידעריל״:

— ישראל ערבין זה בזה! — האָט דער אַלטער מאַן אָנגעהויבען צו רופען מיט זיין קול, אַז איהר וועט די גוים אויס׳הרג׳ענען, וועלען זיי נקמה נעהמען אַן אידען אין אַנדערע שטעדט. אידען טאָרען נישט האָבען קיין כעס, מיר טאָרען ניט נעהמען קיין נקמה, נאָר דער רבונו של עולם אַליין — ער וועט נעהמען פאַר אונז נקמה! באַהאַלט אייער גבורה פאַר דער ריכטיגער מינוט, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען, פאַר קדוש השם, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה!

— זיי האָבען אונז צו די קאַזאַקען פאַרקויפט! זיי וועלען אונז ממית זיין ווי אין נעמיראָוו, — האָט ווער געשריען פון עולם.

— און וואָס זיינט איהר מעהר פון די נעמיראָווער אידען? זיי האָבען געמעגט שטאַרבען אויף קדוש השם? דער רבונו של עולם וויל אונזערע נשמות, וועלען מיר זיי איהם געבען בשמחה ובששון, וידינו תהיינה נקיות. מיר וועלען נישט זיין ווי די גוים. זיי האָבען אונז פאַרקויפט, זאָל גאָט׳ס כעס פאַר דאָס אידישע בלוט, וואָס גיסט זיך ווי וואַסער, פאַלען אויף זייערע קעפּ. מיר וועלען נישט נקמה נעהמען, מיר וועלען נישט פאַרשוועכען דעם קדוש השם, וואָס

גאָט וויל פון אונז, מיט נקמה. מיר מוזען זעהן און שווייגען — אזוי איז דער רצון פון גאָט. אידען, גיט אָפּ די כלי־זיין, אז דער רבונו של עולם וויל אונז העלפען, באדארף מען דען די כלי־זיין, די שטיקלעך האָלץ און אייזען? דער כל יכול, דער וואָס הימעל און ערד איז אין זיין האנד, באדארף דען האָבען די מענשליכע כלי־זיין אונז צו העלפען? דאָס איז א הילף פאַר די גוים. דאָס איז זייער גבורה. אונזער גבורה איז גאָט, און פאַר איהם באהאלט אייערע כחות, פאַר דער אמונה און פאַר דער תורה, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען!

באלד איז איינער פון עולם ארויס, צוגעגאנגען צום פוילישען פריץ, וואָס איז געשטאַנען מיט זיינע פּאָליאַקען, און געטרייסעלט זיך פון שרעק פאַר דער גרויסער אונפארשטענדנים, וואָס טהוט זיך פאַר זיינע אויגען, און געוואָרפען די כלי־זיין צו די פיס פון פריץ.

און איינער נאָכ׳ן אנדערען זיינען זיי צו צום פריץ און צו זיינע פיס געוואָרפען די מענשליכע כלי־זיין.

און אויף זייערע פנים׳ער האָט געשיינט דער שמייכעל פון גליק. און זייערע אויגען זיינען געווען באגלאנצט מיט א הייליגען גלאנץ און מיט א באהאלטען אינערליך גליק, וואָס האָט באזעעלט זייערע פנים׳ער, האָבען זיי געוואָרפען דאָס געוועהר צו דעם פריץ׳ס פיס, נישט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און נישט שענקענדיג איהם א בליק, ווייל זיי זיינען געווען פארנומען מיט זייער אינערליך גליק און מבטל געווען דעם פריץ.

דער פריץ האָט א באפעהל געגעבען, און די פּאָליאַקען האָבען געעפענט די בראהמע. די אידען האָבען זיי שוין קיין וואָרט נישט געזאָגט. און באלד האָבען זיי די פוילישע זעלנער ארומגערינגעלט און געזאָגט זיי צו געהן. די אידען האָבען זיך געלאָזט. רבנים אין טליתים זיינען געגאנגען פאָראויס און די אידען נאָך זיי. און באלד האָט דער גאנצער עולם, מענער, ווייבער און קינדער אָנגעהויבען צו זינגען נאָך די חזנים מיט א פרעהליך קול:

„לדוד ה׳ אורי וישעי ממי אירא,
„ה׳ מעוז חיי ממי אפחד!“

און מיט געזאנג זיינען זיי געגאנגען אנטקעגען דעם טויט.

## פערצעהנטער קאַפּיטעל

כי עליך הרגנו כל היום.
(תהלים).

די קאָזאַקען האָבען שוין אָפּגעוואַרט אין דרויסען. זיי האָבען אַרומגערינגעלט די אידען און אָנגעהויבען זיי צוזאַמענצוטרייבען אַזוי ווי שאָף, און געיאָגט זיי אין אַ גרויסען סאַד אַריין, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ פּלויט. עס זיינען געווען אַרום צוויי טויזענד אידען מיט פרויען און קינדער. צווישען זיי האָבען זיך אויך געפונען אַ פּאָר רבנים. דער אַלטער רב, ר' אהרן, דער ראש הישיבה פון טולטשין און אַנדערע רבנים, וועלכע זיינען געווען גרויסע בעלי מקובלים. און זיי מיט דעם הייליגען שניידעריל וואָס איז שוין אויך געגאַנגען אָנגעטהאָן אין זיינע תכריכים, מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, האָבען געפיהרט די אידען. די חזנים האָבען אַלץ נישט אויפגעהערט צו זינגען, כדי די אידען זאָלען נישט אַריינפאַלען אין עצבות, און זאָלען חלילה נישט קומען צו קיין שוואַכקייט... און דער עולם נאָך זיי:

„אם תקום עלי מחנה, לא תרא לבי,
אם תקום עלי מלחמה, בזאת אני בוטח."

עס האָבען נישט געוואוסט די אידען, וואָס די קאָזאַקען ווילען מיט זיי טהאָן: צי זיי ווילען זיי לאָזען לעבען, צי אוים'הרג'ענען. עס איז זיי געווען אַלץ איינס. עפּעס אַן אונפאַרשטענדליכער מוט האָט זיי באַזעעלט צום שטאַרבען. זיי האָבען געזעהן די טויערען פון גן־עדן, ווי זיי עפענען זיך פאַר זיי. און נישט פאַר'ן טויט האָבען זיי זיך געשראָקען, נאָר אַ טיעפע שרעק האָט זיי אַרומגענומען אַז מען זאָל זיי נישט צושיידען, אַז מען זאָל פון זיי די פרויען, די קינדער נישט אַוועקנעהמען. זיי זיינען גרייט געווען אַליין זייערע אייגענע צו טויטען, איידער זיי זאָלען חלילה פאַרשוועכט ווערען. עס האָבען געקוקט די פרויען אויף די מענער, און אין זייער בליק איז

געווען דאָס פאַרשטענדנים פאַר'ן טויט. זיי האָבען נישט געוויינט, אפילו די קינדער האָבען נישט געוויינט. דאָס געזאַנג פון די חזנים האָט זיי אריינגעבראַכט אין אַזאַ ערהויבענקייט, אין אַזאַ זעלישע פרייד, אַז עס איז פאַרלאָרען געגאַנגען פון זיי יעדעם ערדישע געפיהל, און אַ טייל פון זיי האָבען שוין געלעבט אין דעם ווייטען אונבאַגרענצטען לעבען פון יענער זייט...

דער גאָרטען איז פול געווען מיט רייפע פרוכטען. עס איז שוין געווען אין די אלול־טעג, און די זון האָט געשיינט, און די וועלט האָט אויסגעזעהן יום־טוב'דיג, און אַלע זיינען געווען צוזאַמען, און די חזנים האָבען געזונגען. האָבען אַ טייל פון זיי געזעהן בלויע ליכט, ווי דער הימעל עפענט זיך פאַר זיי, און זיי שווימען שוין אַריין אין דער אונענדליכקייט, און אַ טייל פון זיי האָבען געהערט דאָס געזאַנג, וואָס דרינגט פון יענער וועלט, וואו גאָט זיצט מיט די צדיקים און לערענט מיט זיי תורה, און די קינדער האָבען געמיינט, אַז אַ גרויסער, גרויסער יום־כפור איז געקומען, און אָט באַלד וועט משה רבנו קומען, און דוד המלך וועט שפּיעלען מיט'ן פידעלע, און אָט רייט דער מלך המשיח אויף אַ ווייסען פערד. ער רייט, ער רייט פון די וואָלקענס אַרויס, און אַלע וואַרטען אויף איהם, און אָט באַלד קומט ער אָן... און באַלד שטייגט ער אַראָפּ פון די וואָלקענס.

און די שרעק איז איבערגעגאַנגען אין פרייד. אַן אונענדליכע טיעפע פרייד האָט געהערשט צווישען מענש און מענש. פאָטערס, מוטערס און קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און די גאַנצע עדה איז געוואָרען ווי איין משפחה, די אידען האָבען זיך אָנגעהאַלטען איינער דעם אַנדערען ביי די גאַרטלען, און די קינדער האָבען זיך געקלאַמערט אַרום די מוטערס, און די גאַנצע עדה אידען האָבען זיך געקליבען אַרום די רבנים און די חזנים, און באַלד איז דער יום־טוב געוואָרען אונגעהייער גרויס, און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי האָט פּלוצלונג ווער פון עולם אָנגעהויבען הלל צו זאָגען:

„הללויה, הללו עבדי ה', הללו את שם ה'."

די חזנים האָבען אויפגעכאַפּט דעם הלל, און אָנגעהויבען צו זינגען די פּסוקים תהלים מיט דעם יום־טוב'דיגען נגון. דאָס הלל זאָגען האָט די אידען אַריינגעבראַכט אין אַזאַ באַגייסטערונג, אַז זיי האָבען אונטערגעכאַפּט דעם נגון, און די גאַנצע עדה אידען, מענער,

ווייבער און קינדער האָבן פאַרהילכט דעם גאָרטען מיט יום־טוב׳דיגען געזאַנג:

ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ה׳,

רם על כל גוים ה׳, על השמים כבודו.

מי כה׳ אלהינו, המגביהי לשבת?

און עס האָבן נישט געזעהן די אידען, ווי דער גאָרטען איז פול געוואָרען מיט קאָזאַקען, טאַטערען; טייל פון זיי זיינען געווען האַלב נאַקעט, מיט אַרויסשטאַרטשענדע לייבער, מיט באַנעגעלטע בור־לאַוועס אין די הענד; אַנדערע האָבן געהאַלטען קרומע שווערדען, און די טאַטערען, מיט קליינע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגען האָבן זיך צוגעקוקט צו די ווייבער און די מיידלעך און די קינדער. די אידען האָבן קיינעם נישט געזעהן. אַלע זיינען געווען צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערען, ווי אַ סטאַדע שאָף, ווען אַ שטורעם־ווינד בלאָזט, האָבען זיי זיך איינגעקופּיעט; די ווייבער מיט די קינדער געלאָזט אין מיטען און אַרום זיי די מענער, אָנהאַלטענדיג זיך ביי די גאַרטלען:

„מן המצר קראתי יה, ענני במרחב יה.

„ה׳ לי, לא אירא, מה יעשה לי אדם?

ה׳ לי בעוזרי, ואני אראה בשונאי!״

אין גאָרטען האָט זיך געהערט טראָמפּייטען. די קאָזאַקען האָבען געשריען הוררא, און דורכגעלאָזט אַ קליינעם, נידריגען קאָזאַק. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגען פוטערנעם מאַנטעל, און אַ פוטערנעם הוט מיט אַ גרויסען בוש פעדערען אינ׳ם הייסען אלול טאָג. די זון האָט געברענט, און דער קאָזאַק האָט נאָכגעשלעפּט זיין פוטערנעם מאַנ־טעל; הינטער איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ פּאָפּ אין אַ ווייבעריש זיידען קלייד און געהאַלטען אַ גרויסען צלם אין דער האַנד. אַ כאָר צערק־ווישע זינגערס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן פּאָפּ, פיהרענדיג פאַראויס אַ פאָהן מיט אַ הייליג בילד. די אידען האָבען ניט געזעהן ניט קרוי־וואָ־נאָס׳ן דעם קאָזאַצקישען הויפּטמאַן און ניט די צערקווישע פּראָ־צעסיע. זיי האָבען פאַרמאַכט די אויגען, אַז זיי זאָלען ניט זעהן דעם

צלם מיט׳ן הייליגען קריסטען־בילד און האָבען העכער אויפגעהויבען זייערע שטימען זינגענדיג די קאַפּיטלאַך תהילים:

„כל גויים סבבני בשם ה׳ כי אמלם
„סבני גם סבבני בשם ה׳ כי אמלם
„סבני כדבורים דעכו כאש קוצים בשם ה׳ כי אמלם,

האָבען די אידישע שטימען זיך אויסגעמישט אינאיינעם מיט׳ן צערק־ווישען כאָר, און עס איז געווען ווי דער מערדער און דער קרבן זינ־גען צוזאַמען זייער לויב פאַר גאָט אין דעם הערליכען זונען־טאָג. באַלד איז דאָס צערווישע זינגען פאַרשטומט געוואָרען. דער פּאָפּ האָט גענומען די פאָהן מיט׳ן הייליגען בילד און אַריינגעשטעקט אין דער ערד, אויף אַ גרין בערגעל נעבען דער פאָהן האָט זיך אוועקגע־שטעלט דער קרענקליכער נידריגער קאָזאַק, וואָס האָט זיך געמוטשעט אין דעם לאַנגען פוטערנעם מאַנטעל, קריווע־נאָס׳ פּנים איז געווען טרויעריג און קאַלט ווי דאָס פּנים פון אַ קראַנקען מענשען. אַ מינוט האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די צונויפגעפּרעסטע אידישע עדה, ווי זיי האַלטען זיך אַרום ביי די הענד אַלע אינאיינעם, און זייער זינ־גען שטייגט וואָס אַמאָל העכער מיט מעהר פרייד און בעגייסטערונג, און זעהן ניט איהם, ניט דאָס הייליגע בילד און ניט די קאָזאַקען אַרום מיט די שווערדען און פּיקעס און באַלאָוועס, — ווי זיי וואָלטען ער־גענץ וואו אוועקגעגאַנגען און געזעהן אַנדערע זאַכען און געהערט אַנ־דערע שטימען — און ווייסען ניט וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי.

קריוואָ־נאָס האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם שטורמישען געזאַנג פון די אידען. ער האָט זיך דערשראָקען פאַר די פרייד וואָס שיינט אַראָפּ פון די אידישע פּנים׳ער, און שטעהן געבליבען אַ פאַרוואונדער־טער און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זיין קרענקליך געזיכט איז בעלעבט געוואָרען און זיינע קליינע אויגען האָבען זיך ברייט אויפ־געעפענט און אויסגעדריקט שרעק. דער פּאָפּ האָט איהם געגעבען דעם צלם אין דער האַנד אַריין.

קריוואָ־נאָס האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט׳ן צלם. ער האָט געקוקט אַמאָל אויף די קאָזאַקען, אַמאָל אויף די אידען מיט שרעק. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען דעם צלם הויך איבער זיין קאָפּ און ווי ער האָט געפּיהלט דעם צלם אין זיין האַנד האָט ער צוריקגעקראָגען זיין זיכערקייט.

— אידען, האָט ער גערופען — דער וואָס וועט צוקומען צו דער פאָהן און בוקען זיך פאַר'ן צלם, דער וועט בלייבען לעבען!

די אידען האָבען ניט געהערט זיינע ווערטער. זיי האָבען ניט געזעהען ווער עס שטעהט דאָרט, און ווער עס רעדט דאָרט. קיינער פון זיי האָט קיין איין בליק ניט געשאָנקען ניט קריוואָ־נאָס'ן און ניט די קאָזאַקען. ווידער האָט זייער שטימע געקלונגען מיט פריידען צווישען די בוימער און ליכטיגען הימעל אריין:

קול רנה וישועה באהלי צדיקים,
ימין ה' עושה חיל.

— אידען, איך רוף אייך נאָך אמאָל, איהר הערט ניט? דער וואָס וויל בלייבען לעבען זאָל אהער קומען צו דער פאָהן און בוקען זיך פאַר'ן צלם!

„ימין ה' רוממה
„ימין ה' עושה חיל —

האָט דאָס אידישע געזאַנג געקלונגען העכער און ברייטער אינ'ם גאָרטען.

קריוואָ־נאָס איז געשטאַנען צומישט און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, און געקוקט מיט פערוואונדערונג אויפ'ן פּאָפּ.

— דעם שטן שיקען זיי אָן אויף דיר, פאַרטרייב איהם און טהו גאָט'ס זאַך, — האָט דער פּאָפּ געזאָגט צום ציטערענדען קריוואָ־נאָס, און איהם איבערגע'צלם'ט דריי מאָל.

— צום לעצטען מאָל רוף איך צו אייך: דער וואָס וועט אָנ־נעהמען די קריסטליכע אמונה וועט בלייבען לעבען. — קומט אהער צום צלם!

„זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו,
„זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו".

האָבען די אידען אָבגעענטפערט אין געזאַנג.

און ווידער איז קריוואָ־נאָס שטעהן געבליבען און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן און געקוקט מיט פערוואונדערונג אויפ'ן פּאָפּ.

— טהו גאָט'ס זאַך — האָט דער פּאָפּ איהם געהאַלטען אין איין צלם'ען.

— קאָזאַקען, אויף די אידען, הורא!

און א געשריי „הורא" האָט פארהילכט דעם גאָרטען, און פון

אלע ווינקעלעך פון גאָרטען האָבען זיך קאָזאַקען געלאָזט לויפען אויף די גרופעס אידען. טייל האָבען געהאַלטען אין האַנד קרומע שווער־דען, אַנדערע לאַנגע פּיקעס, און גאָר אַנדערע בענעגעלטע בולאַוועס, און געוואָרפען זיך אויף די אידען.

די אידען האָבען זיך אַרומגענומען, מענער און ווייבער און קינ־דער האָבען זיך געהאַלטען געאַרעמט, און האָבען געשריען אינאיינעם:

שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

באַלד האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רופען צו גאָט האָט איבער־שטיינען דאָס געשריי פון קאָזאַקען. נאָר איינציגווייז זיינען זיי פאַרשטומט געוואָרען, אויסגעלאָשען געוואָרען אין מיטען, ווי ברע־נענדיגע ליכטער, און עס האָט זיך אָוועקגעלעגט צווישען דעם צו־טראָטענעם גראָז און צובראָכענע צווייגען גאַנצע משפחות, פאָטער, מוטער און קינדער, זייער בלוט איז געוואָרען צוזאַמענגעמישט, און זייערע נשמות זיינען אויסגעגאַנגען אינאיינעם, אַרומהאַלטענ־דיג זיך פעסט ביי די אָרעמס, און אינאיינעם רופענדיג: „שמע ישראל!“

פערצעהן הונדערט מאַן, ווייב און קינד, זיינען אין דעם טאָג, אין גאָרטען אין טולטשין אויסגעשלאַכטעט געוואָרען פון די קאָזאַקען. די איבעריגע האָבען די טאָטערען אָוועקגעפיהרט אין די שקלאַפען־מערק. נאָר קיין איינער פון זיי האָט ניט זיין לעבען געקויפט מיט זיין אמונה.

---

אונטער אַ בוים צווישען צוטרעטען גראָז און אָבגעהאַקטע צוויי־גען האָט זיך געוואַלגערט דער קערפּער פון פרנס פון זלאָטשאָוו. די אויגען זיינע האָט ער געהאַלטען אָפען, און געווענדעט צום הימעל. דאָס פּנים זיינס וואָס איז דורך די לעצטע פּאָר מאָנאַטען פערעלטערט געוואָרען, האָט אַפילו נאָך איצט, ביי דער בלייכקייט פון די ליפּען, געוויזען שטאַרקייט און לעבעדיגקייט, און עס האָט זיך גאָר ניט גע־וואָלט גלויבען, אַז דאָס אָבגעברענטע געזיכט מיט די אָבגעשיילטע הויט איז טויט. ווייל אויף דעם פּנים האָט געשיינט דאָס רוהיגסטע און געזונדסטע שמייכלען.

און אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל נעבען איהם איז יוכבד

געלעגען. נור ווי איהר פּנים האָט אויסגעזעהן קען מען ניט וויסען, ווייל זי האָט געהאַלטען איהר פּנים איינגעגראָבען אין זיין ברוסט...

אין גאָרטען איז שטיל געווען, ווי אין סטעפּ. צווישען גראָז און אָבגעהאַקטע צווייגען, צווישען צוטרעטען אויבסט און טרוקענע בלע־טער, האָבען זיך געוואַלגערט קערפּערס, צוטרעטענע און צושפּאָלטע־נע, ווי די פּרוכט פון די בוימער. מען האָט געקענט מיינען אַז עס ליגען נור פּעקלעך אָנגעטהועכטס בעשמוצט מיט בלאָטע און בלוט. נאָר דאָרט וואו עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַ פּנים, צי פון אַ מאַן מיט פאַרגליווערטע פּאות אין בלוט, צי פון אַ פרוי מיט פאַרשלאָסע־נע טויבען־אויגען, צי פון אַ שלאָפענדעס קינד — האָט ארויסגע־שיינט אַ שטילער, צניעות׳דיגער שמייכעל פון באהאַלטען אינערליך גליק. ווי די מענשען וואָלטען ווייטער געלעבט, און זיי זעהען עפּעס אין זייער לעבען, הערען עפּעס, ניט פון דער וועלט און ניט פון דער ערד...

---

אויפ׳ן גרינעם בערגעל האָט אַ פאַרשעהמטע געפלאַטערט די קריסטליכע פאָהן. קריוואָ־נאָס האָט זי פאַרגעסען מיטצונעהמען, ווען ער איז געגאַנגען אין שטאָדט אריין אויסמאָרדען די קריסטליכע פוילישע באַפעלקערונג...

---

### פונפצעהנטער קאַפּיטעל

## אין סאָד

אין סאָד ביי יערעם׳ס מוטער האָט אַ גאַנצען טאָג געשמעקט מיט האָניג. די בינען זיינען אריין און ארויס פון די בין־שטאָקען, וואָס זיינען געווען אין אויסגעהוילטע בוימער, און האָבען זיך גע־ראַיעט ארום די אָנגעהיצטע ווייסע האָניג־בלימלעך, מיט וועלכע די גאַנצע לאָנקע פון גאָרטען איז געווען באַשאָטען. די בוימער האָבען זיך געבראָכען אונטער די שווער־בעלאָדענע צווייגען מיט פאַרטיגע פלוימען, וועלכע זיינען געפאַלען פון די בוימער: קיינער האָט זיי ניט אויפגעקליבען, און זיי האָבען געפוילט אין גראָז, פאַרשפּרייטענדיג

דעם געשמאַק פון פוילענדעם אויבסט. אין סאַד האָבען זיך אַרומגע־דרעהט אַ צוויי—דריי פויערישע שעפּסען, שוואַרץ־וואָליגע, מיט פויערשע קעפּלעך, וועלכע האָבען זיך געלאַנגווייליגט גריזשענדיג דאָס גראָז, און פאַר לאַנגווייליגקייט האָט איינס דאָס אַנדערע געלעקט מיט די צונגען. אַ שאַר קאַטשקעלעך זיינען אָנגעקומען צו געהן אין אַ סטאַדע, ווי אַ דעפּוטאַציע פון בכבוד'ע בעל־הבית'טעס מיט אַ וויכ־טיגער שליחות, האָבען זיך געוויעגט מיט זייערע פעטע לייבלעך אויף די קורצע פיסלעך. אַ גאַנז האָט פון דער העלער הויט געגעבען אַ פליה אַריין מיט צופלאַשעטע פליגעל, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרם זיך געלאָזט, נור אָנטרעפענדיג פלוצלונג דעם הונד בוגא, וועלכען זי האָט אויפגעוועקט פון זיין שלאָף, האָט זי זיך אָבגעטרייסעלט, אַ דערשראָקענע, און וועלענדיג אויסמיידען אונאַנגענעהמליכקייטען, האָט זי זיך אָבגעטראָגען אָן אַ זייט, אַראָבגעלאָזט די פליגעל און בארוהיגט זיך.

אין סאַד, צווישען די שעפּסען, קאַטשקעס, גענז און אַנדערע הויזליכע געפליגעל און חיות, האָט זיך אַרומגעדרעהט דבורה. אויף איהרע פיסלעך האָט זי געטראָגען קלימפּערלעך, וואָס יערעם האָט איהר אָנגעטהאָן, כדי זי זאָל ניט קענען אַנטלויפען, און ער זאָל שטענ־דים הערען איהרע טריט. און זי האָט שוין געטראָגען אַ קאַזאַצקישען שלייער אויפ'ן קאָפּ אַנשטאָט איהר הייבעל, וואָס האָט איהר פאַר־שטעלט דאָס געזיכט. זי איז געגאַנגען איבער דעם גאַרטען טרויעריג, און די גלעקלעך האָבען צוגעקלונגען צו איהרע טרויעריגע טריט. און אַזוי איז זי צוגעקומען צום וואַסער, וואָס איז געפלאָסען אונטער דעם סאַד, און אַוועקגעזעצט זיך ביים באָרטען פון טייך און געקוקט אין וואַסער אַריין.

אָבער יערעם האָט נאָכגעפאָלגט. ער האָט געהיט איהרע טריט, און איז לאַנגזאַם צוגעקומען צום וואַסער און געבען איהר זיך אַוועק־געזעצט.

— פאַרוואָס ביזטו נאָך אַזוי טרויעריג, דו שעהנע אידישקע? דייניגע קענסטו נאָך אַלץ ניט פאַרגעסען. כשוף האָסטו מיר געטהאָן און מיין האַרץ האָסטו מיר פאַר'סם'ט. וועה צו מיר, וואָס וועל איך טהאָן? וואָס וועל איך טהאָן?

— זיי שטיל, יערעם, דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז ביז צו

דער חתונה וועסטו מיך ניט פייניגען, אז דו וועסט מיך לאָזען באַ־קלאָגען די מייניגע.

— אוי, וואָהר איז עס, וואָהר. איך האָב דיר צוגעזאָגט. אָבער דאָס האַרץ ווערט אויסגעדאַרט, ווי אַ קוואַל אַ פאַרטריקענטער, קור־קענדיג אויף דיר. און אונזער ברויט ווילסטו ניט עסען. פאַרשעהמסט נאָך אונזער מאָהלצייט, נאָר וואָס די ניאַנע ברענגט דיר, אויבסט און גרינס. און דו ביזט דאָך שוין אַ כלה מיינע.

— די טויטע האָב איך צוגעזאָגט, יערעם, אָבהיטען זייער געזעץ, ביז איך וועל ניט אוועקגעהן פון זיי. אָ, לאָז מיך, יערעם, מיין געזעץ אָבהיטען. דו ביזט דאָך אַ גוטער, און דו האָסט דאָך מיך ליעב.

— יא ליעב האָב איך דיך ליעב דבורה. איך וועל פאַר דיר יונגערהייט פון דער וועלט אוועקגעהן. איך וועל פאַר דיר אַ פאַר־ברעכען באַגעהן. אַ ברודער אַן אייגענעם קען איך הרג'ענען פאַר דיר. זאָג, איך וועל מיט דיר אין עק וועלט געהן. אויף אַן אינזעל אַן איינזאַמען זיך באַזעצען, אַ וואַסערעל אַ קליינעם וועט סאַר אונזער הייזעל פליסען, און רויטער מאָהן וועט פאַר אונזער פענסטער בליהען. און איך וועל זיין דער פויער און דו וועסט זיין מיין קעניגין — אוי, דו קעניגין, דו מיינע, דו, מלאכ'ל דו מיינס, דו ריינע טויב, וואָס איז דאָס אין דיר? דיינע אויגען, דיינע טויבענדיגע, צוברעכען מיר דאָס האַרץ, און איך וואָלט געשטאָרבען דאָ אויפ'ן אָרט, — האָט דער שגץ זיך אַראָבגעבויגען פאַר איהר, און זיין פנים אין זיינע הענד איינגע־גראָבען און האָט זיך פלוצים צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

— שטיל דיך איין, יערעם, דו ביזט גוט, און איך מיליע (ליעב) דיך, אַ האַרץ איז ביי דיר אַ גוטס. שטיל דיך איין, יערעם, — האָט זי געגלעט מיט איהרע הענד זיינע האָאַר, ווי אַ האַרינטע אַ הונד.

— אָ, דו וויים שעפּסעלע מיינס, אָ, דו טויב מיינע. דו יונג, אומשולדיג קאַלב מיינס, וואָס פייניגסטו מיך אזוי, מיין ליעבע, וואָס ציהסטו מיין האַרץ אוים? אָ, מאַך שוין באַלד אַן ענד צו מיין לעבען.

— אָ, לעבען וועסטו, יערעם, דו ביזט יונג און שטאַרק, און דו ביזט גוט.

— אָבער, וואָס טויג מיר שוין מיין לעבן, אז איך וויים ניט ווען דו וועסט מיינע זיין. טאָג אויף טאָג לעגסטו אָפּ. און די ליעבע נאָגט מיין האַרץ, ווי אַ וואָרעם אַ בוים. און איך טריקען איין. זאָג

מיר, דו מלאך, וואו וועל איך מיין הויז שטעלען? ביי וועלכען וואַסער און אין וועלכען לאַנד?

— אָ, יערעם, דו וועסט ניט לאַנג צו וואַרטען האָבען, ניט לאַנג מעהר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרויעריגקייט.

— זאָג מיר, ווען?

— געזאָגט האָסטו מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיך ניט פֿייַגינען, דו האָסט דאָך מיך ליעב.

— שוין, איך שווייג שוין. אַז דו ווילסט זאָג, אַז דו ווילסט ניט, ציה מיין נשמה, ציה מיין הארץ, זאָל עס נאָגען און נאָגען ביז איך וועל שטאַרבען, — האָט דער גוי איינגעגראָבען זיין פּנים אין גראָז.

— שוין באַלד וועט קומען די ענד. וואַרט נאָך אַ ביסעל, יערעם. אָט, באַלד, אָט באַלד, — האָט זי איהם באַרוהיגט מיט איהר ווייכער קיהלער האַנד אויף זיין קאָפּ, און איהרע ברענענדיגע אויגען האָבען ערגעצוואו געקוקט.

ער האָט זי אָבגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און נאָכגעגאַנגען איהר פוס טריט, ווי אַ געטרייער דיענער. קאָזאַקען און פּויערים האָבען פון איהם דאָס געלעכטער געמאַכט, גערייצט זיך מיט איהם, וואָס ער האַלט זיך מיט דער אידישקע. און אַ געמורמעל איז אַרומגעגאַנגען, אַז ניט אַנדערש — סיידען די אידישקע האָט איהם כשוף אָנגעטהאָן.

איינמאָל איז יערעם צוריקגעקומען פון שטאָדט און דבורה׳ן עפּעס מיטגעבראַכט:

— אַלע אידען און ליאַכען אויסגע׳הרג׳עט אין טולטשין. קיין איינער ניט לעבען געבליבען.

— פון וואַנען ווייסטו, יערעם? — האָט איהם דבורה געפרעגט.

— די פּויערים האָבען עס אין שטאָדט דערצעהלט. פיעל גוטס האָבען זיי אין שטאָדט געבראַכט פון טולטשין, וואָס זיי האָבען פון די אידען צוגענומען. אָט האָב איך דיר אויך עפּעס געבראַכט, מיין שעהנע אידישקע, ביי אַ פּויער אָבגעקויפט, פאַר דיר. אַ פּעלץ איהם געגעבען דערפאַר.

און יערעם האָט אַ פּאָר גאָלדענע שיכעלעך אַרויסגענומען פון אַ פּאַטשיילע און איהר געגעבען.

מען זאָגט, אַז אַזעלכע שיכעלעך קויפען די אידען זייערע כלות.

און די אידישקעס האָבען זיי זעהר ליעב צו טראָגען. האָב איך זיי דיר געקויפט, מיין שעהנע אידישקע.

דבורה האָט גענומען די שיכעלעך און זיי בעקוקט. זי האָט זיי דערקענט. עס זיינען געווען די שיכעלעך וואָס שלמה האָט איהר מיט־געבראַכט פון לובלין, ווען ער איז אהיים געקומען פון דער ישיבה.

— פון וואַנען האָסטו זיי? — האָט איהם דבורה געפרעגט.

— פון אַ פויער אָבגעקויפט. ער האָט זיי ביי אַ טויטען אידען געפונען, וואָס זיי האָבען אין טולטשין אויסגעהרג׳עט. ער האָט זיי צום הארצען געהאַלטען צוגעדריקט.

אַ יונגער געוועזן, דער איד אָדער אַן אַלטער שוין? — האָט איהם דבורה געפרעגט.

— איך ווייס ניט, מיין שעהנע אידישקע. דאָס האָט ער מיר ניט געזאָגט, נאָר פאַרוואָס ביזטו אזוי בלייך געוואָרען, מיין טייבעלע?

— דערנאָך, דערנאָך וועל איך דיר זאָגען. ניאַנע, איך וויל צו דער ניאַנע.

— וואָס איז דיר? פאַרוואָס ביזטו אזוי בלייך, מלאך דו מיינער, טייבעלע דו קליינס, וואָס? — איז דער גוי געשטאַנען פאַרוואונדערט.

— דערנאָך וועל איך דיר אַלעס זאָגען. אָ, יערעם, באַלד, אָט באַלד וועט מיין חתונה זיין. נאָר אויף די שיכעלעך האָב איך געוואַרט. איצט אָט באַלד וועט עס נעהמען אַן ענדע. ניאַנע!

— ניאַנע, — האָט יערעם אָנגעהויבען צו רופען. און זי האָט קוים צייט געהאַט, די אַלטע ניאַנע פון סאַד אַרויסצולויפען, וואו זי האָט די הינער געקאָרמעט, ווען דבורה איז אויף דער לאַנקע געפאַלען.

— וואָס איז מיט איהר? — האָט דער גוי געפרעגט די ניאַנע.

די ניאַנע האָט דערזעהן די שיכלעך אין דבורה׳ס הענד, און זי האָט אַ גרויסען געשריי געגעבען:

— גאָט, האָב רחמנות! — און געכאַפּט דבורה׳ן אין איהרע אָרעמס.

יערעם איז געשטאַנען אַ פאַרוואונדערטער.

## זעכצעהנטער קאַפּיטעל

# אין די גאָלדענע שיכלעך

אין דעם זעלבען אווענט האָבען זיך די ווייסע האָניג־בלימלעך צעוואָרעמט און דער האָניג געשמאַק איז געשטאַנען אין גאָרטען. אין דער לופט האָבען זיך אָנגעצונדען און זיינען פערלאָשען געוואָרען גלי־הענדע ווערים, ווי נשמות בלאָנדזשענדיגע. ווייט אין סטעפּ, אין דרוי־סען האָבען פייערלעך געבלאָנדזשעט, אָנגעצונדען זיך און אויסגעלאָ־שען. יעדער רויטער מאַהנקאָפּ האָט אויפגעפלאַקערט. די שטערען האָבען זיך געריבען איינס אָן אַנדערען און די לופט איז באַלויכטען געוואָרען מיט אויסטערליש ליכט, ווי זי וואָלט פול געווען מיט אונ־זעהבאַרע קערפּערס, וואָס זיינען געקומען אריינצושווימען אין אונזער אַטמאָספערע פון אַ פרעמדער וועלט.

דבורה איז געשטאַנען אין דרויסען, אין סאָד, ביים פלאַקער פייער, וואָס יערעם האָט אָנגעצונדען. פון דער כאַלופּע האָט זיך געהערט דאָס גרימפּלען פון אַ „לירע", וואָס אַ פאַרבלאָנדזשעטער „אַלטער" האָט געשפּיעלט און געזונגען אַ באַלאַד פאַר די פאַרזאַמעלטע פּויערים. שכור׳ע געשרייען, וויינען און לאַכען האָט זיך געהערט פון דער כאַ־לופּע. אין דער כאַלופּע איז געווען אָנגעוואָרפען דאָס גערויבטע אי־דישע האָב און גוטס, וואָס די גוים האָבען מיטגעבראַכט פון טולטשין. זיי האָבען זיך צוטיילט מיט דעם אידישען גוטס, און געטרונקען פון אידישען וויין. און דער אַלטער האָט פאַר זיי געשפּיעלט אויף דער לירע.

דבורה איז געשטאַנען ביים פלאַם פייער, די קלומפּערלעך אויף איהרע פּיס האָבען געקלונגען ביי איהר יעדער באַוועגונג. איהרע אויגען זיינען געווען געווענדט צום הימעל, צו די שטערען. איהר פיגור איז געווען ווי אַ יונגער בוים, און זי האָט גערעדט, ווי זי וואָלט ווענען געזעהן:

— באַלד קום איך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסערוועהלטער, איך

זעה דיך אין דעם ליכט, דו שטרעקסט אויס די הענד צו מיר. נעהם מיך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסערוועהלטער. איך בענק נאָך דיר.

זי האָט געזעהען אַ בלויען ליכטיגען ים. און באַשטערענטע שיפ־לעך שווימען ארום. אַלע שווימען צו צו איין ברעג. דאָרט איז אַזוי ליכטיג. מען קען ניט אַריינקוקען אין דעם ליכט אריין. ווי ליכטיג דאָרט איז! דאָרט איז דאָס איינציגע, דאָס אייביגע, גאָט איז דאָרט, און אַלע שווימען דאָרט אָפּ צום ליכטיגען ברעג. אויף יעדען שיפעל גע־פינט זיך אַ אידישע משפּחה. זי קען זיי אַלעמען די, וועלכע שווימען אויף די שיפלעך. און זי זוכט צווישען די שיפלעך. און אָט דערזעהט זי איהם. ער ווארט מיט זיין שיפעל אויף איהר — און אַלע זיינען שוין אָבגעשוואומען — נור ער איינער אַליין ווארט, אָט רופט זי איהם:

— שלמה, שלמה, ווארט אויף מיר. איך קום, איך קום, איך קום, — האָט זי אויסגעשטרעקט איהרע יונגע הענד צום שיפעל, אין הימעל אריין.

ווערמען זעהסטו? צו וועמען רעדסטו? וואָס איז מיט דיר, שעה־נע אידישקע?

— ריהר מיך ניט אָן, איך בין פייער, וועסט דיך אָנצינדען אָן מיר. דו זעהסט, איך ברען. איך בין אַ ליכט, וועסט דיך אָבבריהען!

איהרע אויגען האָבען געברענט, און איהר פּנים איז באַלויכטען געוואָרען פון דעם שימערענדיגען ליכט פון די שטערען. און איהר הויכע יונגע פיגור און איהרע לייכטע קאָלירטע שאַלען האָבען זיך ווי אָנגעצונדען אָן די פלאַמען פון פייער. זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געברענט.

יערעם האָט געקוקט אויף דבורה׳ן, ער האָט זי ניט דערקענט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי וואו און ווען געזעהן, ווען ער איז געוועזן אַ קליין אינגעל. און ער געדענקט ניט וואו ער האָט זי געזעהן. נאָר באַלד איז איהם ווי אַ ליכט פאַר די אויגען אויפגעגאַנ־גען — איך קען דיך, איך ווייס ווער דו ביזט. איך ווייס, אָ, איך זינ־דיגע נשמה, אָ, אָ! — און ער האָט זיך געגעבען אַ לאָז אראָב פאַר דבורה׳ן אויף די קניע און אָנגעהויבען צו בעטען, ווי מען בעט פאַר אַ הייליג בילד:

— אָ, גאָט, האָב רחמנות! — און איינגעגראָבען זיין פּנים אין זיינע הענד און אָנגעהויבען צו וויינען.

— איך ווייס. איצט ווייס איך. איך האָב דיך דערקענט. דו ביזט אַ הייליגע, דו ביזט אַ געטליכע. איך האָב דיך אין צערקווע געזעהן. אויפ'ן הייליגען בילד האָב איך דיך געזעהן. איך ווייס איצט אָ, איך זינדיגער מענש. דערבאַרעם דיך, דערבאַרעם דיך! — האָט דער גוי געשטאַמעלט.

— האָב ניט קיין מורא, יערעם, דו ביזט אַ גוטער. דיין האַרץ איז גוט. האָב ניט קיין מורא.

— אָ, איך זינדיגער מענש, האָב רחמנות. — און דער שגץ האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַנטלאָפען פאַר איהר, און מיט אַ גרויס געוואלד איז ער אין כאַלופע אריין צו די פויערים:

— פויערים, גאָט איז אין סאַד, וועה צו אונז! — די פויערים האָבען אָבגערוקט דאָס טרינקען. די לירע איז פארשטומט געוואָרען. זיי זיינען בלייך געוואָרען, און איינער האָט דעם אַנדערען געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו?

אָבער יערעם האָט געוויינט און געשראָקען זיך, ווי אַ קליין קינד, און געוויזען מיט דער האַנד אויפ'ן סאָד.

— דאָרט, אין דרויסען.

די גוים זיינען געוואָרען אָנגעשטעקט מיט זיין שרעק. מיט אימה האָבען זיי זיך צוגע'גנב'עט צו דער טיר פון כאַלופע און ארויסגעקוקט.

— וואו?

— דאָרט, ביים פייער. איהר זעהט ניט? קוקט, קוקט.

— דאָרט שטעהט דיין אידישקע, ניט גאָט.

— איך האָב זי דערקענט. פון הייליגען בילד איז זי ארבגעקומען. דאָס איז גאָט!

— זי האָט דיך פאַרבלענדעט. אַ כשוף דיר אָנגעטהאָן. זעהסט ניט, דיין אידישקע איז עס, ניט גאָט, ניט זינדיג.

— פויערים, איך האָב זי דערקענט. געקוקט אַזוי אין איהר פּנים, און זי דערקענט. זי איז אַ הייליגע, פון הייליגען בילד אראָבגעקומען.

— זאָל זי באַווייזען, אַז זי איז גאָט.

— אַ וואונדער.

— אַ וואונדער זאָל זי באַווייזען, וועלען מיר גלויבען, אַז זי איז

גאָט, אז ניט, איז דיין פארשאָלטענע אידישקע א כשוף־מאַכערין. פאַר־ברענען דאַרף מען זי.

— דעם פויער כשוף אָנגעטאָן. פאַרברענען אויפ׳ן פייער־הויפען!

— פויערים, שווייגט, פאַרזינדיגט אייך ניט, — האָט יערעם גערופען, און צוגעהענדיג צו דבורה׳ן, האָט ער געקניעט פאַר איהר פון דערוווייטענס, און געבוקט זיך פאַר איהר, ווי פאַר א הייליג בילד.

— זאָג זיי, ווייז זיי, אז איך בין זיך ניט טועה. זאָלען זיי גלויבען אין גאָט. אָ, באַווייז זיי, הייליגע, באַווייז זיי, אז דו ביזט גאָט.

א לאַנגע ווייל֫ע האָט דבורה געשוויגען. דאַן האָט זי געווענדעט איהר באַלויכטען פנים צו יערעם, און זי האָט געזאָגט:

— רוף די ניאַנע, יערעם.

נאָר די ניאַנע איז שוין לאַנג געווען נעבען איהר. זי איז געלע־גען צו איהרע פיס און איינגעוויקעלט איהר פנים אין דבורה׳ס קלייד און געוויינט.

— גער, ניאַנע, ברענג מיר די גאָלדענע שיכלעך, — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַנע אויף אידיש.

— אָ, קינד מיינס, טייבעלע מיינס, איך וויל ניט. וואָס געהסטו טהאָן?

— איך באַפעהל דיר, ניאַנע, ברענג מיר די גאָלדענע שיכלעך.

די ניאַנע איז אוועק און ארויסגעבראַכט איהר פון דער קאַמער די גאָלדענע שיכלעך.

— וויין ניט, זיי פרעהליך. טהו מיר אָן די שיכלעך. אזוי ווי דו פלעגסט מיך אָנטהאָן, ווען איך בין א קליין קינד געווען, דו גע־דענקסט, דו האָסט מיך אריינגעשיקט צו איהם, ווען ער איז א איינגעל געווען, מיט א באַר און מיט אַן עפעל? — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַנע אין דער שטיל.

— אָ, איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה. וואָס געהסטו טהאָן?

— איך געה דאָך צו איהם. ער וואַרט דאָך דאָרט אויף מיר אין זיין שיפעל, אוועקצושווימען מיט מיר אין הימעל אריין. — און זי האָט ארומגענומען די ניאַנע און זי געקושט.

די ניאַנע האָט זיך אָבגערוקט פון איהר. און דבורה, אָנגעטהאָן אין די גאָלדענע שיכלעך, האָט זי גערופען צו דעם דערציטערטען יערעם.

— יערעם, נעהם דיין פלינטע און ציעל אין מיר.

א שרעק איז אנגעפאלען אויף די פויערים ארום. זיי זיינען אנגעשטעקט געווארען פון דעם פחד, וואס איז באפאלען דעם שגץ. און דבורה׳ס ווערטער האבען זיי דערציטערט. טייל האבען שוין אנגעהויבען צו גלויבען, אז זיי זעהען עפעס אויסטערלישעס. און איינער פון זיי האט זיך שוין אראבגעלאזט אויף די קניע און געשטאמעלט:

— גאט, דערבארעם דיך!

און יערעם האט געציטערט פאר שרעק. עס האט זיך אנגעהויבען צו טרייסלען ביי איהם די הענד און פיס.

— ניין, ניין, איך וועל עס ניט טהאן. איך האב מורא.

— האב ניט קיין מורא, יערעם, גאר ניט וועט מיר געשעהען. גאר ניט קען מיר געשעהן. איך בין שוין ניט דא. איך בין שוין דארט, אויבען אין הימעל. איך האב מיר אנגעטהאן די גאלדענע שיכלעך, וואס ער האט מיר פון הימעל אראבגעשיקט, אז איך זאל קומען צו איהם. געה, יערעם, נעהם די פלינטע און ציעל אין מיין הארץ.

נאר דער פויער האט אלץ געהאלטען אין איין כליפען, אין איין שרעקען זיך, און געשטאמעלט:

— ניין, ניין, איך האב מורא. דערבארעם דיך.

— איך באפעהל דיר, יערעם, געה און ברענג די פלינטע. איך וועל שטעהן דא נעבען פייער, אז דו זאלסט זעהן וואו צו ציעלען. איך האב דאך דיר געזאגט, אז גארנישט קען מיר געשעהען. איך באפעהל דיר, טהו ווי איך האב דיר געהייסען.

באלויכטען אין פלאם פון פייער האט זי אויסגעזעהן ווי א יונגער גאט, וואס באפעהלט. און דער שרעק פון גאט איז באפאלען די פויערים. זיי האבען זיך אראבגעלאזט אויף די קניע. איינער פון זיי האט אנגעהויבען זינגען, און אלע נאך איהם:

„גאט, דערבארעם דיך. גאט, דערבארעם דיך“.

ווער פון די פויערים האט דערלאנגט די פלינטע דעם קניענדיגען יערעם. דבורה אין די גאלדענע שיכלעך אנגעטהאן איז געשטאנען באלויכטען אין פייער.

— ציעל, יערעם.

די פויערים זיינען פארשטומט געווארען. זיינען געבליבען קניענדיג אויף דער ערד.

עס האט א קנאל געגעבען. א קנויל רויך איז אויפגעשטיגען און באלויכטען געווארען אין פלאם פייער.

— ציעל גוט, יערעם. זעהסט, גאר ניט קען מיר געשעהען!

יערעם האט נאך א מאל אויסגעשאסען. און ווידער האט א קנויל רויך אין דער לופטען אויפגעשטיגען.

דבורה האט אנגעהויבען צו וואקלען און ארבלאזען זיך אויף די קניע.

— זי פאלט!

— בלוט!

— די פארשאלטענע אידישקע! זי האט אבגענארט! — האבען די פויערים געשריען, אויפהויבענדיג זיך פון קניען און צולויפענדיג צו דבורה'ן מיט די קולאקעס.

— פארשאלטענע אידישקע — אבגענארט.

נאר יערעם האט זי שוין באשיצט. ער האט געהאלטען איהר וואקלענדיגען קערפער אין זיינע ארעמס, פון וועלכען עס האט געשטראמט בלוט אין פלאם פייער אריין.

— פארוואס האסטו דאס געטהאן, שעהנע אידישקע? איך האב דאך דיר אזוי ליעב געהאט, — האט ער געשטאמעלט.

— זיי מוחל, יערעם, זיי מוחל. איך דאנק דיר, וואס דו האסט מיך געשיקט צו איהם. איך האב געוואוסט, אז דו וועסט מיך שיקען צו איהם. דו ביזט א גוטער, יערעם.

— אין מיינע הענד, עס איז מיין קינד, — האט די ניאנע געשריען, און איז צוגעלאפען, געכאפט דבורה'ן אין איהרע הענד.

דבורה האט דערזעהן דאס בעשטערענטע שיפעל. שלמה האט איהר די האנד דערלאנגט און איהר געהאלפען איינשטייגען.

— בלייב געזונד, ניאנע — האט דבורה געשטאמעלט.

— פאהר געזונד, מיין קינד, — האט איהר די ניאנע אבגעענטפערט אין אידיש.

און אזוי ווי זי וואלט געוואלט אליין זיין, האט זי זיך אוועק-

גערוקט פון יערעם, אָבגעווענדט זיך פון דער ניאַנע. זי האָט אוועק־געלעגט איהר קאָפּ אויפ׳ן גראָז, און די אַרומיגע פויערים האָבען גע־הערט פון איהרע ליפּען דעם שפּרוך וואָס זיי האָבען אַזוי פיעל מאָל געהערט אין יענע טעג פון אידען: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!“

און זי איז שטיל געוואָרען.

## זיבצענטער קאַפּיטעל

# בטחון.

אין לובלין אויפ'ן יאַהר מאַרק האָט זיך דאָס יאַהר פאַרקליבען דער ועד ד' ארצות. אַ גרויסע אויפגאַבע האָט געהאַט דער ועד. עס האָט זיך קיין לובלין פאַרזאַמעלט זעהר פיעל אידען פון גאַנץ אוקראַינע. עס זיינען געקומען פאַטערס זוכען זייערע קינדער, וואָס זיינען אוועקגערויבט געוואָרען פון די קאַזאַקען, און פיעל עגונות, וואָס האָבען ניט געוואוסט צי זיי זיינען עגונות אָדער אַלמנות... און מענער וואָס זייערע ווייבער זיינען פון טאַטערען צוגענומען געוואָרען, און יתומים אָהן פאַטערס, און גלאַט אידען וואָס זייערע קהלות זיינען חרוב געוואָרען, און האָבען זיך ארומגעוואַלגערט איבער דער מדינה און ניט געוואוסט וואו אהין צו טהאָן זיך.

די שטאָדט איז פול געווען מיט נרדפים. פיעל האָבען דאָרט געפונען זייערע אייגענע וואָס זיי האָבען גערעכענט, אַז זיי זיינען שוין לאַנג טויט. עס האָבען זיך דערקענט פאַטער און קינדער, מענער און פרויען, ברידער און שוועסטער. דער ועד האָט זיך געמיהט צוריקצושטעלען דאָס אידישע לעבען, צונויפצוהעפטען צוריק די אידישע משפחות, וואָס די קאַזאַקען און טאַטערען האָבען אָדורכגעשניטען. האָבען ארויסגעגעבען אַ גזרה אויף די אַלע אידען פון די חרוב געוואָרענע שטעדט צוריק צו געהן צו זייערע שטעדט און צוריק אויפבויען די אידישע קהלות, ווארום דער פּוילישער קעניג מיט זיינע חיילות האָט פאַרטריבען די קאַזאַקען צו די רוסען. און כמעלניצקי איז געוואָרען געפאַנגען ביי די טאַטערען. דער ועד האָט צונויפגענומען פדיון שבוים פון די נגידים און ארויסגעשיקט קיין טערקיי אויסצולייזען די געפאַנגענע. האָט געגעבען היתרים צו די מענער צוריק-

צונעהמען די פרויען וואס זיינען געווען געפאנגען ביי די קאזאקען. צוליעב די קינדער. און צוריק אויפגענומען אין אידישקייט די, וואס די קאזאקען האבען געניוט איבערצוגעהן איבערגעוואלד אין א פרעמ־דער אמונה...

צווישען די נרדפים האט זיך אויך געפונען שלמה'לע. עס האבען איהם אויסגעלייזט די טערקישע אידען אינאיינעם מיט אנדערע שבוים פון די טאטערען, וואס האבען איהם געבראכט אויף דעם שקלאפען מארק קיין קאנסטאנטינאפאל. די אידען פון טערקיי האבען געהערט, אז שלמה'לע איז א תלמיד פון דער באריהמטער לובלינער ישיבה, האבען זיי איהם געוואלט פארהאלטען אין דער טערקיי, אויפעפענען א ישיבה און לערנען תלמוד אויפ'ן פוילישען שטייגער, על פי דרך פלפול. אבער שלמה האט זעהר געבענקט נאך די זייניגע אין פוילען. האט א אידישער סוחר פון סאלאניקי איהם מיט גענומען מיט זיין שיף, וואס איז געגאנגען מיט סחורה קיין ניאפאל. אין אי־טאליען האט מען ווידער געוואלט פארהאלטען שלמה'לען, אז ער זאל לערנען מיט בחורים תלמוד אויפ'ן פוילישען שטייגער. אבער שלמה האט געוואלט אהיים קיין פוילען. האבען די איטאליענישע רבנים, טהייל זיינע חברים, וואס האבען געלערענט מיט איהם אין דער לובלינער ישיבה, געגעבען איהם קליידער און געלד און אבגעשיקט קיין דייטשלאנד.

א לאנגע צייט האט ער זיך ארומגעוואלגערט אין דייטשלאנד. דארט האט ער שוין געהערט פון די טרויעריגע בשורה, וואס די קא־זאקען האבען געטהאן מיט די אידען פון טולטשין, פון באר, און פון אלע אנדערע שטעדטלעך. אזוי איז ער אריינגעקומען קיין פוילען. געאיילט קיין לובלין אויפ'ן יאהר־מארק מיט די האפנונגען צו הערען דארט עפעס פון די זייניגע.

אין לובלין האט ער געטראפען נרדפים פון טולטשין, און פון באר און פון אנדערע שטעדטלעך. דארט איז ער געוואהר געווארען פון די אנוסים פון זיין פאטערס און מוטערס טויט, וואס זיינען געשטארבען אויף קדוש השם מיט די אנדערע אידען אין טולטשין. נאר קיינער האט ניט געוואוסט, וואס עס איז געווארען מיט דבורה'ן. ניט מיט דבורה'ן און ניט מיט דער קריסטליכער דיענסט.

נאר שלמה האט יא געוואוסט. ער האט געוואוסט, אז זי איז ארויפגעגאנגען אין הימעל בקדושה ובטהרה. זי איז אויבען אין הימעל אוןווארט אויף איהם...

ער האט ניט געטרויערט נאך איהר. נאר א גרויסע בענקשאפט האט איהם ארומגענומען נאך איהר, נאך די טעג צו זיין מיט איהר אינאיינעם...

איז ער ארומגעגאנגען אין לובלין אויפ'ן יאהר־מארק צווישען די נרדפים און די גרושים און די עגונות מיט די אלמנות און יתומים. ער האט געהערט די אידישע קרעכצען, וואס האבען זיך געטראגען איבער'ן יאהר מארק. און האט זיך אריינגעטראכט אין דעם ענין. ער האט געוואלט פערשטעהן דעם טעם פון די צרות. ער האט אויף איין מינוט פארלוירען דעם טעם און ניט פערשטאנען, און איז אריינגעפאלען אין עצבות. דאס האט איהם געבראכט צו גרוים שברות־הלב, ווייל עס איז ידוע פון עצבות צו ספקות איז נאר איין מדרגה... איז ער אמאל געגאנגען אין אן ענגע גאס אין לובלין, דארט וואו עס זיינען די קראמען. אזוי האט ער געזעהן עס שטעהט א זקן פאר א ליידיג געוועלב און רופט אריין קונים אין געוועלב אריין. אזוי האט ער זיך זעהר פערוואונדערט, ווייל דאס געוועלב איז געווען לעער און עס איז גאר ניט געווען צו פערקויפען. איז ער אריינגעגאנגען אין געוועלב אריין און געפרעגט דעם זקן:

— וואס פארקויפט איהר דא? אייער געוועלב איז דאך לעער און ליידיג און עס איז גאר קיין סחורות ניטא.

אזוי האט דער זקן געענטפערט:

— איך פארקויף בטחון.

האט ער אנגעקוקט דעם אלטען, איז ער איהם פארגעקומען באקאנט, ווי ער וואלט איהם שוין געווען אמאל געזעהען...

**ענדע.**